STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00464

ZEKHTSIG YOHR LEBEN

Yisrael Iser Katsovitsh

Permanent preservation of this book was made possible by
Harold M. Williams
in memory of
Sophie & Louis Williams

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זעכציג יאָהר לעבען

ערינערונגען
אייגענע און אַלגעמיין־אידישע

(1919־1859)

פון
ישראל איסר קאַצאָוויטש

מיט אַ פאָרוואָרט פון
דוד פינסקי

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
1919

Copyrighted 1919
by MAX N. MAISEL
New York, N. Y.

פאָרוואָרט

פון דוד פינסקי

איך האָב די פאָרליגענדיגע אויטאָביאָגראַפיע פון הערר א. קאצאָוויטש געלייענט פאר צוויי יאהרען, אין מאנוסקריפּט. און איבערלייענדיג האָב איך איהם געמוזט דאנקען, וואס ער האָט מיך געמאכט פאר איינעם פון זיינע ערסטע לעזער.

הערר א. קאצאָוויטש האָט געשריבען זיין ביאָגראַפיע און געטראכט, אז ער שאפט זיך מיט איהר א מצבה, וועלכע זאָל מעהר ווי די שטיינערנע אויף זיין קבר אויפבעוואהרען זיין אנדענקען צווישען די לעבעדיגע. אָבער דערביי האָט ער גאָר געהאָט קנאַפּע האָפנונגען, אז זי וועט ווען געדרוקט ווערען. ער האָט אויך נישט געגלויבט און נישט געוואוסט, אז זי איז ווערט געדרוקט צו ווערען. ער האָט זי געשריבען פאר זיין געזינד, פאר זיינע אייגענע. ער האָט זי אָבער געשריבען, ווייל ער האָט זי געמוזט שרייבען. ווייל ער האָט געפיהלט אז זיין לעבענסבאשרייבונג איז מעהר ווי די באשרייבונג פון זיין אייגענעם לעבען, פון דעם לעבען פון אן איינצעלנעם. ער האָט געזעהן דעם מוסר השכל, וועלכען מען קאָן פון איהר אָבלערנען אויף דאָס גאנצע אידישע לעבען פאר די זעכציג יאָהר.

אויך איך האָב דאָס געפיהלט און געזעהן. און צוגערעדט דעם באשיידענעם, גרויקאָפּיגען מענש, וועלכער האָט אזוי באשיידען און איינפאך ארויפגעבראכט אויפ'ן פּאפּיר זיינע זעכציג יאָהר לעבען, ער זאָל זיין בוך פארעפענטליכען, מאכען עס פאר א רשות הרבים. צו אלעמענס באלעהרונג.

ווירקליך, עס איז א בוך פון באלעהרונג. עס איז א שטיק געשיכטע פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאנד און שפּאנט אויך אריבער אין אמעריקא, וואוהין דער בעל הזכרונות איז צום ערסטען מאָל געקומען מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק אלס איינער פון דער באריהמטער „עם־עולם”־גרופּע. אין גאנצען וואר־

הייט, גאָרנישט פון דיכטונג, זעהר וועניג פון שריפטשטעלערישען סטיל און גאָרנישט פון פאַנטאַזיע. אמת'ע זכרונות, אַלץ איבער־לעבונגען, איבערלעבונגען. ער ווייס נאָר, אז ער דאַרף זיי שרייבען מוקדם ומאוחר, נאָך די יאָהרען נאָך. אבער ער זיפּט נישט און קלייבט נישט איבער. ער זוכט זיי נישט צו פאַרפיינערן מיט שיינע ווערטער. ער גיט זיי איבער נישט־רעדאַקטירט. איינפאַך, פּשוט, מיט דער נאַאיוויטעט פון א ריינעם געמיט. אָבער דער־פאַר נישט וועניגער אינטערעסאַנט. דער עיקר, דורך זיין פּרט זעהען מיר שטענדיג דעם כּלל. אין אַלע זיינע איבערלעבונגען געדענקען מיר, אז דאָס איז נישט בלויז ז י י ן לעבען.

דעם אויפשטייג פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט האָט הערר קאַצאָוויטש נישט מיטגעמאַכט, די ענטוויקלונג פון אונזער גרויס־בורזשואַזיע געהט אויך נישט אריין אין זיין קרייז. די זעכציג יאָהר לעבען האָבען איהם געפיהרט דורך אונזערע אָרעמע לייט און אונזערע בעל־הבתים. און זיין בוך איז א טריי בילד פון זייער עלענד און זייערע קעמפּף און זייערע האָפנונגען. און נאָך מעהר: עס איז א מאָנומענט פון דער גרויסער גייסטיגקייט, וועלכע פילט אוים און באַהערשט אונזער לעבען און מאַכט אונז צום אויסגע־וועהלטען פאָלק. אין דער גרעסטער אָרימקייט, אין הונגער און נאַקעטקייט — דאָס אייביגע שטרעבען צום לערנען. און וואָס פאַר א באַגייסטערטער און באַגייסטערענדיגער אידעאַליזם אויף די פאַרשיעדענסטע לעבענסוועגען!

ווען איך האָב פאַר צוויי יאָהרען איבערגעלייענט דאָס מאַנו־סקריפּט, האָב איך געשריבען צום בעל הזכרונות, אז איך האָב נישט געקאָנט אוועקרייסען זיך פון די זייטען פון מאַנוסקריפּט און אז גאַנץ געריהרט אין דער נשמה האָב איך אוועקגעלעגט דאָס לעצטע זייטעל. דאָס זיינען ווירקליך נישט געוועזען קיין פּשוט'ע קאָמ־פּלימענטען. — —

ניו יאָרק, 14 פעברואר 1919.

פאָררעדע.

יעדער מענש איז אַ וועלט, אונטער יעדער מצבה
ליעגט אַ וועלט־געשיכטע באגראָבען — היינע.

אַן אָנדענקען פון מיר וועט מען געפינען צווישען די טויטע. אויף מיין קבר וועט מען אַ מצבה שטעלען, און דער שטומער שטיין וועט זיך גאַנץ קאַלט אָנצייגען, אַז אַ מענשליכער קערפּער ליעגט אונטער איהם און פוילט אזוי ווי אַ קעפּעל קרויט. דאָס הייסט, אַן אָנדענקען פון טויט, פון פארניכטונג. געלעבט, גע־שטאָרבען, באגראָבען און אָפּגעמעקט. גלייך ווי גאָר ניט געוועזן.

מיר ווילט זיך אָבער אַן אָנדענקען ניט נאָר פון טויט צווישען די טויטע, נאָר אַן אָנדענקען פון לעבען צווישען די לעבעדיגע; אַן אָנדענקען ניט נאָר פון דעם מענשליכען קורץ־יעהריגען קערפּער, נאָר אַן אָנדעקען פון דעם מעשליכען אייביג־זוכענדען, אייביג שטרעבענדען גייסט. דעריבער וויל איך אליין שטעלען זיך אַ מצבה. איך וועל מיין ביאָגראַפּיע אָנשרייבען, און זאָל מיין לעבענס־באַ־שרייבונג זיין מיין מצבה.

און איך האָף, אַז דאָס וועט זיין אַן אָנדענקען ניט נאָר פון מיין פּערזענליכען לעבען, נאָר דאָס וועט זיין אַ שטיק אָנדענקען פון דעם גאַנצען אידישען לעבען פאר די לעצטע זעכציג יאָהר.

פיעלע פון די עלטערע לעזער וועלען אין דעם בוך זיך אליין דערזעהן ווי אין אַ שפּיעגעל, און דאָס וועט זיי עראינערען די ליידען און פריידען, וואָס זיי האָבען איבערגעלעבט; און פאר אונזערע קינדער וועט דאָס בוך עפענען אַן אונבאַקאַנטע וועלט. זיי וועלען דערזעהן ווי אונטער די שרעקליכסטע פארפאָלגונגען און ערנידריגונגען האָט די אידישע נשמה געקענט אונערשראָקען מיט אַ געפיהל פון נצחון קעמפּפען געגען די גרויזאַמקייט פון דער וועלט; און, ווען מען האָט דעם אידען ניט געלאָזט פריי אָטעמען אויף דער ערד, און די גאַנצע וועלט איז פאר איהם אַ פינסטערניס געווען, האָט ער געקענט פאר זיך עפענען די טויערען פון די הימלען, וואו ער האָט געקענט שאַפען פאר זיך ליכטיגערע, העכערע און שעהנערע וועלטען, וואו ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט און קרעפּ־טען געשעפּט ניט נאָר צו עקזיסטירען, נאָר צו לעבען פול מיט אידעאַלען, שטרעבונגען און האָפנונגען.

א. קאַצאָוויטש.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט פון דוד פּינסקי — — — — — — — — — — — — — — —
פאָררעדע —

ערשטע אָפּטיילונג

דער ליטווישער אינגעל (1859—1874)

קאַפּיטעל — זייט
1. מיר בלייבען אָהן אַ היים — 13
2. אַ וואָהנונג אָהן אַ קוימען און אָהן פענסטער — 14
3. מיין טאַטע ווערט קראַנק — 16
4. מיין ערשטער חבר אַ גוי — 17
5. מיין ערשטער רבי שטאָפּט מיך מיט תורה — 18
6. דער צווייטער רבי אַ בייזער אָבער ניט קיין שלעכטער — 21
7. איך האָב ליעב דעם וואַלד — 23
8. אַ פעטער אַ ברויט־געבער — 25
9. איך וויל זיין ווי דוד המלך — 27
10. איך העלף דעם טאַטען ארבייטען — 29
11. אליהו הנביא'ס נס — 30
12. דער טאַטע איז מיין רבי — 31
13. איך שרייב אויפ'ן זאַמד. איך גנב'ע פּאַפּיער און כאַפּ שמיץ 32
14. איך האָב זעהר ליעב מעשות — 34
15. דער בלינדער פעטער לאטע ווערט מיין רבי און איך לערען זוהר — 36
16. אונזער שטוב געהט אַוועק מיט'ן וואַסער — 39
17. אויפ'ן עלפטען יאָהר פאַנג איך אָן צו עסען טעג — 40
18. רישע די בויגעל־בעקערקע און חנה'לע איהר שכנה — 41
19. מיין מאַמע'ס גלות און אַ שעהנער שבועות — 43
20. פסח אין דאָרף — 46
21. אויפ'ן צוועלפטען יאָהר ווער איך אַ מינסקער ישיבה־בחור 49
22. צרות פון מינסקער טעג — 50
23. איך דארף אליין פארזאָרגען זיך מיט אַלעם — 52
24. אָהן הויזען אין אַ פראָסט — 55
25. איך בלייב אָהן אַ גראָשען געלד — 56
26. איך ווער דער מינסקער נגיד — 57
27. איין זינד שלעפּט אַ צווייטע — 59

קאַפּיטעל | זייט

28. נע ונד אזוי ווי קין — — — — — — — — — — — — 61
29. דער גוטער אַלטער שמש — — — — — — — — — — — — 63
30. הונגער קען טרייבען צו אַלעס — — — — — — — — — — 65
31. פון בריק און אין וואַסער — — — — — — — — — — — 67
32. עס זיינען נאָך פאראן גוטע מענשען — — — — — — — — 69
33. די ענדע פון מיינע נגידות — — — — — — — — — — — 70
34. איך בין דער איינציגער קלויזניק אין זאַסלאַוו — — — — 74
35. אין האַראַדאָק כאַפּט מיך די כאָלעריע — — — — — — — 76
36. איך ווער בר מצוה און פאַנג אָן צו שרייבען ליעדער — 79
37. צוריק קיין מינסק און ווער שוין אליין אַ רבי — — — — 83
38. איך פערדיען געלד פון בדחנות — — — — — — — — — 86
39. די ערשטע פּאָאַר שטיוועלעך — — — — — — — — — — 88
40. אַ מלמד אין אַ דאָרף צו פערצעהן יאָהר — — — — — — 90
41. אויפ'ן פופצעהנטען יאָהר פארנעהם איך אַ שטעלע — — 93
42. מיין לעבען צווישען חסידים — — — — — — — — — — 96
43. יודא זוסע'ס, אַ גביר אַ חסיד — — — — — — — — — — 99
44. הירשעל דער צדיק — — — — — — — — — — — — — 101
45. מיין גבירישער חבר, און איך דערשרעק זיך פאר אַן אפיקורס 101

צווייטע אַפּטיילונג

דער אָרים בחור און די רייכע כלה (1875—1876).

46. מען וויל מיך חתונה מאכען — — — — — — — — — — 104
47. עס זוכט זיך אָפּ אַ רייכער פעטער — איך פארליעב זיך דורך בריעף — — — — — — — — — — — — — — — 107
48. איך טראַכט וואָס וועט זיין דער תכלית — — — — — — — 110
49. מיין רייזע קיין פּאָלטאַווע — — — — — — — — — 114
50. מיין אָנקומען צום רייכען פעטער — — — — — — — — 131
51. איך שעהם זיך מיט מיינע קליידער. — דער רבי הערש און מיין ערשטער געשפּרעך מיט דער מיידעל — — — — — 133
52. ר' מאיר דער שוחט קומט פארהערען מיך — — — — — — 135
53. אָנגעטאָן אין בגדי מלכות און איך פארבלייב ביים פעטער 138
54. דער פעטער און די מומע — — — — — — — — — — — 143
55. איך ווער אליין מיין שדכן — — — — — — — — — — 144
56. אַ פרעהליכער פּורים, און איך באקום באצאָהלט פאר מיינע שדכנות — — — — — — — — — — — — — — 150
57. פּסח ביי דער כלה — — — — — — — — — — — — 152
58. איך פּאָהר אהיים ווי אַ גראַף — — — — — — — — — 153
59. מיין חתונה — — — — — — — — — — — — — — 156

דריטע אָפּטיילונג

דער ליטוואַק אין זיד רוסלאַנד (פון 1877).

קאַפּיטעל — זייט

60. קליין פֿערעשטשעפּינע און איהרע אידען — 162

61. איך עס קעסט און ווער אַ סוחר — 163

62. איך וויל ווערען אמת פרום — 165

63. אַ אידישער פאַמיליען לעבען — 167

64. איך וויל, אַז אַנדערע זאָלען קענען לערנען — 169

65. אַ זומער אין פעלד — 171

66. אונזערע משכילים, די ברידער רעוזין און אברהם סעגאַל — 173

67. מיין גייסטיגע רוהיגקייט צושטערט — 175

68. דער רמב"ם מיט פיש זיינען ניט קיין פּאָר קליידער — 177

69. וואָס הייסט אידישקייט — 179

70. מיין ערשטער קינדבעט — 184

71. מיין פּריזיוו — 186

72. הושיעלע פּרים — 188

73. מיין ליעבע צו דער רוסישער ליטעראַטור — 190

74. דאָס ערשטע קינד — 191

75. מיינע בעסטע פריינד, העלפגאָט און וואראַנעל — 193

76. צרות פון פרעמדע אייגענע האָר — 195

77. פאַר אַן אמת שלאָגט מען — 197

78. איך פאָהר קיין ווילנע שטודירען, און באזוך מיינע עלטערען. 199

79. מען מאכט אויף מיר אַ בלבול — 203

פיערטע אָפּטיילונג

די ערשטע עמיגראַציע קיין אמעריקע (1881—1882).

80. די ערשטע פּאָגראָמען (1881 יאָהר) — 205

81. איך פאָהר קיין יעקאַטערינאָסלאַוו שטודירען — 206

82. אַראָפּ פון קעסט — 208

83. די אידישע דעפּוטאַציע אין פּעטערבורג (1882 יאָהר) — 209

84. מיר פאָהרען קיין אמעריקע מיט דער חברה „עם עולם" (1882 יאָהר) — 210

85. די חברה „עם עולם" קומט אָן קיין אמעריקע — 216

86. אונצופריעדען מיט אמעריקע — 219

87. די רייזע פון אַמעריקע — 223

פינפטע אָפּטיילונג

די לעצטע צוואַנציג יאָהר אין רוסלאַנד (1883—1903).

88. איך ווער אַ לעהרער — 226

קאַפּיטעל — זייט

89. איך ווער אַ סוחר פון פאַרב — 228
90. לובענער משכילים און עקסטערנעס — 230
91. שלום עליכם'ס אַ שפּיצעל — 232
92. מיין מוטער'ס טויט — 233
93. איך ווער אַ בוכהאַלטער ביי אַן אסימיליאטאָר — 237
94. איך ווער אַ סוחר פון תבואה — 239
95. פאַלטאַווער אידעאַליסטען — 240
96. חבת ציון און מיינע מגידות — 242
97. אחד העם און די בני משה — 245
98. איך ווער אַ לעהרער צוליעב אידעאַל (1889 יאָהר) — 247
99. די אידישע ליטעראטור, אונזער ביבליאָטעק און פאָרלעזונגען 250
100. איך האַלט עקזאמען אויף אַ פאָלקס-לעהרער — 252
101. ארויסגעטריבען אידען פון מאָסקווע. — עמנואל ווערט געבאָרען און מאַסליאַנסקי קומט צו אונז — 255
102. איך העלף יעקב רעוודין שרייבען זיינע ליעדער — 257
103. איך ווער קראנק און אויס לעהרער — 260
104. איך ווער אַ סוחר פון קויהלען און זעה אַ גוטסקייט פון אַ קריסט — 261
105. פאַלטאַווער אידעאַליסטישע אוטשילישטשע (שולע) — 264
106. איך מוז ווייטער האַנדלען מיט ווייץ. — אַ מיידעלשע בר מצוה — 266
107. איך פאָהר זוכען פרנסה און קום מיט גאָרניט — 268
108. איך ווער אַ שותף אין אַ רודניק (מיינס) פון קויהלען — 270
109. די מורא פאר פאָליציי — 271
110. דער דאָרפישער איד — 273
111. די ארבייטער אויפ'ן רודניק — 273
112. אַ מלמד בלייבט אַ מלמד — 275
113. איך האַנדעל מיט קלייען און זוך יושר ביי אַ סוחר — 276
114. איך ווער אַ קאָמיסיאָנער פון מעהל און באקאַן זיך מיט אונזערע גדולים אין ווארשא — 279
115. קריוואָי ראָג מיט איהרע רודניקעס. — איך ווער אופּראַוו־ ליאַיושטשי (מענעדזשער) — 280
116. מען שיקט מיך צו אַ משוגע'נעם דירעקטאָר — 282
117. מען שיקט מיך געבען כאַבאַר — 284
118. איך פאָהר צום גובערנאַטאָר — 285
119. מיין פאַראנטוואָרטליכע שווערע ארבייט און מיינע איינ־ קינפטע. — איך באקום אַ מתנה 5000 רובעל — 287
120. מיין פאָהרען קיין פעטערבורג — 290

קאַפּיטעל זייט

121. שלום עליכם פאַרקויפט קויהלען און קאַלך. — שלום עליכם'ס לאַטקעס און וואַרשאַווסקי'ס ליעדער — — — — — — — — 292
122. מיין ביבליאָטעק — — — — — — — — — — — — 297
123. שבת און יום טוב אין געשעפט — — — — — — — — — 298
124. אונזער תלמוד תורה אין קריוואָי ראָג — — — — — — 299
125. מיינע גוטע פריינד און די גוטע אומשטענדען — — — 301
126. ווי אזוי אַ רוסישער איד האָט געלערענט זיינע קינדער — 303
127. ציוניזם און דער מינסקער צוזאמענפאָהר — — — — — 306
128. פון חתן תורה צום גובערנאַטאָר — — — — — — — — 309
129. מיין זילבערנע חתונה — — — — — — — — — — — 311
130. קעשענאָווער פּאָגראָם (1903 יאָהר) — — — — — — — 312
131. פּאַלעסטינע אָדער אַמעריקע — — — — — — — — — — 314
132. אידישע רעוואָלוציאָנערען און מיין טאָכטער'ס אַרעסט — 316
133. מיר פאַרלאָזען רוסלאנד — — — — — — — — — — — 324

זעקסטע אָפּטיילונג

דאָס לעבען אין אמעריקע (1904—1918).

134. אין אמעריקע דעם צווייטען מאָל — — — — — — — — 328
135. צוריק אין רוסלאנד — — — — — — — — — — — — 333
136. צוריק קיין אמעריקע. — איך בין שוין צופריעדען. — מיינע אמעריקאנער גוטע פריינד — — — — — — — — — — 336
137. איך ווער אַ מאנופעקטשורער, נאכהער אַ לעהרער און וויל ווערען אַ מגיד — — — — — — — — — — — — — — — 338
138. איך ווער אַ פאַרמער — — — — — — — — — — — — 341
139. שבת און יום טוב אויף'ן פאַרם — — — — — — — — — 345
140. מיין דורכפאַל אין פארמעריי, און וואָס פאָדערט זיך צוליעב פאַרמעריי — — — — — — — — — — — — — — — 347
141. צוריק אין שטאָדט.—איך באקום אַ שטעלע און פארלאָז זי.— איך זעץ זיך לערנען — — — — — — — — — — — — 351
142. דער סך הכל פון מיין שרייבען, און ווי אזוי איך ווער מיט־רעדאקטאָר פון „אידישען פאַרמער" — — — — — — — 353
143. געזעלשאפטליכע ארבייט אין אמעריקע, און אונזער תלמוד תורה — — — — — — — — — — — — — — — — — 358
144. מיין פרוי'ס טויט — — — — — — — — — — — — — 359
145. מיינע קינדער און מיין צווייטע פרוי — — — — — — — 364
146. די לעצטע וועלט־געשעהעניש — — — — — — — — — 369

ערשטע אָבטיילונג

דער ליטווישער אינגעל.

1859 — 1874

1. געבליבען אָהן א היים.

מיין קינדהייט, דער פריהלינג פון לעבען, פאנגט זיך פאַר מיר אָן ווי א טריבער, קאַלטער טאָג אין הערבסט. גערדיכטע וואָל־קענם יאָגען זיך איינער נאָכ'ן צווייטען און פארפינסטערען מיינע קינדערשע יאָהרען. פון גאַנץ פריה פאַנגען זיך אָן מיינע עראַי־נערונגען. עס קומען פאָר זאַכען, וועלכע דרינגען אריין טיעף אין מיין קינדערשער נשמה, און פארבלייבען אויף עוויג אין מיין זכרון.

נאָך ניט קיין פולע פינף יאָהר בין איך דאַן אַלט געוועזן, און איך געדענק עס דייטליך. איך מיט מיינע שוועסטערלעך, איינע א גרעסערע און איינע א קלענערע, לויפען צום פענסטער. מיר האָבען דערהערט, אַז די מאַמע וויינט. איך זעה אין דרויסען אויף א גרויסען שעהנעם פערד זיצט א פריץ און דרעהט זיינע לאַנגע וואָנצען. הינטער איהם שטעהען עטליכע גוים מיט הוילע קעפּ. מיין מאַמע בעט זיך ביים פריץ, וויינט זעהר און קושט זיינע הענד; און מיין טאַטע רעדט צו איהם, ווייזט מיט איין האַנד אויפ'ן הי־מעל און מיט דער צווייטער אויפ'ן פענסטער, וואו מיר שטעהען; און דער פריץ בייזערט זיך, דרעהט מיט'ן קאָפּ, און קעהרט זיך אָב צו די גוים. ער זאָגט זיי עפּעס, זיי פארנייגען זיך ביז דער ערד, און טוען זיך א וואָרף צו אונזער שטוב. זיי נעהמען אראָב די

טיר פון שטוב, נעהמען ארויס אלע אונזערע פענסטער און לעגען עס אויף זייער וואגען.

א שרעקליכע קעלט האָט א שפּאר געטאָן אין שטוב פון אלע זייטען. איך מיט מיינע שוועסטערלעך צוואויינען זיך און לויפען אויך אין דרויסען. דער טאטע בעט זיך נאָך ביים פּריץ, און מיין עלטערע שוועסטער שרייט: „טאטע! די מאמע חלש׳ט!״ איך זעה ווי מיין מאמע פאלט פון די פיס. דער טאטע פיהרט זי אריין אין דער קאלטער שטוב, ער לעגט זי אויפ׳ן בעט, גיסט קאלטע וואַסער אויף איהר פנים, שאקעלט זי און קוועטשט איהר נאָז. די מאמע עפענט אביסעל די אויגען, טוט א קוק אויף אונז און צו־שרייט זיך: „קינ־דער־לעך מיינע״ און פארמאכט ווייטער די אויגען. דער טאטע גיסט ווייטער קאלטע וואסער און קוועטשט איהר נאָז, און מיר שרייען „מאמע, מאמע!״ די מאמע האָט געעפענט די אויגען, ארומגעקוקט זיך, אָנגעפאנגען צו וויינען, מיט אמאָל א שפּרונג געטאָן פון בעט, געכאפּט אונז איינציגווייז אויף די הענד, געקושט, און ארויפגעזעצט אויפ׳ן אויוועז, איינגעוויקעלט אונז אין קאָלדרעס, ארומגעלעגט מיט קישענס און געגעבען צו שטיקלעך ברויט. איך בין מיט דעם שטיקעל ברויט אין האנד איינגעשלאָפען.

ווען איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך זיך דערוואוסט, אז די קרעטשמע האָבען מיר ארענדירט פון א פּריץ. איז געקומען אן אנדער איד, האָט געגעבען א העכערען פּרייז, האָט מען אונז ארויסגעוואָרפען, און מיר זיינען אין אָנפאנג ווינטער געבליבען אָהן א היים.

2. א וואָהנונג אָהן א קוימען און אָהן פענסטער.

אָט שטעהט מיר פאר די אויגען דאָס קליין שטיבעלע, וואו מיר וואָהנען. א נידעריגע שטיבעלע מיט שווארצע ווענד. איין קליינע פענסטערעל פון איין שטיקעל גלאָז איז אין גאנצען פאר־פּראָהרען, נעבען טיר ליגט א בערגעל שטיינער מיט א גרויסער לאָך פון איין זייט. דאָס איז אזא אויוועז. נעבען איין וואנד שטעהט א קליין טישעלע מיט א לאנגער באנק, און נעבען א צווייטער

וואנד שטעהט א גרויסע בעט, וואו איך מיט מיינע שוועסטערלעך ליגען איינגעדעקט און טרייסלען זיך פון קעלט. די מאמע טראָגט אריין אביסעל האָלץ, וואָס איז באַדעקט מיט אייז און מיט שנעע; זי נעהמט א פאָר טרוקענע שפּענדלעך, זעצט זיך אויף דער ערד, צינט אָן די שפּענדלעך, לעגט עם אונטער די האָלץ, און פון די האָלץ פאַנגט אָן צו רינען וואסער און לעשט דעם פייער. די מאמע בלאָזט דעם פייער, פארהוסט זיך, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם, און בלאָזט ווייטער. דער רויך הויבט אָן צו קריכען פון אונטער די שטיינער הויבט זיך אין דער הויך, און וויל לויפען אין דרויסען דורך דער לאָך, וואָס איז געמאכט אויבען אין וואנד אנשטאָט א קוימען, נאָר דער ווינד טוט א פייף דורכ'ן לאָך און טרייבט דעם גאַנצען רויך צוריק אין שטיבעל.

די האָלץ האָט זיך שוין צוברענט, דער רויך ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, און זעצט זיך אַלץ נידעריגער און נידעריגער. איך זעה שוין ניט מעהר, ניט די לאָך און ניט דאָס פענסטערעל. דער רויך ווערגט מיך; איך פארמאַך דעם מויל, קריכט ער דורך די אויגען און דורכ'ן נאָז. פארמאַך איך די אויגען, אָבער דעם נאָז קען איך ניט האַלטען פארמאכט, ווען דער מויל איז שוין פארמאכט. די שוועסטערלעך צושרייען זיך, און די מאמע טרייסט זיי, אז זי וועט באַלד אָבקאָכען א טעפּעל בולבע. דערווייל האָב איך באמערקט, אז גאָר נאָהענט פון דער ערד איז ניט אזוי רויכיג. איך שפּרינג אראָב פון בעט, און זעץ זיך אויף די שפּיץ פינגער פון די פיס איינגעבויגען דעם קאָפּ צו דער ערד. איך האָב אָבגעכאַפּט אביסעל דעם אָטעם, אָבער די ערד איז צו נאַס און צו קאַלט פאַר מיינע נאַקעטע פיסלעך; איך קען ניט איינזיצען, כאַפּ איך זיך ארויס אין דרויסען און לויף אריין צו דעם גוי, וואָס וואָהנט אין דעם זעלבען הויף, וואו מיר. די מאמע האָט די שוועסטערלעך אויך געבראַכט צום גוי, און מיר זיינען דאָרט געווען ביז זי האָט אויסגעהייצט.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז ווען מען האָט אונז ארויסגעטריבען פון דער קרעטשמע, האָט א גוי רחמנות געהאַט, און האָט אונז אָבגעגעבען זיין „סטאָפּקע". דאָס איז א קליין שטיבעלע, וואו מען האַלט ווינטער די גאָרטענוואַרג.

3. מיין טאטע ווערט קראנק.

אין שטיבעלע איז שרעקליך קאלט. די מאמע זאגט, אז מען טאר ניט הייצען, ווייל דער טאטע איז קראנק, קען ער ניט איבער־טראגען דעם רויך. און איך זעה ווי מיין טאטע ליגט אין בעט, קרעכטשעט, פארהוסט זיך זעהר, און גלאצט מיט די אויגען אזוי שרעקליך, אז איך האב מורא צו קוקען אויף איהם. די מאמע לויפט צום גוי, ברייננט א הליאק הייסע וואסער, גיסט עס אין פלעשלעך און לעגט צו זיינע פיס. און ער קרעכטשעט און גלאצט אלץ מיט די אויגען, און די מאמע רעדט צו איהם, וויינט און ברעכט די הענד, פרעגט איהם וואו און וואס איז איהם טוט וועה, נאר ער ענטפערט ניט, ער הוסט נאר און ווייזט אויף א זייט. די מאמע צואווינט זיך נאך שטארקער, און מיר וויינען אויך און ציטערען פון קעלט. נעהמט אונז די מאמע איינציגווייז אויף די הענד און טראגט אונז צום גוי אין שטוב. גיט אונז צו שטיקלעך ברויט מיט געבאקטע בולבע, נעהמט א הליאק ווארימע וואסער און לויפט צום טאטען. מיר בלייבען נעכטיגען ביים גוי. דער גוי טראגט אריין שטרוי, צושפרייט עס אויף דער ערד, נאהענט פון אויוועז, און הייסט אונז לעגען זיך שלאפען. מיינע שוועס־טערלעך שלאפען שוין, נאר איך קען ניט איינשלאפען. ניט ווייט פון אונז ליגען קליינע חזירים׳לעך און כראקען, און פיטשינקע שעפסעלעך מעקען. ביי זיי אין שטאל איז אויך אזוי קאלט ווי ביי אונז אין שטיבעלע. האט מען זיי אויך אריינגענומען אין שטוב. פארמאך איך מיינע אויגען, איך וויל איינשלאפען, נאר איך זעה אין דער פינסטער, ווי מיין טאטע גלאצט מיט די אויגען, און איך ציטער פון שרעק.

אויף מארגען האט מען דעם טאטען אריינגעלעגט אין א שליטען, איינגעדעקט מיט קישענס, און אוועקגעפיהרט צו מיינעם א פעטער. אינגיכען האבען מיר אלע פארלאזען די שטיבעלע.

ווען איך בין עלטער געווארען האב איך פיעלע מאל געהערט, ווי מיין טאטע פלעגט טרייסטען א קראנקען, זאגענדיג: „גאט איז א רופא חולים, אויב ער האט מיך אויסגעהיילט פון מיין לונגען־ענטציגדונג, וואס איך האב געכאפט אין סימאנ׳ס שטי־בעלע״.

4. מיין ערשטער חבר א גוי.

מיר וואָהנען שוין אין א שטוב מיט א קוימען און מיט פענסטער. דער טאַטע האָט ביי א פּריץ א פּאַכט געדונגען. מיר נעהמען צו די גאַנצע מילך פון דעם פּריץ'ס קיה, מיר מאַכען קעז און פּוטער, און דער טאַטע פיהרט עס קיין קריוויץ און דאָלהינאָוו און פאַרקויפט צו די אידען. און מיר אַליין עסען די מאַסליאַנקע פון די פּוטער, און אַמאָל טאַקע א פּיצעלע פּוטער און א שטיקעלע קעז. קיין סך קען מען אונז ניט געבען, זאָגט די מאַמע, ווייל מען דאַרף פאַרקויפען, און צאָהלען דעם פּריץ פאַר די מילך.

אין דעם הויף זיינען מיר אָנגעקומען באַלד נאָך פּסח. איך געה מיר אַרוים אין הויף שפּיעלען זיך אַביסעל אויפ'ן גרינעם גראָז, קומט צו מיר צולויפען א אינגעלע, זעהר שעהן אָנגעטאָן, ער רעדט צו מיר, פאַרשטעה איך ניט, רייד איך צו איהם, פאַרשטעהט ער אויך ניט. שטעהען מיר ביידע און קוקען זיך אָן. געהט צו א פרוי, נעהמט אונז ביידען פאַר די הענד, פיהרט אונז אריין אין א שעהנער שטוב, גיט אונז קאָנפעקטען און צאַצקעס, פערדעלעך, הינטעלעך און פויגעלעך, און לאָזט אונז דאָ שפּיעלען זיך.

מיין מאַמע האָט מיר שפּעטער געזאָגט, אז דאָס איז ניט קיין אינגעלע, נאָר א פּאַניטשעל, דעם פּריץ'ס א קינד, דאָס הייסט, טראַכט איך מיר, ניט קיין שייקעצעל, ווי ביי אונז דאָרט אין דאָרף, נאָר עפּעס אַן אַנדער זאַך, נאָר וואָס דאָס איז ווייס איך ניט. און די מאַמע זאָגט מיר, אז די פּריץ'טע האָט געבעטען, אז איך זאָל אַלע טאָג געהן שפּיעלען זיך מיט איהם, און די מאַמע זאָגט מיר אָן, אז איך זאָל דאָרט קיין זאַך ניט עסען אויסער קאָנפעקטען. אַלע טאָג וואַרפט די מאַמע אַוועק איהר אַרבייט און פּוצט מיך אויס און שיקט מיך צום פּריץ. אינגיכען האָב איך זיך אויסגעלערענט צו פּוצען זיך אַליין: איך וואַש גוט אָב מיין פּנים, פאַרקעהם מיינע האָר, טו אָן מיין נייען ארבע כנפות, און לויף צו יוזשיקען. עס האָט געדויערט ניט לאַנג און איך האָב זיך אויסגעלערענט אַביסעל ריידען אַזוי ווי יוזשיק רעדט מיט זיין מאַמען, און ער האָט זיך אויך אויסגעלערענט פון מיר אייניגע

ווערטער. מיר פלעגען זיך אַזוי אין צווייען ריידען, און די מאַמע זיינע פלעגט לאַכען, ווען ער פלעגט ריידען אַזוי ווי איך.

דערווייל האָט מיין טאַטע אָנגעפאַנגען צו לערנען מיט מיר אלף בית. אין מיטען שפּיעלען פלעג איך דאַרפען געהן לערנען, און איך פרעג די מאַמע, פאַרוואָס יוזשיק לערענט ניט קיין א״ב. לאַכט די מאַמע און רופט מיך „נאַרעלע", און איך זאָג, אַז איך וויל בעסער שפּיעלען זיך, איידער זיצען און לערנען. עס העלפט אָבער ניט, איך מוז עטליכע מאָל אין טאָג וואַרפען מיין פריינד מיט אַלע שפּיעלעכלעך און געהן לערנען. און דער טאַטע קוועלט גאָר פון מיר. אינגיכען האָב איך שוין אָנגעפאַנגען צו זאָגען עברי. און אויף מיר קוקענדיג האָט יוזשיק'ס מאַמע אָנגעפאַנגען מיט איהם אויך צו לערנען, נאָר ניט קיין א״ב, עפּעס אַן אַנדער זאַך.

צו ענדע זומער האָט מען דעם פאַכט אויפגעגעבען, ווייל פון די מילכיגס האָט מען ניט געהאַט קיין ברויט.

5. מיין ערשטער רבי שטאָפּט מיך מיט תורה.

האָבען מיר פאַרלאָזען דעם הויף מיט די קיה, און געשלעפּט זיך מיט פוהרען עטליכע טעג, ביז מיר זיינען געקומען ערגעץ ווייט, ווייט צו אַ גרויסער פּוסטער קרעטשמע מיט אויסגעבראָכענע שויבען אין די פענסטער, און די קרעטשמע שטעהט זיך אַן אומעטיגע איינע אַליין נעבען וועג, ווייט פון דאָרף, און פויגעלעך האָבען נעסטען געמאַכט אונטער איהר צוריסענעם שטרויענעם דאַך, און אינווענינג זיינען די אַלטע, שוואַרצע, הילצערנע ווענט פול מיט לעבער, און די מייז האָבען זיך דערשראָקען פאַר אונז און לויפען זיך באַהאַלטען אין די לעבער. און איך הער ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטען: „אַ שעהנע קרעטשמע האָסטו אָבגעזוכט", און דער טאַטע ענטפערט מיט אַ שמייכעל: „אַ נאַר ווייזט מען ניט קיין האַלבע אַרבייט. מע וועט עס אַלץ פאַרריכטען, וועט עס באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים". האָט מען זיך גענומען פאַר דער אַרבייט. דער טאַטע, די מאַמע און אַ גוי מיט אַ גויה, להבדיל, האָבען געאַרבייט ביז מען האָט פאַרשמירט די לעבער, פאַרווייסט די

שוואַרצקייט, אַריינגעשטעלט פענסטער און פאַרריכט דעם דאַך. דאַן איז מיין טאַטע אַוועקגעפאָהרען פון דער היים. ער האָט ערגעץ אַ שטעלע אין אַ וואַלד, און די מאַמע מיט די קליינע קינדער זיינען דאָ געבליבען אַליין. איז אונז זעהר אומעטיג געווען ביז דער טאַטע האָט מיר אַ רבי'ן געשיקט. מיין רבי האָט שוין אַ בערדעלע, און דאַוונט נאָך אָהן אַ טלית. די מאַמע זאָגט, אַז ער איז נאָך אַ בחור, און אַז ער איז זעהר אַ פרומער. איך זעה ווי ער דאַוונט זעהר לאַנג, און ביי דער נאַכט וועקט ער מיך אויף פון שלאָף מיט זיין ווייגענדיגען נגון, מיט וועלכען ער לערענט גמרא. ווען ער רעדט מיט מיין מאַמען, לאָזט ער אַראָב זיינע אויגען און רעדט שטיל, איינציגע ווערטער.

מיט מיר האָט ער אָנגעפאַנגען צו לערנען חומש. לערנען מיר צוויי מאָל אין טאָג און איין מאָל אין אָוונד, און מיר זיצען איבער'ן חומש זעהר לאַנג. ער פאַרטייטשט און גיט מיר צו פאַרשטעהן. דערצו נאָך דערצעהלט ער צו יעדער זאַך שעהנע מעשות, וואָס ער האָט געפונען אין אַנדערע ספרים. און ער דערצעהלט עס זעהר שעהן. יעדער וואָרט קריכט מיר טיעף אין האַרצען. אָט לערנען מיר, ווי גאָט טרייבט אַרויס אדם'ן און חוה'ן פון גן עדן. זעה איך, דאַכט זיך, ווי אָט געהען זיי ביידע ברוגז'ע, פאַרשעהמטע און וויינען ווי אַ אינגעל נאָכ'ן אָבשמייסען; און אָט לערנען מיר וועגען אברהם'ן, דערצעהלט מיר דער רבי, ווי אברהם אבינו האָט ביי זיין טאַטען תרח, אַלע אָבגעטער צובראָכען, האָט דער מלך נמרוד געהייסען אַריינוואַרפען אברהם'ן אין אַ ברענענדיגען קאַלך־אויווען, און ווען מען האָט איהם אין אַ גרויסען פייער אַריינגעוואָרפען, זיינען מלאכים געקומען, זייערע פליגלען צושפּרייט צו באַשיצען איהם, און מיר שטעלט זיך פאָר ווי די מלאכים פאָכען מיט די פליגלען ביז אברהם קריכט אַרויס פון פייער, אָט אַזוי ווי איך קריך אַרויס פון מיין בעט אין דער פריה, און איך בין זעהר צופריעדען וואָס גאָט האָט אַזאַ נס געטאָן. און אָט לערנען מיר, ווי די ברידער האָבען יוסף'ן פאַרקויפט, און ווי מען פיהרט איהם קיין מצרים, און מיין רבי פאַנגט אָן צו דערצעהלען, ווי יוסף געהט פאַרביי זיין מוטער רחל'ס קבר, טוט ער זיך אַ וואָרף אויף דער מוטער־קבר, און פאַנגט אָן צו קלאָגען און

בעטען זיך: „מאַמע! מאַמע! שטעה אויף פון דיין קבר, זעה ווי דיין זוהן איז פאַר א קנעכט פאַרקויפט געוואָרען, זעה ווי ער ווערט געפייניגט און קיינער האָט קיין רחמנות ניט". איך הער ווי דער רבי דערצעהלט און איך וויין הויך אויפ'ן קול.

אויסער דעם לערנען דאַווען איך דעם גאַנצען דאַוונען דריי מאָל אין טאָג. אין דער פריה נאָכ'ן דאַוונען זאָג איך תהלים, ביי־טאָג זאָג איך תרגום, נאָך יעדער עסען בענש איך דעם גאַנצען בענטשען, פאַר'ן שלאָף לייען איך די לאַנגע קריאת שמע, פרייטאג איז מען מעביר די סדרה און מען זאָגט די הפטרה. איינמאָל הער איך ווי מיין מאַמע זאָגט צום רבי'ן, אַז זי דענקט דאָס איך לערען צופיעל. ענטפערט דער רבי, אַז: „די גמרא זאָגט, אַז ווען א אינגעלע איז זעקס יאָהר אַלט, זאָל מען איהם שטאָפּען מיט תורה ווי מען שטאָפּט אַן אָקס מיט עסען, און דאָ איז אָהן עין הרע א אינגעלע וואָס לאָזט זיך שטאָפּען". אָט אַזוי האָט דער רבי מיך געשטאָפּט, און איך האָב טאַקע געלאָזען זיך שטאָפּען; ערשטענס, ווייל איך האָב ליעב געהאַט דעם רבי'ן מיט זיינע מעשות, און צווייטענס, ווייל דער רבי האָט געזאָגט, אַז אויב מען לערענט תורה, וועט מען זיין אין גן עדן מיט די אבות און מיט משה רבינו און מיט אַנדערע צדיקים, און דריטענס, ווייל קיין אַנדער זאַך האָב איך ניט געהאַט צו טאָן. דער רבי לאָזט מיך אפילו ארויס אין דרויסען שפּיעלען זיך, אָבער אַליין איז ניט גוט צו שפּיעלען זיך. איינמאָל האָב איך געפּרובט לויפען צו די שקצים'־לעך שפּיעלען זיך האָט דער רבי געזאָגט, אַז א אינגעלע, וואָס לע־רענט שוין תורה, טאָר זיך ניט שפּיעלען מיט שקצים.

אין אָוועגד, ווען דער רבי פלעגט אַליין לערנען, און די מאַמע האָט עפּעס געאַרבייט, פלעג איך דער מאַמען איבערדער־צעהלען אַלע מעשות, וואָס איך האָב געלערענט, און זי פלעגט מיר דערפאַר געבען א קוש; און ווען דער טאַטע פלעגט קומען, פלעגט ער מיך פאַרהערען, א קניפּ טאָן אין באַק און זאָגען, אַז איך בין א גוטער אינגעל. ווען עס איז געקומען דער זומער בין איך מעהר אין דרויסען געווען. מיר האָבען א גרויסען גאָרטען, העלף איך דער מאַמען אין גאָרטען, און אַמאָל פאַרנאַכט נעהמט מיך דער רבי שפּאַצירען צווישען די גרינע פעלדער. צוויי יאָהר

האָב איך געהאַט אָט דעם גוטען רבי'ן, נאָכהער איז ער אַוועקגעפאָהרען פון אונז, און איך האָב לאַנג געבענקט נאָך איהם.

6. דער צווייטער רבי אַ בייזער, אָבער ניט קיין שלעכטער.

אויף ווינטער, ווען איך בין שוין אַלט געוואָרען זיעבען יאָהר, האָט מען מיך אַוועקגעפיהרט לערנען אין אַן אַנדער דאָרף, וואו עס האָבען געוואָהנט עטליכע אידען, און האָבען געהאַט אַ מלמד, דעם רבי משה אהרן. ביי דעם רבי'ן בין איך געווען קוואַרטיר און געגעסען. דער רבי איז שוין ניט אַזאַ ווי מיין ערשטער רבי. דער רבי משה אהרן, אַז ער זעצט זיך לערנען, לעגט ער אַוועק נעבען זיך אַ רימענעם פּאַסיקעל, טוט אַ גוטען שמעק טאַבעק, און טוט אַ קוק אויף אונז פון אונטער זיינע לאַנגע געדיכטע ברעמען, אַז אַ שוידער לויפט מיר איבער מיינע גליעדער.

מיר לערנען חומש מיט רש"י. דעם חומש זאָגט ער אָב רוהיג און שנעל, אָבער ווי עס קומט צו די רש"י, צוקאָכט ער זיך, ציהט און קוועטשט די ווערטער, זינגט און דרעהט מיט'ן גראָבען פינגער, און שרייט אַלע ווייל: „פאַרשטעהט איהר?"; און, ווען מען איז אַריינגעקראָכען אין די גרויסע רש"י פון משפטים מיט די שווערע פאַרדרעהטע דינים, פלעגט פון איהם גיסען טייכען שוויים און ער פלעגט ווערען בלייך. מען זעהט, אַז ער אַרבייט נעבעך מיט אַלע קרעפטען, אַריינצושלאָגען די תורה אין די קעפּ פון די דאָרפישע אינגלעך, און ווען עס קומט דאָנערשטאָג ווערט אַ חורבן. מען מוז גוט וויסען וואָס מען האָט געלערענט אַ גאַנצע וואָך, און, אויב מען וויים ניט, איז אַ גרויסע קלאָג. דער רבי ווערט ווי אַ גזלן, ניטאָ קיין רחמנות, מען מוז קענען. ניט אַלע אָבער נעבעך קענען, כאַפּט מען מיט'ן רימענעם פּאַסיקעל, דערפאַר אָבער, אויב מען האָט געוואוסט, האָט זיך אַ זיסער שמייכעלע באַוויזען אויף זיין בלייכען פנים. מען זעהט, אַז ער איז גליקליך.

איך האָב זיין רימענדעל ניט פאַרזוכט. טאָמער האָב איך אַמאָל ניט גוט פאַרשטאַנען, האָט מיר מיין זכרון אויסגעהאָלפען, איך געדענק און זאָג איבער פונקט ווי ער האָט געזאָגט. איבער-

הויפט האָב איך זיך אויסגעצייכענט אין דעם ת"נך. דעם ת"נך לערענט דער רבי גאָר אַנדערש. עפּעס ווערט ער גאָר אַן אַנדער מענש. אוים גזלן, אַן אַנדער קול, אַן אַנדער ניגון, עפּעס אַזוי אומעטיג־זיס און קריכט אין דער נשמה. איך שלינג יעדעס וואָרט, און זאָג איבער דעם ת"נך מיט באַגייסטערונג, און איך זעה ווי מיין רבי קוועלט.

און אַמאָל, ווען די אינגלעך געהען אוועק פון חדר, בלייבען מיר אין שטיבעלע נאָר אין דרייען: דער רבי, די רבי'צען און איך. קיין קינדער האָבען זיי ניט. דערפאַר האָבען זיי אַן עסק נאָר מיט מיר. גאַנץ אָפט, נאָך וועטשערע, ציהט זיך דער רבי אוים אויפ'ן לאַנגען באַנק נעבען אויוועו, און בעט מיך, אַז איך זאָל עפּעס דערצעהלען פון תנ"ך. דערצעהל איך וועגען גדעון, וועגען שמשון הגבור, וועגען שמואל הנביא און דוד המלך. דער רבי מיט דער רבי'צען הערען און קוועלען ביז דער רבי טוט אַ שמעק טאַבאַק, רופט מיך צו, טוט מיר אַ קניפּ אין באַק מיט ליעבשאַפט, און הייסט מיר געהן שלאָפען. אָט אַזוי ביסלעכווייז האָב איך מיין בייזען רבי'ן ליעב באַקומען. אַמאָל פלעג איך נאָר ברוגז זיין אויף איהם אין דער צייט פון עסען. ערשטענס, פאַרוואָס ער ווישט ניט אָב פון זיינע וואָנצען די נאַסע שמעק־טאַבאַק. מיך עקעלט עס. דאָס עסען געהט מיר ניט איין. פיע־לע מאָל האָב איך שוין באַשלאָסען ניט צוקוקען אויף איהם ווען איך עס, איז אָבער ווי אויף צו להכעיס טוט זיך אַליין אַ קוק; און צווייטענס, בין איך שטאַק ברוגז וואָס ער האַלט נאָר אין איין לערנען מיך דרך־ארץ. לעג איך אַרויף אַ האַנד אויפ'ן טיש, שרייט ער, אַז אַזוי עסט אַ גוי, ווען מען עסט ניט דאַרף מען האַל־טען די הענד אונטער'ן טיש. לעג איך ניט אוועק די לעפעל נאָך יעדער זופּ וואָס איך טו, שרייט ער, אַז אַזוי עסט אַ זולל וסובא, אַ איד דאַרף נאָך יעדער ביסען אוועקלעגען די לעפעל, און דאָס ערגסטע פאַר מיר איז שבת. אין דער טשאָלענט־קאַשע שיט ער אַן צוהאַקטע רויהע ציבעלע מיט פעפער, אַז איך ווער דער־שטיקט פון דעם ריח אַליין, און ער צווינגט מיך, אַז איך זאָל דאָס עסען, און טענה'ט, אַז אַ איד דאַרף ניט זיין קיין פּריץ. איך ווערג זיך דערמיט און מוז עסען.

די רבי'צען דאָבע, ניט האָבענדיג קיין אייגענע קינדער, האָט זי די גאַנצע ליעבע אָבגעגעבען צו מיר. זי האַלט מיך פארשפּארט אין שטוב ווי א גאַנז אין שטייג. זי האָט מורא, אז איך זאָל זיך ניט פארקיהלען; און, ווען זי לאָזט מיך שוין אמאָל אין דרויסען, טוט זי מיר אָן איהר וואטאָווע קאפּטע און וויקעלט מיך ארום מיט איהר גרויסער פאטשיילע, אז איך קאָן זיך ניט א קעהר טאָן. יעדער נאכט שטעהט זי אויף אייניגע מאָל זעהען אויב איך בין גוט איינגעדעקט. יעדער פרייטאָג וואשט זי מיר דעם קאָפּ און היט זיך זעהר, אז קיין זייף זאָל מיר ניט אריין אין די אויגען, האָט זי עפּעס א גוטען ביסען אין הויז באקום איך דאָס; און, ווען איך פארבענק זיך אמאָל און צור־וויין זיך, אז איך וויל צו מיין מאמען, נעהמט זי מיך אויף די הענד ווי א קליין קינד, טוליעט מיך צו זיך און קושט מיך ווי מיין אייגענע מאמע. איך האָב זי זעהר ליעב געהאַט, און האָב אויף איהר שטארק רחמנות געהאַט וואָס זי איז א טויבע; און, ווען די אינגלעך פלעגען שטילערהייד זאָגען אויף איהר: „דאָבע, גראָבע, אַלטע באָבע”, פלעג איך זיין אויף זיי אין כעס, און זאָגען, אז גאָט וועט זיי שטראָפען דערפאר.

מיט 30 יאָהר שפּעטער, ווען איך בין אין ליטא צוגאַסט גע־ווען, האָב איך דעם רבי משה אהרן באזוכט. זעהר גרוים איז זייער שמחה געווען צו זעהן מיך.

7. איך האָב ליעב דעם וואלד.

דערפאר וואָס איך בין א גאַנץ ווינטער געווען פארשפּארט אין שטוב, ווי א גאַנז אין א שטייג, האָט מיר גאָט אָבגעגעבען אויף זומער, אז איך האָב זיך געקענט שפּיעלען אין וואלד פיעל מיין הארץ האָט געגלוסט. וואו מיין טאַטע האָט זיין שטעלע, אין נאַווינקע, א פּאָר וויאָרסט פון מינסק, האָט ער ארענדירט די קרעטשמע, וועלכע איז געשטאַנען אַקוראַט נעבען ברעג וואלד.

א רבי'ן האָב איך דאָ עפּעס אָן אַלטען אידען, וועלכער כאפּט א דרעמעל אין מיטען לערנען, און מיר, זיינע תלמידים, שפּיעלען זיך דערווייל, און דאָס לערנען איז פאר מיר ניט אינטערעסאַנט,

ווייל איך האָב דאָס אַלעס שוין געלערענט און גערענק עס גאַנץ גוט, נאָר ער מוז דאָך לערנען צוליעב די אַנדערע איינגלעך. איך בין זעהר גערען, אז דער טאָג געהט שוין אוועק, אָדער, אז עס קומט פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג און שבת, ווען איך קען לויפען אין וואַלד. און דער וואַלד איז אַ גרויסער מיט הויכע, גרינע, סאָסנאָווע בוימער, פון וועלכע עס שמעקט זעהר געשמאַק, און צווישען די בוימער וואַקסען פּאָזשימקעס און שווארצע יאַגדעס, וועלכע צוגעהען אין מויל. בייטאָג, ווען די זון ברענט, האָב איך ליעב דעם וואַלד פאַר דעם שאָטען, וואו איך צולעג זיך אויפ'ן גרינעם גראָז, ווי אָדם הראשון אין גן עדן; און ווען עס איז אַ ווינד, האָב איך ליעב צו קוקען און צוצוהערען זיך, ווי די לאַנגע צווייגען שאָקלען זיך און זשומען גלייך ווי זיי ריידען עפּעס; און פאַרנאַכט, ווען די פויגעלעך צוזינגען זיך, בין איך זיכער, אז דאָס לויבען זיי גאָט, דאָס דאַווענען זיי מנחה אויף זייער שפּראַך, און איך וואָלט זעהר וועלען זיין ווי שלמה המלך, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די שפּראַכען פון אַלע חיות און עופות

אַמאָל לאַד איך מיינע חברים, וועלכע וואָהנען ווייט פון וואַלד. פיהר איך זיי טיעף אין וואַלד, וואו איך האָב אָבגעזוכט אַ הויכען באַרג, און דאָרט שפּיעלען מיר זיך. אַמאָל זאָג איך זיי, אז דער באַרג זאָל זיין דער באַרג סיני, און איך וועל זיין משה רבינו. איך גיב ארויס אַ באַפעהל: „כל הנוגע בהר מות יומת — ווער עס וועט אָנריהרען דעם באַרג, זאָל געטויטעט ווערען — בלייבען אַלע שטעהן פון ווייטען, און איך, משה, קריך ארויף אויפ'ן באַרג, און מיט אַלע כחות שריי איך פון דאָרט די „עשרת הדברות" — די צעהן געבאָט — און פון גאַנץ ווייט קלינגט אָב צוריק יעדעס וואָרט, גלייך ווי איינער זאָגט נאָך מיר נאָך. און אַמאָל זאָג איך זיי, אז דער באַרג זאָל זיין דער הר גלבוע, וואו די פלשתים זיינען באַפאַלען די אידען, און דער קעניג שאול און זיין זוהן יהונתן און די אַנדערע זיהן זיינען דער'הרג'עט גע־וואָרען. עס פאַנגט זיך אָן די מלחמה, די טויטע ליגען שוין אויף דער ערד, און איך, דוד, שטעה מיר אויפ'ן באַרג, און באַקלאָג זיי. מיט אַ וויינענדיגען קול שריי איך: „הרי בגלבוע, אל טל ואל מטר עליכם" — איהר, בערג פון גלבוע, קיין טוי און קיין רעגען

זאָל אויף אייך ניט קומען! און איינמאָל האָט זיך מיר פאַרגע־שטעלט דאָס גאַנצע בילד ווי דאָס איז אין תנ"ך באַשריבען: דאָס אידישע פאָלק איז צושלאָגען, אונזער קעניג ליגט טויט, און דוד קלאָגט אויף דעם אומגליק פון פאָלק, און אויף דעם טויט פון זיין טייערען ליעבען פריינד יהונתן, און ווען איך האָב אויסגע־שריען: „צר לי עליך, אחי, יהונתן" — ווען איז מיר פאַר דיר, ברודער יהונתן! — האָב איך זיך ביטער צעוויינט, און מיינע טויטע האָבען זיך אויפגעכאַפּט, און געזאָגט: „נאַרעלע, וואָס וויינסטו? מיר לעבען נאָך".

אזוי בין איך מיט אונזער נייעם פּלאַץ זעהר צופריעדען געווען, דערפאַר אָבער מיינע עלטערען זיינען געבעך שטאַרק אונצופריע־דען. איך באַמערק, אז דער טאַטע איז שטאַרק פאַרזאָרגט, און די מאַמע ווערט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר פאַרפינסטערט. איך הער זיך איין צו זייער געשפּרעך. איך הער, אז דער טאַטע איז געבליבען אָהן א שטעלע, און די קרעטשמע טראָגט ניט אפילו צו באַצאָהלען די אַרענדע. מען לעגט צו דעם קאָפּ. האָט מען זיך אזוי אָבגעמאַטערט דעם זומער און א האַלבען ווינטער.

אין א שעהנעם קאַלטען פריהמאָרגען האָט מען אַלץ פון שטוב איינגעפּאַקט אויף שליטענס, און אונז אַלעמען האָט מען אויך איינגעפּאַקט אין א גרויסען שליטען, אזוי ווי הערינג אין א פעסעל. איך הער, אז מען דאַרף פאָהרען א וויאָרסט 80, קיין מאַליסקע, צום פעטער זאַנוועל. מיין עלטערער ברודער, מרדכי, וועלכער לערנעט אין מינסק אין א ישיבה, איז געקומען זעגענען זיך. ער געהט נאָך אונזער שליטען און וויינט. דער טאַטע און די מאַמע געהען מיט איהם און וויינען אויך, און מיר אַלע וויינען אויף זיי קוקענדיג. אָנגעוויינט זיך, איז ער אוועק צוריק איינער אליין קיין מינסק, צו לערנען דאָרט תורה; און איך האָב זיך פארקוקט אויף מיין וואַלד, געזעגענט זיך מיט איהם, און גע־טראַכט: „גאָט ווייס, אויב איך וועל האָבען נאָך אזא וואַלד".

8. א פעטער אַלס ברויט-געבער.

אין מאַליסקע וואָהנט דער פעטער זאַנוועל. ער איז דער מאַמע'ס א ברודער, און זיין ווייב, די מומע חנה גיטע, איז דאָס

טאַטענ'ס א שוועסטער. דאָס הייסט א צווייעדיגער פעטער. דער פעטער איז נידעריג געוואַקסען, האָט אַן איידעלען פּנים, זעהט אויס ווי א למדן, נאָר באמת קען ער גאָרניט לערנען. ער איז נאָר א פרומער איד און א הייסער חסיד. ווען ער דאַווענט איז ער גיט מפסיק אפילו אז דער פּאַסרעדניק קומט. ער זאָגט זעהר פיעל תהלים, און לערענט ספרים אויף עברי-טייטש, אַקוראַט ווי א אידענע, אָבער ער האָט אויך פיעל אידישע ספרים. עס איז פאַראַן א צימער, וואס מען רופט איהם „חדר", ווייל דאָרט פלעגט אימער זיצען א מלמד און לערנען מיט זיינע קינדער ביז דער חתונה און נאָך דער חתונה. אין דעם חדר שטעהט א שראַנק מיט א שעהנעם ש"ס און אַנדערע ספרים. די ספרים זיינען איבער־הויפּט געווען צוליעב דעם איידעם ראובן, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן.

דער פעטער רעדט אימער ערנסט און שטיל. ער איז אימער פאַרטראַכט, קנייטשט דעם גרויסען שטערען און רעדט ווייניג און אַלע האָבען מורא פאַר איהם. די מומע חנה גיטע איז א הויכע אידענע, מיט א גוטמוטיגען פּנים, אימער מיט א שמייכעל, רעדט גיך און טוט אַלעס גיך, האַלט אימער אין קאָכען און באַקען, ווייל זאַנוועל מאַליסקער האָט געהאַט א נאָמען פאַר א גרויסען מכנים אורח. אידען וואס געהען ארום איבער די דערפער זוכען פרנסה, קומען קיין מאַליסקע נעכטיגען, אָדער אויף שבת. און די מומע חנה גיטע איז זעהר צופריעדען מיט די געסט. דערפאַר, ווען זי איז געשטאָרבען, האָט דער פעטער אויף איהר קבר, באַלד נאָך דער קבורה, פאַר דעם גאַנצען עולם געזאָגט, אַז האַלב פון דער מצוה פון הכנסת אורחים גיט ער אָב דער ווייב, אַזוי ווי מען האָט אָבגערעדט.

דעם פּלאַץ, וואו דער פעטער וואָהנט, האָט ער מיט יאָהרען צוריק ארענדירט פון דער רעגיערונג אויף נײַנציג יאָהר, צו זעכ־ציג רובעל א יאָהר. יעצט שטעהט פון איין זייט טייך א גרויסער וואַסער־מיל, און פון צווייטען זייט טייך א סוקנאַוואַלנע, יואו מען פאַרפערטיגט גוי'ישע גראָבע געוואַנט. דערצו זיינען פאַראַן פיע־לע פעלדער צוליעב זעען און צוליעב היי. אביסעל ווייטער פון טייך שטעהט א גרויסע, שעהנע, הילצערנע הויז, מיט פיעלע אַנ־

דערע גרויסע געביידען, מיט פיעלע גרויסע, שעהנע קיה און פערד, מיט א טייערען פערד צום ארויספאהען. אפילו א באד מיט א מקוה האט ער אויך. ניט ווייט פון מיהל, אויפ'ן רעכטען ברעג טייך, שטעהט א הויז פון איין גרויסען צימער מיט א פאר־הויז. אט דאס הויז האט דער פעטער פארדונגען צום טאטען פאר 75 רובעל א יאהר, אז דער טאטע זאל מעגען דארט פארקויפען בראנפען צו די גוים, וואס קומען מאהלען אין מיהל, און צו די וואס פאהרען איין מאל אין וואך אין מארק. עס פארשטעהט זיך, אז צוליעב אזא פרנסה לוינט זיך ניט צו נעהמען קיין פאטענט און ווער האט גאר געלד אויף א פאטענט? דעריבער מוז מען פאר־קויפען בראנפען בגנבה פון דער רעגיערונג, און אימער ציטערען, אז מען זאל ניט ארייגכאפען זיך אין אסטראג. ארענדע פאר א חודש האט דער טאטע אבגעצאהלט, נאר קויפען בראנפען איז קיין געלד ניט געבליבען, האט ער גענומען זיין אטלעסענע שבת'־דיגע קאפאטע, דעם שבת'דיגען טלית און צוויי גרויסע קופערנע פאנען, האט עס אבגעגעבען אלס משכון צום קריוויצער גביר, וועל־כער האט געהאט א ברויז פון בראנפען און האט גענומען אן עמער בראנפען.

9. איך וויל זיין ווי דוד המלך.

דער ווינטער איז שוין אוועק. עס קומט אן דער פריהלינג. די פיעלע שנעען צוגעהען שוין, דער טייך צושפרייט זיך אלץ ווייטער און ווייטער. דער מיהל איז פארטרונקען, מען קען ניט מאהלען, אין מארק פאהרט קיינער ניט איבער די וואסערען. ניטא ווער צו פארקויפען בראנפען. אויף שבת ניטא קיין חלה, ניטא קיין פלייש, אקוראט ווי אין מיטען וואך. עס געהען דורך עטליכע וואכען, די וואסער פאלט ניט אב, מיר זיצען ווי נח אין זיין קאסטען. אין שטוב איז שוין קיין ברויט אויך ניטא. מען קומט אב מיט אביסעל בולבע און מיט עפעס א שווארצער קאשע. נאך אביסעל און קיין בולבע איז שוין אויך ניטא. די קלענערע קינדער רייסען די מאמען פאר'ן קליידעל און בעטען עסען. זי וויינט, און געהט אוועק אין א דארף פאר עטליכע וויארסט, בארגט

ביי א גוי א האַלבען זעקעל בולבע, איילט זיך אהיים, געלאָזען הונגעריגע קינדער, ווייל איינשפּאָרען וועג, זוכט אָב א קירצערע וועג, נעהענטער צום טייך און פאַלט אריין אין א זומפּ, אז זי קען ניט ארויס. האָט גאָט א נס געטאָן, גוים כאַפּען פיש ניט ווייט, דערהערען זיי א געשריי, קומען זיי צולויפען און שלעפּען זי קוים ארויס. אויסגעשמירט אין גאַנצען אין בלאָטע, אויסגעשלאָגען פון די כחות, פאַלט זי אריין אין שטוב, ווארפט אראָב דעם זעקעל בולבע, צואווייִנט זיך, און פאַנגט אָן צו חלש'ן.

מיר שטעלט זיך פאַר די געשיכטע פון תנ"ך. עס איז א מלחמה, דוד המלך איז דורשטיג, און קיין וואסער איז ניטאָ. געפינען זיך דריי גבורים, וועלכע לאָזען זיך אין גרויסע סכנות און ברייִנגען וואסער פאַר זייער מלך; אָבער דוד המלך וויל אזא וואסער ניט טרינקען, ווייל מענשען האָבען זייער לעבען אייִנגעשטעלט אין סכנות. מיין מאַמע האָט דאָך אויך אייִנגעשטעלט איהר לעבען אין סכנות, טראַכט איך מיר, פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין ווי דוד המלך? איך וועל ניט עסען די בולבע, באַשליס איך, און נעם זיך חזר'ן מיין חומש. די מאַמע צוטיילט שוין אַלעמען צו צוויי בולבעס. נעבען מיר ליגען אויך צוויי ווייסע בולבעס, אביסעל אָנגעשפּאָלטען, קענטיג מעהליגע. די קינדער עסען שוין, נאָר איך האַלט זיך איין. דער ריח פון די בולבע צושפּרייט זיך איבער'ן גאַנצען שטוב און קיצעלט מיר אין נאָז, און דער יצר הרע רעדט מיך אָן: „נאַרעלע, דו ביסט דאָך ניט דוד המלך, און אפילו ער האָט זיך געקענט אייִנהאַלטען פון אביסעל וואסער, אָבער ווער קען זיך דאָס אייִנהאַלטען פון אזעלכע געשמאַקע בולבע, ווען מען איז הונגעריג? איך מאַך א ברכה און עס, נאָר עס ווערגט מיך, עס ווילט זיך וויינען, קוקענדיג אויף דער בלייכער מאַמען.

אין גיכען איז דער ליעבער פריהלינג אָנגעקומען. עס האָט אָנגעפאַנגען צו שפּראָצען און וואַקסען. די ערשטע זאַך איז אויסגעוואַקסען קראָפּעווע, אַט די גראָז, פון וועלכער עס ווערען ווייסע בלאָטערען, ווען מען ריהרט עס אָן מיט'ן היילען לייב. די מאַמע רייסט אָן די קראָפּעווע, בריהט עס מיט הייסע וואסער, צוהאַקט

און קאכט עס אב, און גיט אונז עסען, און איך דאנק גאט וואס די געקאכטע קראפּעווע בייסט ניט פאר'ן צונג.

10. איך העלף דעם טאטען ארבייטען.

ווען דאס וואסער איז שוין אבגעפאלען, האט דער טאטע זיך געשטעלט ארבייטען ביים פעטער אין סוקאנאוואלנע. די פויערים, וועלכע וועבען אליין די גראבע געוואנט, ברייגנען אהער צו פערפערטיגען. די געוואנט לעגט מען צונויף, און מען לעגט עס אריין אין אזעלכע טיפע הילצערנע קארעטעס. דאס וואסער דרעהט א גרויסע ראד. אין ראד איז פאראן א גראבע קלאץ, אין קלאץ זיינען פאראן ברייטע הילצערנע ארמס, וועלכע הויבען זיך און לאזען זיך אראב און קלאפען די געוואנט. די געוואנט מוז מען אפט באגיסען מיט הייסע וואסער, און צוליעב דעם איז פאראן א גרויסער קעסעל איינגעמויערט אין א לאנגען אויווען, וועלכען מען הייצט מיט לאנגע גראבע האלץ. אזוי ווי די געוואנט ווערט אפט צונויפגעדרעהט אין די קארעטעס, מוז מען ארויסנעהמען די נאסע גרויסע שטיקער געוואנט, צונויפלעגען ווי געהעריג, און צוריק ארייינלעגען און באגיסען. ווען דאס ווערט פארטיג נעהמט מען עס אין דרויסען, מען צוהענגט און מען לאזט טריקענען. מיט איין ווארט דאס איז זעהר א שווערע ארבייט, און מען מוז דא זיין ביי טאג און ביי נאכט, און אזוי ווי פאר איינעם איז כמעט ווי אונמעגליך, בין איך אימער געווען מיט'ן טאטען. איך בין דאך שוין אלט געווען אכט מיט א האלבען יאהר, און האב געקענט העלפען איהם.

פאר דער ארבייט האט מען זיך באדונגען אכט רובעל א חודש, נאר דער פעטער פלעגט אראברעכענען זעקס רובעל פאר דער שטוב, און מיר זיינען טאקע ווייטער גאנץ אפט געזעסען אהן ברויט. די גאנצע וואך, פון שבת נאכט ביז דעם נעקסטען פרייטאג פאר נאכט, האבען מיר געלעבט אין סוקנאוואלנע. דא האב איך געהאט א געלעגער צו שלאפען. איך האב זיך צוגעוואהנט צום רוישען און קלאפען, און פלעג זיך גאנץ געשמאק שלאפען, סיידען, ווען איך פלעג זיך לעגען הונגעריג, האט זיך מיר עפעס ניט געשלאפען.

11. אליהו הנביא'ם נס.

איינמאָל האָב איך זיך געלעגט שלאָפען זעהר הונגעריג. שוין עטליכע טעג קיין ברויט ניטאָ, מען לעבט מיט בולבע. איך האָב אָבגעלייענט קריאת שמע און לאַנג געוואָרפען זיך פון איין זייט אויפ'ן צווייטען ביז איך בין איינגעשלאָפען, נאָר לאַנג שלאָפען, האָט קענטיג מיין קינדערשער הונגעריגער מאָגען ניט געלאָזען. איך כאַפּ זיך אויף, ווען עס איז נאָך פינסטערלעך, און באשלים אויפצושטעהן און זיצען מיט'ן טאַטע'ן. ער זיצט דאָך נעבאַך א גאַנצע נאַכט. איך נעהם זיך אָנטון, און צו מיין גרעסטען וואונדער דערזעה איך נעבען מיינע זאַכען א האַלבען לאַבען ברויט. איך גלויב ניט מיינע אויגען. פיליכט זעה איך דאָס אין חלום. איך וואָלט וועלען איבערצייגען זיך און א טאַפּ טאָן, טאָר מען אָבער ניט אָהן נעגעל־וואַסער. מען מוז פריהער וואַשען די הענד און זאָגען על נטילת ידים. קוק איך זיך צו בעסער, און זעה דייטליך אַן אמת'ן האַלבען ברויט. ווי קומט אָבער אהער ברויט? און איך דערמאָן זיך, וואָס אין תנ"ך שטעהט געשריבען. ווען אליהו הנביא איז ניט ווייט פון ירדן געזעסען, האָט ער וואַסער צום טרינקען גענוג געהאַט, ווי איך האָב דאָ פון אונזער טייך, אָבער קיין עסען האָט ער ניט געהאַט, אַזוי ווי איך האָב ניט, האָט גאָט ראָבען געשיקט, דאָס זיינען אַזעלכע פויגלאַך, און זיי האָבען דעם נביא ברויט און פלייש געבראַכט אין דער פריה און פאַרנאַכט.

איך שפּרינג אַראָב פון מיין געלעגער, גיס אָב נעגעל־וואַסער, כאַפּ דעם ברויט און לויף צום טאַטע'ן, ווייז איהם דעם ברויט, און דערמאָן איהם די מעשה מיט אליהו הנביא און מיט די ראָבען. „ניין, מיין קינד," זאָגט דער טאַטע, מיט א טיעפען זיפץ, יעצט טרעפען ניט אַזעלכע נסים, דאָ איז דער פעטער שמעון געווען ביי דער נאַכט, האָט ער געמוזט איבערלאָזען,". דער פעטער שמעון איז דער מומע חנה גיטעס פאָטער. ער איז געקומען זעהן זיך איידער ער פאָהרט אַוועק קיין ארץ ישראל. איך קוק אויפן ברויט ווי א זולל וסובא, איך וואָלט איהם, דאכט זיך, אין גאַנצען איינגעשלונגען, טאָר מען אָבער ניט, עס איז שוין טאָג, דאַרף מען פריהער דאַוונען. צו פאַרטרייבען דעם יצר הרע מאַך איך א שמועס

מיטן טאַטען, און פרעג איהם, „פאַרוואָס טרעפען איצטער ניט אזעלכע נסים?" — „ווייל מיר זיינען יעצט זינדיג", ענטפערט דער טאַטע — „מיט וואָס זינדיגען מיר?" — פרעג איך איהם. טוט דער טאַטע א שמעק טאַבאַק און זאָגט מיר: „אַט פרעג ניט קיין קשיות, געה בעסער מיט'ן ברויט אהיים."

לויף איך אהיים מיט דער גוטער בשורה, וועק אויף אַלע קינדער, און שטעל זיך דאַווענען. די קינדער עסען שוין, און איך דאַווען נאָך, און היינט איז מיר דער דאַווענען געווען אביסעל צו־לאַנג, און איך האָב שוין געוואָלט איבערהיפּען, נאָר איך דערמאָן זיך וואָס דער טאַטע האָט ערשט געזאָגט, אז מיר זיינען זינדיגע. „אליהו הנביא", טראַכט איך מיר, האָט געוויס ניט געקלערט צו היפּלען אין דאַווענען".

12. דער טאַטע איז מיין רבי.

דער טאַטע איז איצטער מיין רבי. ער לערנט מיט מיר חומש מיט רש"י, דערצו נאָך משלי און פרקי אבות. און איך האָב זעהר ליעב זיין לערנען. יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט, קריכט מיר טיעף אין הארצען. ער גיט גוט צו פאַרשטעהן און רעדט זעהר שעהן. איך חזר איבער יעדע זאַך און געדענק זעהר גוט. פיעלע פּסוקים פון משלי און שטיקלעך פון פּרק געדענק איך אויף אויסווענינג.

ווען איך לערען ניט, און דאַרף דעם טאַטען ניט העלפען אר־בייטען, האָב איך ליעב צו זיין אין דרויסען. די טייך פליסט זיך שטיל, ארום ברעג וואַקסט גראָז, בלומען און קוסטעס יאַגעדעס (בערים), איך זעה ווי יעדער זאַך קריכט פון דער ערד, שפּראָצט, וואַקסט און בליהט, און די גאָט'ס באַשעפענישען זיינען אזוי פרעהליך, די היישעריקען שפּרינגען זיך און טאַנצען, די מוראַשקעס פליהען ארום און שלעפען ווער וואָס עס כאַפּט, גאָט'ס בהמה'לעך שפּאַצירען זיך ארום מיט גדלות, און איך לויף אויך ארום א באָר־פוסער צווישען זיי אַלעמען און פרעה זיך אויך מיט דעם זומער. עס איז טאַקע פּשוט א מחיה. מען באָד זיך עטליכע מאָל א טאָג, מען כאַפּט פיש, מען קלייבט און מען עסט וויינפּערלעך און מאַ־לינעס, אָדער איך געה מיט דער עלטערער שוועסטער אין וואַלד

פאר א פּאָר וויארסט קלייבען דאָרט שוועמעלעך און שווארצע יאגעדעס, און איך קום אהיים מיט א שווארצען מויל און היילינגע צייהן, אז מען קען גאָר ניט קייען. נאָך שפּעטער אין זומער דאַרף מען קלייבען נים.

גאַנץ ווייט פון דער היים, נאָהענט פון ברעג טייך, ציהט זיך א לאַנגער הויכער בארג בעדעקט מיט ניסען בוימער פון שפּיץ בארג ביז אראָב צום טייך. איך קלעטער אויפ'ן בארג מיט דער גרעסטער שנעלקייט, יאָג זיך נאָך וועווערקעלעך, וועלכע שפּרינגען פון איין בוים אויפ'ן צווייטען און קנאַקען ניסלעך, ביז איך קלייב אָן א פולע טאָרבע מיט נים און לויף אהיים מיט שמחה.

13. איך שרייב אויפ'ן זאַמד. — איך גנב'ע פּאַפּיער און כאַפּ שמייץ.

מיין עלטערער ברודער מרדכי לערנט אין מינסק. זעהר זעל־טען קומט פון איהם א בריעף, וועלכען ער שיקט דורך די דאַל־הינעווער קרעמער. ערשט איז אָנגעקומען פון איהם א בריעף. דער טאַטע לייענט פאר דער מאַמע'ן דעם לשון קודש'דיגען בריעף און פאַרטייטשט. די מאַמע זאָגט נאָך יעדען וואָרט און וויינט. איך בעט ביים טאַטע'ן דעם בריעף. איך זעה שעהנע קיילעכ־דיגע אותיות, נאָר לייענען קען איך ניט. שרייבען האָט מען מיך נאָך ניט געלערנט. בעט איך דעם טאַטע'ן, אז ער זאָל מיט מיר איבערלייענען דעם בריעף, ער לייענט מיט מיר איבער, און פאַר־טייטשט מיר די שווערע ווערטער. איך געה אוועק צום ברעג טייך, לעג זיך אוועק אויפ'ן געלען זאַמד, און מיט די פינגער שרייב איך אויף דעם פייכטען זאַמד יעדען וואָרט ווי אין בריעף. אפילו דעם „שלום" אויסגעדרעהט פּונקט ווי אין בריעף.

אין א וואָך צייט האָב איך שוין דעם גאַנצען בריעף אייניגע מאָל איבערגעשריבען אויפ'ן זאַמד, און מיר פאַרגלוסט זיך עפּעס אַנדערס צו שרייבען, און טאַקע שרייבען ניט אויפ'ן זאַמד. אין שטוב איז אָבער ניטאָ ניט קיין טינט און ניט קיין פעדער און ניט קיין פּאַ־פּיער, נאָר וועגען טינט און פעדער האָב איך זיך אַן עצה געגעבען, אָנגעשאַרט סאַזשע פון קוימען, אריינגעשאָטען אין א פלעשעלע,

אָנגעגאָסען וואסער, אויסגעמישט, געלאָזען שטעהן, און ווייטער גע־מישט ביז עס האָט אויסגעזעהן גאַנץ שווארץ, און א פעדער האָב איך באקומען פון א געגזענעם פליגעל, וואָס די מאמע האָט גע־האַט פון אמאָל, איך האָב אָנגעשארפט א גרויסען מעסער און גע־מאכט א פען. אלעס פארטיג, נאָר, וואו נעהמט מען פּאַפּיער? און איך דערמאָן זיך, אז ביים פעטער זיינען פאראַן אזוי פיעל ספרים, און אין יעדען ספר איז פון ביידע זייטען פאראַן א ריינער בלאט פּאַפּיער. לויף איך צום פעטער, גנב׳ע זיך אריין אין חדר, ריים אויס עטליכע ריינע בלעטער, קום היים, נעהם א נאָדעל, מאַך א ביכעלע, און זעץ זיך איבערשרייבען פסוקים פון משלי. מיין טינט איז עפּעס געלבלעך, לאַנג טריקענט עס ניט, און ווען עס טריקענט אויס, איז קוים וואָס מען קען לייענען. דאָך האָב איך אין איינינע טעג פארשריבען מיין ביכעלע, איך לויף ווייטער אָנ־רייסען פּאַפּיער פון די ספרים.

צום אומגליק האָט מען מיך געכאפּט גלייך ביי דער ארבייט, און באלד איז אריין דער פעטער, האָט מיך אוועקגעלעגט, גוט אָב־געשמיסען, גערופען מיך „גנב״ און נאָך מיאוס׳ע נעמען, און האָט מיך ארויסגעטריבען. לויף איך אָן אָבגעשמיסענער, אָהן פּאַפּיער, און איך בין זעהר אין כעס אויפ׳ן פעטער. פארוואס האָט ער מיך גערופען גנב? איך האָב דאָך אויסגעריסען די פּאַפּיער, ווייל קיינער דארף עס ניט האָבען. ער מיינט, אז איך דארף די פּאַ־פּיער צו שפּיעלען זיך דערמיט. ער וויים גאָר ניט, אז איך דארף שרייבען, און פאר וואָס צו קויפען פּאַפּיער איז ניטאָ. איך מיט׳ן טאטע׳ן ארבייטען, און מיר האָבען ניט אפילו קיין ברויט. די געלד וואָס מיר פארדיענען נעהמט ער צו פאר ארענדע. וואָס מעהר איך טראַכט, ווער איך אלץ מעהר אין כעס אויף איהם, און איך באשליס, אז איך מוז פון איהם נקמה נעהמען, און איך האָב טאקע דערהיט, ווען ער איז ניטאָ אין דער היים, האָב איך זיך ארייננעכאפּט אין חדר, און האָב מיט כעס אויסגעריסען אלע ריינע בלעטער פון אלע ספרים.

אין א קורצער צייט ארום דערלאַנגט מיר דער טאטע א פלע־שעלע מיט אמת׳ע טינט און א פעקעלע מיט גרויסע בויגענס פּאַפּיער, וועלכע דער מילנער האָט געבראַכט פון שטעדטעל. „דאָס

איז פאר דיר", זאָגט דער טאַטע, און קוקט מיר גלייך אין די אויגען, גלייך ווי ער וויל נאָך עפּעס זאָגען. איך דענק, אז ער מוז שוין וויסען די גאַנצע מעשה, און איך לאָז אראָב מיינע אויגען. דער טאַטע קעהרט זיך אָב און געהט אוועק.

אין א פּאָר טעג ארום, ווען מיר האָבען געלערנט, טוט דער טאַטע א זאָג: „לערנען און קענען די תורה איז זעהר שעהן, אָבער נאָך שעהנער איז, אז מען היט אָב, וואָס די תורה לערנט אונז, און פון קינדוויי אָן מוז מען זיך געוואָהנען אָבצוהיטען, אָט, צום ביי־שפּיעל, די תורה זאָגט צוויי מאָל „לא תגנוב", דו זאָלסט ניט גנב'נען, דאַרף א קינד היטען זיך ניט צו גנב'ענען קיין זאַך, אפילו א קנעפּעל, אפילו א פּאַפּירעלע." דער וואָרט פּאַפּירעלע האָט מיר א שטאָך געטאָן אין הארצען. איך בין זיכער, אז ער וויים, און טרערען האָבען זיך געשטעלט ביי מיר אין די אויגען. דער טאַטע האָט באַלד אָנגעפאַנגען ווייטער צו לערנען.

14. איך האָב זעהר ליעב מעשות.

געקומען דער ווינטער. דער יאָהר איז געוועזן א געראָטענער. פּיעלע גוים קומען אין מיהל, קויפען זיי ביי אונז בראַנפען און הערינג, און טאַקע ביי אונז אין שטוב עסען זיי און טרינקען. מיר האָבען שוין אַלע מאָל ברויט אין שטוב, און אמאָל טאַקע פליישׁ אויך, דאָס הייסט ניט קיין פליישׁ, נאָר לונגען־לעבער און מילץ. דערפאַר אָבער קאָן דער טאַטע מיט מיר ניט לער־נען, וויל אין שטוב איז אַלע מאָל ווי א יריד. לויף איך מיר אין דרויסען, מאַך פון שנעע א באַבע אָדער א בער, גליטש זיך אביסעל, און לויף צוריק אין שטוב, וויל מיינע קליידער זיינען צו זומערדיג, נאָר אויף די פּיס האָב איך וואָלענע זאָקען, וואָס די מאַמע האָט אויסגעארבייט, און אויפ'ן האלז האָב איך עפּעס אָן אַלטע, צוריסענע טיכעל.

שפּעט ביי דער נאַכט, ווען די גוים צופאָהרען זיך, זעצען מיר זיך ערשט לערנען. אין שטוב שמעקט דער רויך פון טאַבאַק, פון בראַנפען פון הערינג און נאָך אנדערע פּאַסקודנע ריחות, דערשטיקט צו ווערען, און מיר לערנען גמרא, וועגען אָן אָקס

וואָס האָט אַ שטוים געטאָן אַ קוה, און נאָך אַזעלכע זאַכען. מיר קריכט עס ניט אין קאָפּ. איך וויל גאָר שלאָפען, און איך טראַכט מיר, וואו האָבען גאָר אידען אָקסען? הלואי וואָלטען מיר געהאַט כאָטש אַ ציג.

מיט אונגעדולד וואַרט איך אויף פרייטאָג צו־נאַכט, ווען נאָך וועטשערע קומט צו אונז מיכאל דער מיהלנער מיט זיין ווייב. מען עסט באָב, און דער טאַטע פאַנג אָן צו דערצעהלען מעשות. איך קריך אַרויף אויפ'ן אויווען, ציה מיך אויס ווי אַ גראַף, און קוק מיר ווי די ליכטעלעך פאַנגען אָ צו צאַנקען, און די פייערלעך שאָקלען זיך און געהן אויס ביסלעכווייז. אין שטוב ווערט פינסטער, און דער טאַטע דערצעהלט אַ שעהנע מעשה פון רייזענדע אויפ'ן ים: עס ווערט אַ שטורם, די שיף צוברעכט זיך, און גאָט טוט אַ נס, אַלע ווערען גערעטעט. איך הער, און מיר ווילט זיך זעהר זעהן אַ ים. איך פאַרמאַך די אויגען און וויל זיך פאָרשטעלען ווי לאַנג און ברייט אַ ים קען זיין. ווען די אידען זיינען פון מצרים געגאַנגען האָבען זיי אַ ים געזעהן, אָבער ווען קאָן איך זעהן אַ ים? און דער טאַטע פאַנגט אָן צו דער־צעהלען אַ שרעקליכע מעשה פון אינקוויזיציע: אידען ווילען ניט שמד'ן זיך, פייניגט מען זיי, מען וואַרפט זיי אין פייער, און זיי שרייען „שמע ישראל". מיינע אויגען צועפענען זיך שטאַרק. איך זעה דאַכט זיך די ברענענדיגע מענשען. מיין האַרץ פאַר־קלעמט מיר, איך וויין שטילערהייט, און טראַכט מיר: „וואָלט איך געקאָנט ביישטעהן אַזאַ נסיון?" און אַמאָל דערצעהלט גאָר דער טאַטע, ווי ער פלעגט פאָהרען מיט'ן וואַסער אין די ווייטע געגענדען, אַז קיין כערסאָן, און ער דערצעהלט, אַז דאָרט איז אַ לאַנד, וואו אידען האָבען אַ פולע פרנסה, און איך טראַכט מיר: „וואָס ביסטו אַוועק פון דאָרטען? ווען איך וועל זיין אַ גרויסער, וועל איך פאָהרען אַהין. וועל איך אויך האָבען אַ פולע פרנסה, און, אַז מען האָט פרנסה האָט מען אַלע מאָל ברויט און גאַנצע קליידער."

ווען מיכאל מיט זיין ווייב זיינען שוין אַוועק אַהיים, און אַלע שלאָפען שוין, ליג איך מיר און חזר די מעשות; נאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט חלום'ז זיך די מעשות ביז דער טאַטע וועקט מיך

אויף מיט זיין תהלים זאָגען. ער שטעהט אויף א פּאָר שעה פארטאָג. אין שטוב איז פינסטער, און דער טאַטע זאָגט זיך דעם תהלים מיט אזא זיסקייט און געבעט, אז מיר ווילט זיך וויינען.

דער ווינטער איז אוועק, און דער זומער איז געקומען. איך העלף ווייטער דעם טאַטען אין סוקנאַוואַלנע און איך געפין אויס, אז פריידע, דעם פעטער זאנוועל'ס טאָכטער, האָט פיעלע ביכלעך מיט שעהנע מעשות. נעהם איך ביי איהר און לייען זעהר פיעל. איך ליג מיר אויפ'ן גראָז און לייען פון צדיקים, פון מתים, פון שדים, און אמאָל נעהם איך ביי איהר מוסר ספרים, וואו עס איז באַשריבען דער גן עדן מיט גיהנם. איך לייען זיך אָן און בלייב ליגען. אין קאָפּ פּלאָנטערען זיך פארשיידענע געדאנקען. קוק איך אויפ'ן הימעל, ווילט זיך מיר דערזעהן דאָרט דעם גן עדן מיט די צדיקים, אָדער דעם גיהנם מיט די רשעים. טו איך א קוק אויף דער גרויסער ראָד פון וואסער-מיהל, דאכט זיך מיר, אז שדים טאַנצען דאָרט, און ביי דער נאכט מוזען דאָרט מתים טובל'ן זיך. דאָך רייס איך זיך אָב פון די געדאנקען, באָד זיך גוט אָב, קלייב יאַגעדעס ארום טייך, כאַפּ אָן פיש מיט אן אודקע און לויף אהיים.

15. דער בלינדער פעטער לאַטע ווערט מיין רבי, און איך לערען זוהר.

דעם פעטער זאנוועל'ס זיהן האָבען די לעצטע צייט געלע־רענט אין שטאָדט. יעצט, אויף ווינטער, נעהמט ער א מלמד אין שטוב. דער מלמד איז מיין פעטער לאַטע, דעם פעטער זאנוועל'ס און מיין מאַמע'ס א שוואָגער. דער פעטער לאַטע איז א בלינדער. ער איז באוואוסט פאר א גרויסען למדן, עהרליכען אידען און אָלס א גרויסער חכם. אויף די אויגען איז ער קראַנק געוואָרען, ווען ער איז געווען נאָך א יונגער מאַן. אומגעפאָהרען קיין אויסלאנד, און דאָרט האָט מען געזאָגט, אז קיין היילונג איז ניטאָ, ער וועט בלינד ווערען. אז דער פעטער האָט דערהערט אזא געשיכטע, האָט ער גענומען פארזאָרגען זיך אויף שפּעטער;

אויסגעלערענט אויף אויסווענדיג פיעל משניות און אנדערע זאכען, אָהן וועלכע אַ איד קען ניט לעבען.

די אָרומיגע שטעדט האָבען איהם פיעלע מאָל געבעטען, אַז ער זאָל וואָהנען אין שטאָדט, און מען וועט איהם פאַרזאָרגען מיט אַלעס, נאָר ער זאָגט, אַז ער האָט פיינד אַ שטאָדט, און וויל ניט אָנקומען צו לייטען; וואָהנט ער זיך אין אַ דאָרף, אין אַ קליין שטיבעלע ביים ברעג דאָרף. אַמאָל קנעלט ער מיט אַפּאָר קינדער, וואָס מען שיקט צו איהם פון די אַרומיגע דערפער, אָבער די הויפּט פּרנסה ברייננגט אריין די מומע. זי מאַכט זאָקען און פליקט פעדערען פאַר די אַרומיגע פּריצים און גלחים, און זיי צאָהלען איהר גוט, ווייל זיי ווייסען, אַז איהר מאַן איז אַ בלינדער און אַ גרויסער צדיק. ביים פעטער אין שטיבעלע האָט מען געקענט גאָר אָפט זעהן גרויסאַרטיגע געסט. אַזוי ווי ער האָט געוואָהנט אויף אַ גרויסען פּאָסט וועג, און דאָ איז טאַקע געווען אַ פּאָסט סטאַנציע, פלעגען איהם באַזוכען רבנים, גבירים־לומדים, וועלכע פלעגען דאָ דורכפאָהרען. יעדערער האָט געפונען פאַר נויטיג זעהן זיך מיט איהם.

מיין טאַטע האָט אויך ליעב געהאַט פאַרברייננגען מיט איהם, פלעגט ער גאַנץ אָפט געהן צו איהם. אין גאַנצען איז דאָס געווען אַ וויאָרסט אַכט פון אונז, פלעג איך אויך געהן. זומער פלעגען מיר אָפט טרעפען איהם אין וועלדעל, ניט ווייט פון זיין הויז. ער זיצט זיך אונטער אַ בוים און זאָגט משניות, אָדער עפּעס אַן אַנדער זאַך. מיט אונזער קומען פלעגט ער זעהר צופריעדען זיין. מיט'ן טאַטען האָט ער פאַרבראַכט אין תורה, און מיך פלעגט ער פאַרהערען, און זאָגען, אַז איך בין אַ גוטער איינגעל. אַמאָל פלעגט די מומע מאַכען טעע פאַר אונז, נאָר קיין גלעזער האָט זי ניט געהאַט. גיסט זי אריין די טעע אין אַ ליימענער שיסעל, גיט פּיצעלעך צוקער, און מען טרינקט עס מיט לעפעל. אָט דער בלינדער פעטער איז דאָס אָנגעקומען פאַר אַ מלמד צו זיין רייכען שוואָגער. דעם גאַנצען טאָג און דעם אָוונד האָט ער געמוזט אָבגעבען דעם פעטער'ס קינדער, פאַר וועלכע ער האָט דאָך געגומען געצאָהלט, און מיט מיר האָט ער געלערענט פאַר טאָג, אָהן שכר למוד.

מען וועקט מיך א פּאָר שטונדען פאַרטאָג, און אין די גרעס־טע שנעען און פרעסט לויף איך אין חדר איינער אליין אין דער פינס־טער ווען איך קום אריין געפין איך דעם פעטער לאַטע שטעהענ־דיג אין דער פינסטער נעבען הרובע, ווארימט זיך און זאָגט משניות אויף אויסווענינ. ער באַגעגענט מיך פריינדליך, הייסט מיר אָנ־צינדען דעם לעמפּעל, רופט מיך צום הרובע אָנוואַרימען זיך. טאַפּט מיך און גלעט מיך, און פרעגט מיך די גמרא, וואָס מיר האָבען נעכטען געלערענט. נאכהער זעצט מען זיך לערנען גמרא, און מען לערענט א פּאָר שעה נאָכאַנאַנד. איך זאָג, און ער זאָגט נאָך וואָרט אין וואָרט, און אמאָל פאַרכאַפּט ער און זאָגט נאָך פריהער פון מיר, און ער ערקלערט מיר יעדער זאַך אזוי גוט, אז איך פאַר־שטעה דייטליך וואָס די גמרא זאָגט.

נאָכ'ן לערנען זאָג איך פאַר איהם זוהר, און ער זאָגט נאָך יעדען וואָרט און פאַרריכט מיר די גרייזען. זעהר שווערע עברי פאַר מיר, און איך וויים ניט וואָס איך זאָג, איך וויים נאָר, אז דאָס איז קבלה, און דער פעטער זאָגט מיר, אז דאָס זאָגען אליין איז גוט פאַר דער נשמה. איך זאָג, און ער זאָגט נאָך, און שאָקעלט זיך, קנייטשט דעם גרויסען שטערען און פאַרדרעהט די בלינדע אויגען ארויף, און די ווייסעכלעך פון די אויגען פליהען ארום פון איין זייט אויפ'ן צווייטען, אז א שרעק כאַפּט מיך אָן. אמאָל טרעפט, אז ער פאַנגט אָן צו ריידען, גלייך ווי ער רעדט צו יע־מאַנדען, און איך כאַפּ אונטער וואָס ער רעדט, און אמאָל רעדט ער טאַקע צו מיר, פאַרטייטשט און גיט מיר צו פאַרשטעהן, און ביסלעכווייז הויב איך אָן עפּעס צו פאַרשטעהן. איך וויים שוין, אז דער זוהר זאָגט, אז די גאַנצע תורה מיט אלע מצוות און אלע מעשות האָבען גאָר אַנדערע פאַרבאָרגענע מיינונגען, העכערע כונות, וואָס מען רופט סתרי תורה, אָדער די נשמה פון דער תורה, און וועה איז צו דעם מענשען, וועלכער דענקט, אז די מעשות אין דער תורה זיינען פּראָסטע מעשות, און מיר ווילט זיך זעהר וויסען די סודות פון דער תורה. דער פעטער זאָגט אָבער, אז מען דאַרף זיין א גרויסער עהרליכער איד, אום מען זאָל קאָנען פאַרשטעהן די סתרי תורה, און גאָר דעם אמת פאַרשטעהען נאָר גרויסע צדיקים, און מיר ווילט זיך זעהר ווערען א גרויסער צדיק.

16. אונזער שטוב גערט אוועק מיט׳ן וואַסער.

דעם ווינטער זיינען געווען גרויסע שנעען, און ווען דער טייך האָט פאַר פסח געלאָזן, איז געוואָרען אַ פאַרפלייצענעס. דאָס וואַסער האָט מיט אַ מאָהל אַ שפּאַר געטאָן, האָט צוריסען די הרעבלע (דעם), און מיט אַ שרעקליכען געשרייש גענומען זוכען זיך אַ וועג אַרום דעם הויכען בערג, וואו אונזער שטוב שטעהט. גרויסע שטיקער ערד פאַלען אונטען פון בארג, איין שטיק נאָכ׳ן צווייטען. אַלע שטעהען אין דרויסען. דאָס וואַסער קומט צו. גרויסע שטיקער אייז פליהען, קריכען איינע אויף די אַנדערע, טונקען זיך אונטער׳ן וואַסער און שפּרינגען צוריק אַרויס; דאָרט פליהט אַ גאַנצער בארג אייז, אַ טראַך אין בריק, אַז די ערד האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן, און אַ האַלבער בריק איז אַוועק מיט׳ן וואַסער. אַלע בלייבען שטעהן צוטומעלט און דערשראָקען. העלפען קען מען ניט. דאָס וואַסער ווערט אַלץ העכער. עס קאָכט ווי אין אַ קעסעל־גרוב, ווי שדים קריכען פון אָבגרונד, און די כוואַליעס (וועלען), שטופּענדיג איינע די אַנדערע און שפּרינגענדיג איינע איבער די אַנדערע, ווארפען זיך מיט אַ ווילדקייט אויף אַלץ וואָס פאַרשטעלט זיי דעם וועג, און איבערהויפּט רייסען זיי שטיקער פון אונזער בערג. יעדער מינוט זעהען מיר ווי פון אונטען פאַלען שטיקער ערד, און דאָס וואַסער ווערט אַלץ נעהנטער אונטער אונזער שטוב.

מען טראָגט שוין אַרויס אַלעס פון אונזער שטוב. מיט אַמאָהל דערהערען מיר אַ מורא׳דיגען פאַל אין וואַסער אריין, דאָס איז שוין פון אויבען איינגעפאַלען אַ שטיק בארג. דער טאַטע הייסט אַלעמען פאַרלאָזען די שטוב. מיר שטעהען פון ווייטען, און דער בערג שפּאַלט זיך שטיקערווייז און פאַלט, אַ האַלבע הויז הענגט שוין אין דער לופטען. מיר רוקען זיך אָב ווייטער, נאָך אַ שטיק בערג איז אַראָבגעפאַלען, און די גאַנצע שטוב האָט געגעבען אַ פאַל אין וואַסער, אָבגעטוקט זיך, אַרויסגעשפּרונגען און אַוועקגעשוואומען ווי נח׳ס קאַסטען אין דעם מבול.

17. אויפ'ן עלפטען יאָהר פאַנג איך אָן צו עסען טעג.

פסח זיינען מיר געווען ביי דעם פעטער זאַנוועל אין שטוב. יום טוב הער איך ווי דער טאַטע זאָגט צו דער מאַמען, אז נאָך פסח דאַרף ער די ערשטע זאַך פאַרזאָרגען מיך. „שוין אַלט צעהן מיט א האַלבען יאָהר, וואס וועט זיין דער תכלית?״ זאָגט ער און זיפצט. איך הער ווי ער זאָגט, אז ער וועט מיך אוועקפיהרען קיין קורעניץ. ער וועט זיך א כח אָנטאָן און צאָהלען שכר למוד פאַר מיר, און עסען וועל איך טעג.

וואָס הייסט עסען טעג פאַרשטעה איך נים. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז אָרימע קינדער, וועלכע ווילען לערנען, פאָהרען אין שטאָדט, זעצען זיך לערנען, און עסען גיט מען זיי אומזיסט. איין טאָג אין איין הויז, און א צווייטען טאָג אין אַן אַנדער הויז. באַלד נאָך פסח איז דער טאַטע מיט מיר צו פוס אוועקגעגאַנגען קיין קורעניץ. אין גאַנצען נאָר עטליכע און צוואַנ־ציג וויאָרסט פון אונז. ער גיט מיך אָב לערנען צו דעם פעטער לאַטעס א זוהן, א גוטער מלמד, און ער נעהמט נאָר אַכט רובעל א זמן פאַר מיין לערנען, און קוואַטיר גיט ער מיר אומזיסט, און מיט די טעג וועט ער מיך פאַרזאָרגען.

דער טאַטע האָט מיר איבערגעלאָזען א פּאָר קאָפּיקעס, און איז אוועק אַהיים, און איך האָב זעהר שטאַרק געוויינט. אין א פּאָר טעג ארום זאָגט דער רבי, אז איך האָב שוין פינף טעג, שבת און זונטאַג פעהלען נאָך, וועל איך דערווייל זיין ביי איהם. דעם רבי'ם מיידעל פיהרט מיך אויף דעם ערשטען טאָג. ווייזט מיר אָן א שעהנע הויז, זאָגט מיר, אז דאָ וואָהנט אונזערער א פריינד, א איד א נגיד. זי געהט אוועק, און איך שטעה לאַנג אונטער'ן טיר, איך שעהם זיך אריינגעהן. איך טו זיך אָבער אָן א כח און געה אריין. זאָג „גוט מאָרגען״, און בלייב שטעהן נעבען טיר א פאַר־שעמטער, און וויל גאָר אָנפאַנגען וויינען. אויף א ברעג טיש גיט מען מיר עפּעס עסען. קינדער קוקען אַלע ווילע ארויס פון אַן אַנדער צימער, צולאַכען זיך און באַהאַלטען זיך. יעדער ביסען ווערגט מיך. איך בענק א היים און בעגים זיך מיט טרערען. די אַנדערע פיער טעג זיינען אין אָרעמערע הייזער, א ביסעל מעהר

פריינדליך, די קינדער לאַכען ניט, מען עסט צוזאַמען, און איך פיהל זיך עטוואַס מעהר היימיש.

18. רישע די בויגעל־בעקערקע און חנה'לע איהר שכנה.

פרייטאג, געהענדיג פון טאג, שטעלט מיך אָב אַן עלטערע פרוי, שטאַרק איינגעבויגען, מיט צוויי קאָשיקעס בויגעל אויף ביי־דע הענד. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט איז דאָס געווען רישע די בויגעל־בעקערקע. זי איז געבליבען אַ יונגע אַלמנה מיט צוויי קינדער. די ביסעל געלד האָט דער מאַן פאַרקריינקט, איז זי געוואָרען אַ בויגעל בעקערקע. זי פרעגט מיך פון וואַנען בין איך און וואו איך לערן, דערצעהל איך. „און ווי אַלט ביסטו, אינ־געלע?‟ פרעגט זי מיך. — „צעהן מיט אַ האַלב יאָהר‟, ענטפער איך. — „האָסטו שוין שבת?‟ פרעגט זי, זאָג איך איהר, אַז נאָך ניט. געהט זי מיט מיר צום רבי'ן, און פרעגט איהם, אויב זי קען יוצא זיין מיט מיין קדוש און הבדלה, ווייל איהר שמעונ'קע איז אוועק קיין מינסק לערנען אין אַ ישיבה, און כאָטש זי קען אַליין מאַכען קדוש און הבדלה, דאָך וואָלט זי בעסער וועלען הערען פון אַ מאַנסביל. דער רבי זאָגט איהר, אַז זי קען יוצא זיין, נאָר זי זאָל נאָכזאָגען.

פרייטאג אבענד געה איך פון שול צו דער בויגעל־בעקערין. אַ נידעריגע שטיבעלע, די וואַנד ווייסע, די פענסטער מיט ווייסינ־קע פאַרהאַנגלעך. אַ טישטוך ווי שנעע ווייס, אין פינף מעשענע לייכטער, וועלכע שיינען ווי גאָלד, ברענען פינף ליכטעלעך. נע־בען טיש איבער אַ ספר זיצט אַ מיידעל פון אַ יאָהר זעכצעהן. איהר ווייסער, קיילעכדיגער פּנים איז אַביסעל צופלאַקערט, און צוויי לאַנגע צעפּ שוואַרצע האָר הענגען אַראָב אויף איהר האַרצען. אויף מיין „גוט שבת‟ האָט זי מיר ליעבליך געענטפערט „גוט שבת, גוט יאהר‟, אויפהויבענדיג פון ספר איהרע שוואַרצע אויגען ווי קאַרשען, און געבעטען מיך זיצען. דערווייל איז די מוטער געקומען, און אָבגעגעבען אונז אַ ברייטען „גוט שבת‟. גאָר ניט די בויגעל־בעקערקע, וואָס איך האָב געזעהן אין דער־פריה. זי געהט אין איין אַלטען, אָבער גאַנצען אַטלעסענעם מאַנטעל מיט

אַ ויידענער טיכעלע אויפ'ן קאָפּ. זי זעהט נאָר אויס העכער, און דער בלייכער פּנים איז ניט אַזוי שטאַרק צוקנייטשט.

איך זאָג „שלום עליכם", און איך דערפיהל די באדייטונג פון די ווערטער, אַז מיר גיבען דאָס אָב „שלום" צו די מלאכים פון פריעדען, וועלכע קומען אריין אין יעדען אידישען הויז פרייטאג צו־נאכט.

פון אַ זייטיגען צימער עפענט זיך אַ טיר, און פון דאָרט געהט אריין אַ שעהנע, שוואַרץ־חנ'עוודיגע ווייבעל מיט געדיכטע שוואַר־צע ברעמען, אין אַ שעהנער קלייד, און מיט אַ פּאַרוק אויפ'ן קאָפּ. — „גוט שבת, חנה'לע, באגעגענט זי רישע, דו ווילסט בעסער הע־רען קדוש פון אַ מאַנסביל איידער פון מיר?" — „געוויס", ענט־פערט חנה'לע, מיט אַ צניעות'דיגען, זיסען שמייכעלע. אויף ראַ־זינקעס ויין מאַך איך קדוש, זאָגענדיג איינציגע ווערטער מיט דעם ריכטיגען ניגון. רישע זאָגט נאָך, און די אַנדערע צוויי האָבען נאָר הויך געענטפערט „אמן." מען וואַשט זיך. מען זעצט מיך אויבען אָן, איך מאַך המוציא איבער צוויי גרויסע חלות. מען עסט פיש, לאָקשען, פלייש און צימעס. די אַלטע בעט מיך אַלץ, אַז איך זאָל זיך ניט שעהמען, אַז איך זאָל זיך פיהלען ווי ביי דער אייגענער מאַמען, און דערווייל צופרעגט זי זיך וועגען מיין טאַטען און מאַמען און וועגען אַלע קינדער.

מיר ווילט זיך זעהר וויסען ווער איז די חנה'לע, וואָס זיצט דאָרט איינע אַליין אין חדר'ל. איך קען זיך ניט איינהאַלטען און פרעג רישען. דערצעהלט זי מיר שטילערהייד, אַז חנה'לע'ס מאַן איז ערגעץ וייט אין טיעף ראָסיע ביי אַ פעטער אויף אַ שטעלע, נאָר די ווייב קען ער אַהין ניט נעהמען, ווייל אידען טאָרען דאָרט ניט וואָהנען. דער קיסר ערלויבט ניט די אידען צו וואָהנען דאָרט, און דער יונגער מאַן אַליין מאַטערט זיך דאָרט, אונטערקויפענדיג די פּאָליציע, און זי וואָהנט דאָ. ער שיקט איהר שטיקער געלד, זי האָט פון פויגעל־מילך, נאָר זי בענקט נעבעך שטאַרק. ער קומט נאָר איין מאָהל אין יאָהר צו געסט.

שבת ביי טאָג האָב איך אויסגעלערענט אויף אויסווייניג די „הבדלה". שבת צו נאכט געקומען פון שול. דאָס מיידעל האָט גע־האַלטען אַ שעהנע, געפלאָכטענע, וועקסענע הבדלה, און איך האָב

הבדלה געמאכט מיט דעם אומעטיגען ניגון, אַקוראַט ווי דער טאַטע מאַכט.

נאָך הבדלה האָט מיך די שוואַרץ־חנ'עווריגע ווייבעל גע־פרעגט, אויב איך האָב שוין אַלע טעג. זאָג איך איהר, אַז זונטאָג פעהלט מיר. זאָגט זי, אַז זונטאָג זאָל איך ביי איהר עסען. אין מיין לעבען האָב איך נאָך אַזעלכעס ניט געגעסען ווי חנה'לע גיט מיר. אויף אָנבייסען גיט זי מיר צוויי בויגעל מיט מילך, טאַקע צוויי גרויסע בויגעל מיט אַ פולער גלאָז מילך, און צו וואַרמעס ווייסען ברויט, אַמת'ע שיטניצע, אַ שטיקעלע הערינג אויף אַ שעהן טעלערעל, אַ רייזענע פעטע יויך און אַ שטיקעל פלייש פונקט ווי אויף אַ חתונה. זי עסט אויך מיט מיר, און איך קען זיך זאַט ניט אָנקוקען אויף איהרע קלאָרע הענד מיט די שעהנע ריינע לאַנגע פינגער.

19. מיין מאַמע'ס גלות, און אַ שעהנער שבועות.

ווי לאַנג עס ציהען זיך די טעג. אַ גאַנצען טאָג זיצט מען פארשפאַרט. ביים רבי'ן אין שטוב איז ענג און הייס. אַ טייל אינגלעך לערנען, און אַ טייל חזר'ן. דעם רבי'ס קינדערלעך שרייען, אַ טומעל, משוגע צו ווערען. דאָס לערנען איז איבער־הויפּט גמרא, און די מעהרסטע אינגלעך האָבען גראָבע קעפּ. די גמרא קלעפּט זיך צו זיי ווי אַן אַרבעס צום וואַנד, דאַרף מען דאָס איבערלערנען צעהן מאָהל, ווערט מיר דאָס נמאס הערענדיג, פאַר־קוק איך זיך אויפ'ן בלויען הימעל דורכ'ן פענסטער, און דערמאָהן זיך אויף מאַליסקע מיט'ן שעהנעם טייך, מיט'ן גרינעם הויכען באַרג, וואו איך האָב זיך געבאָדען, געקליבען יאַגעדעס און ניס, און געכאַפּט פיש, און דאָ זיץ איך פאַרשפאַרט ווי אַ פויגעלע אין שטייג. עס ציהט מיך אין דרויסען, עס בייגקט זיך, איך וואָלט בעסער וועלען ליגען אויפ'ן גרינעם גראָז און לייענען מעשות ווי פאַר אַ יאָהרען. איך פאַר'חלום זיך ביז איך כאַפּ אַ פּאַטש פון דעם רבי'ן. איך לעב נאָר מיט'ן האָפענונג, אַז אָט באַלד וועט זיין שבועות, וועל איך פאָהרען אהיים, און די גוטע צייט איז געקור־מען. אַ גוי, וואס איז געקומען אין מאַרק, פאַרפאָהרט נאָך מיר,

און נעהמט מיך אהיים. דאָס פאָהרען אליין איז ווערט געווען אַן אוצר. אלעס ארום איז גרין, די זון פארגעהט און באהאלט זיך דאָרט הינטער די הויכע ביימער, די פויגעלעך זינגען שירה צו גאָט, און איך דאַווען מנחה און דאנק גאָט, וואס איך פאָהר אהיים.

דער טאַטע וואָהנט איצט אין לאַטשעוויטץ. דאָס איז א דאָרף, טאַקע ניט ווייט פון מאַליסקע. אין גאַנצען צוויי וויארסט. דאס דארף איז איין לאנגע גאַס, פוןביידע זייטען מיט קליינע, הילצערנע הייזקעס, אין וועלכע עס וואָהנען אָרימע גוים. אין מי־טען דארף האָט דער טאַטע געדונגען א שטיבעלע. אליין ארבייט ער ווייטער אין סוקנאַוואלנע פאר אכט רובעל א חודש, און אין דאָרף זיצט די מאַמע מיט די קינדער. דער טאַטע קומט נאָר אויף שבת א היים. די מאמע פארקויפט צו ביסלעך בראָנפען אָהן א פאַטענט, דערצו האָט מען איין אייגענעם גאָרטען מיט בולבע, צי־בעלע, מעהרען, רעטעך און בוריקעס. א ציג האָט מען שוין אויך, און עס וואָלט גאָר ניט שלעכט געווען, האָט אָבער די מאַמע גרוי־סע צרות פון איינינע גוים.

אזוי ווי איך בין געווען א גאַסט, און די מאַמע וויים, אז איך האָב זעהר ליעב בולבענע לאַטקעס, האָט זי אָנגעריבען בולבע, פאר־נאכט איינגעהייצט אין אויווען, באקט די לאַטקעס און רעדט מיט מיר. ערשט מיט אמאָהל פאַלט אריין אין שטוב א שכור'ער גוי און בעט בראָנפען. זאָגט די מאַמע, אז זי וועט איהם ניט גע־בען, ווייל ער האָט שוין ערגעץ גענוג געטרונקען, און יעצט זאָל ער בעסער געהן אהיים שלאָפען. דער גוי ווערט מלא רציחה, כאפּט אַן עמער וואסער און גיסט אריין אין אויוועז. א געדיכטער רויך אויסגעמישט מיט אש פילט אן דאָס שטיבעל צום דערווערגען זיך. דער גוי כאפּט דעם טאָפּ צוריבענע בולבע און גיסט ארויף דער מאַמען אויפ'ן קאָפּ, און שליידערט זי ארוים פון שטוב. די קינדער מאכען א געשריי, און ער ווארפט אונז אלעמען ארוים פון שטוב, שרייענדיג: „דאָס איז אונזערס, מיר דארפען ניט קיין אידען." מיר בלייבען אלע אין דרויסען, און ער לעגט זיך שלאָ־פען אין אונזער שטוב. די מאמע לויפט א פארוויינטע, ברייננט זיין ווייב מיט א זוהן, און זיי שלעפּען איהם אוועק אהיים. די

מאַמע דערציילט מיר, אַז אַזעלכע צרות האָט זי גאַנץ אָפט. „נאָר וואָס קען מען טאָן? זאָגט די מאַמע, אַז מיר אידען זיינען דאָך אין גלות, מיר מוזען אַלץ אָננעהמען פאַר ליעב.“ איך קוק אויף דער מאַמען, ווי פאַר'חושך'ט זי איז. איך וויין און טראַכט: „פאַרוואָס קומט עס מיין מאַמען, אַז זי זאָל ליידען מעהר גלות איידער אַלע ווייבער?“

דאָך ניט קוקענדיג אויף די צרות גרייט מען זיך אויף יום טוב. פון דער ציג האָט מען אָנגעקליבען מילכיגס אויף שבועות, און מיר וועלען האָבען בלינטשעס מיט צוקאָריע. ערב יום טוב בין איך מיט די קלענערע קינדער געלאָפען אין וואַלד נאָך גרינ־סען אויף שבועות. די פאַסטוכער האָבען אפילו אָנגערייצט די הינד אויף אונז, און פון די ברעגען פון זייערע לאַנגע העמדער האָבען זיי געמאַכט אַ חזיר'שען אויער און געשריען: „זשיד חאַלאַמיד, סוויניאַטשע אוכאַ“. דאָך האָט עס מיך ניט אָבגעשראָקען, אָבגע־שטעלט זיך, געוערדט מיט די הינד מיט גוטען, זיינען זיי שטיל געוואָרען, און פון די שקצים מוז מען דאָך ליידען, ווי די מאַמע זאָגט: „מיר זיינען דאָך אין גלות“. אין וואַלד האָבען מיר אָנ־געריסען שעהנע צווייגלעך פון פאַרשיעדענע ביימער, צוריקגעהענ־דיג אָנגעריסען לאַנגע גרינע גראָז, געקומען אהיים, באַדעקט מיט גרינע גראָז די גאַנצע ערד אין שטוב, און אויף די ווענד אויסגע־האַנגען די צווייגלעך, און מיר האָט זיך פאַרוואָלט נאָך האָבען פויגעלעך אין שטוב. בעט איך, אַז די מאַמע זאָל מיר געבען עפּענען די פּאָר אייער, וואָס זי דאַרף פאַרברויכען אויף יום טוב. און גאַנץ פאַרזיכטיג מאַך איך לעכעלעך פון ביידע זייטען אין דעם איי און בלאָז אַרויס די ווייסעכלעך מיט די געלעכלעך. פון איין זייט פון דעם שאָלעכץ געמאַכט אַ שנאָבעל פון טייג און פון צוויי־טען זייט אַריינגעשטעקט אַ פּאָר הינערשע פעדערען, איז דאָס געווען דער עק. פון די זייטען אָבגעשוואַרצט מיט סאַזשע, און אויסגעהאַנגען עס צווישען די צווייגעלעך. איך באַטראַכט מיין אַרבייט און בלייב שטאַרק צופריעדען, וואָס איך האָב אַזוי באַ־שעהנט דעם יום טוב.

ערב שבועות פאַר נאַכט איז דער טאַטע געקומען. אַ גאַנ־צע נאַכט האָב איך מיט'ן טאַטען תקון שבועות געזאָגט, און גאַנץ

פריה קיין מאַליסקע צום מנין געגאַנגען. מען זאָגט הקדמות, און איך בין זיך מחיה מיט דעם נגון. וואס קען, דאכט זיך, זיין שעה־נער? עפּעס איז ער אַ פרעהליך אַ אומעטיג, און ווי שטאַרק ער ווירקט אויף מיין קינדערשער נשמה און וועקט אין מיר אַ יום טוב׳דיגע שטימונג. און אָט פאַנגט מען אָן צו לייענען די תורה, ווי אזוי גאָט האָט אונז די תורה געגעבען. מיט אַ מאָהל האָבען זיך אַלע געשטעלט. מען לייענט די עשרת הדברות, און איך דער־מאָהן זיך, אַז אָט די זעלבע ווערטער האָט דאָך גאָט אַליין פון זיין מויל געזאָגט צו די אידען, און מיר שטעלט זיך פאַר ווי די דור־נערען קראַכען שרעקליך און צוקייקלען זיך איבער׳ן מדבר, און די בליצען פאַרבלענדען אַלעמען די אויגען און דער באַרג סיני איז איינגעוויקעלט אין אַ געדיכטען וואָלקען ווי אין אַ טלית און טריי־סעלט זיך ווי אַ לולב, און גאָט שרייט אויס: „אנכי ד׳ אלהיך״ — איך בין דער עוויגער, דיין גאָט. — און איך טראַכט מיר: „ווער האָט נאָך די זכיה געהאַט צו הערען גאָט אַליין ריידענדיג?״ מיר שטעלען זיך דאַוונען מוסף, מיר בעטען גאָט, אַז ער זאָל אונז אויס־לייזען פון גלות, און גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען, וואס אין מיטען שמונה עשרה האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט דער שכור׳ער גוי, ווי ער גיסט אַרויף די בולבע דער מאַמען אויפ׳ן קאָפּ און טרייבט אונז אַלעמען אַרויס פון שטוב. און איך וויין, און בעט גאָט, אַז ער זאָל אונז אין גיכען אויסלייזען פון גלות, און בריינגען צוריק אין אונזער הייליג לאַנד.

20. פּסח אין דאָרף.

אין קורעניץ האָב איך געלערענט דעם זומער און דעם נעקסטען ווינטער. אויף פּסח בין איך געקומען אהיים. אין דאָרף איז אַ בלאָטע צו דערטרינקען זיך. אין אַלע הויפען איז מיסט און שמוץ פון אַ גאַנץ ווינטער, נאָר אַרום אונזער שטיבעלע איז ריין. לכבוד יום טוב האָט מען אַרומגערייניגט און בעשאָטען מיט געלען זאַמד, און דאָס שטיבעלע אינוועניג אויסגעווייסט. עס איז שוין ערב פּסח.

די געשייערטע טיש און בענק זעהען אויס ווי נייע, די לייב־

טער מיט דעם סאַמאָוואַר שיינען ווי גילדערנע. פאַר־נאַכט זיינען אַלע ארומגעוואַשען, און כאָטש קיין נייע קליידער האָט קיינער ניט, דאָך זעהען אַלע אויס יום טוב׳דיג. דער טיש איז צוגע־דעקט מיט אַ קלאָהר־ווייסער טישטוך, אויפ׳ן טיש שטעהט אַ פלאַש מיט מעד, עס ליגען מצות מיט די אַלע אַנדערע נויטיגע זאַכען. די מאַמע האָט אָבגעבענשט ליכט, אַ ליכטיגקייט האָט זיך צו־שפּרייט אויף אַלעמענס פּנים׳ער, און איך מיט׳ן טאַטען האָבען זיך געשטעלט דאַוונען. דער יום טוב׳דיגער דאַוונען מיט׳ן שעה־נעם הלל מאַכען פיהלען נאָך מעהר יום טוב׳דיג.

צום סדר האָב איך פאַרנומען דעם ערשטען פּלאַץ נעבען דעם טאַטען, און דער טאַטע האָט מיך מכבד געווען, אַז איך זאָל פאַר־טייטשען די הגדה. ער האָט מיך אָפט אָפּגעשטעלט, געפרעגט אַ קשיה, און אַליין געענטפערט מיט אַ שעהנעם מדרש, אָדער מיט אַ משל פון דובנער מגיד. נאָכ׳ן בענשען האָבען מיר געזאָגט הלל מיט באַגייסטערונג, נאָכהער געזאָגט די אַלע איבעריגע שטיקלעך פון דער הגדה, יעדער זאַך מיט איין אַנדער ניגון. די מאַמע איז געזעסען און מיט ליעבע בליקען געקוקט אויף מיר, און אַמאָהל גע־וואָרפען אַ בליק אויף דעם טאַטען. דער טאַטע הייסט מיר שוין געהן שלאָפען, און אַליין פאַנגט ער אָן צו זאָגען שיר השירים מיט דעם געוויסען זיסען ניגון. איך וויל אָבער ניט געהן שלאָפען, עס ווילט זיך מיר זאָגען שיר השירים.

אויף מאָרגען פריה בין איך מיט דעם טאַטען געגאַנגען קיין מאַליסקע צום מנין. עס איז גאַנץ שווער צו געהן אין אַזאַ גע־דיכטער בלאָטע, אָבער עס איז גאָר איין אַנדער עונג יום טוב, ווען מען האָט אַ מנין. קומענדיג פון דאַוונען, אָבגעגעסען, דער טאַטע לעגט זיך צו, די מאַמע גיט אונז צו עטליכע ניס, און מיר געהען אין דרויסען שפּיעלען אין ניס.

אין רעכטען מיטען שפּיעלען געהט אַרויס דער טאַטע, און זאָגט צו מיר: „קום, מיין זוהן, מיר וועלען לערנען שיר השירים.״ אויפ׳ן טיש זידט דער סאַמאָוואַר, די מאַמע גיסט אָן טעע, און דער טאַטע דערצעהלט, אַז אין שיר השירים שטעלט מען פאָר, אַז גאָט איז דער חתן און דאָס פאָלק ישראל איז די כלה. „שחורה אני ונאוה״, זאָגט דער טאַטע מיט אַ זיסער, וויינענדיגער שטימע,

„שווארץ בין איך, ווייל איך האָב געמאכט דעם עגל, אָבער שעהן בין איך, וואָס איך האָב גענומען די תורה. אל תראוני שאני שחרחרת, קוקט ניט, וואס איך בין שווארץ, דאָס האָט דער גלות מיך פארשווארצט.״ וואָס ווייטער ווער איך אלץ מעהר באגייס־טערט, און איך זאָג שוין אליין: „כי הנה הסתיו עבר, דער ווינ־טער איז אריבער, הנצנים נראו בארץ, בלומען באווייזען זיך אויף דער ערד, עת הזמיר הגיע, די צייט פון זינגען איז געקומען.״ — „ דאָס מיינט, זאָגט דער טאַטע, אז דער גלות געהט אוועק, די גאולה קומט, און אידען זינגען שירה.״ אונזערע ביידענס שטימען גי־סען זיך צוזאמען, אונזערע הערצער ווערען נעהענטער, און פון דעם טאַטענס נשמה גיסט זיך אין מיין הארצען האָפענונג אויף בע־סערע צייטען פאַר אַלע אידען. די מאמע זיצט אָנגעשפּראַט דעם קאָפּ אויפ׳ן רעכטען האנד, קוקט אויף אונז, און טרערען גיסען זיך פון איהרע אויגען. דורך איינעם פון די קליינע פענסטערלעך שיינען אריין די לעצטע שטראַלען פון דער זון, פארשפרייטען זיך אין אלע ווינקעלעך און באלויכטען די פאר׳חושכ׳טע פּנים׳ער פון מיין טאַטען און מאַמען.

נאָכ׳ן לערנען האָבען מיר אָבגעדראַווענט מנחה, און איך הער ווי דער טאַטע זאָגט צו דער מאַמען: „שרה רבקה, ווייסטו וואס איך האָבע באשלאָסען? איך דענק נאָך פּסח אם ירצה השם וועל איך איסר׳ן אוועקפיהרען קיין מינסק און אָבגעבען אין א ישיבה. ער איז דאָך שוין אלט עלף מיט א האלב יאָהר, וואס וועט זיין דער תכלית אין קורעניץ? דאָרט אין מינסק זיינען פאראן ישיבות, און דערצו נאָך מרדכי זאל געזונט זיין אלס אן עלטערער ברודער, וועט גוט אכטונג געבען אויף איהם און טאקע העלפען מיט׳ן לער־נען.״ די מאמע האָט זיך באגאָסען מיט טרערען, זי האָט מיך צו־געריפען, ארומגענומען, א קוש געטאָן, און שטילערהייד א זאג געטאָן: „א איד מוז לערנען תורה.״ און מיר איז שטארק געפע־לען וואס איך וועל שוין ווערען אויס חדר־אינגעל, און וועל זיין א ישיבה בחור.

21. אויפ'ן צוועלפטען יאהר ווער איך א מינסקער ישיבה בחור.

אויף מאָרגען נאָך פסח האָט די מאמע איינגעבונדען אין א פעקעלע מיינע צוויי העמדער און צוויי פּאָר זאָקען, און אין א צווייטען פעקעלע א ביסעל מצה, עטליכע געקאָכטע אייער מיט א ביסעל זאלץ. מיר צוזעגענען זיך, אויסגעוויינט זיך גוט, און דער טאַטע פיהרט מיך קיין מינסק לערנען. מיר דארפען געהן צופוס א ווארסט אכציג. ערשט אויפ'ן פערטען טאָג זיינען מיר געקומען צום פעטער לייבען קיין פאַדעלאנקע, צוואנציג ווארסט פון מינסק.

דער פעטער לייבע איז דער מאַמעס איינגסטער ברודער. ער איז א רייכער בעל הבית, האלט א גרויסע קרעטשמע אויף דעם וועג, וואס געהט פון ווילנא קיין מינסק, דערצו האָט ער פיעל לאנד צו בעארבייטען, און האלט פיעל קיה און פערד. ער האָט נאָר צוויי מיידלעך. די עלטערע איז פערצעהן יאָהר אַלט, און דער פעטער וויל מיין ברודער מרדכי פאר איין איידעם. מיר דערוויסען דאָ טאַקע דעם ברודער. דער פעטער נעהמט איהם פון מינסק אויף אַלע ימים טובים.

דער טאַטע איז אוועק צוריק א היים, און מרדכי נעהמט מיך קיין מינסק. ער לערענט אין דער גרעסטער ישיבה, אין בלומקע'ס קלויז. ער עסט אויך טעג, אבער ער האָט אימער געגוג געלד, וואס דער פעטער לייב גיט איהם. מיך האָט מען אָבגעגעבען אין א קליינער ישיבה, צו ר' איסר'ן. נעכטיגען פלעג איך ביי מרדכי'ן, אין דער פריה נאָכ'ן אָנבייסען געה איך אוועק אין דער ישיבה אויף א גאנצען טאָג. אין מיין ישיבה האָבען געלערענט מעהר פון הונדערט און פופציג ישיבה בחורים, גרויסע און קליינע. איך בין געווען דער קלענסטער. דער טומעל איז פאר מיר אונערטרעגליך, זיצען א גאנצען טאָג און לערנען גמרא האָט מיר מיין קאָפּ פארדולד, און ניט איינמאָהל האָט געטראָפען, אז איך בין אנשלאָפען געווארען איבער דער גמרא. צו לאַנגע שטונדען און צו שווער דאָס לערנען. אַלע טאָג ווייזט דער ראש ישיבה פיעל גמרא מען זאָל צוגרייטען ביז מאָרגען, און אויף מאָרגען, ווען עס קומט

צום לערנען, ווערט אין דער ישיבה שטיל, דער ראש ישיבה שטעלט זיך אין מיטען, ער רופט ארויס איינעם, און הייסט זאָגען. אלע זי־צען און הערען ווי דער איינער זאגט, און דער ראש ישיבה מאַכט נאָר באמערקונגען און ערקלעהרונגען און פארריכט, וואו מען פאַר־שטעהט ניט ריכטיג, און, אויב איינער וויים ניט די גמרא, האָט ער גרויסע בזיונות.

גאַנץ שווער קומט מיר אן צוגרייטען א בלאט גמרא, ווי מען רופט עס „דעם לייענען." אמאָהל העלפט מיר אוים מרדכי, דאָס קומט אָבער אוים שפעט ביי דער נאַכט, ווייל אין זייער ישיבה איז איינגעפיהרט, אז איינער מוז זיצען און לערנען ביז האלבע נאַכט און א צווייטער פון האלבע נאַכט ביז טאָג. מען רופט עס „משמורים", און אמאָהל, ווען עס קומט אוים מרדכי'ן צו זיצען די צווייטע האלבע נאַכט, וועקט ער מיך אויף, און זעצט זיך לער־נען מיט מיר. מיינע אויגען קלעפען זיך, איך גענעץ, און הער ניט, וואס איך רייד, ביז ער גיט א פאטש, אז פונקען שיטען זיך פון די אויגען.

22. צרות פון מינסקער טעג.

אלע טעג האָב איך ווייט פון דער ישיבה, און די מעהרסטע אין די רייכע הייזער, וואו מען גיט מיר עסען אין קיך. ניטאָ אפילו איין טאָג ווי אין קורעניץ ביי רישע דער בויגעל בע־קערקע אָדער ביי חנה'לען. איינינע מאָל האָט מיט מיר פשוט אומגליקען געטראָפען אויף מיינע טעג.

שבת האָב איך געהאַט אין טאַטערשער גאַס, זעהר ווייט צו געהן. איין מאָל צו שלוש סעודות האָט דער בעל הבית גע־זאָגט זעהר לאַנג זמירות. עס איז געוואָרען וואָלקענדיג, עס האָט גענומען דונערען און בליטצען, און ווען מיר האָבען אָבגעבענשט איז שוין פינסטערלעך געווען. איך שטעה אויף פון טיש און ווארט, פיליכט וועט מען מיר הייסען דאָ נעכטיגען. זיי זאָגען אָבער גאָר ניט, איך וויל זיך בעטען נעכטיגען דאָ, נאָר איך שעהם זיך. איך זאָג מיט א האלבען מויל: „א גוטע וואָך" און געה ארויס פון שטוב. איך פאַנג אָן צו לויפען. אין גאַס זעהט מען קיינעם ניט. עס פאַנגט אָן צו גיסען א רעגען, טאַקע

אַן אמת׳ער מבול. אין איין מינוט בין איך שוין אין גאַנצען נאַס. איך לויף און וויין. יעדער בליטץ פאַרבלענדעט מיינע אויגען, און באַלד ווערט פינסטער, אַז איך זעה ניט וואוהין צו לויפען, און באַלד דערלאַנגט אַ זעץ אַ דונער, אַז איך ווער פאַר־ציטערט. איך לויף מיט מיינע לעצטע כחות, נאָר עס געדויערט עפּעס צו לאַנג. איך קוק זיך איין און באַמערק, אַז איך האָב ניט קיין הייזער אַרום זיך. איך פאַרשטעה, אַז אין דער פינסטער בין איך געלאָפען ניט אין דעם ריכטיגען וועג. פון ווייטען דערזעה איך ליכט פון אַ הויז, לויף איך אַהין און בין געקומען צו בריסקער וואָקזאַל. דאָ בין איך אַריינגעגאַנגען צו אַ אידען. האָבען זיי מיר אויסגעטאָן מיינע נאַסע קליידער, אויסגעדרעהט זיי און געלאָזען טריקענען. אָנגעטאָן מיר אַ טרוקענע העמד, גע־געבען אַ הייסע גלאָז טהעע און געלעגט שלאָפען.

איין טאָג האָב איך געהאַט ביי אַ נגיד, וואָס וואוינט טיעף אין אַ גרויסען הויף צווישען בוימער, און צום גאַס וואָהנט אַ פריץ. אויף אַ קייט שטעהט אַ הונד ווי אַ בער די גרויס, ניט ווי די הינד ביי אונז אין דאָרף. ווען איך געה דורך דעם הויף טוט דער הונד אַ שפּרונג און אַ ברום, אַזוי ווי אַ לייב, אַז אין האַרצען רייסט זיך ביי מיר אָב. איינמאָל געה איך עסען וואַר־מעס. דער גאַנצער הויף איז פאַרהאַנגען מיט קליידער, וואָס מען לופטערט. איך געה צווישען די קליידער. פּלוצלונג דערהער איך אַ ברום פון דעם הונד, אַ כאַפּ פאַר׳ן פוס, און איך ליג שוין אויף דער ערד אָהן לשון. איך וויל שרייען, נאָר איך קען ניט, צו שטאַרק דערשראָקען זיך. דער הונד שלעפּט מיך אַרויס אין גאַס, און דאָ ערשט פאַנגט איך אָן צו שרייען מיט ווילדע קולות. מען נעמט מיך אַריין צו אַ אידען אין הויז. די פוס איז נאָר אַביסעל צוביסען, דערפאַר אָבער מיינע הייזלאַך זיינען צופליגט. מען בינדט מיר אַרום מיין וואונד, מען ציהט צונויף מיט אַ פאָדים די הייזלעך, און איך געה קוים אַ לעבעדיגער צוריק אין דער ישיבה, ניט קיין געגעסענער. דריי טעג האָב איך געקרענקט, און אויף דעם טאָג, וואו דער הונד איז, בין איך מעהר ניט גע־גאַנגען עסען, געבליבען אָהן אַ טאָג, און דערצו נאָך מיט צוריי־סענע הויזען.

אין קורצען גערעדט האָב איך דעם זומער זעהר פיעל געליטען. פיעלע מאָל פלעג איך אין א ווינקעלע גוט אויסוויינען זיך, דער־מאָנענדיג זיך אויף דער היים און בענקענדיג נאָך די קינדערשע יאָהרען, ווען איך האָב געלעבט פריי ווי א פויגעל. איך האָב קוים דערלעבט ענדע זומער, ווען מיר זיינען אוועקגעפאָהרען צום פעטער לייבען אויף יום טוב. א גאַנצען טאָג בין איך אין פעלד. מען שניידט תבואה. איך ברייננג קאַלטע וואסער פאַר די ארבייטער, איך העלף צונויפטראָגען די גאַרבען תבואה, און איך זיץ פון אויבען אויף א וואָגען מיט תבואה און פאָהר פון פעלד אין שייער. סכות איז מיין ברודער מרדכי געוואָרען א חתן פאַר דעם פעטער׳ס טאָכטער, און פאַר מיר פאַנגט זיך אָן א נייע וועלט מיט נייע צרות.

23. איך דאַרף אַליין פאַרזאָרגען זיך מיט אַלעם.

אויף ווינטער פאָהרט מיין ברודער מרדכי קיין זאסלאוו. דער פעטער, דער רייכער מחותן, האָט געדונגען פאַר איהם קעסט און קוואַטיר ביי דעם רב פון שטעדטעל, און דער רב וועט טאקע לערנען מיט איהם; און מיך פיהרט מען צוריק אין מינסק אין דער זעלבער ישיבה, וואו איך האָב געלערנט. דער פעטער האָט מיר געמאַכט א קאַפּאָטע אויף וואטע און געקויפט א פּאָאַר נייע שיך און געלאָזען מיר אויף דער הוצאה צוויי גילדען.

איצט האָב איך ערשט דערפיהלט ווי עלענד איך בין. פריי־הער האָט מרדכי מיט אַלעם מיך פאַרזאָרגט, און יעצט מוז איך אַליין זאָרגען פאַר יעדער זאַך. דאָס ערשטע האָב איך אין דער ישיבה פאַרכאַפּט א פּלאַץ צום שלאָפען, און אַזוי ווי איך בין געקומען פון די ערשטע האָב איך פאַרכאַפּט א טייערען געלעגער אויף דעם באַנק וואָס שטעהט פונקט נעבען הרובע, און ווי באַלד, אז מען פאַרכאַפּט בלייבט שוין א חזקה פאַר א גאַנצען זמן, קיינער האָט ניט קיין רעכט צו פאַרנעהמען דעם פּלאַץ. אויף וואָס צו שלאָפען האָב איך אויך, דער פעטער האָט מיר געלאָזען א זאַק מיט היי, און מיין וואַטאָווע קאַפּאָטע דיענט מיר פאַר א צודעק. אַזוי האָב איך זיך פאַרזאָרגט מיט׳ן שלאָפען. מיט׳ן עסען אָבער איז מיר ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען.

גלייך פון אָנפאַנג האָט מיר געפעהלט אַ טאָג, און אין גיכען איז מיינער אַ בעל הבית אַרויסגעפאָהרען פון מינסק, בין איך געבליבען אָהן אַ צווייטען טאָג, אוןביידע טעג וואָס פעהלען זיינען אויסגעקומען איינער נאָכ'ן אַנדערען. דערצו איז אין מינסק איינגעפיהרט, אַז אויף די טעג גיט מען ניט קיין אָנבייסען אין דער פריה. מיט אָנבייסען פאַרזאָרגט די ישיבה. מען גיט יעדער איינעם אַ שטיקעל שוואַרצען קאָרן ברויט. זומער האָב איך אָנבייסען געגעסען ביי מרדכי'ן. ביי זיי אין בלומקע'ס קלויז טיילט מען ניט קיין ברויט. דאָרט לערנען רייכערע ישיבה בחורים, קויפען זיי אַליין ברויט און טאָקע צום ברויט אויך, און דערצו גיט די ישיבה יעדען אין דער פריה אַ פאַרוויסטען קרופניק. אַזוי האָב איך אַרום מרדכי'ן געהאַט גרויסאַרטיגע אָנבייסענס, און ניט געדאַרפט אָנקומען צו מיין ישיבה נאָכ'ן שטיקעל ברויט. יעצט אָבער מוז איך שוין שטופען זיך גלייך מיט אַלעמען צו באַקומען דעם שטיקעל ברויט. עס ווערט אַ שטור־פּענעס און באַפּענעס אונערטרעגליך; איך בין דער קלענסטער צווישען זיי און דערצו נאָך אַביסעל אַ שעהמעוודיגער, קומט מיר אימער אָן דער ערגסטער חלק, דאָך האָב איך חלילה קיין הונגער ניט געליטען.

אמת, איך האָב ניט געהאַט די איינקינפטע ווי די אַנדערע ישיבה בחורים האָבען פון מנינים, און דאָס גלייכען, ווייל איך בין נאָך פאַר בר מצוה, דאָך האָב איך אימער געהאַט געלד, ווייל דער פעטער פלעגט זיין אָפט אין שטאָדט, און צו יעדען מאָל פלעגט ער מיר לאָזען אַ גילדען אָדער צוואַנציג קאָפּיקעס, און איך האָב געלעבט מיט אַ רעכענונג. איך האָב געוואוסט, אַז אַ איד דארף עסען, אָבער ניט פרעסען. אויף די צוויי טעג, וואָס פעהלען מיר, קויף איך מיר צוויי פונט ברויט, און פאַר אַ קאָפּיקע הערינג, פאַר אַ קאָפּיקע קעז, און אַמאָל אַ זויערען אוגעריק, און ווען איך פאַרבענק זיך שטאַרק נאָך אַ בולבע, קויף איך אַ פּאָאַר בולבע, באַק זיי אָב און מאַך מיר אַ סעודה כיד המלך.

עס טרעפט אַפילו אָפט, אַז אַ אידענע זאָל אין אָבענד ברייגנען אַ טעפּעל מיט אַ געקאָכטער זאַך, און די ישיבה בחורים פלעגען דאָס פשוט צו צוקערען, נאָר איך פלעג ניט וועלען צו־

ריהרען זיך דערצו. מיר שטעלט זיך פאָר, אז דאָס האָט מען צונויפגעגאָסען פון אַלע טעלער, וואָס עס איז געבליבען פון די קינדער, און ווער ווייס ווי אזוי זייערע נעזלעך זיינען געווען? חברה האָבען דערפאַר מיר א נאָמען געגעבען „דער קריוויצער פריץ".

אויסער דעם עסען האָב איך נאָך געמוזט אויסגעבען אויף באָד געלד יעדער וואָך, אָבער מעהר האָב איך ניט אויסגעגעבען. ווען מיר האָט זיך זעהר פאַרוואָלט קויפען א שעהן סידור'ל, האָב איך א פאָר וואָכען געגעסען טרוקענע ברויט, ניט פאַרגונען זיך קויפען כאָטש פאר א גראָשען הערינג, ביז גאָט האָט געהאָלפען און איך האָב אָנגעקליבען געלד, און געקויפט א סידור'ל פאר א גאַנצען גילדען. דאָס איז שוין איין מאָל געווען א סידור'ל! איך האָב זיך זאַט ניט געקענט אָנקוקען אויף זיינע שעהנע בלויע טאוועלעך מיט די גילדערנע ווערטער.

שפּעטער אביסעל האָט זיך מיר פאַרוואָלט אויסלערנען זיך לייענען רוסיש. מיר האָבען א ישיבה בחור, וועלכער קאָן רוסיש, נעהמט ער צעהן קאָפּיקעס פאר אויסלערנען. האָב איך ווייטער געגעסען אָנבייסען טרוקענעם ברויט ביז איך האָב צונויפגעקליבען די געלד. אָבגעצאָהלט די געלד אפריהער, און ער האָט מיר געגעבען א קליין, אַלט ביכעלע, האַלב צוריסען, געשריבען אין רוסיש און פאַרטייטשט אין אידיש. ער האָט מיך באַלד אויסגעלערנט לייענען די „אזבוקי", דאָס הייסט דעם גוי'ישען אלף בית, און אינגיכען בין איך מיר שוין אַרומגעגאַנגען איבער מינסקער גאַסען פאַרריסען דעם קאָפּ אין דער הויך און געלייענט די ווייוועסקעס (סיינס): „באקאליעענאיא טארגאווליא", „מוזשעסקאיא גימנאזיא", דאמסקי פּאָרטנאָי", און דאָס גלייכען.

אין אַלגעמיין קאָן איך זאָגען, אז מיט מיין שלאָפען און עסען בין איך צופרידען געווען, דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט גרויסע צרות פון מיין לערנען. מען לערנט די גמרא קדושין, וועגען חתונה האָבען, וועגען אזעלכע זאַכען וואָס איך פאַרשטעה ניט, און די גמרא איז אין פּיעלע פלעצער זעהר שווער, און צוגרייטען דעם לייענען מוז איך אליין, ניט וויסען און האָבען בזיונות ווילט זיך ניט, געה איך אַרום פון איין ישיבה בחור צום

צוויטען און בעט אז מען זאָל מיר ערקלעהרען וואס די גמרא זאגט, נאָר אממייסטען מאַטער איך זיך אליין ביז דער קאָפּ פאנגט אָן צו שווינדלען, און פיעלע מאָהל טרעפט, אז איך פאנג אָן צו וויינען. דערפאר אָבער פיהל איך א שטאַרקע צופריעדענהייט ווען דער ראש ישיבה רופט מיך צו, און איך שטעל זיך אויף די שפּיץ פינגער צו דערלאנגען דעם סטענדער, און פאנג מיר אָן צו זאָגען די גמרא גלייך ווי אלע גרויסע, און אלע הערען און קוקען אויף דעם קליינעם „ווילזיק."

24. אָהן הויזען אין אַ פראָסט.

אזוי איז זיך דאָס לעבען געגאנגען גאַנץ נאָרמאל. יעדען פארטאָג, פינף א זייגער, וועקט מען. מען מוז אויפשטעהן לערנען. אויב מען וויל ניט אויפשטעהן, שלעפּט מען אראָב פאר די פיס. מען לערענט גמרא ביז פופצעהן שטונדען אין מעת לעת, און קיינער באקלאָגט זיך ניט, ווייל א איד דארף דאָך לערנען תורה, צוליעב וואס דען האָט מען אונז א תורה געגעבען? ניין א זייגער אין אבענד, ווען מען הערט אויף צו לערנען, קלייבען זיך רעדלאך און מען רעדט. די גרעסערע בעזונדער און די קלענערע באַזונדער. צווישען די קלענערע חברה פארנעהם איך א באַדייטענדען פּלאַץ. ווייל איך דערצעהל שעהנע מעשות, וואס איך האָב אמאָהל געהערט פון דעם טאַטען, אדער געלייענט אין פריידע'ס ביכעלעך.

דאָנערשטאג אבענד קלייבען מיר זיך צונויף א גאַנצע חברה און מען געהט צוזאמען אין באָד, און דאָרט וואַש איך מיין העמד און דעם ארבע כנפות. דאָס געהן אין באָד און זיין דאָרט איז פאר אונז געווען אן ערהאָלונג און פארגעניגען, נאָר איינמאָהל האָט מיט מיר אין באָד אן אומגליק געטראָפען. ווען מיר זיינען געווען אין באָד, זיינען אריינגעקומען פיעלע סאָלדאַטען מיט א געשריי און פּאַפּעריי, און האָבען זיך גלייך גענומען צו אונז. מען האָט אויף אונז געשפּריצט מיט הייסע און מיט קאַלטע וואַסער, און זיי האָבען אונז גערופען מיט מיאוס'ע נעמען. מיר שווייגען. וואס קען מען טאָן? א איד דארף אין באָד אויך פיהלען דעם גלות.

מיר באשליסען צו פארלאזען די באַד. מען טוט זיך אָן, ערשט אַ גרויסער אומגליק, מיינע הויזלעך זיינען ניטאָ. איך לויף ארום, איך זוך און וויין, נאָר זוך היינט, זוך מאָרגען, די הויזלעך זיינען ניטאָ. דאָס האָט געווים א סאָלדאט צוגע׳גנב׳עט.

דער סוף איז געווען, אז איך האָב געמוזט לויפען אין דער ישיבה אָהן הויזען. דער ווינד צובלאָזט אלע ווײלע די פאָלעס פון מיין קאפאָטע, און דער פראָסט טוט א כאפ די נאקעטע פיס, אז אין הארצען פארקוועטשט. קוים א לעבעדיגער אריינגעפאלען אין דער ישיבה. און גאָט האָט אַ נס געטאָן, וואס א גרויסער ישיבה בחור האָט געהאט א צוריסענע פאָר הויזען, וועלכע איך האָב אביסעל פאררינכט און געטראגען זיי ביז דער פעטער לייב איז געקומען אין שטאָדט, און געקויפט אַ פאָר הויזעס, און דער־ביי געזאָגט מיר אכטצעהן מאָהל „שלי־מזל, צו דיר קלעפט זיך אלעס.״

25. איך בלייב אָהן א גראָשען געלד.

אלעס איז ווייטער אוועק ווי געהעריג, און עס וואלט דאכט זיך גאָר גוט געווען. וואס טוט גאָט, צופעגט ער די טויערען פון די הימלען, און הויבט אָן צו שיטען מיט שנעע טאָג איין און טאָג אוים. דערצו נאָך שטארקע ווינטען. אלטע לייט דערצעהלען, אז זיי געדענקען גאָר ניט אזעלכע זאווערוכעס. עס האָט פארשאטען אלע וועגען. מען פאָהרט ניט אין מארק, אָרימע לייט שטארבען פון קעלט און הונגער, קרעמער זיצען אָהן לויזונג, אפילו די באָה־נען געהען ניט. אלע שרייען, אז דאָס איז אַן אומגליק, און דער אומגליק האָט מיך אויך געטראָפען.

שוין די דריטע וואך, אז דער פעטער לייב איז ניט געקומען אין שטאָדט. שוין באלד צוויי וואָכען, אז איך בין געבליבען אָהן א גראָשען געלד. אלע טאָג אויף אָנבייסען און די צוויי טעג וואס מיר פעהלען קום איך אוים מיט אַ שטיקעל טרוקענעם ברויט, און דער ברויט אליין האָט עפעס גאָר ניט קיין זעטיגקייט, מען עסט אויף צוויי מאָהל אזוי פיעל, און מען בלייבט הונגעריג. אייג־מאָהל, עסענדיג מיין שטיקעל ברויט אויף ווארמעס, זעה איך,

אז פון מיין ברויט בלייבט נאָר אַ שטיקעלע אויף וועטשערע, און מאָרגען פעהלט נאָך אַ טאָג. וואס וועל איך טאָן? און ערגער פון אַלץ, וואס איך האָב ניט קיין באָד געלד. שוין צוויי וואָכען ניט געהאַט קיין באָד, און קיין העמד ניט איבערגעביטען.

מיין קליין קעפעלע שפּאַלט זיך, וואס טוט מען? נאָך האַל־בען טאָג, און דעם גאַנצען אבענד, קריכט מיר ניט די גמרא אין קאָפּ. נאָכ'ן לערנען אין אווענד, אויפגעגעסען דעם לעצטען שטי־קעל ברויט, און געלעגט זיך שלאָפען, נאָר עס שלאָפט זיך ניט. דער געדאנק „וואָס עסט מען מאָרגען, און וואו נעהמט מען באָד געלד" לאָזט מיך ניט רוהען.

פארשיעדענע עראינערונגען פליהען דורך אין קאָפּ, און איך דערמאָהן זיך, אז מיט אַ טאָג פריהער האָב איך געהערט, אז אַ בחור'ל האָט געוואונען הונדערט רובעל פון דער לאָטארעע, וואס ווערט געשפּיעלט אין חונן דלים. אַ, ווי גליקליך וואלט איך גע־ווען, טראכט איך מיר, ווען איך האָב אַזאַ בילעט און געווין אַזאַ אוצר מיט געלד? איך וואָלט זיך אויפגעהען אַ שעהנעם גאַרני־טור (סוט) מיט אַ פּאַלטאַ מיט אַ פּאָר געפּוצטע שטיוועלעך מיט קאַלאָשען, מיט אַ שעהנער היטעלע, און וואָלט אַנקויפען פּיעלע מתנות פאר אַלעמען און פאָהרען אהיים. אַ, וואָס פאר אַ גאַסט איך וואָלט געווען! און עס שטעלט זיך מיר פאָר, ווי די מאַמע נעהמט מיך ארום, דריקט מיך צום הארצען, קוסט און וויינט פון פרייד. און איך דערמאָהן זיך, אַז עס איז שוין באלד אַ יאָהר, אז איך האָב זיי ניט געזעהן. זיי הערען ניט פון מיר, און איך הער ניט פון זיי. איך בין עלענד ווי אַ שטיין. איך וואָלט זעהר ווע־לען זעהן זיי. אזוי ליג איך מיר און טראכט און וויין שטילער־הייד. פּלוצלים פאַלט מיר אריין אַ געדאנק אין קאָפּ. זעהר אַ גוטער פּלאַן. איך באַטראכט עס, און בעשלים דורכצופיהרען. עס קען זעהר זיין, אז מאָרגען וועל איך האָבען אי עסען אי באָד־געלד, און פול מיט האָפנונגען, ווער איך אנשלאָפען גאַנץ גע־שמאַק.

26. איך ווער דער מינסקער נגיד.

אין דער פריה נאָכ'ן דאַוונען געה איך ארויס אין גאַס. אַ

האלבע שטונדע ארומגעדרעהט זיך אין גאס און קום צוריק. איך געה צו צום מנהל, דאָס איז דער עלטערער פון די ישיבה בחורים, וועלכער גיט אכטונג אז אלעס זאָל זיין אין אָרדענונג. איך וויים, אז ער האָט געלד. איך מאך א פרעהליכען פּנים, און זאָג, אז איך האָב צו דערצעהלען איהם אַ פרעהליכע נייעס, נאָר דאָס מוז דער־וויל בלייבען א סוד. ער פארזיכערט מיך, אז דאָס וועט זיין א סוד, און איך דערצעהל איהם, אז איך האָב געוואונען הונדערט רו־בעל, און די געלד וועט מען מיר ארויסגעבען, ווען איך וועל קו־מען מיט אן עלטערען פריינד. יעצט מוז איך ווארטען ביז מיין פעטער וועט קומען. דער מנהל האָט אויסגעדריקט זיין צופריע־דענהייט. ער האָט זיך א פּנים פארגעשטעלט, אז ער וועט אויך אָפּלעקען אביינדעל, ווייל מען האָט אויף איהם געזאָגט, אז ער נעהמט געלד. איך האָב זיך געזעצט לערנען אָהן עסען. דער הונגער לאָזט זיך פיהלען זעהר שטארק, נאָר איך לעב מיט'ן האָ־פענונג, אז איך וועל האָבען א גוטען ווארמעס.

איינס א זייגער, ווען אלע געהען עסען, געה איך צו צום מנהל מיט אַ ברייטקייט, ווי עס פּאסט פאר א נייעם נגיד, און בעט לייהען צעהן קאָפּיקעס. ער האָט זיך אפילו ניט פארטראכט, און גלייך געגעבען. מיין רעכענונג איז געווען, אזוי ווי דער שנעע האָט שוין אויפגעהערט צו געהן, און דער פעטער איז אזוי לאנג ניט געווען אין שטאָדט, וועט ער געוויס די טעג קומען. איך וועל איהם דערצעהלען, אז איך בין דאָ געווארען א בעל חוב, וועט ער געוויס געבען א פּאָר גילדען. איך וועל אָבצאָהלען דעם מנהל זיין חוב, און זאָגען, אז אין חונן דלים האָט גאָר אן אנדער אינגעל גע־וואונען. אז דאָס איז געווען אַ טעות.

איך לויף שנעל, קויף ווייסען ברויט, א שטיקעל הערינג און א שטיקעל קעז. עס אָב געשמאַק און זעץ זיך לערנען. אין אבענד געה איך אין באָד. געוואשען זיך, פאר צוויי מאָהל, אויס־געוואשען א העמד און דעם ארבע כנפות, דארט גלייך אויסגעטריי־קענט, אָנגעטאָן, און געה צוריק פריש און פרעהלעך, ערווארטענ־דיג א גוטע וועטשערע מיט א פּאָר געבאַקטע בולבעס.

נאָר א מענש טראכט און גאָט לאכט. ווי איך האָב זיך גע־זעצט צו דער גמרא, געהט צו דער ראש ישיבה, די הענד פארלעגט

אהינטער, קוקט מיר גלייך אין די אויגען, און זאגט גאנץ געלאסען:
„הייסט עס, אז דיר קומט א מזל טוב ? געוואונען הונדערט רו־
בעל. די געלד וועט מען ארויסגעבען, ווען דער פעטער וועט קו־
מען ? אזוי דארף זיין, א אינגעל קען מען ניט געבען אזוי פיעל
געלד." איך ווער דערשראקען, צוטומעלט און געפין ניט קיין
ווערטער. דערצעהלען דעם אמת האב איך מורא פאר'ן מנהל. וואס
טוט מען דא ? איך טראכט, און דער ראש ישיבה איז שוין צוריק
אויף זיין פלאץ.

גאנץ שפעט אין דער נאכט. אלע שלאפען שוין לאנג, און
איך ליג און טראכט, וואס וועט יעצט זיין ? מען וועט זיך דאך
דערוויסען, אז דאס איז א ליגען. און באמת איז דאס א רציחה,
אז צוליעב דער קישקע זאל מען ווערען א ליגנער. איך דערמאן
זיך, וואס איך האב געזעהן אין א ספר, אז א ליגנער, ווען ער
קומט אויף יענער וועלט היינגט מען איהם אויף פאר'ן צונג, אונ־
טען ברענט א גרויסער פייער, מלאכי חבלה ווארפען אין פייער פעך
און שוועבעל און ער בראט זיך. איך שלעפ ארויף מיין קאפאטקע
איבער'ן קאפ און פאנג אן צו דרעמלען, און זעה אין שלאף אזוי
ווי אויפ'ן וואר ווי מענשען הענגען, און אונטער זיי ברענט א
פייער, זיי ווארפען מיט די הענד און מיט די פיס, גלאצען מיט
די אויגען, און שרייען מיט ווילדע קולות, און איך פאנג אויך אן
צו שרייען פון שלאף. מען וועקט מיך, איך כאפ זיך אויף, און
ווייס ניט אויף וואס פאר א וועלט איך בין. איך מאטער זיך א
גאנצע נאכט. דעם ערשטען מאל אין לעבען אזא שלעכטע נאכט
געהאט, דעם ערשטען מאל דערפיהלט דעם טעם פון חרטה.

27. איין זינד שלעפט א צווייטע.

לאנג האבען זיך געצויגען די פאר טעג ביז דער פעטער איז
געקומען. איך לויף אלע טאג אויף דער אכסניה, וואו דער פעטער
שטעלט זיך אב, און ווי גרויס איז געוועזן מיין שמחה, ווען מען
האט מיר אנגעזאגט, אז דער פעטער איז דא. איך האב נאך קיין
צייט געהאט אבגעבען „שלום עליכם" טוט ער גלייך א זאג:
„היינט ביסטו שוין אליין א נגיד ? וויפיעל קאסט עס אזא בי־

לעט?״ פונקען פייער האָבען זיך גענומען שיטען פון מיינע אוי־גען. איך וויל עפּעס זאָגען, נאָר דאס הארץ קלאפּט זעהר און דער צונג קעהרט זיך ניט. — „פון וואנען ווייסט איהר?״ האָט זיך ביי מיר אויסגעריסען אַ נארישע פראגע. — „אַ וועלט שלאָפט ניט. זאָג נאָר, וואו איז די געלד?״ פרעגט דער פעטער. — „איך האָב גאָר ניט גענואונען,״ ענטפער איך, און הויב אָן צו־וויינען. — „וואָס האָסטו מורא, נארעלע? איך וועל ביי דיר חלילה ניט צונעהמען,״ זאָגט דער פעטער. — „דאָס האָב איך אָבגענארט דעם מנהל,״ זאָג איך וויינענדיג. — „נו, זיי נאָר ניט קיין שוטה, און זאָג וואו איז די געלד.״ — „ווי איך בין אַ איד, אז איך האָב קיין געלד ניט,״ טענה איך, און ער פאנגט אָן צו שרייען: „אַ וועלט איז ניט משוגע, פאר וואס זאָגט מען ניט, אז איך האָב גענואונען? זאג באלד וואו איז די געלד! דו ווילסט פּטר׳ן די געלד מיט ווייסע חברה׳ניקעס? איך וועל דיר דעם פּנים צופּאַטשען, דו שקץ איינער! זאָג, וואו איז די געלד!״ און ביי די ווערטער האָט ער מיט כעס אויפגעהויבען די האנד, און איז שוין געווען נאָהענט פון מיין באק. צו אַלע מיינע צרות האָב איך שטארק מורא געהאט פאר אַ קלאַפּ, ובפרט פאר זיין פּאַטש. איך האָב אַמאָהל פון זיינעם אַ פּאַטש געהאט אַ געשוואָ־לענע באק אַ גאנצע וואָך. פון שרעק האָב איך אויסגעשריען: „ביי דעם ראש ישיבה,״ מייננענדיג, אז דערמיט וועט ער שוין יוצא זיין. — „אַט אַזוי רייד, זאָגט דער פעטער שוין אביסעל וויי־כער. טאָ קום זשע צום ראש ישיבה, מען דארף דאָך עפּעס מאַ־כען אַ טאָלק מיט די געלד.״ איך הויב אָן צו וויינען, ברעכען די הענד און בעטען זיך: „פעטערקע, האָט רחמנות, געהט ניט, איך האָב ניט גענואונען קיין געלד, איך האָב געוואָלט עסען, האָב איך.״ — ביי די ווערטער כאַפּ איך דעם ערשטען פּאַטש, און ער שלעפּט מיך פאר׳ן האנד צום ראש ישיבה. איך רייס זיך פון די הענד, און כאַפּ אַ צווייטען פּאַטש, אז מיין היטעלע איז אראָב־געפאלען פון קאָפּ.

איך רעד שוין ניט מעהר. איך וויין און ציטער, איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. אין ישיבה זאָגט מען, אז דער ראש ישיבה איז אוועק עסען וואָרמעס. דער פעטער שלעפּט מיך צום ראש ישיבה א

היים. איך קלייב צונויף מיינע לעצטע קרעפטען און הויב אָן ווייטער צו בעטען זיך, אז ער זאָל מיך ניט פיהרען, נאָר ער וויל מיך ניט הערען און שרייט, אז איך בין משוגע געווארען. אין גאס קוקען אלע אויף מיר. איך וואלט זיך בעסער לעבעדיגערהייד באגראָבען.

מיר קומען אריין צום ראש ישיבה. איך שטעה און ציטער; די פיס ברעכען זיך אונטער; עס קלאַפּט א צאָהן אָן א צאָהן ווי אין קדחת; די באקען ברענען פון די פעטש, און אין די אויערען קלינגט אזוי ווי א קלאָנג. — „וואָס ווערט איהר עפּעס זאָגען?" פרעגט דער ראש ישיבה דעם פעטער. — „איך האָב ביי איהם קוים דערגאנגען, אז די געלד איז ביי איך," ענטפערט דער פעטער. — „ביי מיר!" האָט דער ראש ישיבה א געשריי געטאָן, „וועה איז מיר! וואס איז דאָס פאר א בלבול?" דער פעטער האָט מיר געגעבען א פאַטש, אז איך בין געפאַלען מיט'ן קאָפּ אָן וואנד. — „עס קען זיין, אז ער האָט ביי זיך די געלד," זאָגט דער ראש ישיבה. דער פעטער זוכט אין מיינע קעשענעס, און געפינט ניט. און דער ראש ישיבה גיט אָן עצה, אז דער פעטער זאָל מיט מיר געהן אין חונן דלים, און דאָרט אויסגעפינען דעם אמת. ער שלעפּט מיך, און איך וויים שוין גאָר ניט וואס מיט מיר טוט זיך. אין בית המדרש פון חונן דלים האָט דער שמש געזאָגט, אז א איינגעל האָט געוואונען די הונדערט רובעל, אָבער ער האָט ניט געזעהן דעם איינגעל. דער פעטער טוט א קוק אויפ'ן זייגער, און זאָגט מיט כעס: „עס איז שוין אזוי שפּעט. איך האָב מיינע געשעפטען, געה דיר אין אַלדע שווארצע יאָהר מיט דיין געווינס," און ער איז אוועקגעלאָפען. איך בין ארויס אין גאס און טראַכט, אונזערע חכמים האָבען אמת געזאָגט: עבירה גוררת עבירה — איין זינד שלעפּט א צווייטע. — דער ערשטער ליגען האָט מיך אריינגעשלעפּט אין א צווייטען.

28. נע ונד אַזוי ווי קין.

א הונגעריגער, אויסגעשלאָגען פון די קרעפטען, שלעפּ איך זיך איבער מינסקער גאסען. שטיקלעך שנעע פאַלען אויף מיינע

באקען און מישען זיך מיט מיינע טרערען; קוים וואס איך שלעפּ די פיס; דער קאָפּ איז ווי מיט בליי אָנגעגאָסען און די אויגען קלעפּען זיך. איך וואָלט יעצט נאָר וועלען א שטיקעלע באַנק, וואו איך זאָל אָברוהען. איך בין שוין נעבען דער ישיבה. איך האַלט זיך פאר דער אָנגעפּראָרענער הענטעל פון טיר און שעהם זיך און שרעק זיך א שלעפּ טאָן און עפענען.

איך טו זיך אָן א כח און עפען די טיר. אלע האָבען א קוק געטאָן אויף מיר. איך געה צו מיין ארט און נעהם די גמרא. דער ראש ישיבה געהט צו מיר צו. אין ישיבה ווערט שטיל. גרויסע פייערדיגע רעדער הויבען אָן צו דרעהען זיך ארום מיינע אויגען, און ווי פונקען פליהען פון די אויגען. איך זעה גאָר ניט ארום זיך, און דער ראש ישיבה הויבט אָן צו זאגען איינציגע ווערטער: „דיין פוס זאָל דאָ ניט זיין, אזעלכע שקצים דארף איך דאָ ניט האָבען, ארויס פון דאַנען, טאַקע באלד!" און צום מנהל זאָגט ער: „דו זאָלסט באלד אָנזאָגען אויף זיינע טעג, אז ער לערענט דאָ מעהר ניט, און מען זאָל איהם מעהר ניט געבען עסען." מיין פּנים ברענט, דער קאָפּ שווינדעלט, די ליפּען פארשמאכט און דער צונג איז טרוקען ווי א שערבעל. איך שוויג און טראַכט נאָר: „אָ, גאָטעניו, ווען איך האָב שמשון הגבור'ס גבורה, וואָלט איך איבערקעהרען די ישיבה און דער'הרג'ט ווערען דאָ אין איינעם מיט אלעמען. וואָהין זאָל איך געהן? עלענד ווי א שטיין, ניטאָ קיין גואל, קיין קרוב. עס פארקוועטשט מיר שטארק אין הארצען, נאָר איך וויין ניט. עס קען זיין, אז איך האָב שוין ניט מעהר קיין טרערען, אדער פיליכט, ווייל מיינע טרערען העלפען מיר ניט. דעם מנהל פאר'ן חוב גיב איך אָב דעם זאק, אויף וועלכען איך פלעג שלאָפען. דער זאק איז ווערט צוויי מאָל אזוי פיעל ווי דער חוב.

איך נעהם מיין העמד, א פּאָר צוריסענע זאָקען און להבדיל דעם סידור'ל, און פארלאָז די ישיבה מיט איין אראבגעלאָזענעם קאָפּ, ניט זאָגענדיג קיינעם קיין וואָרט. ארויס אין דרויסען, אָבגעשאָטעמט גרינגער, דורכגעלאָפען די שמאָלע גאסען, און איך בין שוין אויפ'ן הויכען מארק. די שטראַהלען פון דער זון פאלען אויף דעם קלאָהר ווייסען שנעע און בלענדען די אויגען. ווי די

אַדלער פליהען שעהנע פערד איבערגעדעקט מיט בלויע און ראָ־זעווע טהויל, און ווי אויף פוטער גליטשען זיך די שליטעלעך, אין וועלכע עס זיצען טאקע אמת׳ע נגידים, ניט אזעלכע ווי איך. די זון ווערט רויט און הויבט אָן אראָבצורוקען זיך צווישען די הויכע מויערען; דער פראָסט ווערט שטאַרקער; איך ציטער פון קעלט און לויף ווייטער.

איך בין נעבען א בריק. דער טייך זעהט אויס ווי א גלעזער־נער, און אויפ׳ן טייך איז א גרויסער פּלאַץ ארומגעצאַמט מיט ווענד פון שנעע, און אין מיטען פליהען ווי א פייל פון בויגען איי־נע נאָך די אנדערע אינגלעך און מיידלעך, קלענערע און גרעסערע. מיט אמאָהל ווערען לאַנטערנעס אָנגעצונדען, און מוזיק פאַנגט אָן צו שפּיעלען. די חברה ווערען נאָך לעבעדיגער און מאַכען אויפ׳ן אייז אַלערליי קונצען: איינער פליהט אויף איין פוס, איינער זעצט זיך צו אויף די פינגער פון די פיס, און פיעלע האַלטען זיך פאַר די הענד מיט מיידלעך. דאָס מוזען זיין גוים, טראַכט איך זיך, און דער קול פון טרומייטען און פויקען גיסט זיך צוזאַמען מיט א הילכיגען געלעכטער פון דער יוגענד, און וועקט אין מיר עפּעס מאָדנע געפיהלען. „גליקליכע קינדער, טראַכט איך, איהר האָט היינט געגעסען, און האָט וואוהין צו געהן שלאָפען, און איך בין נע ונד אזוי ווי קין פאר זיינע זינד.״ דאָס האַרץ פארקלעמט מיר זעהר שטאַרק, א שטראָם טרעהרען טוט זיך א גאָס פון מיינע אוי־גען, און איך פערלאָז דעם פּלאַץ.

29. דער גוטער אַלטער שמש.

הונגעריג, פארוויינט און דערפראָהרען לויף איך פון איין גאָס אין א צווייטער ביז איך האָב דערזעהן א שולעכעל. איך קום אריין, ערשט מען ענדיגט מעריב. איך שטעל זיך אין א ווינ־קעלע, דאווען מיט האַרץ און וויין. אלע זיינען שוין אוועק פון שול. איך פרעג דעם אַלטען שמש, אויב ער וועט מיר ערלויבען צו נעכטיגען דאָ. אויף זיין פראַגע, ווער איך בין, האָב איך איהם געזאָגט, אז איך בין ערשט געקומען פון א קליין שטעדטעל, און וויל דאָ לערנען אין א ישיבה. איך פיהל, אז מיין פּנים האָט זיך

ווי אָנגעצונדען פון דעם נייעם ליגען. אבער וואס קען איך טאָן? דער אַלטער האָט מיך געבעטען עסען מיט איהם זיין וועטשערע. מיר האָבען פריהער געגעסען צו שטיקלעך הערינג מיט ווייסען ברויט, און נאָכהער האָט ער אַרויסגענומען פון הרובע א טעפּעל, אריינגעגאָסען אין א שיסעלע גרויפּען מיט בולבע, און זאָגט מיט א שמייכעל: „פּארזוך נאָר א מאכל, וואס אַן אלטער קאָכט אַליין. שוין צייט אויסצולערנען זיך קאָכען, איך קאָך שוין ברוך השם אַ יאָהר צעהן, זייט מיינע עליה השלום איז געשטארבען. אַלץ איבער קינדער, פון אכט קינדער געבליבען נאָר צוויי זיהן, זעהר געראָטענע, לומדים, שעהנע, קלוגע, געקענט טאָן די פיינסטע שדוכים, פּארווילט זיך זיי אמעריקע. איך בעט זיך, די אלטע עליה השלום קלאָגט און וויינט, און זיי טענה'ן, אז זיי וועלען דאָרט ווערען רייך און וועלען שיקען נאָך אונז און מיר וועלען האָבען דאָרט אַ גוטע עלטער. זיי זיינען אוועק, די אַלטע, א שוואכע פרוי, איז פון הארץ־וועהטאָג אין גיכען געשטארבען. די קינדער זיינען דאָרט גאָר עפּעס שניידער געווארען. דאָך שיקען זיי מיר אויף דער הוצאה, און אביסעל האָב איך פון מיינע שמשות, און לעב זיך אזוי.” נאָכ'ן בענשען האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָן: „דו ביסט, מיין קינד, מיעד פון וועג, לעג זיך שלאָפען, אָט האָסטו מיין קאָפּטעל, לעג איהם צו קאָפּען, לייען קריאת שמע און שלאָף געזונד.”

אַ זאַטער, נעבען א ווארימער הרובע בין איך געשמאַק איינגעשלאָפען, און האָב זיך אויפגעכאַפּט צוויי א זייגער נאָך האלבע נאַכט, ווען איך האָב דערהערט עפּעס א שטילע יאָמערליכע שטימע. איך זעה דער אלטער זיצט אויף דער ערד אזוי ווי תשעה באב. דאָס ריכט ער אָב תקון חצות. איך וויים, אַז גרויסע עהרליכע אידען שטעהען אויף האַלבע נאַכט און קלאָגען אויפ'ן חורבן בית המקדש, און בעטען גאָט, אַז משיח זאָל שוין קומען, און מיר זאָלען געהן קיין ארץ ישראל. נעבען דעם אַלטען אויף א בענקעלע שטעהט א וועקסענער סטאַטשיק, וועלכער באַלייכט גאַנץ וועניג דעם ספר, פון וועלכען ער זאגט גאנץ שטיל, און טרערען רינען איבער זיינע געלע איינגעפאלענע באקען, און פאלען אריין אין דער לאנגער ווייסער באָרד, דער גראָער קאָפּ איז איינ־

געבויגען אויף א זייט און שאָקעלט זיך פאמעלעך, הויכע זיפצען רייסען זיך אלע ווײַלע ארויס פון זיין ברוסט, און אויפ'ן פנים ליגט אזא מין געבעט, אזא מין ווייכקייט, פון וועלכע דעם צווייטענס הארץ מוז אויך ווייך ווערען.

איך כאפ זיך אראב פון געלעגער, און גיס אָב נעגעל־וואסער. לערנען וויל איך היינט ניט. תהלים זאָגען ווילט זיך מיר. איך צינד אָן א שטיקעל ליכט, און זעץ זיך הינטערען הרובע, אום איך זאָל ניט שטערען דעם אלטען. איך זאָג דעם תהלים, און פיהל ווי אלעס איז צוגעפאסט צו מיר. איך זאָג: „כי אבי ואמי עזבוני וד' יאספני", מיין טאטע און מאמע האָבען מיך פארלאזען, נאָר גאָט וועט מיך אויפנעהמען. איך זאָג: „יסבר פי דוברי שקר", און ווי א שפּיז טוט מיר א שטאָך אין הארצען. דאָס מיינט דאָך, אז עס זאָל פארשטאָפּט ווערען דער מויל פון די וואָס זאָגען ליי־גען. פלוצים דערהער איך ווי דער אלטער שרייט אויס: „אתה תקום תרחם ציון", דאָס מיינט, אז גאָט זאָל רחמנות האָבען און אויפבויען צוריק ציון. אין דער האלב־פינסטערער שול ווערט שטיל. דער אלטער אין איין ווינקעל, און איך אין א צווייטען, וויינען ביטער אויף דעם אידישען גלות און אויף די אייגענע צרות. אזוי ווי א שטיין איז מיר אראָב פון הארצען, און איך בין ווייטער איינגעשלאָפען.

אין דער פריה אָבגעדאווענט מיט דעם ערשטען מנין, אָב־געזעגענט זיך מיט דעם אלטען, און דער אלטער זאָגט מיר: „געה געזונד, מיין קינד, גאָט זאָל דיר שטארקען דיין הארץ, אז דו זאָלסט וועלען לערנען און זיין אן ערליכער איד." — און ניט זיין קיין ליגנער, האָב איך א טראכט געטאָן, און שנעל ארויס פון בית המדרש.

30. הונגער קען טרייבען צו אלעס.

איך געה אום איבער די גאסען און טראכט וואס צו טאָן. איך געה פארביי דער חברה'שער שול און באשליס ארייגעהן אהער און זעצען זיך לערנען. דאָ איז ניט קיין ישיבה. איך קום אריין, אייניגע דאווגען נאָך און אייניגע לערנען. איך נעהם א

גמרא און זעץ זיך אין א ווינקעל לערנען. קיינער באמערקט מיך ניט, קיינער פרעגט מיך ניט, און איך בין דערמיט שטארק צו־פריעדען.

עס איז שוין האלבער טאָג, די הארץ ציהט, איך חלש עסען, איך פארטיף זיך אין דער גמרא, אז איך זאָל ניט פיהלען דעם הונגער, איך שאָקעל זיך שטארקער, איך הויב אויף דעם קול העכ־בער, נאָר עס העלפט ניט, א שרעקליכער הונגער איז אויף מיר אָנגעפאלען. איך ווער אויף זיך אין כעס און טראַכט, „לאָז דוכ־טען, אז היינט איז א תענית, עס זיינען דאָך פאראן גאנץ שוואַ־כע אידען, וועלכע פאסטען פיעלע טעג אין יאָהר." איך שטארק זיך און לערען ווייטער. פלוצלום פארדרעהט זיך מיר דער קאָפּ און עס ווערט פינסטער אין די אויגען.

דער זייגער שלאָגט צוויי. איך געה צו צום פענסטער. אנט־קעגען איז דער פיש מארק. ווייבער זיצען מיט מולטערלעך און קאָ־שיקעס פולע מיט בויגעל, מיט קוכען, מיט שטיקלעך הערינג, קעז, און אנדערע מיני מאכלים. „וואס וועט זיין דער סוף?" טראַכט איך, „איך וועל דאָך אזוי אויסגעהן פון הונגער." איך טראַכט און קען ניט אָברייסען די אויגען פון די מולטערלעך מיט די קאָשיקעס. עס ציהט מיך אהין, און אין געדאנק פליהט דורך, איך וועל געהן כלומר'שט עפּעס קויפען, און וועל אראבשלעפּען א קוכען. שלמה המלך האָט דאָך געזאָגט: „לא יבוזו לגנב כי יגנוב למלא נפשו כי ירעב", אז מען זאָל ניט פארשעמען דעם וואָס גנב'ט, ווען ער איז הונגעריג. איך וויל שוין געהן, נאָר איך דער־מאָן זיך, וואס דער טאטע האָט מיר אמאָל געזאָגט וועגען „לא תגנוב", אז מען טאָר קיינמאָל קיין זאך ניט גנב'ען. איך בלייב שטעהן פארשעמט. איך זעה פאר זיך דעם טאטענ'ס ערנסטען גע־טען פנים, און הער, דאכט זיך, זיינע ווערטער: קיינמאָל ניט, קיין זאך ניט גנב'ען.

איך קעהר זיך אָב פון פענסטער. איך דערמאָן זיך, אז די גמרא זאָגט: „אם פגע בך מנול זה משכהו לבית המדרש" — אויב דער יצר הרע באגעגענט דיך, שלעפּ איהם אין בית המדרש. — מיט לערנען קען מען דעם יצר הרע פארטרייבען. איך זיץ און לערען נאָך א האלבע שטונדע, און באקום א שרעקליכען קאָפּ־

וועהטאָג. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן באַנק און ביטער צוואויינט זיך.

אין שול קומט אריין אַ יונגער מאַן, רייך געקליידעט און זעצט זיך לערנען. דאָס מוז זיין אַ יונגער מאַן אויף קעסט ביי אַ רייכען שווער. ער לערענט די גמרא מיט אַ שעהנעם נגון, און איך ליג און טראַכט, וואו נעהמט מען עסען? פּלוצלום פּאַלט מיר אריין אַ געדאַנק, אַז איך זאָל פאַרקויפען מיין סידור'ל. איך נעהם דעם סידור'ל אין האַנד, באַטראַכט איהם פון אַלע זייטען און באַגיס זיך מיט בלוטיגע טרערען. ווי שווער מיר איז צו שיי־דען זיך מיט מיין סידור'ל. פיעל מאָל האָב איך פון מיין עסען אָבגעשפּאָרט ביז איך האָב צונויפגעקליבען די געלד, און ווען קען איך נאָך אמאָהל האָבען אזא סידור'ל? איך געה צו צום יונגען מאַן, און זאָג: „קויפט ביי מיר דעם סידור'ל. — „איז דאָס ניט קיין גע'גנב'עטער?״ פרעגט ער מיט אַ שמייכעל. „אויב דו ווילסט אַכט קאָפּיקעס וועל איך דיר געבען.״ איך שווער איהם, אַז ער קאָסט מיך אַ גילדען, און ער איז דאָך אַ שפּאָגעל נייער. ער גיט מיר אָבער מעהר ניט ווי אַכט קאָפּיקעס. איך נעהם די געלד, און אַ לעצטען מאָהל אַ קוק געטאָן אויף דעם סידור'ל מיט די בלויע טאַוועלעך מיט די גילדערנע ווערטער. איך קעהר זיך אָב, באַ־גיס זיך מיט טרערען, און געה קויפען עסען. איך עס, און עס ווערגט מיך. „דאָס עס איך מיין סידור'ל״, טראַכט איך. נאָכ'ן עסען ווייטער געזעצט זיך לערנען, גיט טראַכטענדיג וועגען שפּע־טער.

צעהן אַ זייגער אין אָבענד. אַלע זיינען שוין אוועק פון שול. דער שמש לעשט אויס די ליכט און די לאָמפּען. „געה שוין אַ היים!״ טוט ער אויף מיר אַ געשריי, און פאַרלעשט דעם לעצטען לאָמפּ. איך וויל איהם זאָגען, אַז איך האָב גאָר ניט קיין היים, נאָר זיין קוק און דער געשריי פון אַ גזלן האָט מיר אָבגענומען דעם לשון. איך געה ארויס אין גאַס. הינטער מיר פאַרמאַכט זיך איין אייזערנע טיר.

31. פון בריק און אין וואַסער.

איך שטעה אויפ'ן פיש מאַרק, דער פראָסט ברענט, און איך

קלעהר וואוהין געהט מען. געהן אין נעכטיגען בית המדרש? ווייטער זאָגען א ליגען? ניין, דאָס קען איך ניט, איך וויל מעהר ניט נארען דעם גוטען אַלטען אידען. איך באשליס צו געהן אין מיין אַלטער ישיבה. דער ראש ישיבה איז דאָך יעצט ניטאָ, און דער מנהל וועט רחמנות האָבען און לאָזען איבערנעכטיגען.

איך געה, איך זעה שוין פון ווייטען די ישיבה. דאָרט איז ליכטיג, די ישיבה בחורים דרעהען זיך ארום, און איך בין זיי מקנא. אלע זיצען אין דער ווארעם אויף איין ארט, און איך שלעפּ זיך ארום און האָב ניט וואו אָנצושפּארען מיין קאָפּ. איך קום נעהענטער, און בלייב שטעהן. מיר שטעלט זיך פאר, אז ווי איך עפען נאָר די טיר, טוען אלע א געשריי „שלום עליכם, נייער נגיד!" און דער מנהל כאפּט מיך פאר'ן קאָלנער און שליידערט מיך ארויס. איך וועל ניט געהן, באשליס איך, בעסער דערפראָר־רען ווערען איידער זיין צו שפּאָט און געלעכטער. איך לויף צו־ריק. אין קאָפּ הויבען זיך אָן צו דרעהען פארשיעדענע געדאנקען, און אלע עפּעס אזעלכע פינסטערע. איך פיהל א שנאה צו אלעמען, און א כעס אויף דער גאנצער וועלט, און לויף, ניט וויסענדיג וואוהין.

דער שטאָדט זייגער שלאָגט. איך כאפּ זיך אויף ווי פון שלאָף. עס שלאָגט עלף. איך בין אויפ'ן אלטען מארק. אלע קראָמען זיינען פארשפּארט, קיין לעבעדיגע באשעפעניש. איך ציטער פון קעלט, און נאָך מעהר פון מורא. וואס טויג מיר אזא פינסטערער לעבען? טראַכט איך, ביז ווי לאַנג וועל איך ליידען אזעלכע צרות? ווּעמען ארט פאר מיר? מען האָט מיך פאר־פיהרט אהער און אוועקגעווארפען, קיינער האָט ניט קיין רחמנות... ניין, איך וועל מעהר ניט ליידען... איך וועל מאַכען א סוף צו מיינע צרות. און איך לאָז זיך לויפען צום טייך, געפינען א לאָך אין דעם אייז, און דערטרינקען זיך. איך בין שוין אויפ'ן טייך, און פון אונטערען בריק טוען זיך א וואָרף מיר אין די אויגען די אנגעפרוירענע זיילען פון בריק, עס זעהט אויס ווי א גאנצע מחנה מתים אין די תכריכים וואָלטען קומען אהער טובל זיין זיך אין דעם טייך, און איך דערמאָן זיך אויף די מעשות, וואס איך האָב געלעזען וועגען מתים, וואס געהען ארום איבער דער וועלט.

א ציטער כאַפּט מיך אָן, און איך פליה צוריק ווי א פייל פון בויגען.

32. עס זיינען נאָך פאַראַן גוטע מענשען.

ווען איך בין ארויסגעלאָפען אויפ'ן בריק האָב איך זיך דער־מאָנט, אז דאָ ניט ווייט איז די אכסניה, וואו דער פעטער שטעהט איין. איך דענק, אז זיי וועלען מיך לאָזען נעכטיגען. איך לויף אהין. איך קלאַפּ אָן אין טיר, א דינסט עפענט.

אין שפּייז צימער ארום טיש זיצט די ווירטען מיט איהרע צוויי טעכטער און צוויי יונגע לייט. די אַלטע און די עלטערע טאָכטער נעהען, די קלענערע גיסט אָן טעע פון א סאמאָוואר, א יונגערמאן לייענט עפּעס, און אַלע הערען. איך געה צו נעהענ־טער, זאָג: „גוט אָבענד", און בלייב שטעהן נעבען טיר פערשעמט.

„דער נייער נגיד איז דאָ," האָט די קלענערע טאָכטער א גע־שריי געטאָן. — „רחל, זיי שטיל!" האָט די מוטער א בייזער גע־טאָן זיך, און האָט מיך געפרעגט פון וואַנען קום איך אזוי שפּעט. — „פון טעאטער", האָט רחל אַ געשריי געטאָן. — „רחל, ווער שטיל!" האָט די מוטער געזאָגט גאַנץ ברוגז. „וועה איז מיר, ער איז דאָך גאָר דערפראָהרען," האָט די אַלטע געזאָגט, קו־קענדיג אויף מיר, „זעץ זיך, מיין קינד, און טרינק אַ גלאָז טעע." רחל האָט מיר באַלד געגעבען א גלאָז טעע. אין דער וואַרימער שטוב האָט מיר ערשט אָנגעהויבען צו טרייסלען הענד און פיס, אז איך האָב קוים די גלאָז געקענט איינהאַלטען.

„פון וואַנען זשע געהסטו אזוי שפּעט, מיין קינד?" פרעגט ווייטער די אַלטע, ווען איך האָב שוין די טעע אויסגעטרונקען. איהרע ווייכע, ליעבע ווערטער האָבען אויף מיר אזוי געווירקט, אז מיר האָט זיך פאַרוואַלט אַלעס דערצעהלען, אויסגיסען אַלעס, וואס ביי מיר איז אויפ'ן הארצען; און איך דערצעהל זיי די גאַנצע מעשה פון אַלף ביז תו, איך דערצעהל און וויין, און ביי זיי אַלע־מען זיינען אויך די אויגען פול מיט טרערען. רחל קוקט אויף מיר מיט אַ רחמנות פנים און וויינט אויך, און א יונגער מאן שרייט אוים מיט כעס: „אָט אַזעלכע שוטים, האָבען ניט קיין

שכל צו ריידען מיט א קינד, און האָבען ניט קיין געדולד אויס־צוהערען א קינד.״

די אַלטע האָט געהייסען געבען מיר עסען. רחל האָט גע־גרייט צום טיש, און האָט מיר געגעבען א מאָהלצייט ווי פאר אן אמת'ן גאסט. נאָכ'ן עסען האָט מען מיר אָנגעוויזען א צימער צום שלאָפען. רחל האָט געבראכט נאָך א קאָלדרע, און געבעטען, אז איך זאָל ניט ברוגז זיין וואס זי האָט געלאכט. זי איז ארויס־געגאנגען, און איך בין נאָך געלעגען גאנץ לאנג און ניט געשלאָ־פען. איך האָב אַלץ געטראכט, אז א מענש טאָר ניט פארלירען קיין האָפענונג. עס זיינען נאָך פאראן גוטע מענשען.

33. די ענדע פון מיינע נגידות.

אין דער פריה האָט די אַלטע צו מיר געזאָגט: „מיר וועלען אָבזוכען א פוהר, און דו וועסט פאָהרען צום פעטער לייב. ער איז דאָך א גוטער מענש, נאָר אביסעל א בייזער. דאָרט וועסטו איהם דערצעהלען די גאנצע מעשה, וועט ער זעהען, אז ער איז גע־ווען אומגערעכט.״ זיי האָבען געפונען א פוהר. רחל האָט מיר געגעבען א גוטען אָנבייסען. מען האָט מיך איינגעוויקעלט אין א קאָלדרע, און איך פארלאָז מינסק מיט א צופריעדענהייט.

וואס ווייטער וועט זיין, טראַכט איך ניט, דערוויל ווער איך פטור פון מינסק מיט איהרע צרות וואס זי האָט מיר איינגעטיילט. דער טאָג איז א שעהנער, פאָהר איך זיך מיר אזוי ווי א פריץ, איך פארקוק זיך אויף די שעהנע בלויע הימלען, וואו עס שוועבען ארום גרויסע ווייסע בערג; און איך וואָלט שווערען, אז איך זעה דאָרט ליגענדיג פארשיעדענע חיות, און דורך די קריסטאָלע־נע ליכטעלעך, וואס העגנען אראב פון די בוימער, רייסען זיך דורך די שטראַהלען פון דער זון און קריכען מיר גלייך אין די אויגען; און דער שליטעל פליהט שנעל און וויגט זיך פון איין זייט אויפ'ן צווייטען ביז עס האָט מיך פארוויגט, און איך האָב געשמאק גע־שלאָפען ביז איך בין געקומען צום פעטער.

דער פעטער איז ניטאָ אין דער היים. מיין גוטע, שטילע מומע האָט מיר באלד געגעבען עסען, און האָט קיינע פראגען גע־

מאכט, דערפאר אבער מיין ברודער׳ס פופצעהן יעהריגע כלה האט גענומען פרעגען מיט א שמייכעלע: „איז עפּעס גוט צו זיין א נגיד? האסטו עפּעס גוט א הוליע געטאָן מיט די געלד?" איך בין אימער ברוגז געווען אויף איהר פאר איהר האלטען זיך גרויס און אָבלאכען פון יעדערען, און היינט בין איך טאקע געווארען גוט אין כעס און האָב איהר געענטפערט גאנץ גראָב. איך בין זיך אוועק אין א באזונדער צימער און גענומען אריינקוקען אין עפּעס א ספר, נאָר דער ספר איז מיר ניט געקראכען אין קאָפּ. איך טראכט, וואס וועט איצטער זיין מיט מיר? און איך באשליס, אז קיין מינסק צוריק זאָל איך ניט פאָהרען. ווען איך זאָל ניט מורא האָבען צו געהן אליין, וואלט איך גאָר אנטלאָפען אהיים; און וואס מעהר איך טראכט, ווילט זיך מיר אלץ מעהר אהיים.

דערווייל איז דער פעטער געקומען, גיט מיר אָב א ברייטען שלום עליכם און פרעגט ווי קום איך אהער. שווייג איך. וואס זאָל איך איהם זאָגען? דערצעהלען, אז מען האָט מיך ארויסגע־טריבען פון דער ישיבה? קען איך דאָך ווייטער כאפּען פעטש, און דערצו נאָך וועט די כלה שפּעטער לאכען און רייצען זיך מיט מיר. האלט איך מיין קאָפּ איינגעבויגען און שווייג. „וואָס זשע שווייגסטו?" פרעגט דער פעטער. — „איך וויל פאָהרען א היים," ענטפער איך גאנץ נאאיוו. — „ווען דו זאָגסט מיר, אז דו האָסט די געלד, פיהר איך דיך אָב א היים," זאָגט דער פעטער.

דערווייל זיינען אָנגעקומען מענשען, און דער פעטער האָט זיך געזעצט מיט זיי ריידען. און איך טראכט מיר, אז יעצט איז א צייט צו פאָהרען א היים. שוין באלד א יאָהר, אז איך האָב זיי ניט געזעהן, און מיך ציהט א היים, אז מיין הארץ געהט מיר אויס. נאָר היינט, נאָר דעם מאָהל וועל איך זאָגען א ליגען, אז איך האָב די געלד, און איך פאָהר א היים. דער פעטער אליין האָט דאָך געזאָגט, אז ווען איך וועל איהם נאָר זאגען, פיהרט ער מיך אָב א היים. און דאָרט אין דער היים וועל איך דערצעהלען די גאנצע מעשה, אז איך בין הונגעריג געווען האָב איך אָבגענאַרט דעם מנהל. זיי וועלען מיר גאָר ניט טאָן דערפאר. איך געה אריין אין איין אנדער צימער. זוך אָב אלטע פאפּיער, רייס אָן קליינע שטיקלעך פאפּיער, פארוויקעל זיי אין א סך פּאפּיערלעך

איינע אויף די אנדערע, פון אויבען ארומגעוויקעלט מיט עטליכע טיכעלעך, ארומגעבונדען מיט אַ לאַנגען פּאָדים, אריינגעלייגט אין קעשענע (פּאַקעט) פון די הויזען, און פארבונדען די קעשענע מיט אַ סך קניפּלעך. איך געה אריין אין צווייטען צימער, וואו די כלה זיצט, און זאָג צו איהר: „נו, ווער האָט געלד?" — „געווים ניט דו," ענטפערט זי מיט אַ געלעכטער. — „טאַקע נאָר איך," ענט־פער איך מיט גדלות, און ווייז איהר אויף מיין קעשענע. זי לויפט צו, טוט אַ טאַפּ, און לויפט אוועק. אָט דאָס האָב איך טאַקע גע־וואָלט. איך בין זיכער, אַז זי וועט באַלד זאָגען דעם פעטער, אַז די געלד איז ביי מיר, און ער וועט האַלטען זיין וואָרט, און איך וועל פאָהרען אַ היים.

אַ גאַנצען טאָג איז דער פעטער געווען פארנומען. ערשט אין אבענד טוט ער מיך אַ פרעג: „האָסטו אין גאַנצען די געלד? וואָס שווייגסטו? ענטפער!" און ביי די ווערטער האָט ער גע־נומען טאַפּען מיין קעשענע. די פּאַפּירלעך לאָזען זיך הערען, און מיר קלאַפּט דאָס האַרץ. ער נעהמט שטופּען די האַנד אין קעשענע, נאָר די האַנד קריכט ניט. ער לייגט מיך אנידער און נעהמט צובינדען די קעשענע. איך וואַרף מיט די פיס און שריי, נאָר עס העלפט ניט. מיט אַ מעסער צושניידט ער די פּאָדים, שלעפּט ארויס דעם פּעקעל, רייסט די פעדים פון פּעקעל און שרייט: „אָט אַ פּרא אדם! וואָס האָסטו מורא? איך וועל דיינס ניט נעהמען." ער שלעפּט אראָב אַ טיכעלע נאָך אַ טיכע־לע, און איך שטעה און ציטער. ווען די ערד זאָל זיך עפענען וואָלט איך ליעבער אריין לעבעדיגערהייט, איידער זיין ביי דער ענדע. דער פעטער נעהמט אראָב איין פּאַפּירעל נאָכ'ן אַנדערען און אָט איז ער שוין געקומען צום רעכטען פּעקעל אַלטע פּאַפּיער. ער האָט מיר גלייך אראָבגעלאָזען אַ פּאַטש, אַז פונקען האָבען זיך אַ שאָט געטאָן פון מיינע אויגען, נאָר וויינען וויל איך ניט פאַר דער כלה אין די אויגען, ווייל זי וועט נקמה נעהמען פון מיר. „ער איז משוגע געוואָרען," שרייט דער פעטער, „איך שיק נאָך מרדכי'ן, אַז עלטערער ברודער זאָל ער מיט איהם טאָן וואָס ער וויל!"

אויף מאָרגען איז געקומען מרדכי, און גראָדע איז אָנגעקומען

דער פעטער אייזיק, אויך דער מאמע'ס א ברודער, א פרומער איד, וואס איז אימער אזוי ווי ברוגז אויף אלעמען. מען נעהמט מיך אויף א שטריינגען פארהער. קוקען אויף מיר ווי אויף א מערדער, אלע זיינען בייז און שטעבען מיך מיט די אויגען. איך האס זיי אלעמען, און שרעק זיך פאר זיי, מיין הארץ זאגט מיר, אז איך וועל דא גלאט ניט אבשניידען. איך דערצעהל זיי די גאנצע גע־שיכטע פון אנפאנג ביז צום סוף. ביי מרדכי'ן האבען זיך איי־ניגע מאל טרערען באוויזען. דער פעטער לייב זיצט און קוועטשט מיט די פלייצעס, און דער פעטער אייזיקווארפט אלץ אריין ווער־טער, „וואס א שקץ קען?", „א באד־יונג," און דאס גלייכען. ווען איך האב געענדיגט, האבען זיך מיינע שעהנע ריכטער איבערגע־קוקט, און דער פעטער אייזיק, אלס איין עלטערער, האט געזאגט גאנץ רוהיג: „די ערשטע זאך דארף מען איהם גוט אבשמייסען, אז ער זאל ווייטער אזעלכע שטיק ניט מאכען." ווי א פייער האט זיך מיר אין מיין קאפ אנגעצונדען, און מיין הארץ אט ווערט זי צופלאצט. גאר שמייסען, פאר וואס שמייסען? בעטען זיך וויל איך ניט. איך וועל בעסער איינעם אויסזעצען די צייהן, טראכט איך. ווי די מערדער האבען זיי מיך א נעהם געטאן, א שליידער געטאן אויף דער ערד, און דער פעטער אייזיק וויל שמייסען נאר אויפ'ן היילען לייב. ווי א ווילדע חיה האב איך גענומען בייסען, רייסען און דריקען מיט די פיס. מען האט אבער באלד צוגעהאל־טען מיינע הענד און פיס, און דער פעטער אייזיק האט גענומען שמייסען מיט א גראבען רימען, און דערביי זאגען מוסר. די שמיץ פליהען שנעל און שטארק. יעדער שמיץ ברענט ווי פייער. איך פארקריץ די צייהן און שוויינ. זאלען זיי שמייסען, טראכט איך, ביז איך וועל בלייבען אונטער זייערע הענד, און פטור ווערען פון מיין פינסטערען לעבען.

דער וועהטאג ווערט אבער אונערטרעגליך, און ניט ווילענדיג רייסט זיך ביי מיר ארויס א ווילדער געשריי. די מומע איז אריינגעלאפען און האט מיך ארויסגעכאפט פון אונטער זייערע הענד. אט דאס איז געוועזן די ענדע פון מיינע נגידות, און אין מיין גאנצען לעבען האב איך מעהר ניט געוואלט שפיעלען די ראליע פון א נגיד.

34. איך בין דער איינציגער קלויזניק אין זאסלאוו.

באַלד נאָך די שמיץ, האָט מרדכי, אַלס אַן עלטערער ברודער, אַ זאָג געטאָן מיט אַ ברייטקייט: „יעצט וועל איך איהם נעהמען קיין זאסלאוו, און דאָרט וועל איך איהם אַרויסטרייבען זיינע משוגעת." און מיר זיינען טאַקע אוועקגעפאָהרען קיין זאסלאוו.

זאסלאוו איז אַ קליין שטעדטעלע מיט עטליכע צעהנדליג אידישע קבצנים, און דאָך האָבען זיי אַ שול, אַ רב מיט אַ שוחט, און אַ באָד מיט אַ מקוה. זיי האָט נאָר געפעהלט אַ ישיבה בחור, וועלכען זיי זאָלען דאַרפען געבען „טעג" עסען, און מיך האָט עס גאָט צוגעשיקט אַלס דעם ערשטען ישיבה בחור קיין זאַסלאוו.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז קיין טעג פעהלען מיר ניט. איך קען האָבען צוויי טעג אין איין טאָג. יעדער איינער וויל די מצוה. אמת, דאָס עסען איז ניט גאָר געהויבען, כמעט יעדען טאָג די זעל־בע קליינע בולבעלעך, שוואַרצער גראָבער ברויט, אַ ביסעל בורי־קעס אדער קרויט און אַ קרופּניק, אַמאָהל אַ מילכיגער, אַ ביסעל פאַרווייסט מיט אַ קאַפּ מילך, און אַמאָהל אַ פליישיגער, מיט אַ בי־סעלע שמאַלץ, דאָך איז דאָ בעסער ווי אין מינסק. וואָס גאָט גיט, אָבער אַלע אין איינעם, און איך פיהל זיך עפּעס היימישער.

איין צרה איז נאָר, וואָס זיי האָבען ניט גענוג האָלץ צו באַ־הייצען דעם בית המדרש. אין דער פריה הייצט מען דורך אַבי־סעל צום דאַוונען, און דערנאָך איז קאַלט, איבערהויפּט ביי דער נאַכט. מרדכי איז קוואַטיר ביים רב, דאָרט וואָהנט ער און עסט, און דער רב לערענט מיט איהם. דער פעטער, דער רייכער מחותן, צאָהלט פאַר אַלץ, און איך דאַרף זיצען אַ גאַנצען טאָג אין דער קעלט, און שלאָפען אין אַן קאַלטער שול, און דערצו נאָך איינער אַליין אין אַ שול. איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט און אָנגעלייענט אַז די טויטע קומען אָפטמאָהל אין שול ביי דער נאַכט. גאַנ־צענע נעכט ליג איך און וויין, ציטערנדיג פון קעלט און שרעק.

יעדען טאָג קומט אריין מרדכי און לערענט אָב מיט מיר, גיט אַרויס אַ לייענען, און געהט זיך אוועק ווי אַ פריץ, און איך בלייב איינער אַליין, כאָטש ווער דאָ משוגע. איך פאַנג אָן אָפּט

צו דענקען וועגען דער היים, און בייגק שרעקליך. איינמאָהל זאָג איך צו מרדכי'ן, אז איך וויל א היים, לאכט ער פון מיר. מיט איינינע טעג שפּעטער זאג איך ווייטער, אז איך וויל א היים. זאָגט ער, אז איך בין משוגע. באשלים איך ביי זיך, אז איך זאָל ניט צוגרייטען דעם לייענען פון דער גמרא. פּיליכט וועט דאָס העל־פען. אויף מאָרגען ווייס איך ניט די גמרא, און כאַפּ גוטע פּעטש. ער פּאַטשט, און איך טענה: „איך וויל א היים.‟ אויפ'ן צווייטען טאָג ווייס איך ווייטער ניט די גמרא. געהט ער אוועק, און קומט צוריק מיט א רויטען אידען, עפּעס א שטיקעל קרוב דער מאַמע'ס, וועלכער וואָהנט דאָ ניט ווייט אין א דאָרף. מען רעדט ניט קיין צוויי ווערטער, מען לעגט מיך אנידער, איינער האלט, און דער צווייטער שמייסט מיט א רימען. שרייען האָב איך זיך געשעמט, ווייל מען קאָן דערהערען ביי'ם רב. נאָר ווען זיי האָבען מיך אָבגעלאָזען, האָב איך זיי ביידען גלייך אין די אויגען געשאָלטען מיט די שרעקליכסטע קללות, און ווען מרדכי מיט דעם אידען זיינען אוועקגעגאנגען, האָב איך באשלאָסען, אז איך וועל אליין געהן אהיים. איך פארלאָז די שולכעל, און לאָז זיך געהן. איך בין שוין אָבגעלאָפען גאנץ ווייט פון שטעדטעל. איך לויף און וויין, איך ווייס ניט מיט וועלכען וועג צו געהן א היים. אין דרויסען איז א ברענענדיגער פראָסט, מיר איז שרעקליך קאַלט, און אָט באַלד ווערט נאַכט און ווינטער ביי־דער־נאַכט לויפען דאָך ארום וועלף. שלעכט, מען מוז לויפען צוריק.

איך קום צוריק, מרדכי באגעגענט מיך פריינדליך, און פרעגט וואו בין איך געווען. ער איז געוואָרען ווייכער, ער זאָגט, אז דאָס הארץ טוט איהם וועה וואס ער שלאָגט מיך, נאָר ער מיינט דאָך מיין טובה, אז איך זאָל ווערען א מענש און וועלען לערנען, און דאַן וועל איך אויך האָבען א רייכען מחותן, און מיר וועט זיין אפשר נאָך בעסער איידער איהם איז יעצט.

זיינע גוטע רייד האָבען אויף מיר געווירקט, און די נעקסטע נאַכט, ליגענדיג אין דער קעלט איינער אליין אין שולכעל אויפ'ן הארטען באַנק, האָב איך פעסט באשלאָסען צו ווערען א מתמיד, צו לערנען זעהר פיעל און צו ווערען א מענש; און, ווען איך וועל קאָנען גוט לערנען, וועט זיך אָבזוכען א רייכער מחותן מיט

א שעהנער כלה. און מיר שטעלט זיך פאָר אַט אזא כלה ווי רחל'ה פון דער אכסניה אין מינסק. איך האַלט אָפען מיינע אויגען אין דער פינסטערער שולעכעל, און זעה נעבען מיר רחל'ען, מיט איהרע גאָלדענע האָר און מיט איהרע חן־גריבעלעך, וואס ווערען אין איהרע שעהנע באקען, ווען זי לאכט; און איך דערמאָן זיך ווי זי האָט מיר עסען געגעבען און שלאָפען געלעגט. אָה, ווי ווארעם דאָרט איז געווען, און ווי זים עס איז געווען צו שלאָפען; און איך דערפיהל נאָך שטארקער ווי קאַלט מיר איז יעצט. איך דרעה זיך צונויף, און פארוויקעל זיך בעסער אין מיין קאָפאָטקע און טראכט אַלץ, אז מען מוז ווערען א מתמיד; אז, אויב יא לעבען אזא שווערען לעבען, זאל כאָטש זיין עפּעס א תכלית דערפון.

איך האָב ביז פסח טאקע גוט געלערענט. מרדכי איז פון מיר שטארק צופריעדען, און דער רב גיט אָנצוהערענעס, אז ער וואלט וועלען מיט מיר לערנען, און האַלטען מיך דאָ פאר א חתן פאר זיין מיידעל. און איך טראכט מיר, אז צוליעב אזא קבצן מיט אזא כלה איז ניט כדאי צו זיין א מתמיד.

אויף פסח בין איך געווען ביים פעטער לייבען. פיעלע מאָהל דערמאָנט דעם פאר־א־יאהריגען פסח אין דער היים, און גוט אויסגעוויינט זיך אין א ווינקעלע, אז קיינער זאל ניט זעהן, און אזוי איז אריבער דער יום טוב.

35. אין האראדאק כאַפּט מיך די כאָלעריע.

נאָך פסח איז מרדכי אוועקגעפאהרען לערנען קיין ווישנעווע. און מיך שיקט מען קיין האראדאק. דער זיידע אלי, דער מאַמע'ס פאָטער, א איד פון ניינציג יאָהר, וועלכער דערלעבט זיינע יאהרען ביי דעם פעטער אייזיק, איז גוט באקאנט מיט דעם האַראדאקער רב, וועט דער רב·אכטונג געבען אויף מיר, און דער זיידע צאָהלט פון זיינע אייגענע געלד עטליכע רובעל א זמן איינעם פון די ישיבה בחורים, אז ער זאל מיט מיר לערנען. דערפאר נעהמט דער זיידע ביי מיר א תקיעת כף, אז נאָך זיין טויט זאל איך א גאנץ יאהר לערנען נאָך איהם משניות.

קום איך מיר אָן קיין האראדאק. דאָס איז א שטעדטעל גרע־

סער פון זאסלאוו מיט מעהר אידען, און זיי האָבען אפילו עטליכע נגידים אויך, און די נגידים לאָזען זיך אומעטום פיהלען. ניט נאָר דעם מזרח אין בית המדרש פארנעהמען זיי, נאָר אויך דעם אויבען־אָן אין באָד להבדיל, וואו זיי זיצען זיך אזוי ווי די פריצים, וואַשען זיך ניט געכאפט, און רעדען גאַנץ הויך וועגען וועלט־זאכען, און איבערהויפט קען מען זעהען זייער ברייטקייט אויפ'ן פּאָל, וואו מען בעזימט זיך. דער אָרימאַן שמייסט זיך און אָיקעט און קרעכטשעט זיך שטילערהייט, און דער נגיד צועפּענט עם אביסעל א געמבע, און שרייט מיט ווילדע קולות: „הא־הא־הא, הו־הו־הו," גלייך ווי די גאַנצע וועלט איז זיינע. און ניט נאָר דער שמש און דער בעדער באַדיענען זיי, נאָר אלע אָרימע לייט טאַנצען ארום זיי און גיבען זיי אָב גרויס כבוד, נאָר איך האָב זיי שטאַרק פיינט, ווייל זיי שאפען זיך אָפּט מיט מיר, גלייך ווי איך וואלט געווען זייער טאַטענ'ס משרת, און זיי האָבען ליעב אָפּט צו זאגען מיר מוסר און לערנען מיך דרך ארץ, און, אויב איך האָב באָד־געלד וועט קיינער קיינמאָהל ניט פרעגען. איך דאַנק נאָר גאָט וואס איך האָב ניט קיין טעג ביי זיי. מיינע אלע טעג זיינען ביי אָרימע לייט, און גאָר ניט קיין שלעכטע טעג. כמעט יעדערער האָט א ציג מיט א שטיקעל גאָרטען. עסט מען גרויפּען, איז דאָס פאַר־ווייסט מיט מילך, און אמאָהל האָט מען א גרינע ציבעלע אדער א שטיקעל גרינעם אוגעררוג. אין אלגעמיין איז וועגען עסען ניט געווען וואָס צו באקלאָגען זיך, און מיט'ן לערנען בין איך אויך צופריעדען. מיין רבי, דער ישיבה בחור, איז גוט צו מיר און לערענט מיט מיר זעהר פיעל. אין בית המדרש איז ליכטיג און לופטיג, זיץ איך מיר און לערען א גאַנצען טאָג. דער רב רופט מיך אמאָהל צו זיך אהיים. פארהערט מיך און זאָגט, אז ער וועט דערצעהלען מיין זיידען, אז איך בין א ווילער אינגעל. פרעהט עס מיך שטאַרק.

אזוי האָב איך זיך געלעבט עלענד אין איינזאמקייט, אָבער גאַנץ רוהיג און צופריעדען, ביז מען האָט גענומען ריידען, אז אין מינסק איז די כאָלעריע. מען דערצעהלט שרעקליכע מעשות. מענשען פאלען ווי פליגען. מען געהט אין גאס, עס ווערט ניט גוט, פאַלט מען און מען שטאַרבט. קומט פּאָליציי, צושניידט דעם

טויטען, שמירט איהם אוים מיט עפּעס, און מען באגראבט אָהן תכריכים. און „זי", דאָס מיינט מען די כאָלעריע — פיעלע ווי־לען ניט דערמאָנען דעם נאָמען — האלט זיך אין איין פארשפּריי־טען, געהט פון שטעדטעל אין שטעדטעל, און אינגיכען האָט טאקע ביי אונז אין הארדאק געטראָפען, אז איינעם איז עפּעס ניט גוט געווארען, איז געווארען א שרעקליכער געלאָף און טומעל. דעם קראנקען האָט מען געריבען און נאָך עפּעס געטאָן און ער איז לע־בען געבליבען, אבער אין שטעדטעל איז געווארען א חורבן. אלע געהען ארום פארפינסטערט. אין בית המדרש שטעהען רעדלעך מענשען און מען רעדט נאָר וועגען „איהר." מען דערצעהלט פון די אמאָליגע כאָלעריעס, און פון אמאָליגע מיטלען, ווי א חופּה שטעלען אויפ'ן בית עלמן, און דאָס גלייכען. די אלע מעשות דרינגען אריין טיעף אין מיין נשמה, און ציהען אויף מיר ארויף א טויט־שרעק.

דאָס לערנען קריכט ניט אין קאָפּ, עסען האָב איך מורא, מען זאָגט, אז פון שלעכטע עסענס כאפּט די כאָלעריע. עס איך מיט א האלבען מויל, און שלאָפען קען איך אויך ניט. גאנצענע נעכט ווארף איך זיך אויפ'ן הייזען באנק פון איין זייט אויפ'ן צווייטען. שוין דאכט זיך גאָר פארמאכט די אויגען, און דאָך זעה איך אזוי דייטליך ווי דער מלאך המות מיט זיינע טויזענדע אויגען מיט'ן לאנגען חלף אין האנט פליהט און שניידט רעכטס און לינקס, און אָט פארכאפּט ער, דאכט זיך, מיך אויך, און איך שטארב אַן עלענדער, עס וועט אפילו ניט זיין ווער עס זאָל מיך באוויינען, און מיין מאמע וועט מיינען, אז איך לעב נאָך. אזעל־כע פינסטערע געדאנקען, ניט עסענדיג און ניט שלאָפענדיג, האָ־בען געווירקט אויף מיין געזונט, און איך בין שטארק אָבגעשוואכט געווארען.

איינמאָהל קום איך אויף א טאָג עסען. גיט מען מיר קאַל־טען באָרשטש. דער טאָג איז זעהר א הייסער און דער באָרשטש איז זעהר א קאלטער, האָב איך זיך צו איהם שטארק צוגעכאפּט. ער האָט אפילו עפּעס א ווילדע זויערקייט, דאָך איז די קאלטקייט זיינע צוציהענד, און איך עס איהם געשמאַק מיט'ן שווארצען קארן־ברויט. מיט אמאָהל נעהמט מיר דרעהען אין בויך און שפּארען

אונטער'ן הארצען, און איך האָב געהערט, אז פון כאָלעריע כאַפּט ארויף און אראָב. כאַפּ איך שוין אָב דעם בענשען און לויף. אָט גיסט מיך אָב מיט שוויים און אָט ווערט מיר קאַלט, און אין בויך איז טאַקע ווי אין פּסוק שטעהט: „המו מעי" — מיינע געדערים ברומען — און מיין קאַלטער באָרשטש שפּארט זיך צוריק אויף דער ווייסער וועלט. איך האלט זיך איין און לויף, נאָר די פיס ברעכען זיך אונטער, אין די אויגען ווערט פינסטער, און איך פאַנג אָן אין מיטען גאס צו ברעכען. עס לויפען אָן מענשען און מען פיהרט מיך אָב אין בית המדרש. וואס מען האָט מיר געטאָן געדענק איך ניט, און ווי לאנג עס האָט געדויערט ווייס איך ניט.

די ערשטע זאַך וואס איך האָב דערהערט איז געווען ווי א אידענע זאגט: „וועה איז מיר, אן עלענד קינד." איך עפען די אויגען. נעבען מיר שטעהט דער רב, דער פעלדשער און די רביצען. איך האָב קוים אויסגערעדט: „אוי, מאמוניע מיינע" און האָב זיך שטאַרק צואוויינט. די רביצען וויינט אויך, דער רב טרייסט מיך און דער פעלדשער זאגט, אז די סכנה איז פארביי. יעצט דארף מען מיך נאָר אָבהיטען. געלעגען בין איך אין שטי־בעל נעבען בית המדרש, א ישיבה בחור איז אימער געזעסען נעבען מיר און גוטע ווייבער האָבען מיר עסען געטראָגען ביז איך האָב געקענט אראָבקריכען פון מיין געלעגער.

36. איך ווער „בר מצוה" און פאַנג אָן צו שרייבען ליעדער.

שוין א יאָהר מיט א האַלבען, אז איך בין פון דער היים, און אין אלול ווער איך דאָך שוין בר מצוה, דארף מען געהן א היים אויף מיין בר מצוה. געה איך מיר אוועק קיין מינסק, זוך אב איינינע ישיבה בחורים, וועלכע וואָהנען אין די שטעדטעלך ניט ווייט פון מיין היים, און מיר געהען אוועק פון מינסק א גאַנצע קאָמפּאניע. דריי טעג זיינען מיר געגאנגען דורך פעלדער און וועלדער, איינגאנצען פארגעסען דעם בית המדרש מיט דער גמרא, און געלעבט א גוטען טאָג. דאָס וועטער איז שעהן, געהט מען זיך און מען זינגט. געהט מען דורך א וואלד, קלייבט מען יאגעדעס און ניס, נאָר ווי אמאָהל אין די יונגע יאהרען; געהט מען פאר־

ביי א פעלד מיט ארבעס, עסט מען זיך גוט אָן מיט ארבעס; ווערט מען אביסעל מיעד, צולעגט מען זיך אויפ'ן גראָז אונטער א בוים, מען שטיפט אביסעל, און מען געהט ווייטער. אזוי האָט מען זיך גאָר ניט ארומגעקוקט ווי די צייט איז אוועק, און איך בין אָנ־געקומען א היים אונגעריכט. אלעמענס פרייד איז געווען זעהר גרויס, און איבערהויפט די מאַמע האָט גאָר ניט געוואוסט וואס צו טאָן פאר שמחה. זי לאָזט מיך ניט אָב, איך זאָל עסען עפּעס, איך זאָל טרינקען עפּעס, און זאָל איהר אלץ דערצעהלען פון מיין לעבען אין דער ישיבה. איך דערצעהל פון אלעס, און זי קוסט מיך און וויינט.

מיין בר מצוה האָט מען געפייערט אָהן גרויסע פאראַדען און אָהן א דרשה. שבת אין מאַליסקע ביי אונזער קליינעם מנין האָב איך געזאָגט זעהר שעהן די הפטרה, און נאָך קדוש האָט ראובן, דעם פעטער זאַנוויל'ס איידעם, פארהערט מיך אין גמרא, און איך האָב שטאַרק אויסגענומען. ער זאָגט, אז איך האָב פיעל אויפגעטאָן פאר דער צייט. אלע קוועלען פון מיין ערפאלג, אָבער קיינער וויים ניט מיט וועלכע צרות מיר איז אָנגעקומען מיין ביסעל תורה.

אויף ימים נוראים האָבען מיר געהאט א מנין אין מאַליסקא. מיין טאַטע און לייב דאברעוויצער זיינען די חזנים און איך בין זייער זינגער. אלע ארומיגע דארפס־לייט זיינען אהער געקומען צו פאָהרען ערב יום טוב, און מיט איינעם פון זיי האָט ערב יום כפור געטראָפען אַן אומגליק. פאָהרענדיג צום מנין, האָט ער פאר־לוירען די כפרות מיט די קיילעטשען מען איז געלאָפען צוריק זוכען און מען האָט ניט געפונען. זעהר לעבעדיך האָט מיר אויסגעוויזען ווי דער דאָרפס־מאַן מיט זיין ווייב שטעהען איינער געגען דעם אנדערען ווי צוויי העהנער איידער זיי פאנגען אָן צו שלאָגען זיך. ער באשולדיגט זי און זי באשולדיגט איהם, און גע־בליבען טאַקע אָהן כפרות און אָהן קיילעטשען. נאָך יום כפור האָט זיך מיר פארוואלט באשרייבען די גאנצע מעשה אין גראַמען. איך פּרוב, ערשט עס גראמט זיך, כפרות, צרות, פארלארען, צאָרן, און אזוי ווייטער, ביז עס איז געווארען א גאנצע ליעד, און איך האָב נאָך צוגעפּאסט דערצו עפּעס א ניגון, און זינג מיר מיין איי־גענע ליעד.

אויף סכות איז געקומען צו אונז צו געסט מיין ברודער מרדכי מיט זיין כלה. און מיר האָבען געהאַט זעהר א פרעהליכען יום טוב. שמחת תורה ביי דער נאכט נאָך הקפות זיינען אלע פאַרבליבען ביים פעטער זאַנוועל. מען האָט געגעסען און געטרונקען און געהוליעט אויף וואס די וועלט שטעהט, און איך האָב זיך אָנגעטאָן פאר אן ארץ ישראל איד. איך האָב געהאַט צוגעגרייט א פנים פון לייווענד מיט א באָרד פון פלאַקס, דערצו נאָך אָנגעטאָן א קיטעל מיט א מיצקע אויפ׳ן קאָפּ און גערעדט נאָר לשון קודש. מיט איין ווארט אן אמת׳ר ארץ ישראל איד. מיט גרויס כונה געמאכט דעם געוויסען לאַנגען קדוש, דערצעהלט זיי פון געוויסע פלעצער אין ארץ ישראל, וועלכע איך האָב געוואוסט פון תנ״ך, און נאָכהער האָב איך געזונגען ר׳ ישראל נגר׳ס: „ידידי רעי״, אין וועלכען דער איד בעט גאָט, אז ער זאָל אונז אומקעהרען קיין ארץ ישראל. דער אומעטיגער הארציגער ניגון, וועלכען איך פלעג אימער זינגען מיט הארץ, האָט געהאַט א גוטע ווירקונג אויף אלעמען, און מען האָט מיך געבעטען איך זאָל דאָס זינגען נאָך אמאָל. ווען איך בין געוואָרען אויס ארץ ישראל איד, האָט מען מיך געבעטען, אז איך זאָל עפּעס זינגען. האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און געזונגען פאַר זיי מיין אייגענע ליעד וועגען די פאַרלאָרענע כפּרות. אלע האָבען זעהר געלאַכט און מיינע מאליסקער קריטיקער האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז גאַנץ גוט. דאָס האָט מיך ערמוטיגט צו שרייבען נאָך גראַמען.

ווינטער האָב איך ווייטער געלערנט אין הארדאק, און האָב גאַנץ אָפט געשריבען גראַמען. פון די אלע זאכען, וואס איך האָב אָנגעשריבען, איז מיר שטארק געפעלען געוועזן מיין א״ב אין גראַמען, ווי א ישיבה בחור ווערט פאַרפינסטערט עסענדיג זיינע „טעג״, און נאָך א ליעד מיט דעם נאָמען „א ישיבה בחור א חתן״. דאָס האָב איך געהאַט אין זינען מיין ברודער מרדכי מיט זיין כלה, אויף וועלכער איך בין ברוגז געוועזן.

אין מיטען ווינטער האָב איך צוויי חתונות. דער פעטער לייבע מאַכט חתונה זיין טאָכטער מיט מיין ברודער, און אין דערזעלבער צייט מאַכט ער אויך חתונה א יתומה, א שוועסטער׳ס א טאָכטער. דער יתומה׳ס פאָטער, דער פעטער מאיר, איז אויך

געווען אין הארדאק. ער האָט דאָ עפּעס אַ שטעלע אין אַ מיהל. אַ טאָג פאַר די חתונות בין איך מיט'ן פעטער, דאָס הייסט מיט'ן מחותן, אוועק במחילה צופוס אויף חתונה. ארויסגעגאַנגען אין דער פריה און געקומען אין אָוועגד. קיינער האָט ניט געוואוסט, אויב מיר זיינען געפאָהרען אָדער געגאַנגען, און געווען מחותנים גלייך מיט אַלעמען. אויף די חתונות זיינען צונויפגעפאָהרען אַלע פריינד, פון נאָהענט און פון ווייט. מען האָט אָנגעגרייט פון כל־טוב. אַ גאַנצען אָקס געקוילעט, צוויי וואָכען געבאַקט, און פון מינסק אראָבגעבראַכט אַ גאַנע קאַפּעליע מיט כלי זמר און סענדער דעם בדחן, וועלכער פאָהרט נאָר אויף רייכע חתונות. דעם ערשטען טאָג איז געווען דער יתומה'ס חופּה, און דער עולם האָט ריכטיג מקים געווען די מצוה צו משמח זיין חתן כלה; מען האָט גע־הוליעט ביז טאָג. אויף מאָרגען נאָך מיין ברודער'ס חופּה־וועטשערע האָט איינער גענומען שרייען, אז איך זאָל זאָגען גראַ־מען. חברה האָבען מיך אַ כאַפּ געטאָן, ארויפגעשטעלט אויף אַ טיש, געהייסען די כלי זמר צושפּיעלען, און איך פאַנג מיר אָן מיט אַ ניגון פון אַ בדחן:

איך, ישראל איסר בן מאיר צבי,
אז איך טו זיך ערשט געפינען דאָ היא,
האָב איך זיך גענומען אין זינען
די שמחה צו באַדיענען,
און אזוי ווייטער.

איך האָב געענדיגט מיינע גראַמען, בעט מען מיך, אז איך זאָל זינגען וועגען די פאַרלאָרענע כפּרות. איך זינג, און דער עולם קוועלט. ווען איך האָב געענדיגט, האָט סענדער דער בדחן גע־פּאַטשט בראַוואָ, און געבעטען, אז איך זאָל נאָך עפּעס זינגען; זינג איך זיי וועגען דעם ישיבה בחור ווי ער עסט טעג. איך זעה, אז מיין מאַמע וויינט זעהר שטאַרק, און סענדער דער בדחן נעמט מיך אַרום און בעט איך זאָל נאָך עפּעס זינגען. איך באַרעכען זיך ניט, אז דאָ איז ניט דער פּלאַץ און זינג מיין „ישיבה בחור אַ חתן”:

אויב איהר האָט אַ טאָכטער אַ שלאַק,
טאָ קומט צו אונז אין דער ישיבה,
איהר ווערט פּטור פון דעם פּאַק
אָהן שלשים און אָהן שבעה.

דאָ קענט איהר אויסקלייבען
אַ בחור מיט אַלע מעלות,
וואָס קען לערנען און שרייבען
און אפילו פּסק'נען שאלות.

קויפט איהם נאָר שטיוועל מיט קאַלאָשען
און גיט איהם נאָר סמעטענע מיט חלה,
דערצו נאָך אַ פּאָאָר גראָשען,
געפעלט איהם שוין די כלה.

מיט אמאָל איז געוואָרען אַ טומעל. די כלה האָט זיך שטאַרק צוואוויינט. איך שפּרינג אַראָב פון טיש, און פאַרשטעה ערשט, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט איך האָב דאָ אָבגעטאָן. קיינער זאָגט מיר גאָר ניט, נאָר איך האָב שרעקליכע שמערצען, און מיין שוועגערין איז אַ לאַנגע צייט ברוגז געווען אויף מיר.

37. צוריק קיין מינסק און איך ווער שוין אַליין אַ רבי.

אין האראדאָק האָב איך זיך גענומען פיהלען זעהר איינזאַם, ביז איך נאָך פּסח אוועק קיין מינסק. אריינגעקומען אין קירז־נערשער שול. מען האָט מיר געגעבען אַ לייענען די שיטה פון „תגרי לוד", און איך האָב גוט אויסגעהאַלטען מיין עקזאַמען, האָט מען מיר באַלד באַשטעלט אַלע טעג, און איך האָב זיך גע־זעצט לערנען גאַנץ געשמאַק.

אונזער ישיבה איז געבויט געוואָרען און ווערט אויפגעהאַלטען פון קירזנער, דאָס הייסט פון אידען אָרעמע לייט, וואָס מאַכען היטלען פאַר אידען און פאַר גוים. אונזער ראש־הישיבה האָט אַ שניט־קראָם. דעם געשעפט פיהרט די ווייב. ער איז נאָר איינציגע שטונדען אין געשעפט, און אין גאַנצען זיין צייט גיט ער

אָב צו לערנען אַליין, און צו לערנען מיט אַ צווייטען. אַ גאַנצע וואָך לערנט ער מיט אונז, מיט די ישיבה בחורים, און שבת לערנט ער מיט די קירזנער.

דאָ לערנען נאָר 50 ישיבה בחורים. איינִיגע זיינען שוין גאַנץ גרויסע, נאָר לערנען קענען זיי גאַנץ ווענִיג. איינער פון זיי אַ הויכער, שעמעוודיגער, בלייכער בחור איז געווען אַן אמת'ער עם הארץ. האָט ניט געקענט אַפילו דעם גרינגסטען לייענען צו־גרייטען. ווען דער ראש הישיבה רופט איהר אַרויס זאָגען דעם לייענען, ווערט ער רויט ווי אַ בוריק, און פאַנגט אָן צו בראַקען אַזאַ עברי, אַז פיעלע ישיבה בחורים פאַנגען אָן צו לאַכען. דער ראש הישיבה הייסט איהם זעצען זיך, ער ווערט נאָך רויטער און זיינע פאַר'חלום'טע אויגען ווערען פול מיט טרעהרען. איך קען ניט צוזעהן זיין וועהטאָג, אַ גרויסער רחמנות, און איך באַשליס צו לערנען מיט איהם. איך ווער מיט איהם נעהנטער באַפריינ־דעט. ער דערצעהלט מיר, אַז ער קומט פון אַ דאָרף. דער טאַטע האָט איהם אָבגעגעבען אין אַ שטעדטעל צו אַ שניידער, פלעגט ער אָפט אין אָווענד אַריינכאַפּען זיך אין בית המדרש הערען ווי מען לערנט, און לערנען אַליין, וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט אין חדר. איהם האָט אימער שטאַרק געצויגען צום לערנען, ביז ער איז אַנטלאָפען קיין מינסק, און דאָ האָט ער זיך איינגעבעטען ביי דעם ראש הישיבה, אַז ער זאָל איהם ערלויבען צו פאַרבלייבען דאָ. „איך וויל ניט בלייבען אַן עם הארץ", זאָגט ער צו מיר, און צו־וויינט זיך ווי אַ קליין קינד. — „ווילסטו, אַז איך זאָל מיט דיר לער־נען?" פרעג איך איהם. — „געוויס וואָלט איך וועלען, אָבער איך האָב דיך ניט מיט וואָס צו באַצאָהלען", ענטפערט ער וויינענ־דיג. — „איך דאַרף ניט קיין געלד", ענטפער איך, „דיין קענען וועט זיין מיין געצאָהלט". דער בחור פאַלט מיר אויפ'ן האַלז, כאַפּט מיך קושען און רעדט: „דו וועסט זיין מיין רבי, איך וועל דיר אָבגעבען כבוד ווי אַ רבי'ן, איך וועל... איך וועל דיינע זאַכען נאָכטראָגען דיר אין באָד אַריין, איך... איך... און ער כליפּעט וויינענדיג, אַז ער קען שוין ניט ריידען. איך צוואָוויין זיך אויך, און בעט איהם, אַז ער זאָל מיך ניט רעכענען פאַר קיין רבי'ן, און ער זאָל מיר ניט אָבגעבען קיין כבוד, מיר וועלען זיין ווי חברים.

איך פאנג אָן צו לערנען מיט איהם. פריהער גרייט איך אליין צו דעם לייענען, און צוגרייטען דארף מען גוט, ווערליג צו לערנען מיט א צווייטען, און נאכהער ערשט לערען איך מיט איהם. איך האָב זיך גאָר ניט געקענט פארשטעלען, אז איך וועל דארפען אזוי שווער ארבייטען. ער האָט זעהר א שווערען קאָפּ, איך האָב אָבער זעהר פיעל געדולד, און איך זיץ מיט איהם לאנגע שטונדען און לערען. דער ראש הישיבה האָט עס באַמערקט, און איז אמאָל צוגעגאַנגען, צוגעהערט זיך ווי איך לערען מיט איהם, און האָט א זאָג געטאָן „קריוויצער, דו טוסט זעהר א גרויסע זאך, זאָל דיר גאָט העלפען״. די עטליכע ערנסטע ווערטער האָבען מיך נאָך מעהר ערמוטיגט צו לערנען מיט איהם, און איך האָב דערלעבט דעם גרויסען נחת צו הערען ווי מיין תלמיד האָט געזאָגט א לייענען, ווען דער ראש הישיבה האָט איהם ארויסגערופען. דער ראש הישיבה האָט מיט צופריעדענהייט געהערט זיין לייענען, און אָפּט געוואָרפען ליעבע בליקען אויף מיר, ווי איינער זאָגט: „אָט דאָס האָסטו פאר דיין מיה״, און איך האָב געפיהלט א טעם גן עדן.

ווען עס האָבען זיך אָנגעפאנגען די גאַנץ לאנגע הייסע טעג, און מען איז א גאנצען טאָג געזעסען און געלערענט די גמרא, פלעג איך פאר־נאַכט אוועקגעהן מיט מיין תלמיד אין דעם שטאָדט־גאָרטען, אדער אויפ׳ן בולוואר, וואו מיר פלעגען זיצען איינינגע שטונדען אָנצוקלייבען קרעפטען פאר׳ן נעקסטען טאָג צו לערנען צוועלף שטונדען. דער תלמיד מיינער האָט מיר אָבער געשטערט הנאה צו האָבען פון דער שעהנער מוזיק, וואס האָט דאָרט גע־שפיעלט, ער האָט אימער נאָר גערעדט וועגען דעם היינטיגען לייע־נען פון דער גמרא. פרייטאג נאָך האלבען טאָג, ווען אלע הערען אויף צו לערנען, פלעגט מיין תלמיד בלייבען אליין אין דער ישיבה און לערנען, און איך פלעג אליין פארקלייבען זיך ווייט אין שטאָדט־גאָרטען, צולעגען זיך אויף די גרינע גראָז צווישען די בוימער, דער־מאָהנען זיך אויף מיין היים, באגיסען זיך מיט טרעהרען פון בייג־קענעס, און פיהלען עפּעס אן אונצופריעדענהייט פון לעבען. עפּעס וואלט איך וועלען, נאָר איך ווייס ניט וואס.

באלד אָבער באַטראַכט איך, אז מען טאָר ניט זינדיגען. וואס פעהלט מיר? טעג האָב איך אלע, דער ראש ישיבה איז זעהר גוט

צו מיר, מיט דעם מנהל לעב איך גוט, אפילו דער בייזער שמש האָט מיך ליעב דערפאר וואס איך מאך ניט אַן קיין שמועז אין ישיבה ווי די אַנדערע בחורים. אויף דעם פעטער'ס הילפע דארף איך אויך שוין ניט ארויסקוקען ווי אמאָהל. איך בין דאָך שוין א בר מצוה בחור, און פארנעהם אן אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין ישיבה, דעריבער בין איך פון די ערשטע צו א מנין ביי אן אבל, אדער וואו מען דארף זיצען א גאנצע נאכט און לערנען ביי א קינדבעטאָרען אין דער נאכט פאר'ן ברית. דאָס איז אַפּילו א שווערע שטיקעל ארבייט, דערפאר אָבער האָט מען א גוטע וועטשערע מיט בראָנ־פען און לעקעך און דערצו נאָך אַ פיינע מטבע. און אמאָל טרעפט, אז א אידענע האָט געזעהן א שלעכטען חלום, קומט זי אין ישיבה, דריי קלויזניקעס זיינען איהר פותר חלום און זי צאָהלט דער־פאר.

אויף ימים נוראים בין איך ביים פעטער לייבען, נאָר אזוי ווי די מומע איז געשטארבען מיט א פּאָר מאָנאטען צוריק, איז אין שטוב א שרעקליכער אומעט. דער פעטער איז נאָך בייזער און שטרייננגער איידער געווען, מען טאָר פּשוט ניט אויסריידען א ווארט. איך בין גערען, וואס די ימים טובים זיינען אוועק, און איך בין צוריק אין מינסק אין דער זעלבער ישיבה.

38. איך פארדיען געלד פון בדחנות.

אין ישיבה זיינען אָנגעקומען נייע בחורים. אין אבענד נאָכ'ן לערנען פארברייננגען מיר גוט די צייט. מען דערצעהלט מעשות, און צווישען די דערצעהלער פארנעהם איך א באדייטענ־דען פּלאַץ. זיי האָבען ליעב צו הערען מיינע מעשות, און בעטען מיך, איך זאָל דערצעהלען. אמאָהל ווערען חברה פריילּיך, און מען פאנגט אָן זינגען, ווער עפּעס א ליעד און ווער א שטיקעל פון א חזן, און איך האָב אמאָהל פּרובירט גראמען זאָגען, זיינען זיי גאָר נתפעל געווארען, און האָבען געגעבען מיר פארשיעדענע טעמען צום זאָגען. איינמאָהל האָט זיך זיי פארוואָלט, אז איך זאָל באזעצען א כלה. מען האָט אוועקגעזעצט מיין לאַנגען תלמיד אויף א בייקעל, פארדעקט דעם פנים מיט א טיכעל, און איך האָב

גענומען זאגען. איך האָב ניט באמערקט, אז דער שמש איז ארייג־געקומען. ווען איך האָב געענדיגט, האָט דער שמש א זאָג געטאָן מיט א שמייכעל: „עס איז גוט צו וויסען, אז מיר האָבען אן איי־גענעם בדחן."

איינמאָהל זונטאג אבענד, מיר זיצען און לערנען, קומט אריין דער שמש און זאָגט, אז דער ראש ישיבה מיט'ן גבאי רופען מיך צום גבאי אין הויז. אויף מיין פראגע „צוליעב וואס?" ענט־פערט ער מיט א שמייכעל: „דו וועסט שוין דאָרט זעהן", און ווי פארוואונדערט בין איך געווארען, ווען איך בין אריינגעקומען צום גבאי, וואו עס האָט זיך געפונען א היפשער עולם, און דער גבאי אליין האָט מיך פריינדליך געבעטען זיצען, און געגעבען לעקעך און בראָנפען, און דער ראש ישיבה דערצעהלט מיר, אז דער גבאי מאכט עס חתונה איין אָרימע יתומה פאר איין אלמן. די כלה האָט ני ט קיין פאָטער און ניט קיין מוטער, און זיי ווליען, אז איך זאָל די כלה באזעצען, ווייל דער שמש האָט זיי געזאָגט, אז איך קען זעהר פיין באזעצען א כלה. איך פרוב זיך ענטזאגען, נאָר דער ראש ישיבה זאָגט, אז דאָס איז א גרויסע מצוה און איך דארף דאָס טאָן.

איך געה צו צו דער כלה, און מיט דעם נגון פון אן אמת'ן בדחן פאנג איך אָן צו באזעצען די כלה. איך דערצעהל איהר, ווי פאר דער חופה דארף מען בעטען אויף א גוטער מערכה, און אויף גוטע און פרומע קינדער. אלע ווייבער וויינען שוין, דאָס ביסעל בראנפען מיט די ווייבערשע טרערען גיבען מיר צו מוט. איך הויב אויף שטארקער די שטימע, טו א שפרונג גלייך אין גן־עדן, און נעהם פארשטעלען, ווי דער כלה'ס טאטע און מאמע שטעהען דאָרט פאר'ן כסא הכבוד, און בעטען דעם אלמעכטיגען גאָט פאר זייער עלענד קינד, און אָט באלד קומען אראָב זייערע נשמות, און זיי וועלען פיהרען זייער יתומה צו דער חופה. די ווייבער כליפען. די מענער ווישען די אויגען, און די כלה האָט גענומען חלש'ן. איך כאפ זיך, אז איך בין צו ווייט פארקראָכען, און פאר־ענדיג מיט פיעלע ברכות.

צו דער חופה וועטשערע זיץ איך נעבען חתן, און מען בעט מיך, אז איך זאָל משמח זיין חתן כלה. איך האָב געזונגען מיין

אלף בית וועגען אַ ישיבה בחור ווי ער עסט טעג. און ווי אַ ישיבה בחור האָט חתונה. דער עולם האָט גאָר געקוואָלען. פאַר'ן אוועקגעהן האָט דער גבאי מיר געגעבען אַ רובעל מיט אַ האַלבען. איך האָב מיינע אויגען ניט געגלויבט, דאָס איז דאָך צעהן גילדען. איך דאַנק פיעלע מאָל, ווינש די פּאָר פּאָלק גליק, צו־זעגען זיך מיט אַלעמען, און לויף אין דער ישיבה.

איך ליג מיר אויף מיין האַרטען באַנק, און ווי אַ שעהנער חלום שטעלט זיך מיר פאָר דער גאַנצער אַבענד. אַ כבוד אַ געלד. ערשט מיט צוויי יאָהר צוריק, אין דעם זעלבען מינסק, וועלכע צרות איך האָב געהאַט, און דאַנק גאָט וואָס ער פיהרט מיך אין אַ רעכטען וועג, און איך געפין חן אין לייטישע אויגען.

39. די ערשטע פּאָר שטיוועלעך.

איך האָט יעצט אַזוי פיעל געלד. וואָס טוט מען דערמיט? און איך דערמאָן זיך, אַז מיינע שיך זיינען שוין עטליכע מאָל געלאַטעט געוואָרען, און זיינען ווייטער צוריסען, און פאַרוואָס טאַקע זאָל איך טראָגען שיך אַזוי ווי אַ מיידעל? פאַרוואָס טאַקע ניט אַ פּאָר שטיוועלעך מיט לייטען גלייך? און איך באַשלים צו קויפען אַ פּאָר שטיוועלעך, און טאַקע שטיוועלעך מיט אַ גלאַנץ און מיט אַ סקריפּ, און זאָלען אַלע זעהן און הערען, וואָס פאַר אַ שטיוועלעך דער קריוויצער טראָגט; שטיוועלעך, וועלכע ער האָט טאַקע אַליין פאַרדיענט.

אויף מאָרגען פריה לויף איך צווישען די קראָמען זוכען אַ פּאָר שטיוועלעך מיט די אַלע מעלות, וואָס איך וויל, און אויף מיין גליק דערזעה איך אויף אַ טיר פון אַ קראָם אַ פּאָר שטיוועלעך, וועלכע גלאַנצען, אַז מען קען זיך איינקוקען אין זיי אַזוי ווי אין אַ שפּיגעלע, און עפּעס ווי זיי וואָלטען ריידען צו מיר: „איינגעלע, אָט וואַרטען מיר אויף דיר". איך געה צו, טו אַ טאַפּ, ווייך ווי פּוטער, אַביסעל נאָר, דאַכט זיך, צו גרויס, אָבער וואונדערבאַר שעהן. דער קרעמער געהט צו, און פרעגט, וואָס איך וויל; איך זאָג איהם, און ער פרעגט מיך פיעל געלד קען איך אויסגעבען; ענטפער איך „צעהן גילדען". — דער פּרייז פאַר

די שטיוועלעך איז ניט ווענינער פון צוויי רובעל, זאָגט דער קרעמער; זיי האָבען געקאָסט זיעבען רובעל, און נאָך גאָר שפּאָגעל נייע, נאָר אַזוי ווי איך זעה, אַז דו ביסט אַן אָרעם קינד, וועל איך דיר זיי אָבגעבען פאַר די צעהן גילדען, און טראָג זיי געזונטערהייד". ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ רחמנות פּנים, אַז איך האָב איהם פאַררעכענט פאַר אַ זעהר גוט־האַרציגען מענשען. איך האָב נאָר אַ זאָג געטאָן, אַביסעל שעמעוודיג, אַז זיי וועלען זיין צו גרויס. און ער ענטפערט מיר גאַנץ ערנסט, אַז ווינטער איז וואַרימער אין אַ גרעסערען שטיוועל, מען דאַרף נאָר אַריינלעגען אַביסעל שטרוי.

איך גיב איהם אָב מיין גאַנצען פאַרמעגען, און געה אַוועק מיט די שטיוועלעך פאַרוויקעלט אין אַ פּאַפּיער. ניט האָבענדיג קיין שטרוי, האָב איך אָנגעלעגט פּאַפּיער אין די שטיוועלעך, אָנגעטאָן און אַרויס אין גאַס. וואו אַ בלאָטקע געה איך אַרום, איך היט, אַז זיי זאָלען זיך ניט פאַרשמירען, און דער גלאַנץ זאָל ניט אַראָב; אויך זאָגט מען, אַז ווען מען פאַרנעצט זיי, הערען זיי אויף צו סקריפּען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער גלאַנץ אָנגעפאַנגען אַראָבצוגעהן, נאָך אַ פּאָר טעג, און איך באַמערק אַ קליינע לאַטקע אַקוראַט פון דער זייט. איך טו אַקוק אויפ'ן צווייטען, און דערזעה אַ לאַנגען ריס צונויפגענעהט או פאַרשמירט מיט פּעך און פאַרפּוצט. איך טו אָן מיינע אַלטע שיך, און לויף צו דעם אידען און בעט צוריק מיינע געלד, ווייל דאָס איז געווען על פּי דין אַ מקח טעות, און ער ענטפערט מיר מיט אַ שמייכעלע, אַז פאַר צעהן גילדען קען מען קיין נייע שטיוועל ניט קויפען. איך טענה, אַז ער האָט מיך אָבגענאַרט, און אין דער תורה שטעהט דאָך „לא תונו", אַז מען זאָל ניט נאַרען איינער דעם צווייטען, און ער ענטפערט מיר, אַז איך זאָל זיך ניט נאַריש מאַכען און געהן, און דערביי האָט ער מיר טאַקע גאַנץ גראָב געוויזען די טיר. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען, און האָב זיך גוט צואוויינט, און אַוועק צוריק אין דער ישיבה; און אשטאָט צוריסענע שיך האָב איך יעצט געטראָגען צוריסענע גרויסע שטיוועל.

40. אַ מלמד אין אַ דאָרף צו פערצעהן יאָהר.

ווי עס ווייזט אוים איז מיר באַשערט געווען אָנצופאַנגען שוין צו פאַרדיענען געלד. איז ניט פון ברחנות, איז פון מלמדות.

איינמאָל רופט מיך צו דער ראש ישיבה, און פרעגט מיך, אויב איך וויל פאָהרען פאַר אַ מלמד אין אַ דאָרף צו דעם אידען, וואָס איז געזעסען נעבען איהם. דער איד זאָגט, אַז איך וועל דאַרפען לערנען מיט פיער אינגלעך. ער גיט פופצעהן רובעל פאַר די פיער מאָנאַטען ביז פסח. ביי דער נאַכט, זאָגט ער, וועל איך קענען אַליין לערנען פיעל איך וועל וועלען.

איך האָב איינגעשטימט, גענומען ביי דעם אידען אַ האַל־בען רובעל, און געקויפט אַ גמרא מיט זיך צונעהמען, און אוועק־געפאָהרען. דער שליטען איז געווען פול אָנגעפּאַקט מיט סחורה, און דאָס פערדעל האָט זיך קוים געשלעפּט. ער האָט מיר דער־צעהלט, אַז פון דעם דאָרף קען מען ניט מפרנס זיין אַ ווייב און קינדער, דעריבער מוז מען פאַרדיענען פון דער זייט, פיהרט ער יעדע וואָך סחורה פון מינסק פאַר די ראַדעשקעוויצער קרעמער. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז מיין בעל הבית איז אַ גרויסער קבצן, אָבער פאַרפאַלען.

געקומען אויפ'ן פּלאַץ. אַ גרויסע שטוב פון איין צימער מיט שוואַרצע ווענט, דער פּוס־באָדען איז פון ערד און גאַנץ בלאָטיג. די געזינדעל באַשטעהט פון אַ ניעדעריגער פרוי, זעהט אוים צו זיין אַ גוטמוטיגע, פיער אינגעלעך פון זעקס ביז פער־צעהן יאָהר אַלט, אַ פעטע שעמעוודיגע מיידעל פון אַ יאָהר זעכ־צעהן, אַ קליין קינד אין וויגעלע און אַ גרויסע דיקע אַלטע מויד, דעם בעל הבית אַ שוועסטער. מיט מיינע פיער תלמידים האָב איך געמוזט מיט יעדערען באַזונדער לערנען. דער געראַ־טענער פון זיי איז געווען דער צוועלף־יעהריגער געצעלע, אַ דאַ־רער אינגעל מיט שוואַרצע אויגעלעך און מיט אַ גוט קעפּעל, און האָט געוואָלט לערנען. איך לערען מיט איהם חומש מיט רש"י און תנ"ך, און האָב איהם ליעב באַקומען. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיך די בעל הבית'טע געבעטען, אַז איך זאָל אויסלערנען דאָס מיידעל דאַווענען און אַביסעל שרייבען. ווען איך בין גע־

וואָרען אביסעל היימישער, האָט מען מיך געבעטען, אז איך זאָל אויסלערנען די שוועסטער אויף אויסוועניג קריאת שמע לייענען, ווייל זי קען ניט קיין עברי, און נעמען יעצט לערנען עברי איז צו שפּעט. לעגט זיך די דיקע מויד אויפ'ן גרויסען אויוועז, דאָס איז איהר פּלאַץ צום שלאָפען. קעהרט זיך אוים מיט'ן קאָפּ צום שטוב, ליגט אויפ'ן בויך, און קוקט אראָב, און איך שטעה פאַר־ריסען דעם קאָפּ אין דער הויך און זאָג וואָרט ביי וואָרט, און זי מוז נאָכזאָגען הויך, און מיט איהר דאָרפישען צונג האקט זי גרייזען אזוי ווי א גוי רעדט אידעש.

נעמענדיג אלע מיינע תלמידים צוזאמען איז ביי מיר גע־וואָרען א היבשער קנעלונג. אויסער דעם לערנען, האָט מען מיך אָפּט מכבד געווען מיט שטוב אַרבייט, ווי שטויסען גערשטען צוליעב גאנגעלעך, ארויסטראָגען די פּאמוניצע פאַר דער קוה, און דאָנערשטאָג דורכלויפען זיך א וויאָרסט פינף אין שטעדטעל, און ברייגגען מעהל, הויווען און פלייש אויף שבת. אין מיטען זמן איז דער ראדעשקאוויצער רב פארפאָהרען, און האָט פארהערט די קינדער. איהם איז שטארק געפעלען, און מיך האָט עס גע־פרעהט. געלד האָב איך פאַר'ן גאנצען זמן אָנגענומען א רובעל מיט צוואנציג קאָפּיקעס. בעטען מעהר געלד האָב איך זיך גע־שעהמט, ווייל ער וויים דאָך, אז איך דאַרף ניט, וואָלט עס הייסען, אז איך גלויב איהם ניט. אכט טאָג פאַר פסח, ווען איך האָב שוין געדארפט אוועקגעהן, און גענומען בעטען געלד, ענט־פערט ער, אז יעצט איז בלאָטיג, קיין מינסק פאָהרען קען מען ניט, וואו צו פארדיענען איז ניטאָ, און אין שטוב איז נאָך קיין מצה ניטאָ. ער גיט מיר אכטציג קאָפּיקעס, און זאָגט, אז דאָס זיינען די לעצטע, דערצו גיט ער מיר עפּעס א הענטעל פון א שטעקעל און זאָגט, אז זי איז פון העלפאנט ביין, און ביי א בעלן קען מען גרינג נעמען א פאַר רובעל, נאָר מיר גיט ער עס אָב פאַר איין רובעל. הייסט עס, אז ער בלייבט מיר שולדיג אין גאנצען נאָר צוועלף רובעל, וועלכע ער וועט מיר אם ירצה השם אָבגעבען ביי דער ערשטער געלעגענהייט. האלב ברוגז זעגען איך זיך אָב, און לאָז זיך געהן אויף פסח צום פעטער לייבען. דאָס איז ביינאהע פינף און צוואַציג וויאָרסט גאנג. דער שנעע

איז צוגאנגגען, אויבען איז וואסער מיט שנעע, און אונטען איז אייז. יעדער מינוט פאַל איך אריין אין וואסער אריבער די קניע. די שטיוועל זיינען שוין פול מיט וואסער, עס איז נאַס, קאלט און גליטשיק. איך בין גוט אין כעס אויף דעם אידען, וואָס האָט מיך פארפיהרט אהער; אָבגעהאָרעוועט א ווינטער און ניט אָבגעצאָהלט, און אַלס א פארבייסען האָב איך נאָך אזא וועג. אָט דאָס איז דער תכלית פון לערנען, פליהט מיר דורך א געדאנק, זיין א מלמד אין א דאָרף און ניט באקומען באַצאָהלט. איך געה ווייטער. איך האָב זיך אויסגעשלאָגען פון די כחות ביז איך האָב זיך דערשלעפט צו א קרעטשמע.

אָבגעטריקענט זיך און אָבגערוהט און אויף מאָרגען ווייטער אוועק. געקומען צום פעטער לייבען, ערשט ער האָט גענומען א צווייטע פרוי, נאָר וואָס געבראַכט פון מינסק, א גאַנצע אריסטאָקראָטקע. מיין שוועגערען זאָגט מיר, אז דאָ איז ניט קיין פּלאַץ פאר מיר, איך זאָל בעסער געהן אויף פסח צו דעם פעטער אייזיק.

דעם אמת זאָגען האָב איך גאָר ניט געהאט קיין חשק צו געהן צום פעטער אייזיק, איך טראָג נאָך א גוטען האס אויף איהם פאר די שמיץ, וואס איך האָב געכאפּט, ווען איך בין געווען א נייער נגיד, נאָר איך פיהל, אז דאָ מיט דער נייער מומע בין איך גאָר קיין מחותן ניט.

ביים פעטער אייזיק האָט מען מיך אויפגענומען פאר א פיינעם גאסט, איבערהויפּט דער זיידע איז צופריעדען געווען, וואָס איך וועל זיין מיט איהם אויף פסח.

די פאָר טעג פאר פסח האָב איך געהאט גענוג ארבייט, איך האָב געהאָלפען שייערען און כשר'ן די טישען, די ביינק און די כלים. היינט האָב איך געדארפט אָנשטויסען מצה, אז עס זאָל זיין גענוג אויף א גאַנץ יום טוב מצה־מעהל און פארפעלעך. ערב יום טוב האָט מען מיך מכבד געווען אויסהייצען די באָד, דאָס מיינט אָנשלפען האָלץ און וואסער און אויסהייצען. דאָס איז א שווערע און שמוציגע ארבייט, און דערצו נאָך האָט דער רויך אויסגעגעסען די אויגען, ווייל די באָד האָט ניט קיין קוימען. שוין גאָר פארנאַכט, אז איך האָב שוין קיין כח ניט געהאט צו אטעמען, האָט מען זיך געכאפּט, אז עס פעהלט א כוס, און

מען הייסט מיר לויפען צוויי וויאָרסט צו אַן אַנדער דאָרפס־מאַן און לייהען דאָרט אַ כוס. געווים וואָלט איך זיי מוחל זיין דעם כוס מיט דעם מעד מיט דעם גאַנצען סדר, אבי איך זאָל ניט דאַרפען געהן, נאָר זאָגען קען מען ניט. איך לויף, די וועג איז פאַרגאָסען מיט וואַסער, און עס איז גליטשיג, און צוריק גע־הענדיג איז שוין פינסטער געוואָרען. איך האָב זיך גוט אויס־געוויינט און דערפיהלט אַ שטאַרקע אונצופריעדענהייט פון מיין אַרט לעבען. עפּעס צו שווער קומט מיר אָן מיין תורה, טראַכט איך, און מיר וואָלט זיך וועלען אינגאַנצען אוועקוואַרפען דעם לערנען, און טאָן עפּעס אַן אַנדער זאַך. אַזעלכע געדאַנקען האָבען מיך ניט געלאָזט רוהען אַ גאַנץ פּסח, און איך האָב באַשלאָסען צו פאָהרען אַהיים. איך וויים ניט, וואָס איך וועל טאָן, אָבער לערנען וועל איך מעהר ניט.

אויף מאָרגען נאָך פּסח בין איך אוועקגעגאַנגען צו דעם אידען, וואו איך האָב געקנעלט, מיט אַזאַ רעבענונג: אָבצאָהלען וועט ער דאָך קיינמאָל ניט, טאָ זאָל ער מיך כאָטש אָבפיהרען אַהיים. דער איד האָט איינגעשטימט פאַר פינף רובעל אָב־פיהרען מיך אַהיים. איך וויים אפילו, אַז דאָס איז זעהר טייער, נאָר וואָס אַרט עס מיך, אַלץ איינס פאַרפאַלען. ער האָט זיך אויסגעקליבען פאָהרען אַ פּאָר שטונדע פאַרנאַכט, און מיר זיינען געפאָהרען גאַנץ שטיל און גערעדט, און אין אבענד פאַרפאָהרען אין אַ קרעטשמע איבערצונעכטיגען. ווען איך האָב זיך אויפ־געכאַפּט גאַנץ פריה, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער איד איז שוין גאַנץ לאַנג אוועקגעפאָהען צוריק. און איך האָב במחילה געמוזט געהן צופוס אַ וויאָרסט זעכציג, און אויפ׳ן צווייטען טאָג פאַרנאַכט געקומען אַהיים.

41. אויפ׳ן פופצעהנטען יאָהר פאַרנעהם איך אַ פיינע שטעלע.

אַ יאָהר מיט אַ האַלבען אין דער היים ניט געווען. די מאַמע וויינט פון פרייד, און דער טאַטע פרעגט: „ווי קומסטו אהער?" איך זאָג איהם גלייך, אַז איך וויל מעהר ניט לערנען; וואָס שפּע־טער וועט זיין, וועלען מיר זעהן, נאָר דערווייל וויל איך טאָן

עפּעס אַנדערס. דער טאַטע פרעגט נאָך אַ פּאָר פראַגען, איך ענטפער, און ער פאַרטראַכט זיך, און זאָגט: „מיר וועלען זעהן".

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער זיך געזעהן מיט דעם פעטער זאַנוועל, און איך בין אָנגעקומען צום פעטער אויף אַ שטעלע. וועגען געצאָהלט רעדט מען ניט. דער פעטער שיקט מיך אינ'ם פעלד אַכטונג געבען ווי מען אַקערט און מען זעעט, ער שיקט מיך אין מיהל זעהן וואָס און וויפיעל מען האָט געבראַכט צו מאָהלען, און אין סוקנאַוואַלנע וויפיעל געוואַנט עס איז אַריינגע־קומען. אינגיכען האָט דער פעטער געזאָגט דעם טאַטען, אַז ער איז פון מיר צופריעדען און אַז ער וועט מיר צאָהלען פיער רובעל אַ מאָנאַט. איך האָב גענומען אַרבייטען נאָך פלייסיגער. שטעה אויף פריהער פון אַלעמען, דאַווען אָב, און לויף אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך; אַ גאַנצען טאָג בין איך אויף די פיס, און פיהל ניט קיין מיעדקייט. יעדער זאַך איז ליעב: די שטילע לויפענדע טייך, די גרינע לאָנקעס מיט היי, אפילו די קיה און די פערד זיינען מיר ליעב. דאָנערשטאָג שפּאַנט מען מיר אַ פערד, און איך פאָהר קיין דאַלהינאָוו איינקויפען פאַרשיעדענע זאַכען. איך פאָהר זיך דורך דעם געדיכטען גרינעם וואַלד, און זינג עפּעס אַ נגון.

דערווייל איז געקומען די צייט פון שניידען היי, און היי איז פאַראַן אַ פולע. הייסט דער פעטער זעצען זיך אויף זיין פערד און פאָהרען אין די אַרומיגע דערפער דינגען אַרבייטער. מען פיהרט צו אַ געזאָטעלטען פערד. איך זעץ זיך אויפ'ן פערד, לאָז זיך פאָהרען און ציטער. געקומען אַראָב באַרג, טוט דער פערד אַ שאָקעל מיט זיין פערדישען קאָפּ, איך פליה אַראָב איבער זיין קאָפּ, און ער פליהט אַוועק צוריק אַהיים. אַביסעל צוקלאַפּט, און שטאַרק פאַרשעהמט, געה איך צוריק, און אַלע לויפען שוין אַנט־קעגען, זעהן וואָס איך מאַך; איך מאַך זיך האַרץ, זעץ זיך ריי־טענדיג און פאָהר אַוועק. נאָכהער בין איך שוין אָפט גע־פאָהרען רייטענדיג.

ווען מען האָט גענומען שניידען די היי, האָט דער פעטער געמוזט אַוועקפאָהרען קיין ווילנאַ, האָט ער מיר אָנגעזאָגט, וואָס צו טאָן. אַ גאַנצען טאָג בין איך אין פעלד, איך גיב אַכטונג,

אַז מען זאָל אַרבייטען, און העלף אַליין צונויפשאַרען די היי. ווען מען קען ניט אין דעם זעלבען טאָג אַראָבפיהרען פון פעלד, נעכטיג איך מיט איין אַרבייטער אין פעלד, אום מען זאָל ניט גנב'ענען קיין היי. דער גוי כראָפּעט שוין לאַנג, און איך ליג מיר אויף די היי, איך קען זיך ניט אָנזעטיגען מיט דעם געשמאַקען ריח פון די פרישע היי, און קוק אויף דעם בלויען הימעל מיט די פּיעלע שטערען, און הער זיך צו צום שטילען גערויש פון דער לויפענדער טייך, און צום זיסען זינגען פון דעם נאַכטיגאַל, און דערמאָן זיך אָן דער האַרטער באַנק אין דער ישיבה, איך פאַרגלייך יענע פאַרשטיקטע לופט מיט דעם ריח גן עדן וואָס איז דאָ, און פיהל זיך גליקליך. דער פעטער איז אַזוי צופריעדען געווען פון דעם אַראָבנעהמען די היי, אַז ער האָט מיר געקויפט אַ מתנה, אַ זיידענע היטעלע.

אין גיכען האָט מען גענומען שניידען די תבואה. די אַרבייט ווערט איבערהויפט געטאָן פון פרויען, די מעהרסטע זיינען שיקסעס, וועלכע האָבען אַ מאָדע, אַז ווען זיי אַרבייטען זינגען זיי, און די מעלאָדיען זיינען זעהר צופּענדיגע ביים האַרצען, און זיי זינגען אַזוי שעהן, אַז איך פאַרגעס גאָר, אַז אַ איד טאָר ניט הערען די שטימע פון אַ פרוי, און האָב שטאַרק הנאה פון זייער זינגען.

עס איז שוין ענדע זומער. איך פיהל זיך געזונד און שטאַרק, איך בין פרעהליך און פול מיט לעבען, איך עס געשמאַק און שלאָף געשמאַק, איך זוך זיך אימער אַרבייט און געפין, און דער פעטער איז צופריעדען. דאַכט זיך גאָר ניט, האָט מיך אָבער אָנגעפאַנגען אָפּט צו בעאונרוהיגען דער געדאַנק, אַז איך וועל בלייבען אַן עם הארץ, אַ גראָבער יונג, און וואָס פאַר אַ פּנים האָט אַן עם הארץ. אַ גאַנץ זומער קיין ספר אין די הענד ניט גענומען, און אויב עס וועט אַוועקגעהן אַזוי נאָך אַ קורצע צייט, וועל איך אַלץ פאַרגעסען, וואָס איך האָב שוין געקענט. עס הויבט מיך אָן צו ציהען צוריק צום לערנען. אויסגערוהט זיך, אָנגעקליבען כחות, און יעצט איז ערשט גוט צו לערנען, אָבער, ווען איך דערמאָן זיך אויף מינסק מיט איהרע ישיבות כאַפּט מיך אָן עקעל מיט אַ שוידער, און איך באַשליס צו לערנען פאַר זיך אין קורעניץ, וואו איך האָב אַמאָל געלערנט אין חדר. דאָס איז אינגאַנצען צוואַנציג

וויאָרסט פון דער היים, איך וועל קענען אָפט זעהן זיך מיט די עלטערען, און וועל אויף זיך ניט האָבען קיינע ראשי ישיבות מיט מנהלים, מיט דעם גאַנצען טאַראַראַם.

דעם טאַטען און דעם פעטער איז מיין פּלאַן געפעלען. דער פעטער האָט מיר אָבגעצאָהלט צוואַנציג רובעל. א טייל פון די געלד האָב איך אָבגעגעבען דעם טאַטען, און פאַר די איבעריגע אויסגעקליידט זיך, און באַלד נאָך סוכות אוועק נאָך קורעניץ.

42. מיין לעבען צווישען חסידים.

אום צו האָבען אַן אמת'ן באַגריעף וועגען חסידים, מוז מען לעבען צווישען זיי, און בעאָבאַכטען זייער לעבען. גרויס זיינען די פאַרדיענסטען פון חסידות פאַר דעם דעמאָקראַטישען פאָלקס־טימליכען גייסט, וואָס זי האָט אריינגעבראַכט אין דער אידישער וועלט, און פאַר איהר אויפמונטערען די פאַרקלאָגטע, אידישע הארץ, אז דער איד זאָל קאָנען כאָטש אביסעל צוטרייבען דעם אויבינגען גלות־טרויער.

קורעניץ, וואוהין איך בין ערשט געקומען לערנען, איז א שטעטעל מיט חסידים, און איך קען זאָגען, אז אין מיינע יונגע יאָהרען איז קורעניץ פאַר מיר געוועזען ווי א שעהנער אאזיס אין דער ווילדערנעס. איך האָב גלייך דערפיהלט, אז איך בין אין אַן אַנדער וועלט, צווישען אַנדערע מענשען. דאָ זעהט מען ניט אָט יענע אידישע נגידים, וועלכע מאַכען אייך פיהלען אויף יעדער טראָט, אז זיי זיינען די מיוחסים, דאָ זעהט איהר ניט די לומדים, וועלכע בלאָזען זיך ווי די אינדיקעס, און קוקען פון אויבען אראָב אויף די פּראָסטע מענשען. דאָ זיינען אַלע גלייך: דער גביר און דער אָרעמאַן, דער למדן און דער בעל מלאכה. קומט א יום טוב אָדער א שמחה איז מען אַלע צוזאַמען, און מען פיהלט זיך פריינדליך ווי איין גרויסע געזינד.

אויסער די גלייכהייט און פריינדליכקייט איז מיר זעהר געפעלען, וואָס מען זעהט דאָ ניט אָט יענע אימער פאַרקלאָגטע פּנים'ער, וואָס מען זעהט אין יענע קליינע שטעטלעך. דער חסיד זאָגט, אז עצבות (אומעט) איז א מיאוסע זאַך. עבדו את

ד" בשמחה, מען דארף דיענען גאָט מיט פרייד, און דער בעל שם האָט געזאָגט, אז דער מענש, וואָס לעבט אין פרייד, טוט דעם ווילען פון גאָט. אין יענע שטעטלעך א שבת פאַרנאכט נאָך שלוש סעודות ציהט מען אויף זיך ארויף א מרה שחורה, א שרעקליכען אומעט, און מען פאנגט אָן צו זאָגען תהלים מיט א קלאָגעדיגען נגון, ווי מען באקלאָגט א טויטען; און דאָ זאָגט מען חסידות, מען דערצעהלט וואונדערבארע שעהנע מעשות, און מען זינגט זיסע הארציגע נגונים. דאכט זיך א קלייניגקייט, א מעשה אָדער א נגון, און איך פיהל, אז מיין נשמה הויבט זיך צו העכערע וועלטען, און מיין הארץ ווערט אָנגעפילט מיט גוטע גע־פיהלען און שטרעבונגען מעהר איידער פון א מוסר ספר.

היינט אין דער צייט פון דאוונען פיהלט זיך דאָ גאָר אַן אנדער באגייסטערונג. פיעל הארץ, פיעל נשמה ווערט דאָ אריינ־געלעגט אין דעם דאוונען. מען כאפט ניט, מען הערט איינצעלנע ווערטער אויסגעמישט מיט א טיעפען זיפץ, מיט א הארציגען נגון.

גאַנץ אָפט זאָגט מען חסידות. איינער זאָגט און ערקלערט, און אַלע הערען. איך פאנג אויך אָן צו הערען חסידות. פון אָנפאַנג איז דאָס מיר פרעמד, נאָר ביסלעכווייז הויב איך אָן צו פאר־שטעהן, אז די חסידות לערנט אונז צו רעכענען דעם מענשען אַלס א שותף צו גאָט, א מיט־ארבייטער אין דער גאַנצער שאפונג פון דער וועלט, און אָהן דעם מענשענ'ס מיטהעלפען דאָ אויף דער ערד קען מען וועניג וואָס אויפטאָן דאָרט אין די הימלען; און דער תכלית, דער צוועק פון דער מענשהייט דארף זיין די שטרע־בונג צו פארגלייכען זיך צום באשעפער, דאָס מיינט, צו פאר־פאָלקאָמען זיך אין מדות (זיטען), פון איין זייט דארף דער מענש האָבען אין זיך דעם „בטול היש", דאָס מיינט, צו גאָרניט מאכען די קלייניגקייט פון דעם אייגענעם קערפערליכען „איך" מיט די אַלע וואָכעדיגע געפיהלען; און פון דער צווייטער זייט זאָל דער מענש געדענקען, אז ער איז דאָס אויג פון דער גאַנצער שאפונג, און אָהן איהם איז די גאַנצע וועלט גאָר ניט ווערט.

ווייטער לערענט די חסידות, אז טאָן מצות און לערנען תורה מוז מען נאָר אויס ליעבע צו גאָט, און ניט אויס מורא,

דאָס מיינט, אַז מען זאָל עס ניט טאָן צוליעב גן עדן און עולם הבא פאַר זיך, נאָר צוליעב דעם וואָהל און בעסט פון דער וועלט; און גאָטעס דיענסט, זאָגט די חסידות, באַשטעהט ניט נאָר אין זאָגען די אָנגעשריבענע תפלות, און ניט אין פייניגען זיך מיט תענתים. דערהויפּט פאָדערט זיך צוליעב גאָטעסדיענסט התעוררות הלב — די אויפוואַכונג פון הארצען, וועלכע זאָל פיהרען דעם מענשען צו התלהבות, צו אַזא באַגייסטערונג, פון וועלכער די נשמה רייסט זיך שטורעמדיג צו העכערע וועלטען, און דאָס ברייננט דעם מענשען צו השתפכות הנפש, ווען ער גיסט אויס זיין גאַנצע הארץ און ער דערגעהט צו התדבקות, דאָס מיינט, ווען דער מענש וואַקסט זיך אַליין איבער, טוט זיך אויס פון חומר — קערפּערליכקייט — און פאַראייניגט זיך מיט דער גאָטהייט, מיט דער אונענדליכער ליכטיגקייט. אָט אַזוי ביסלעכווייז בין איך געוואָרען אַ קליין חסיד'על, איך דאַווען מיט כונה, איך הער ווי מען זאָגט חסידות, איך זינג די חסידישע נגונים מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג, און פיהל זיך גלייך מיט אַלעמען.

פון מיין לערנען האָב איך יעצט אויך מעהר הנאה. ערשטענס, האָב איך אָנגעפאַנגען בעסער און טיעפער צו פאַרשטעהן די גמרא, און צווייטענס, געפעלט מיר זעהר דאָס לערנען אַליין פאַר זיך, אָהן אַ רבי'ן. ווי געשמאַק דאָס איז, ווען מען קומט צו אַ שווערען ענין, און מען שטריינגט גוט אָן דעם קאָפּ, און נאָכהער צייגט מען זיך איבער, אַז מען איז אויפ'ן ריכטיגען וועג, דאַן פיהלט מען דאָך דעם גרעסטען פאַרגעניגען.

און אין די לאַנגע ווינטער־נעכט האָב איך אַמאָל ליעב צו בלייבען אַליין אין שטיבעל, און לערנען ב'יז האַלבע נאַכט. און אַמאָל פאַרווילט זיך מיר אויפשטעהן דריי שטונדען פאַר־טאָג, שטעה איך אויף. מיט איין וואָרט, איך טו, וואָס מיין הארץ געלוסט, איך האָב ניט קיין בעלי בתים אויף זיך. איבערהויפּט האָב איך ליעב זומער־צייט צו זיצען אַמאָל אַ גאַנצע נאַכט און לערנען. איך קלייב זיך אויס אַ ליכטיגע שעהנע נאַכט, עפען אָב אַלע פענסטער; אַ ווינטעלע, אַ קוויקענדיגער בלאָזט פון אַלע זייטען, און איך זיץ זיך און לערען מיט דעם אומעטיגען נגון די

טיעפע געדאנקען פון אונזערע חכמים, וועלכע איך הויב אָן אַלץ מעהר צו פאַרשטעהן און צו פאַרגעטערען, און ווען עס טרעפט א גאַנץ שווערער ענין, און מיין קאָפּ באַגרייפט ניט די טיעפ־זיניגע ווערטער פון די חכמים, דאַן האָב איך א מיטעל. איך שטעל זיך מיט'ן פנים צו דער וואַנד, און זאָג מיט גרויס כונה „אהבת עולם", און, ווען איך קום צו די ווערטער „ותן בלבנו בינה להבין" פאַנג איך אָן צו וויינען, און בעט: „גאָטעניו, גיב אין אונזער הארצען פאַרשטאַנד צו פאַרשטעהן דיין תורה". נאָך אַזאַ תפלה ווערט עפּעס ווי אין די אויגען ליכטיגער, און דער קאָפּ ווערט קלעהרער. איך פאַנג אָן דעם ענין פון אָנפאַנג, רוהיג, ניט געכאַפּט, פול מיט האָפענונג, אַז גאָט וועט העלפען. עס געהט אַוועק א שטונדע, און איך זעה און איך פיהל, אַז איך פאַר־שטעה שוין גוט דעם בלאַט גמרא. „יגעת ומצאת תאמין", אַז מען מאַטערט זיך, מען האָרעוועט, דערגרייכט מען, אַזוי האָבען אונזערע חכמים געזאָגט.

אמאָל טרעפט, אַז מיר פאַרווילט זיך עטוואָס אַנדערש אַנ־שטאָט גמרא, דאַן קוק איך אריין אין מדרש. איך האָב זעהר ליעב מדרש. צווישען די אַנדערע ספרים האָב איך געפונען א קליין ספר, וואָס מען רופט „בחינת עולם". עפּעס איז אין איהם א שווערע שפּראַך, אָבער שוועריגקייט אין לערנען שרעקט מיך ניט, און איך קוק אין איהם גאַנץ אָפט אריין.

43. יודא זוסעס, אַ גביר אַ חסיד.

איך לערען אין יודע זוסע'ס שטיבעל. א בית המדרש רופען זיי שטיבעל. יודע זוסע'ס איז א הויכער שעהנער מאַן מיט א שוואַרצער קייל־עכדיגער באָרד, מיט שוואַרצע אויגען, וועלכע קוקען טיעף און ערענסט, אָבער אימער מילד און גוט. ער געהט שעהן און ריין געקליידעט. מען זאָגט, אַז ער איז א למדן אין גמרא און פוסקים. ער זאָגט זעהר גוט חסידות, רעדט גוט פּויליש און אַביסעל רוסיש, און איז באַריהמט, אפילו צווישען קריסטען, פאַר א קלוגען און אָרענטליכען מענשען. ער האָט נאָר צוויי קינ־דער, א זוהן און א טאָכטער, און האַלט א יתומה אַלס אן אייגען

קינד. ער האַלט אויף אָרענדע דעם פּריץ'ס הויף מיט'ן ברויז פון בראַנפען. ער האָט אַ גרויסע קרעטשמע מיט אַן אכסניה, און האַנדעלט מיט וואַלד און פלאַקס. אידען האָבען פון איהם פּרנסה, איבערהויפּט אַלע פריינד זיינען פאַרזאָרגט מיט אַ שטיקעל ברויט, און קיינער באַקלאַגט זיך ניט. און פיהרענדיג אַזעלכע געשעפטען, האָט ער נאָך צייט צו זאָגען פאַר'ן עולם, אין דער פריה נאָכ'ן דאַוונען אַ פּרק משניות און בין מנחה למעריב עין יעקב אָדער חסידות.

איך האָב זעהר ליעב צו הערען זיין דאַוונען, ווען ער בלייבט אַמאָל אין שטיבעל שפּעטער פון אַלעמען. איבערהויפּט פרייטאָג צו נאַכט. איך עס ביי איהם שבת. אַלע געהען שוין אוועק פון שוהל, נאָר איך און זיין בן יחיד בלייבען וואַרטען אויף איהם. ער שטעהט מיט'ן פּנים צום וואַנד, און דאַוונט אַזוי האַרציג, און מיט זיין שעהנער שטימע זינגט ער אייניגע שטיקלעך פון דאַוונען, אַז איהר פאַרגעסט די גאַנצע וועלט, און דערפיהלט עפּעס אַ שעהנערע און העכערע וועלט. און ווי שעהן איז, ווען מען קומט פון שוהל אַהיים. די זעקס גרויסע זילבערנע לייכטער מיט גרויסע סטעאַרינעווע ליכט שטעהען אויף דעם לאַנגען שעהן געדעקטען טיש. די פרוי מיט איהר עדעלען צערטליכען פּנים, וואָס דריקט אויס צניעות מיט שטאָלץ, זיצט איבער דעם צאינה וראינה. די טעכטערעל מיט דער יתומה הערען זיך צו וואָס די מוטער לייענט.

מיט אַ שעהנער מעלאָדיע פאַנגט ער אָן צו זאָגען „שלום עליכם", אַ הייליגע שטילקייט רוהט אין הויז. איך מיט'ן בן יחיד זאָגען שטילערהייט. און אָט מאַכט ער קידוש. מיר אַלע שטעהען שטיל מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ. ער האַלט דעם גרויסען זילבערנעם בעכער מיט וויין. ער פאַרמאַכט די אויגען, פאַרטראַכט זיך אַ מאָמענט, און איינציגע ווערטער מיט אַ זיסען נגון פאַנגען אָן צו גיסען זיך פון טיעפען האַרצען, און עס פיהלט זיך די הייליגקייט פון דעם אמת'ן אידישען שבת. ביים טיש זיצט מען לאַנג. נאָך די פיש זינגט מען אזמר בשבחין, און נאָך די לאָקשען זאָגט דער זוהן אויסוועניג אַ פּרק משניות פון מסכת שבת.

44. הירשל דער צדיק.

א צווייטער, אויף וועלכען איך האָב געקוקט מיט גרויס כבוד, איז הירשל דער צדיק. אין קורעניץ דאַרף מען קענען פאַרדיענען דעם נאָמען „צדיק". דאָס איז אַ קליינינקער, מאָגערער איד, וואָס איז אימער אין איילעניש. אימער האָט ער עפּעס צו טאָן. ער איז דער קאַנטאָרטשיק ביי יודא זוסע'ס, דורך זיין האַנד געהט דורך די גאַנצע בראַנפען; ער אַליין מישט און מעסט, פאַר־קויפט און פאַרשרייבט. היינט דאַרף ער אָבהיטען אין דער פריה, ווען די זון געהט אויף, און פאַרנאַכט, ווען די זון פאַר־געהט, און דאַרף אַליין לויפען אין אַלע שוהלען אָנשטעלען די זייגערס ריכטיג, אום אידען זאָלען וויסען די ריכטיגע צייט, ווען צו דאַווגען, און פרייטאג, ווען צו בענשען ליכט. איינמאָל אין מאָנאַט שבת זיינען אַלע נעכט געווען וואָלקענדיגע. מען האָט שוין די אויגען אויסגעקוקט, און די לבנה באַווייזט זיך ניט. עס איז שוין די לעצטע נאַכט, און אידען האָבען נאָך ניט מחדש געווען די לבנה. מען איז געזעסען שפּעט, און ניט דערוואַרט זיך, איז מען געגאַנגען שלאָפען. אין שלאָף דערהער איך אַ שטאַרקען קלאַפּ אין פענסטער. איך לויף צו, איך הער מען שרייט: „גיכער די לבנה מחדש זיין". איך גיס אָב נעגעל־וואַסער, כאַפּ אַרויף די זאַכען און לויף אַרויס אין גאַס, און זעה ווי אידען לויפען פון אַלע זייטען. הירשעל דער צדיק האָט ניט געשלאָפען, ער האָט געוואַרט, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבען, און גאָט האָט געהאָלפען, די לבנה האָט זיך באַוויזען. ער האָט גענומען וועקען די שכנים, און מען האָט איינע די אַנדערע געוועקט, ביז אַלע זיינען אויפגעשטאַנען. דער פראָסט ברענט, די לבנה שיינט, הונדערטער אידישע קולות צוגיסען זיך אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, און הירשעל דער צדיק שיינט פון שמחה.

45. מיין גבירישער חבר און ווי איך דערשרעק זיך פאַר אַן אפּיקורס.

מיין איינציגער חבר, וואָס איך האָב דאָ, איז חיים זלמן, יודא זוסע'ס בן יחיד. ער איז אַביסעל עלטער פון מיר, אָבער

פיעל העכער. ער איז אַ לאַנגער, אַ דינער ווי אַ לולב, מיט אַ לאַנגען בלייכען פנים, מיט אַ לאַנגען נאָז מיט צוויי פאות. ער איז עפּעס אַ קריינקליכער, דעריבער טרינקט ער אַ סך מילך און רויהע אייער. אַזוי האָט איהם געהייסען אַ דאָקטאָר אין ווילנא, און דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל כאַפּען אַ פּולע פּרישע לופט, דעריבער האָט יודא אליין געבעטען מיך, אַז איך זאָל מיט זיין בן יחיד אַרומגעהן אַלע טאָג שפּאַציערען. געהען מיר אַרום יעדען פּאַרנאַכט, אַפילו ווינטער צייט, ווען דאָס וועטער איז שעהן.

און זומער־צייט, אויסער יעדען פּאַרנאַכט, פּלעגען מיר פריטאָג און שבת בייטאָג פאַרקריכען אין וואַלד, צולעגען זיך אונטער אַ בוים, און רעדען וועגען גוטע אידען, וועגען חסידות און וועגען אַלעס וואָס עס טוט זיך אין גן עדן און אין גיהנם, און יעדער איינער איז זיכער געווען, אַז ער ווייס וואָס עס טוט זיך אין די הימלען, דערפאַר אָבער האָבען מיר ווייניג וואָס גע־וואוסט וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד. פון קיינע צייטונגען ווייסען מיר ניט, און קיינע פרעמדע מענשען זעהט מען דאָ ניט.

האָט געטראָפען איינמאָל, אַ פריטאָג פאַרנאַכט, לויפט אַריין חיים זלמן, און רופט מיך צו זיי. "איך וועל דיר עפּעס ווייזען", זאָגט ער. ער פיהרט מיך אריין אין הויז, און ווייזט אין צווייטען צימער אויף אַ פּריץ, וועלכער עסט געפילטע פיש. „דאָס איז אַ איד", זאָגט חיים זלמן, „אַן אַדוואָקאַט פון ווילנא, געקומען צו אונזער פּריץ". איך טו אַ קוק נאָך אַמאָל. אָהן אַ ברעקעל פּאה, אָבגעגאָלט די באָרד, עסט אָהן אַ היטעל, און ער האָט גאָר ניט קיין אידישען פּנים. איך גלויב ניט חיים זלמן'ן, און פרעג זיין מוטער, און זי ענטפערט מיט אַ שטאַרקען זיפץ: „יע, מיין קינד, דאָס איז אויך אַ איד".

אין אָבענד האָט מיך יודא געבעטען, אַז איך זאָל נעכטיגען מיט דעם גאַסט. איהם איז אַליין אומעטיג צו שלאָפען. דער גאַסט האָט מיך פריינדליך אויפגענומען, ער רעדט שעהן אידיש. ער פרעגט, וועלכע גמרא איך לערען, און דערמאָהנט איינינע ענינים פון דער גמרא. ער דערצעהלט מיר, אַז ער איז אויך געווען אַן אָרימער ישיבה בחור, נאָר גוטע מענשען האָבען איהם

ארויפגעפיהרט אויפ'ן וועג, און געהאָלפען איהם שטודירען ביז ער איז געוואָרען אַן אדוואָקאַט. ער רעדט און איך טראַכט: „אז אַך און וועה איז צו דעם וועג, וואָס זיי האָבען דיך ארויפגעפיהרט". נאָכהער טוט ער מיר אַ זאָג: „פאָהר מיט מיר קיין ווילנא, דאָרט וועלען מיר דיך מאַכען פאַר אַ מענשען". — „אַ שעהן תכלית וועט איהר דאָרט פון מיר מאַכען", טראַכט איך מיר, און דערווייל דערזעה איך, אַז ער האָט זיך שוין אויסגעטאָן, און דער חברה מאַן האָט קיין ארבע כנפות אויך ניט. אַ שוידער האָט מיך אָנגעכאַפּט. איך האָב מורא צו נעכטיגען מיט איהם. איך בין ארויס פון צימער, און ניט אומגעקעהרט זיך.

אזוי איז זיך אין קורעניץ די צייט געגאַנגען. איך בין גאַנץ צופריעדען פון דעם לעבען, און ווען איך פאַרביינק זיך, געה איך זיך דורך אהיים, זעה זיך מיט די היימישע, און געה צוריק לערנען.

צווייטע אבטיילונג

דער ארים בחור און די רייכע כלה.

46. מען וויל מיך חתונה מאכען.

עס איז שוין א יאהר, אז איך לערען אין קורעניץ. אין שטעדטעל קענען מיך אלע, און איך האב א גוטען נאמען. פאנגט מען אן צו ריידען מיר שידוכים. איך בין ערשט אלט געווארען זעכצעהן יאהר און איך דענק ניט וועגען חתונה האבען, דאך איז איז מיר געפעלען געווארען צו שפיעלען די ראליע פון א גרויסען בחור.

מען רעדט מיר א שידוך מיט א יתומה, וועלכע האט א קראם. א גרויסע בריה, זי איז טאקע אליין די קרעמערקע, און ווי איך האב חתונה, ווער איך גלייך א קרעמער. איך בין ניט פויל, און געה צו איהר אין קראם קויפען עפּעס, און דערזעה א מויד, צוויי מאל אזוי אלט ווי איך, און ענטזאג דעם שדכן. רעדט מען מיר אן אנדער שידוך מיט נדן און מיט קעסט. איינמאל האט דער מיידעל'ס א ברודער געבעטען מיך צו זיי אין שטוב. דאס איז געוועזן פרייטאג. איך געה אריין, ערשט איך זעה א דיקע מויד, צוויי מאל די גרעב ווי איך, שטעהט און בראקט לאקשען. איך רייד מיט'ן ברודער, און ווארף א קוק אויף דער מיידעל, און ביי איהר ווערט דער פּנים רויט ווי פייער. זי קוקט דאכט זיך אויף איהרע לאקשען, נאר ווארפט בליקען אין מיין זייט, ביז זי האט גוט איינגעשניטען א פינגער, און דערמיט האט זיך געענדיגט דער צווייטער שידוך.

מיט'ן דריטען שידוך האָב איך שוין געהאט אונאנגענעמ־היטען. ביי אונז אין שטיבעל האָט געדאַווענט איינער א ר' בער, א שעהנער איד און א גרויסער קבצן, איך בין געווען ביי איהם אין שטוב א פּאָר מאָל און האָב דאָרט געזעהן א מיידעל פון א יאָהר אכצעהן, ניט קיין מיאוסע מיידעל, נאָר איהר נאָז איז ווי צוגעפּלעסקעט, אקוראט ווי אימעצער וואָלט איהר א שטאַרקען קלאַפּ טאָן אין נאָז, ווען זי איז געבאָרען געוואָרען. איינמאָל אין אבענד, איך זיץ מיר און לערען, קומט אריין ר' בער פאנגט אָן מיט מיר צו ריידען וועגען פארשיעדענע עניגים און פּלוצים טוט ער א פרעג: „וואָלסטו וועלען מיין חוה'לען פאר א כלה?"

— „פאַרוואָס ניט?" ענטפער איך זיך אזוי צוליעב שפּאס, און ר' בער זאָגט, אז ער וועט געבען קעסט עטליכע יאָהר, ער וועט אם ירצה השם קויפען א בהמה'לע און עס וועט זיין אייגענע מילכיגס, און באַווייזט מיר זיין זייגער, וועלכען ער האָט באַ־קומען א מתנה צו זיין חתונה. „טאַקע אן אמת'ער זילבערנער זייגער און געהט ריכטיג צו דער מינוט", פארזיכערט ר' בער, און אָט דעם זייגער וועט ער מיר שענקען גלייך צו די תנאים, און שפּעטער, האָפט ער, אז אין זיין משפּחה אליין וועל איך האָבען דעם בעסטען קנעלונג, און מיט דער צייט וועל איך מיט גאָט'ס הילף זיין דער בעסטער מלמד אין קורעניץ. ער רעדט זיך און איך טראַכט: „א רחמנות, אן אָרימאַן, און וויל נעבעך שטאַרק חתונה מאכען די טאָכטער מיט'ן צוגעפּלעסקעטען נאָז, זאָל ער זיך קוויקען מיט די רייד".

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט האָט רבי בער גע־בעטען איינעם פון מיינע פריינד, פיליכט טאַקע צוגעזאָגט א שדכנות, און יענער האָט אָנגעשריבען א פייערדיגען בריעף צו מיין טאַטען, אז דאָס איז א גליקליכער שידוך פאר מיר, איבערהויפּט איז דאָס א גרויסער יחוס־שידוך, און אז מיר אליין, דאָס הייסט דעם חתן, איז דער שדוך שטאַרק געפעלען.

איינמאָל פארנאַכט, איך זעה מיין טאַטע קומט אריין אין שטיבעל. אויף מיין פראַגע: „ווי קומסטו אהער?" ענטפערט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיג: „צו דיר אויף תנאים; די מאַמע פיהלט זיך עפּעס ניט אמבעסטען, האָט זי ניט געקענט קומען".

— „צו מיר אויף תנאים?" פרעג איך פאַרוואונדערט; „און ווער איז דער שדוך?" — מיט ר' בער'ען", ענטפערט ער. — „האָסטו מיך אָנגעפרעגט וועגען דעם?" פרעג איך איהם שוין גאַנץ ברוגז. טוט מיין טאַטע אַ שטאַרקען שמעק טאַבאַק, און זאָגט מיט אַ בייזער: „מען האָט דאָך מיר געשריבען, אַז דיר איז זעהר גע־פעלען, און איך האָב אָנגעפרעגט ביי די פיינסטע היגע בעלי בתים, זאָגען אַלע, אַז דאָס איז טאַקע אַ פיינער שדוך„. — „אַלעס איז זעהר שעהן, אָבער קיין חתן ווער איך ניט", זאָג איך מיט אַ ברייטקייט. — „פאַרוואָס ניט?" פרעגט דער טאַטע, קווע־טשענדיג מיט די פּלייצעס. — „אָט פרעג ניט קיין שאלות, זאָג איך צו איהם מיט גוטען, און פאָהר געזונטערהייט צוריק אַהיים". — „גאָר אַהיים פאָהרען? וואָס רעדסטו? מענשען האָבען זיך גערוכט, אַזאַ שפיכת דמים?" רעדט צו מיר דער טאַטע, ווי איינער בעט זיך רחמים; „אָט ווייסטו וואָס, זאָגט ער צו מיר, נאָמיר פרעגען ביי יודא זוסע'ס, אַ איד אַ למדן, אַ חכם, מעגסט זיך פאַרלאָזען אויף איהם."

דערווייל האָט דער עולם גענומען קלייבען זיך צו מנחה. ווען מען האָט זיך געשטעלט מנחה דאַווענען, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז יודא זוסע'ס וועט געוויס זאָגען, אַז דאָס איז אַ טייערער שדוך, און אַלע וועלען אונטערהאַלטען, איך וועל ניט קענען זיין אַן עזות פנים און שטעלען זיך געגען אַלעמען, און אַזוי ניט וועלענדיג וועל איך ווערען אַ חתן פאַר אַן אָרימער מיידעל מיט אַ צוגעפּלעסקעטען נאָז. איך מוז באַלד אַוועק פון דאַנען, באשלים איך, אָהן מיר וועט מען קיין תנאים ניט שרייבען.

איך לויף צו מיין פריינד, דעם שדכן, און זאָג זיין ווייב, אַז מען זאָל זוכען אַן אַנדער חתן, איך געה אַהיים. און איך האָב זיך געלאָזט געהן אַהיים. אויף מיין גליק האָט זיך געמאַכט אַ פוהר, און שפּעט ביי דערנאַכט בין איך געקומען צו מיין מאַמען, און האָב איהר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, און מיין גוטע מאַמע האָט נאָר אַ זאָג געטאָן: „אין אַ שדוך דאַרף מען קיין טאָכטער ניט נויטען, און אַ זוהן געוויס ניט". ארום האַלבע נאַכט איז דער טאַטע געקומען שטאַרק ברוגז. ער האָט מיך נאָר גוט אויסגעזידעלט, און דערמיט בין איך אָבגעקומען אין דער

היים; דערפאַר אָבער אין קורעניץ איז שטאַרק ניט איינגעַ נומען געווען צו באַגעגענען זיך מיט ר׳ בער׳ן.

47. עס זוכט זיך אָב אַ רייכער פעטער און איך פאַרליעב זיך דורך בריעף.

איך האָב פיעל מאָל געהערט פון מיין טאַטען, אַז ער האָט אַ ברודער משה ערגעץ ווייט אין די מרחקים, אַרום פּאָלטאַווע. יונגערהייט אַוועק אַהין, און עס איז שוין מעהר פון צוואַנציג יאָהר, אַז מען האָט פון איהם גאָר ניט געהערט. היינטיגען ווינטער האָט דער פעטער זאַנוועל דורך אַ צופאַל אויסגעפונען דעם פעטער משה׳ס אַדרעס.

דער פעטער זאַנוועל איז אַ גאַנצער קאָך־לעפעל ביי די פּריזיווען, שטאַרק אויסגעמישט מיט די פּריצים, און דאָ איז געקומען אַ דאַלהינעווער יונגער מאַן פון די מרחקים אַהער צום פּריזיוו און האָט געבראַכט מיט זיך אַ שעהנע קאָפּיקע, פאַרשטעהט זיך, אַז דער פעטער זאַנוועל איז דאָ געווען אין מיטען, און ווען ער האָט זיך צורעדט מיט דעם יונגען מאַן, האָט ער זיך דערוואוסט פון פעטער משה׳ן, האָט גענומען דעם אַדרעס, און איבערגעגעבען טאַקע באַלד דעם טאַטען.

דער טאַטע האָט מיט אַ פויער, וואָס פאָהרט אין מאַרק, צוגעשיקט צו מיר אַ בריעף מיט זיעבען קאָפּיקעס, און דעם פעטער׳ס אַדרעס אויף רוסיש, ווי דער יונגער מאַן האָט געגעבען, און צו מיר שרייבט דער טאַטע, אַז איך זאָל אָנשרייבען צום פעטער זיין אַדרעס, פּונקט ווי דער יונגער מאַן שרייבט, און אויך אָנשרייבען מיין אַדרעס קיין קורעניץ, און זאָל ערגעץ באַקומען אַ מאַרקע פאַר זיעבען קאָפּיקעס און אָבשיקען מיט אימעצען דעם בריעף קיין ווילייקע פון וואַנען די פּאָסט צופיהרט די בריעף אויף דער גאַנצער וועלט.

דער טאַטע אין זיין בריעף, וואָס ער שרייבט צום פעטער, דאַנקט און לויבט גאָט, וואָס ער האָט דערלעבט צו הערען פון איהם, און בעט באַלד שרייבען וועגען אַלץ. צום טאַטענ׳ס בריעף האָב איך צוגעשריבען אין העברעאיש אַ גרוס.

אויף די אַדרעסען האָב איך געלעגט פיעל מיהע. די ביסעלע רוסיש, וואָס איך האָב אַמאָל אויסגעלערנט אין מינסק, האָב איך פארגעסען; אין קורעניץ טאָר מען ניט לערנען קיין גויאיש. דעם פעטער'ס אדרעס האָב איך פיעל מאָל איבערגעשריבען אויף א שטיקעל פאַפּיער, נאָכקוקענדיג דעם יונגען מאַן'ס אַדרעס, ביז איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעשריבען אויפ'ן קאָנ־ווערט, נאָר דעם אדרעס צו מיר קיין קורעניץ האָב איך ניט גע־וואוסט ווי אזוי צו שרייבען, און האָב אויסגעפונען, אז דאָ איז פאראַן א יונגער מאַן, וואָס קען גוט שרייבען אדרעסען, און ער אַליין טראָגט אָב די בריעף קיין ווילייקע, און ברייננט פון דאָרט די בריעף, ווייל אין קורעניץ איז קיין פּאָסט ניטאָ און קיין ווילייקע איז אינגאַנצען זיעבען וויאָרסט. דער יונגער מאַן נעמט דריי קאָפּיקעס פאר'ן אָבטראָגען א בריעף און דריי קאָפּיקעס פאר'ן ברייננען, און צוויי קאָפּיקעס פאר'ן שרייבען אַן אדרעס. אזוי ווי איך האָב געוואָלט, אז די אַדרעסען זאָלען זיין מיט איין האנדשריפט, האָב איך געבעטען דעם יונגען מאַן, אז ער זאָל אָנשרייבען אויף א שטיקעל פאַפּיער, און איך האָב עס איבערגע־שריבען.

און ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען אין א מאָנאַט ארום האָט מען מיר געבראַכט א בריעף. דאָס איז געווען דער ערשטער בריעף, וואָס איך האָב ערהאַלטען אין מיין לעבען, און נאָך וואָס פאר א בריעף? א בריעף פון פעטער משה'ן, אזש פון פאָלטאַווע. דער פעטער שרייבט, אז ער איז גליקליך, וואָס ער האָט דערלעבט צו הערען פון זיינע ליעבע פריינד, און שרייבט, אז ער האָט געליובט גאָט פרנסה, האָט א וואוילע פרוי און פיינע פיער קינדער, צוויי טעכטער און צוויי זיהן. דאָס עלטסטע קינד איז א טאָכטער, פייגה רבקה, א נאָמען נאָך דער באָבען, זי איז פערצעהן יאָהר אַלט, נאָר זעהט אוים ווי זעכצעהן אָדער זיעבצעהן יאָהר. זי איז א שעהנע, א קלוגע און א וואָהל־געלערענטע אין אידיש און רוסיש, און ער וואָלט וועלען טאָן מיט איהר א שדוך, און דערלעבען נחת; ער וויל אָבער א חתן מיט תורה, און אין זייערע געגענדען באַקומט מען דאָס ניט, דעריבער האָט ער באַשלאָסען צו קומען צו אונז, וועט ער זיך זעהן מיט דער גאַנצער

משפחה, און דערווייל וועט ער זעהן וועגען א שדוך. צום סוף שרייבט ער, אז אויב דער טאטע נויטיגט זיך, וועט ער מיט פאר־גנוגען שיקען געלד.

אויף א באזונדער שעהנעם בויגעלע פאפיער זיינען געווען צוויי גרוסען, פון דער טאכטער און פון דעם עלטערען זוהן. מיר געפעלט זעהר דער מיידעל'ס האנדשריפט, און נאך מעהר געפעלט מיר די שפראך, זעהר ליעבליך און פריינדליך.

דעם פעטער'ס בריעף שיק איך אב צום טאטען, און דעם בריעף פון די קינדער לאז איך איבער, און שרייב נאר דעם טאטען, אז די קינדער שרייבען איהם א גרוס. איך לעז דעם בריעף אייניגע מאל אין טאג, און דערמאהן זיך אן דעם פעטער'ס ווערטער: „א שעהנע, א קלוגע, זעהט אוים ווי זעבצעהן יאהר", און מיר שטעלט זיך פאר א שעהנע, קלוגע, געוויקסיגע מיידעל, ניט אזא ווי אט די קורעניצער כלות, און א גדאנק פליהט מיר דורך, עס קאן דאך זיין, אז איך זאל געפעלען ווערען.

און איך פאנג אן אפט צו טראכטען וועגען דעם פעטער'ס קומען, און מיר שטעלט זיך שוין פאר, ווי איך פאהר אין די מרחקים, אין יענע געגענדען, וואו עס פליסט מיט מילך און האניג, ווי דער טאטע פלעגט דערצעהלען. גאנץ אפט בלייב איך זיצען איבער דער גמרא פארטראכט, און זעה פאר זיך א גוטע צוקונפט: אן איידעם ביי א רייכען שווער, מיט א שעהנער, קלוגער פרוי, און איך זיץ זיך און לערען אין וואוילטאג און פארגעניגען.

אינגיכען האט דער טאטע ווידער צוגעשיקט צו מיר א בריעף פאר'ן פעטער. ער דאנקט דעם פעטער פאר זיין גוט־הארץ, און שרייבט, אז קיין הילפע דארף ער ניט. איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז ביים טאטען זיצט מען אפט אהן ברויט, און עט־ליכע רובעל וואלטען איהם מחיה געווען, נאר איך קען דאך מיין טאטען, ער טענה'ט אלע מאל: „שונא מתנות יחיה" — ווער עס האט פיינט מתנות וועט לעבען. איך שרייב אויך א בריעף צום פעטער אין העברעאיש, און צו דער טאכטער אין אידיש. איך ווענדע אן אלע מיינע קרעפטען, אז איך זאל געפעלען ווערען דורך דעם בריעף. איך פאנג אן מיט די ווערטער: „אזוי ווי

איינער אין דער וויסטעניס, ווען ער איז פארשמאכט און דורשטיג, און דערזעהט א קוואַל פרישע ריינע וואסער, אזוי איז מיר געווען אייער ליעבער בריעף, וועלכער האָט ארויסגעפליסט פון אייער הארצען אזוי ווי דער טייך וואָס פליסט פון גן עדן.״ מיר איז שטארק געפעלען דער פארגלייכען און איך האָב דעם בריעף אוועקגעשיקט. עס זיינען דורכגעגאנגען איניגע מאָנאטען, און קיין ענטפער איז ניטאָ.

מיינע שמערצען זיינען אונבאגרענעצט. איך ערווארט מיט אונגעדולד. איך האָב אָבער דערלעבט, מען האָט געבראכט א בריעף. איך כאַפּ לייענען דער מיידעל׳ס בריעף. דאָס איז אן ענטפער אויף מיין בריעף. יעדעס ווארט איז אזוי ליעבליך, אז עס קוויקט מיין הארץ, און איך גלויב, אז איך בין איהר אויך געפעלען דורך די בריעף אזוי ווי זי מיר, און צו מיין גליק איז קיין גרענעץ ניטאָ. דעם פעטער׳ס בריעף אָבער האָט מיך געטראָפען ווי א שטורעם אין א שעהנעם פריהמאָרגען. ער שרייבט, אז מען זאָל קיין פאראיבעל ניט האָבען, וואָס ער האָט ניט געשריבען. די אורזאך איז, וואָס ער האָט געהאט א שלעכטע צייט אין זיינע געשעפטען, און דעריבער מוז ער אָבלעגען זיין קומען אויף ניט קיין באשטימטער צייט.

48 איך טראַכט וואָס וועט זייז דער תַּכְלִית.

עס פאנגט זיך אָן דער זומער. איך ערווארט א בריעף, נאָר ער קומט ניט. די צייט ציהט זיך לאנג. איך הויב אָן צו פיהלען אן אונצופריעדענהייט. שפעט ביי דער נאכט, ווען איך זיין אַליין אין שטיבעל ביי דער גמרא, קריכען מיר אין קאָפּ נייע, מאָדנע געדאנקען. וואָס וועט זיין דער תכלית פון מיין לערנען? זיין א מלמד, אָדער אן אָרימער קרעמערעל, און לעבען אין ארמוט און דחקות גלייך מיט אלעמען? איך שטארק זיך, און וויל פארטרייבען די שלעכטע געדאנקען; איך צושאָקעל זיך, און לערען די גמרא מיט דעם אומעטיגען נגון, נאָר אנשטאָט די באגייסטערונג, וואָס איך פלעג דערפיהלען אמאָל פון דעם נגון, ציהט ער יעצט אַרויף א געדיכטע וואָלקען אויף מיין נשמה. אזוי ווי א

וואָרים לעבערט מיין האַרץ. וואו איך שטעה און וואו איך געה לאָזט מיך ניט אָב דער געדאַנק: „וואָס וועט זיין דער תכלית?"

פון טאָג צו טאָג ווער איך אַלץ מעהר מרה שחורה'דיג. איך זינג שוין ניט מעהר, ווען אַלע זינגען, און קורעניץ מיט איהר גאַנצען לעבען האָט ביי מיר פאַרלאָרען איהר גאַנצען חן. דאָס גאַנצע לעבען אַרום זעהט אויס וויסט און פוסט, איך וויל עפּעס אַנדערש, נאָר איך ווייס ניט וואָס. איין זאַך ווייס איך נאָר, אַז עס ציהט מיך אין דער גרויסער וועלט, נאָר איך ווייס ניט ווי אַזוי קומט מען צו איהר. ווען דער פעטער וואָלט קומען, וואָלט איך אפשר געפּעלען ווערען איהם, און ער וואָלט מיך צונעהמען. קומט ער אָבער ניט. אויף מיין גליק דאַרפען די געשעפטען אוועקגעהן שלעכט, און עס האָט איהם אַזוי פאַרדרעהט דער קאָפּ, אַז ער שרייבט אפילו ניט.

דערווייל בין איך גאָר קראַנק געוואָרען. אַ פּאָר טעג געפיהלט זיך ניט גוט, ניט געגעסען און שלעכט געשלאָפען, ביז איינמאָל ביי טאָג, זיצענדיג איבער דער גמרא, האָב איך באַקומען אַ שטאַרקען קאָפּוועהטאָג, און עס האָט מיך גענומען טרייסלען ווי אין קדחת. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, האָב איך אָבגעזוכט אַ קיהלען פּלאַץ אין קעמערעל, וואו עס ליגט די האָלץ צום הייצען. אויף די האָלץ לעג איך אוועק מיין זאַק מיט היי, און ליג אַזוי ביז פאַרנאַכט.

ווען מען האָט מיך דאָרט באַמערקט, האָט מען געבראַכט דעם פעלדשער, קיין דאָקטאָר איז אין קורעניץ ניטאָ. מען פיהרט מיך איבער אין דער ליידיגער שטיבעל, וואָס אין הויף. דער פעלדשער שטעלט מיר אונטער'ן האַרצען אַ סך פּיאַווקעס, און זאָגט אָן אַ בחור'ל, אַז ער זאָל זיצען דאָ, און, ווען די פּיאַווקעס וועלען אַראָבפאַלען, זאָל ער באַלד באַשיטען די לעבעלעך מיט די צוריבענע קרייד, און אַרויפלעגען די וואַטע און אַרומבינדען. די פּיאַווקעס, אָנגעפילטע מיט מיין בלוט, זיינען שוין לאַנג אַראָבגעפאַלען, און ערוועקען אין מיר אַן עקעל מיט זייערע גליציגע קערפּער, און פון יעדער לעבעלע אונטער מיין האַרצען פיהל איך ווי עס פליסט װאַרעמליכע בלוט, און מיין היטער, דער בחור'ל, כראָפּעט גאַנץ געשמאַק, זיצענדיג ווייט פון מיר אויף אַ ביינקעל.

איך רוף איהם, נאָר ער הערט ניט, קוים וואָס איך רייד, דער קאָפּ שווינדעלט, אין די אויגען ווערט פינסטער, און דער צונג איז ווי א שטיק האָלץ.

מיט מיינע לעצטע קרעפטען רוף איך איהם, נאָר מיין שטימע איז צו שוואך, און ער שלאָפט צו שטארק. איך וויל עפּעס אליין טאָן, נאָר פון מיין קלענסטער באוועגונג שפּריצט נאָך שטארקער די בלוט פון די לעבעלעך. אלעס ארום מיר איז שוין נאַס פון בלוט, איך פיהל, אז מיינע כחות געהען אויס. איך פארשטעה די געפאהר, און מיט די לעצטע כחות טו איך א שרעקליכען געשריי. ער כאפּט זיך אויף, פארבינדט, נעהמט צו די פּיאַוקעס, און לויפט אוועק, זאָגענדיג, אז באלד קומט ער צוריק. עס איז געקומען דער פעלדשער, און נאָך א פּאָר מענשען, מען האָט מיר עפּעס געטאָן, און איך בין געבליבען אין בעט צוויי וואָכען. מען פלעגט מיר ברייגגען ביסלעך מילך, אביסעל זופּ, און אנדערע זאכען, דאָך בין איך זעהר שוואך געווען, ווען איך בין אראָב פון בעט. איך זיץ ווייטער א גאנצען טאָג אין שטיבעל איבער דער גמרא, געה אויף די טעג וואו מען גיט מיר שווארצען גראָבען ברויט מיט בוריקעס אָדער מיט גרויפּען, און דערפון דארף איך דאָס צונויפקלייבען די בלוט, וואָס איך האָב פארלאָרען.

די פראגע: „וואָס וועט זיין דער תכלית?" הויבט אָן ווייטער צו עגבערען מיין מח, און מיט יעדען טאָג ווערט דאָס לעבען אלץ מעהר אונערטרעגליך. מיט חיים זלמן'ן שפּאַציערען געה איך זעלטען. איך וויל בעסער זיין אליין. איינמאָל שבת, ליגענדיג אליין אין וואלד אונטער א בוים, און טראכטענדיג וועגען דעם פעטער'ס קומען, פאלט מיר איין א געדאנק, אַזוי ווי דער פעטער קומט ניט אהער, פיליייכט וואלט איך פאָהרען אהין. נאָר ווי אזוי פאָהרט מען? און מיט וואָס פאָהרט מען? לאנג האָב איך געטראכט, און גאָר ניט געקענט צוטראכטען.

די נעקסטע נאכט האָב איך שלעכט געשלאָפען. דאָס הארץ טוט מיר שטארק וועה, און איך פיהל א שוואכקייט אין דעם גאנצען קערפּער. אויף מאָרגען, איך קום אויפ'ן טאָג עסען, באמערק איך דעם ערשטען מאָל, אז אלעס איז שמוציג, און דאָס עסען האָט גאָר קיין טעם ניט. איך געה צוריק אין שטיבעל

הונגעריג און ברוגז. איך זיץ איבער דער גמרא, נאָר עס לערנט זיך נים.

מיט אמאָל פאַלט מיר אריין אַ געדאַנק, אַז איך זאָל געהן אהיים. דאָרט וועט די מאַמע מיך אָבהיטען, און איך וועל קומען צוריק צו מיין געזונד. איך פאַרמאַך די גמרא, לייג צונויף מיינע זאַכען אין אַ פּעקעלע, און געה אהיים. קוים אַ לעבעדיגער גע־בראַכט צו שלעפּען זיך. די מאַמע האָט פון מיין פּנים באַלד פאַרשטאַנען, אַז איך בין קראַנק געווען. איך האָב זיי דערצעהלט פּיעל בלוט איך האָב פאַרלאָרען. די מאַמע האָט שרעקליך גע־וויינט, און דער טאַטע האָט אויך אַ פּאָר מאָל געווישט די אויגען, און האָט געזאָגט, אַז ביז דעם נעקסטען זמן זאָל איך זיין אין דער היים.

די מאַמע האָט מיך גענומען אָבהיטען. זי ווייס, אַז ציגענע מילך איז געזונד צום הארצען, און ציגען האָט זי יעצט צוויי, גיט זי מיר עטליכע גלאָז מילך אַ טאָג. די מילך האָט אפילו עפּעס אַ ווילדען ריח, נאָר די מאַמע טרעט ניט אָב, איך מוז דאָס טרינקען, און צו יעדען מאָל מוז זי זאָגען „צו רפואה". עסען גיט זי מיר פּיינקאָכענס, בולבענע לאַטקעס, אַ בולבענעם צימעס פאַרפּרעגעלט מיט פּוטער און געשווילטע בולבע מיט קאַלטע זויער מילך. מיט איין וואָרט, מען היט מיך אָב ווי אַ בן יחיד.

אויף דער צווייטער וואָך האָב איך אָנגעפאַנגען צו לערנען גמרא אייניגע שטונדען אַ טאָג, די איבעריגע צייט שרייב איך, און פאַרנאַכט געה איך שפּאַצירען אין פעלד, און טראַכט אימער וועגען פאָהרען צום פעטער, און וואָס מעהר איך טראַכט, שטעלען זיך מיר פאָהר אַלץ שעהנערע בילדער. אפילו אין שלאָף זעה איך זיסע חלומות, ווי איך קום צום פעטער, בין אַ גוטער גאַסט, איך ווער געפּעלען און ווער אַ חתן, און לעב גליקליך.

איינמאָל מאַך איך אַ שמועס מיט'ן טאַטען וועגען די מרחקים, פרעג איהם ווי וויים איז קיין פּאָלטאַווע, און ער זאָגט, אַז עס מוז זיין באַנאָהע טויזענד וויאָרסט. איך טו איהם אַ פרעג פאַר־בייגעהענדיג ווי אַזוי פאָהרט מען אהין, און ער דערצעהלט מיר ווי ער פלעגט פאָהרען מיט'ן וואַסער מיט די פּליטען געהילץ, און צוריק פלעגט ער פאָהרען מיט פערד, האָט עס געדויערט וואָכען

לאנג, יעצט אָבער איז פאראַן אַן אייזענבאהן, פון מינסק דארף געדויערען ניט מעהר ווי דריי אָדער פיער טעג, אָבער דאָס קאָסט געווים ביז פופצעהן רובעל. דערהערענדיג ווי ווייט דאָס איז, און פיעל דאָס דארף קאָסטען, האָט עס מיך פון אָנפאַנג אָבגעשראָקען, און איך האָב שוין אינגאַנצען געוואָלט אויפגעבען דעם געדאנק, נאָר שפּעטער האָט אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען זיך אין מיר אַ געפיהל פון נצחון, ווייל עס איז אַזוי שווער, וועל איך דוקא דערווייזען, אַז איך וועל קומען אהין, און איך האָב פעסט באַשלאָסען, אַז איך זאָל זיך אוועקלאָזען קיין פּאָלטאַווע. ווען איך וועל די גאַנצע וועג געהן צופוס, וועל איך דאָך אויך קומען, דאָס וועט נאָר לענגער געדויערען, אָבער וואָס האָב איך קיין צייט ניט?

49. מיין רייזע קיין פּאָלטאַווע.

איך דערצעהל קיינעם גאָר ניט. איך האָב מורא, אַז מען וועט מיך ניט לאָזען. באַלד נאָך סוכות לעג איך צונויף מיין פּעקעלע און נעהם זיך זעגענען. אַלע זיינען זיכער, אַז איך געה קיין קורעניץ לערנען. די מאַמע זאָגט אָן, אַז איך זאָל קומען אויף חנוכה. איך ענטפער ניט, די טרערען שטיקען מיך. דער טאַטע מיט דער מאַמען באַגלייטען מיך, איך קוש זיי און וויין זעהר שטאַרק, זיי וויינען אויך, זיי ווייסען אָבער ניט, וואָס איך וויין.

זיי קעהרען זיך אום, איך געה, איך קוק זיך ארום, און וויין ביטער, טראַכטענדיג: „גאָט ווייס, ווען מיר וועלען זיך זעהן". מיין פּלאַן איז צו געהן קיין מינסק, פארגעהן צו מיין ברודער מרדכי, דערצעהלען איהם דעם אמת, וועט ער אביסעל ארויסהעלפען מיט הוצאות, אָבוואָהל ער אַליין איז אויך אַ גרויסער אָרימאַן.

אויפ'ן דריטען טאָג אין אָבענד בין איך געקומען צום ברודער. ווען ער האָט דערהערט וועגען מיין פּלאַן, האָט ער מיך געמאַכט פאַר אַ משוגענעם. „און אַ פּאַספּאָרט האָסטו?" טוט ער אַ פרעג. און ער ערקלערט מיר, אַז אָהן אַ פּאַספּאָר איז סכנות. ווען מען כאַפּט, שמידט מען אין קייטען, און מען פיהרט מיט'ן עטאַפּ צוזאַמען מיט אַלע גנבים און מערדער, און מאַנאַטען לאַנג

וואלגערט מען זיך אויס אין אלע אסטראָגען ביז מען ברייננט צוריק צו דעם שטעדטעל, וואו מען איז צוגעשריבען. דיעזער ארגומענט האָט געהאט א שטארקע ווירקונג, און איך האָב במחילה געמוזט געהן צוריק.

דריי טעג געגאנגען קיין ווילייקע, ווייל איך האָב געהערט, אז ווילייקע איז אונזער אויעזד, וואו מען דארף נעהמען א פאס־פאָרט. צום באדויערען האָט מען מיר דאָרט געזאָגט, אז א אינגעל גיט מען ניט קיין פאספאָרט. אן עלטערער מוז פאר איהם נעהמען און דאָס דארף קאָסטען עטליכע רובעל.

עס העלפט ניט, איך מוז געהן אהיים, און דערצעהלען דעם אמת; און מיר שטעלט זיך פאָר, וואָס פאר א מלחמה עס וועט זיך אָנפאנגען. איך באשלים אָבער צו זיין פעסט, ניט לאָזען זיך איבעררריידען, און פאר קיין זאך ניט אָבשרעקען זיך.

קומעדיג אהיים האָבען זיך אלע דערשראָקען, און אויף זייערע פראגען האָב איך געענטפערט קורץ און שארף, אז איך האָב באַ־שלאָסען צו פאָהרען, און אנדערש קען דאָס ניט זיין. צו מיין גרעסטען וואונדער האָט זיך קיין מלחמה ניט אָנגעפאנגען. די מאמע האָט זיך נאָר שטארק צוואויינט, און דער טאטע האָט גע־נומען געבען צו פארשטעהן, אז דאָס איז אונמעגליך: „וואו נעהמט מען אזא אייגענעם אויף צו פאָהרען?" און איך ענטפער, אז איך דארף נאָר א פאספאָרט, און, אז מען האָט ניט מיט וואָס צו פאָהרען, געהט מען צופוס. דער טאטע ענטפערט ניט, און איך בלייב זיצען אין דער היים.

געהט אוועק א טאָג נאָך א טאָג, איך בעט א פאספאָרט, די מאָמע וויינט און קלאָגט, און דער טאטע טענה'ט, אז, ווען ער וואָלט קענען געבען מיר אויף דער הוצאה, וואָלט ער אליין צוגע־רעדט צו פאָהרען, ווייל ער גלויבט, אז דאָרט וואָלט איך ווערען א מענש, אָבער אזוי נעהמען און לאָזען א קינד אויף הפקר, דארף מען דאָך זיין א גזלן. עס געהען דורך נאָך א פאָר טעג, און דער טאטע טוט מיר א זאָג, אז איך זאָל בעסער ווייטער געהן קיין קורעניץ און לערנען. און איך שווער זיך, אז אויב מען וועט מיר ניט געבען קיין פאספאָרט, געה איך אוועק אָהן א פאספאָרט. אין עטליכע טעג ארום האָט מען מיר געבראכט א פאספאָרט. דאָס

האָט דער פעטער זאַנוועל אַ טובה געטאָן. אַ סברה, אַז די געלד האָט ער אויך געגעבען, ווייל איהם איז שטאַרק געפעלען גע־וואָרען, אַז איך זאָל פאָהרען צום פעטער.

מען האָט זיך גענומען גרייטען צו מיין רייזע. דער טאַטע ווערט אַ שניידער, און נעהמט מיר הויזען אויף וואַטע, און צו מיין אַלטע פאַלטאָ נעהט ער צו אַ קאָלנער פון אַ שטיקעל קעצענע פעל פון דער מאַמע'ס אויבער־בגד, וואָס מען האָט געמאַכט צו איהר חתונה. די מאַמע זיצט און אַרבייט זאָקען פון גראָבע וואָל, און די עלטערע שוועסטער מאַכט אַ פאָר שעהנע הענטשיקעס (גלאָווס) פון בלויע, רויטע און שוואַרצע וואָהל געמישט, און פון דער שוועסטער'ס פאָוועלע האָט מען אָבגעשניטען אַ שטיקעל לייווענט, און מען נעהט פאַר מיר אַ דורכיגע העמד. אַלע העמדער טראָגט מען פון גראָבע לייוועגד, וואָס די גוים וועבען אַליין, נאָר דער קאָלנער און די אַרבעל מאַכט מען פון דינעם לייוועגד. די מאַמע זאָגט, אַז ווען גאָט וועט מיך ברייגגען אויפ'ן אָרט, זאָל איך ניט דאַרפען פאַרשעמהט ווערען. מיינע שטיוועל האָט מען אָב־געגעבען צום דאָרפישען שוסטער, אַ גוי אַ שכור, אַז ער זאָל זיי גוט אויספאַריכטען. דער טאַטע זאָגט, אַז דער הויפט מוז מען אָבהיטען, אַז די פיס זאָלען זיין טרוקען און וואַרעם. דריי טעג האָט מען אפילו די גרויפען ניט פאַרווייסט, די גאַנצע מילך פון דיביידע ציגען האָט מען געקליבען, און געמאַכט אַ קעזועלע פאַר מיר אין וועג צו נעהמען.

מען אַרבייט און מען רעדט. דער טאַטע דערצעהלט וועגען דעם לעבען אין די ווייטע געגענדען, און אָבוואָהל איך האָב שוין דאָס פיעלע מאָל געהערט, דאָך איז דאָס מיר זעהר אינטערע־סאַנט, נאָר די מאַמע וויל עס ניט ליידען, און זאָגט: „ווען דו זאָלסט אָבער ניט דערצעהלען די גליקען פון דאָרט, וואָלט זיך איהם ניט וועלען פאָהרען אהין", און זי פאַנגט וויינטער אָן צו וויינען; און דער טאַטע ענטפערט איהר: „פון אמת קען מען ניט אוועקגעהן, דאָרט איז טאַקע אַן אַנדער וועלט. מן הסתם איז איהם אזוי באַשערט". און איך נעהם אַרום די מאַמע, קוש זי און זאָג צו איהר: „האָב ניט קיין יסורים, אהין וועל איך אפשר געהן אַביסעל צופוס, אָבער צוריק אם ירצה השם, ווען איך וועל

פאָהרען צו געסט, וועל איך פאָהרען מיט'ן באַהן אַזוי ווי א פּריץ, און פון מאלאדעטשנע וועל איך נעהמען פּאַטשט, טאַקע צוויי פערד מיט א גלאָק". — „יאָ, מיין קינד, ביי גאָט איז אַלעס מעג־ליך", ענטפערט די מאַמע, ארומנעהמענדיג מיך און קוסענדיג.

געקומען דער מאָמענט, וואָס איך דאַרף שוין אַוועקגעהן. מיין פּעקעלע איז שוין צונויפגעלעגט, דער טאַטע גיט מיר א רוּ־בעל, און זאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען: „מיין זוהן, האָב קיין פאַריבעל ניט, גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב מעהר ניט; איך האָף, אַז מרדכי וועט דיר העלפען, און ווייטער זאָל דיר גאָט ברוך הוא העלפען". איך פאַנג אָן צו זעגענען זיך. אין שטוב ווערט א יאָמער, די קינדער וויינען און שרייען, דער טאַטע וויינט שטיל, און די מאַמע האָט מיך ארומגעכאַפּט מיטביידע הענד, קושט און וויינט, דריקט מיך צו איהר ברוסט און שרייט אויס מיט א שרעקליכער שטימע: „קינד מיינס, וואוהין לאָז איך דיך אין אַזאַ קעלט, אַזוי ווייט?" און פאַלט אין חלשות. מיר מינ־טערען זי אָב, זי ליגט אין בעט, און דער טאַטע בעט זי וויינענדיג: „שרה רבקה, בערוהיג זיך, פערלאָז זיך אויף גאָט ברוך הוא, ער איז דאָך א פאָטער". די מאַמע בערוהיגט זיך אביסעל. איך שטעה אָנגעבויגען איבער איהר בעט, קוש זי און טרייסט זי: „מאַמעניו, דו וועסט נאָך דערלעבען פיעל נחת פון מיר". — „פאָהר געזונד, מיין קינד", זאָגט זי מיט דעם לעצטען קוש, און איך פאַרלאָז דאָס קליין אָרעם שטיבעלע, וועלכע איז פול מיט צערטליכע ליעבע צו מיר, און לאָז זיך אין דער גרויסער ברייטער וועלט צווישען פרעמדע מענשען. דער טאַטע באַגלייט מיך, צור־קושט זיך, בענשט מיך, און קעהרט זיך אום.

איך געה און קוק זיך ארום, דער טאַטע שטעהט און ווישט די אויגען, איך געה ווייטער, איך וויין, מיין האַרץ שפּרינגט פון אָרט, איך קעהר זיך אום, דער טאַטע שטעהט נאָך אַלץ, און זאָ לאַנג ווי מען האָט געקענט זעהן פון ווייטען, האָב איך איהם אַלץ געזעהן שטעהענדיג אויף איין אָרט.

אויפ'ן דריטען טאָג, שפּעט אין אָבענד, בין איך געקומען צו מרדכי'ן. ער פּרובירט מיך אָברייד׳ען פון מיין רייזע, נאָר ער צייגט זיך איבער, אַז זיינע רייד זיינען אומזיסט, גיט ער מיר

צוויי רובעל, און פיהרט מיך אָב קיין מינסק אויפ'ן וואגזאל. מיר צוזעגענען זיך, וויינען זיך גוט אויס, ער פאָהרט אַוועק צוריק, און איך בלייב וואַרטען אויפ'ן צוג. איך דערזעה אידען, און פרעג זיי, ווי אַזוי פאָהרט מען קיין פאָלטאַווע. זאָגט איינער, אַז מען דאַרף פאָהרען ביז באַכמאַטש, און דאָרטען נעהמען אַן אַנ־דער צוג קיין קורסק. פיעל דאָס קאָסט פרעג איך ניט. איך ווייס, אַז איך האָב נאָר דריי רובעל, און מען דאַרף אַ סך מעהר. נעהם איך דערוויייל אַ בילעט פאַר צוויי רובעל, און זונטאג שפעט ביי דער נאַכט פאַרלאָז איך מינסק.

דער קאָנדוקטאָר האָט פיעלע מאָל געבעטען מיין בילעט און ער האָט אומגעקעהרט, און צום לעצטען מאָל האָט ער מיך אויפ־געוועקט, און האָט צוגענומען מיין בילעט און איז אַוועק. דאָס הייסט, אַז מעהר קען איך ניט פאָהרען. איך טהו אַ קוק אין פענס־טער, ערשט עס איז חושך. וואוהין זאָל איך געהן? טראַכט איך, און דער צוג האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט. מענשען געהן אַרויס, אַנדערע קומען אַריין, און איך קעהר זיך אום מיט'ן פנים צום וואַנד, און מאַך זיך שלאָפענדיג. דער צוג געהט שוין ווייטער. איך הער ווי דער קאָנדוקטאָר שרייט „בילעט". איך ציטער און ענטפער ניט. ער טהוט מיך אַ שלעפּ; איך כאַפּ זיך אויף און זאָג, אַז איך האָב שוין מיין בילעט אָפּגעגעבען. שרייט ער, פאַר־וואָס בין איך ניט אַראָפּ, און איך ענטפער גאַנץ נאַאיוו, אַז איך דאַרף פאָהרען ווייטער. ווערט ער שטאַרק אין כעס, און זאָגט, אַז אויף דער נעקסטער סטאַנציע וועט ער מיך אַראָפּוואַרפען, און מאַכען נאָך אַן אַקט. פאַנג איך איהם אָן צו בעטען, אַז ער זאָל מיך דערפיהרען כאָטש ביז עס וועט ליכטיג ווערען, זאָגט ער, אַז דאָס דאַרף מיר קאָסטען אַ האַלבען רובעל. איך דינג זיך מיט איהם, און ער נעהמט דרייסיג קאָפּיקעס. ווי עס איז נאָר ליכטיג געוואָרען האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז אויף דער נעקסטער סטאַנ־ציע זאָל איך אַראָב.

איך בין אַראָב אויף דער נעקסטער סטאַנציע, און אויסגעפור־נען, אַז דער נעקסטער צוג געהט אין אָבענד, באַרעכען איך, אַז געגען נאַכט איז ניט גוט אַרויסצופאָהרען, איך וועל בעסער וואַר־טען ביז מאָרגען פריה. אַ פּאָר ווייאָרסט פון סטאַנציע איז אַ

שטעדטעל. אין דרויסען איז גוט קאַלט, אַ פראָסט מיט אַ ווינד, נאָר איך לויף גאַנץ שנעל, און קום אין שטעדטעל גלייך אין בית המדרש. אָבגעדאַווענט, עסען האָב איך נאָך געהאַט וואָס די שוועגערין האָט געגעבען און דעם היימישען קעזעל. אָבגענעסען, גענומען אַ גמרא און געזעצט זיך לערנען.

פאר נאַכט אַוועק אויפ'ן וואָקזאַל, איבערגענעכטיגט דאָרט, און אויף מאָרגען, דיענסטאג פריה, גענומען אַ בילעט אויף איין סטאַנציע פאר 27 קאָפּיקעס. איך פאָהר אָב אַביסעל, דער קאָנ־דוקטאָר האָט שוין צוגענומען דעם בילעט, און איך מאַך זיך ניט וויסענדיג און געה ניט אראָב אויף דער נעקסטער סטאַנציע. מילא, וואָס עס וועט זיין, וועט זיין, דערווייל וועל איך אָבפּאָה־רען אַ סטאַנציע. דער קאָנדוקטאָר קומט אריין און פרעגט פאר־וואָס בין איך ניט אראָב, ענטפער איך אַז איך דארף נאָך פאָהרען גאַנץ ווייט. טוט ער אַ שמייכעל, אַ פּנים אַ גוטער גוי. און זאָגט, אַז ער טאָר ניט פיהרען אומזיסט, און, אַז מען קען מיך באַשטראָ־פען פאר פאָהרען אָהן אַ בילעט, נאָר ער האָט רחמנות, און וועט מיך ניט צושטעלען, אָבער אויף דער נעקסטער סטאַנציע מוז איך אראָב. איך דאַנק איהם גאַנץ הארצליך, און קריך אראָב.

דער טאָג איז אַ שעהנער, ניט קיין שטאַרקער פראָסט, די זון שיינט, מען קען געהן, און איך לאָז זיך געהן גלייך מיט דעם וועג, וואו דער צוג געהט. איך געה ארום די ברעגען, ווייל איך האָב מורא, אַז אַ צוג זאָל ניט אָנפליהען פון הינטען. עס איז זעהר גלי־טשיג און איך ריזיקיר יעדער מינוט אראָבצופליהען פון דעם הויך־אָנגעשאָטענעם וועג. אָבגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט, ערשט איך דערזעה מענשען ארבייטען אויפ'ן וועג. איך קום צו נעהנטער, און דערהער קולות: „זשיד כאַלאַמיד". און שטיקער שנעע האָבען גענומען פליהען אויף מיר אַזוי ווי אַ האָגעל. און איינער מיט מעשענע קנעפּלעך זאָגט, אַז מען קען מיך ארעסטירען דערפאַר, וואָס איך געה מיט'ן וועג, און איך מוז שוין אראָב. איך לאָז זיך אראָב און פאַל אריין ביז'ן בויך אין שנעע, און גענומען געהן אָהן אַ וועג. דער שנעע איז אויבען פארפרויערען, און מיט יעדען טראָט ברעכט ער זיך דורך און איך פאַל אריין. איך שלעפּ קוים ארויס די פיס און פאַל ווייטער אריין. דערווייל ווער איך שטאַרק

הונגעריג; איך וואַש די הענד מיט שנעע, און נעהם אַרויס מיין ברויט, ערשט ער איז פאַרפרויערען און פאַרגעהט אין די צייהן, אַז מען קען ניט עסען. לויף איך אַ הונגעריגער. מיר הויבט אָן צו ווערען קאַלט, און איך בין שוין שטאַרק אויסגעמאַטערט. איך וואָלט וועלען זעצען זיך אָברוהען, האָב איך אָבער מורא, מען זאָגט, אַז אין קעלט קען מען איינשלאָפען און דערפרויערען ווערען. איך שטאַרק זיך און מיט די לעצטע כחות דערשלעפּ איך זיך צו דער נעקסטער סטאַנציע, וואו איך האָב איבערגענעכטיגט. אויף מאָרגען, מיטוואָך פריה, צעהל איך איבער מיין געלד, איך האָב נאָך 43 קאָפּיקעס, און ווי אַזוי בלייבט מען טאַקע אין גאַנצען אָהן געלד? און געהן ווייטער צופוס קאָן איך ניט: די פיס ברעכען נאָך פון נעכטען, דעריבער בעשליס איך און קריך אַריין אין צוג גאָר אָהן אַ בילעט. דער קאָנדוקטאָר קומט אַריין און פרעגט אַ בילעט. ; זאָג איך צו איהם: „קיין בילעט האָב איך ניט, נאָר וואָס פאַר אַ שאָדען וועסטו האָבען, אַז איך וועל אונטערפאָהרען? מען פאָהרט דאָך ניט צוליעב מיר אַליין?”. דער גוי האָט דאָס דערהערט איז ער אָנגעצונדען געוואָרען, און הויבט אָן צו זידלען מיך און שרייען, אַז ער וועט מיך גוט אָנלערנען, און הייסט דעם צווייטען קאָנדוקטאָר היטען מיך. עס קלאַפּט מיר אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, טראַכטענדיג, וואָס וועלען זיי מיט מיר טהאָן?.

געקומען צום סטאַנציע, פיהרט מען מיך מיט אונטערפיהרער, אַזוי ווי אַ חתן. מען פיהרט מיך אַריין צום נאַטשאַלניק סטאַנציע, און מען גיט איהם איבער, אַז איך בין געפאָהרען אָהן אַ בילעט. באַלד האָט זיך נעבען מיר געשטעלט אַ זשאַנדאַר ביז דער צוג איז אַוועק. דער נאַטשאַלניק האָט גאַנץ איידעל געזאָגט צו מיר, אַז איך דאַרף באַצאָהלען צוויי רובעל מיט קאָפּיקעס. פרעג איך איהם: „פאַרוואָס אַזוי פיעל געלד? איך בין דאָך געפאָהרען נאָר איין סטאַנציע”. זאָגט ער, אַז מען דאַרף צאָהלען דאָבעל פון אַ גרויסער סטאַנציע ביז אַהער. טענה איך, אַז פאַר אייניגע סטאַנציעס האָב איך דאָך געהאַט בילעטען, און איין סטאַנציעס בין איך גאָר צופוס געגאַנגען. זאָגט ער קאַלטבלוטיג: „טאַקאָי זאַקאָן”, דאָס הייסט, עס איז אַזאַ דין, אַז מען דאַרף צאָהלען נאָר פון אַ גרויסער סטאַנציע און דוקא נאָר אין צווייען. זאָג איך איהם, אַז אין דער

תורה שטעהט געשריבען, אז נאר א גנב דארף צאהלען צוויי מאל אזוי פיעל. צולאכט ער זיך, און הייסט טאקע ווייטער, אז איך זאל באצאהלען. זאג איך איהם, אז איך האב מעהר ניט ווי 43 קאפיקעס, איך נעהם זיי ארויס און ווייז איהם, און זאג שוין מיט טרעהרען אין די אויגען, אז איך דארף פאהרען קיין פאלטאווע צו מיין פעטער, און אויב ער וועט צונעהמען מיין ביסעל געלד, וועל איך אפילו ניט האבען אויף קיין ברויט, ווען איך וועל צופוס געהן. „און א פאספארט האסטו״? פרעגט דער זשאנדאר. ווייז איך דעם פאספארט, און קלער זיך, ווען ניט מרדכי, וואלט איך יעצט אוועק אהיים אין קייטען געשמידט. דער זשאנדאר לייענט דעם פאס־פארט, און דער נאטשאלניק קוקט אויף מיר, באטראכט מיך, און צופרעגט זיך, וואס איך האב ביז יעצט געטהאן, און צו וואס פאהר איך צום פעטער. איך דערצעהל איהם מיט מיין צובראכענעם רוסיש דעם גאנצען אמת, און ער טהוט א בעט זיין געהילפע ער זאל מיך נעהמען צו זיך איבערנעכטיגען, און צו מיר זאגט ער, אז איך זאל מארגען פריה ארייננקומען.

איך האב זיך גוט אויסגערוהט און אויף מארגען, דאנערשטאג פריה, אבגעדאווענט, און געה צום נאטשאלניק, און ווי פאר־וואונדערט בין איך געווען, ווען ער האט מיר געגעבען א בילעט, און זאגט, אז דאס איז א בילעט פאר בעאמטע, איך קען אב־פאהרען דריי סטאנציעס, און דארטען איז ניט ווייט א שטעדטעל מיט אידען. מיט טרערען אין די אויגען האב איך איהם פון טיעפען הארצען אבגעדאנקט און אוועקגעפאהרען. איך זיץ מיר אין צוג, און דאנק גאט פאר די נסים, וואס ער טוט מיט מיר, און איך טראכט, אז אזעלכע גוים זיינען געווים פון די חסידי אומות העולם, אויף וועלכע די גמרא זאגט, אז זיי וועלען האבען עולם הבא.

אבגעפאהרען די דריי סטאנציעס, איך קריך אראב. מען זאגט, אז צום שטעדטעל איז א וויארסט פינף. איך לאז זיך געהן. עס געהט א געדיכטער שנעע, און עס פאנגט אן א שטארקער ווינד צו בלאזען. איך געה, און דער ווינד ווערט אלץ שטארקער און בלאזט פון אלע זייטען. נאך א ווייל, און עס הויבט זיך אויף א שטורם, אז מען זעהט שוין ניט דעם וועג. מען באמערקט

נאָר פון די זייטען שטעהען, אין שנעע שטעקענס, אויבען מיט שטרוי, וועלכע מען שטעלט, אז מען זאָל דעם וועג ניט פאַר־ליערען; דער ווינד שמייסט מיר אין פּנים, און ווארפט מיך פון די פיס; איך קעהר זיך אָב, שטעה א ווײלע, כאַפּ אָב דעם אטעם, און געה ווייטער. דער שנעע פאַלט פון אויבען און פליהט פון אונטען ארויף. עס דרעהט אזוי, אז פאַר צוויי טריט זעהט מען גאָר ניט. איך דאַרף זוכען די שטעקענס. מיר ווערט אָט הייס און אָט קאלט; אין די אויערען קלינגט, מיר דאכט זיך, אז דאָס קלינגען גלעקער דאָ ניט ווייט אין א קלויסטער, און אָט ווייזט זיך מיר אויס, אז איך הער ווי הינד בילען, און אפשר וואויען דאָס גאָר וועלף. די צייט ציהט זיך, עס נעהמט גאָר קיין ענדע ניט. איך געה דאכט זיך שוין שטונדען לאַנג. איך ציטער, איך זאָל ניט אראָב פון וועג, און פילייכט איז דאָס גאָר ניט דער וועג, וואס צום שטעדטעל, און מיר שטעלט זיך פאָר, אז עס ווערט נאכט, און איך בלייב אליין אין פעלד.

מיט די לעצטע קרעפטען שלעפּ איך זיך, זאָג תהלים און בעט גאָט; און אזוי ווי איינער וואָס טרינקט זיך און שווימט צו צום ברעג, אזוי האָב איך דערפיהלט, ווען איך האָב דערזעהן א שטוב. איך בין אריין. דאָ וואוינט א גוי, דאָס איז טאַקע די שטעדטעל. איך האָב זיך אָנגעוואַרעמט און אוועק אין שטעדטעל.

געקומען אין בית המדרש, שוין נאָך מעריב. דער שמש ער־לויבט מיך צו נעכטיגען, און בעט מיך צו זיך אויף וועטשערע. פרייטאָג, איז ווייטער געגאַנגען א שנעע, און דער שמש האָט מיך צוגערעדט, אז איך זאָל דאָ שבת האַלטען.

שבת בין איך געוועזן ביי א שניידער. פרייטאָג, געהענדיג פון שוהל, האָט דער שניידער מיר דערצעהלט, אז פאַרנאכט איז ער ערשט געקומען פון א דאָרף, וואו ער האָט געאַרבייט די גאַנצע וואָך, און זונטאָג פריה דאַרף מען ווייטער געהן. פון שטעדטעל אליין, זאָגט ער, קען מען ניט האָבען געניג פּרנסה. די געזינד איז אָהן עין הרע א גרויסע און צוויי אינגעלעך געהען אין חדר. ביי מיר האָט ער אויך אויסגעפרעגט, און, אז איך האָב איהם גע־זאָגט, אז איך רעכען זונטאָג צו געהן צו דער נעקסטער סטאַנציע, האָט ער געזאָגט, אז ער דאַרף אויך אויף דעם זעלבען וועג.

פרייטאָג אבענד, נאָכ'ן עסען, ווען איך האָב געוואָלט געהן אין בית המדרש נעכטיגען, האָט ער מיך ניט געלאָזען, און ער טוט א פרעג דעם עלטערען אינגעלע, פון א יאָהר צעהן, וואָס מיינט עס אין דער תורה „ויטע אשל״; דער אינגעלע האָט א קלעהר געטאָן און געענטפערט: „דאָס מיינט, אז אברהם אבינו האָט געמאכט אן אכסני׳ה, וואו ער זאָל צונעהמען אלע דורכ־פאָהרער, און אשל מאכט אכילה, שתיה, לינה, דאָס מיינט, עסען, טרינקען און שלאָפען, מיט אלץ פאַרזאָרגען דעם גאַסט״. און דער פאָטער זאָגט צו מיר מיט א צופריעדענהייט: „אָט דאָס הייסט ביי אידען הכנסת אורחים, ניט ווי דער היינטיגער נייער שניט, געגעבען אָבעסען און געה וואַלגער זיך אויפ'ן הארטען באַנק״.

איבער שבת גוט אויסגערוהט זיך, און זונטאָג פריה אָנגעבּיסען און געלאָזען זיך געהן. דער טאָג איז א שעהנער, נאָר געהן איז שווער. דער וועג איז נאָך ניט איינגעפאָהרען, און איך באַקלאָג זיך, אז מיר רייבט א פוס, און ער ערקלערט מיר, אז דאָס איז דערפון, וואָס די שטיוועל זיינען עטליכע מאָל נאַס געוואָרען. ווען ער וויים דאָס אין דער היים, וואָלט ער אויסשמירען מיינע שטיוועל, אז זיי וואָלטען ווערען ווייך ווי פּוטער.

איך בין קוים דערגאַנגען צום סטאַנציע, פאַרגאַנגען צו א אידען, וועלכען דער שניידער קען, ער האָט באַקומען א ריינע טיכעלע, און עפּעס א פעטקייט, און האָט מיר ארומגעבונדען מיין פוס, אויף וועלכער איך האָב שוין געהאַט א גוטע וואונד, און ער האָט באַקומען מיט וואָס אויסצושמירען מיינע שטיוועל נאָכהער האָט ער זיך צוזעגענט מיט מיר, און א זאָג געטאָן צו דער בעל הבית'טע: „איהר זאָלט דאָ מיין חולה צוזעהן, דערפאַר וועל איך אייער זוהן אם ירצה השם נעהען חתונה קליידער״. ער איז אוועק, און איך האָב טאַקע געהאַט אי עסען אי א גוטען גע־לעגער, אָבער שלאָפען האָב איך ווייניג וואָס געקענט. דער קאָפּ שפּאַלט זיך: וואָס טוט מען ווייטער? מיט אזא פוס איז אונ־מעגליך צו געהן, און מיט מיינע געלד קען איך אפילו ניט דער־פאָהרען צו א נאָהענטער שטאָדט״. און איך באשלים צו פאַר־קויפען מיין דורכיגע העמד, וואָס מען האָט אויפגענעהט פון דער

שוועסטער׳ס פּאָוועלע. אין דער פריה לעג איך פּאָר דער בעל הבית׳טע, אז זי זאָל קויפען די העמד. זי באַטראַכט די העמד, און זעהט, דאַכט זיך, אז דאָס איז א שפּאָגעל נייע העמד, ערשט פון נאָדעל ארויס, און דאָך גיט זי ניט מעהר ווי דריי גילדען. איך דערלעג נאָך פון מיינע געלד און נעהם א בילעט ביז דער שטעדטעל ה.

אין וואַגאָן זעץ איך זיך נעבען א יונגען מאַן, וואָס קוקט אריין אין א ספר. איך פרעג איהם, ווי ווייט איז נאָך פון ה. קיין באכאמאטש, און ער זאָגט, אז דאָס איז נאָך שעהנע עטליכע שטונדע רייזע. מיין פּנים האָט קענטיג אָבגעשפּיגעלט ווי מיר איז געוואָרען אויפ׳ן הארצען, און דער יונגער מאַן האָט א פרעג געטאָן: „איהר זייט עפּעס אין א פאַרלעגענהייט?" איך האָב איהם אָפּענהערציג אַלץ דערצעהלט. „דאָס הייסט מיט גוואַלד ארויסגעריסען זיך פון ארמוט און פון פאַנאַטיזם", האָט דער יונגער מאַן א זאָג געטאָן. ארמוט האָב איך זעהר גוט געוואוסט וואָס דאָס מיינט. אָבער פאַנאַטיזם ווייס איך ניט וואָס ער מיינט. — „איהר וועט מיט מיר אָראָפּפאָהרען אין שטעדטעל", זאָגט ער; „צו מיר קען איך אייך ניט נעהמען, ווייל איך בין אליין אַן איידעם אויף קעסט, נאָר איהר וועט זיין ביי מיינעם א גוטען פריינד".

פון וואָקזאַל זיינען מיר צוגעפאָהרען צום גוטען פריינד, וואו איך בין גאָר צוטומעלט געוואָרען. איך זעה, אַ דאָסאיז א חדר. דער בעל הבית איז א מלמד, לערענט מיט צעהן קינדער, נאָר עפּעס איז אַלעס אזוי ריין, און דער מלמד אליין איז א שעהנער יונגער מאַן, טראָגט א ווייסע געפּרעסטע העמד, געהט אָהן פּאות, און איך וואָלט שווערען, אז די באָרד איז אָרומגעשאָרען; און די רבי׳צין זעהט אויס ווי אַן עלטערע מיידעל, געהט אָהן א פּאַרוק, מיט אַן אָבגעדעקטען קאָפּ; און די אינגלעך אַלע זעהען אויס ווי פרייטאָג פאַרנאַכט, איינגעוואַשענע און אין גאַנצע ריינע בגדים׳לאַך. איך טראַכט, אז דאָ מוזען זיך שוין אָנהויבען די ווייטערע געגענדען, וואו אַלעס איז אַנדערס. דער יונגער מאַן איז אוועק, צוגעזאָגט קומען אין אבענד, און מיך האָט מען דאָ צוגענומען זעהר פריינדליך.

באלד אין אבענד געלאזען די קינדער אהיים. דא לערענט מען ניט ווי ביי אונז ביז ניין אזייגער. מיר האבען געגעסען א שעהנע וועטשערע, און גערעדט. איך האב זיי אלעם דערצעהלט וועגען זיך. זי האט זיך אייניגע מאל באגאסען מיט טרערען.

שפעטער זיינען אנגעקומען יונגע לייט צוזאמען מיט מיין יונגען מאן. פיעלע האבען געבראכט ספרים און גענומען ביים מלמד אנדערע. זיי ווייזען מיר די ספרים, און פרעגען, אויב איך האב געזעהן אזעלכע ספרים, און איך וויים ניט פון וואס צו זאגען. עפעס א „מורה נבוכי הזמן", „תולדות השמים" און נאך אזעלכע נעמען, וואס איך האב ניט געהערט. זיי זאגען, אז דאס זיינען השכלה ספרים. דערצעהל איך זיי, ווי אין קורעניץ האט מען אמאל געברענט השכלה ספרים, נאר איך האב זיי ניט געזעהן. און עס פאנגט זיך אן א געשפרעך וועגען חסידים. די יונגע לייט שיטען פעך און שוועבעל אויף די חסידים מיט אלע פאנאטיקער, און מיך פארדריסט עס.

מיין יונגער מאן האט אנגעהויבען צו ריידען וועגען מיין פאהרען ווייטער. דער מלמד גיט אן עצה, אז איך זאל שרייבען צום פעטער און בעטען, אז ער זאל צושיקען געלד. דאס קען געדויערען אין גאנצען אכט אדער צעהן טעג, און דערווייל וועל איך זיין זייער גאסט. איך דאנק זיי פאר זייער פריינדשאפט, און זאג, אז איך וויל ניט בעטען קיין הילפע פון פעטער; איך וועל זיך פיהלען זעהר ניט גוט צו קומען אויף אויסגעבעטענע געלד. איך וועל בעסער צופוס געהן. אויף מארגען, דיענסטאג, האט מיין יונגערמאן צוגעפיהרט מיך צום וואקזאל און גענומען א בילעט ביז באכמאטש.

אין באכמאטש געפין איך אויס, אז, אויב איך וויל פאהרען מיט'ן באהן, דארף איך פאהרען קיין קורסק, קיין כארקאוו און פון דארט ערשט קיין פאלטאווע. דאס דארף קאסטען א שטיק געלד, און ערגער פון אלץ איז, וואס דאס איז שוין טיעף רוסלאנד, וואו קיין אידען זיינען ניטא. מען קען אבער פון דאנען צו פאהרען קיין ראמען, אינגאנצען עטליכע שטונדע רייזע, און פון ראמען קען מען מיט א פוהר אין צוויי טעג קומען קיין פאלטאווע. איך זיץ אויפ'ן וואקזאל און טראכט, וואס טוט מען.

אין אבענד קומט אָן דער צוג. עס ווערט א טומעל, אלע לויפען, שטופען זיך מיט די פעקלעך, און איך, עפעס ווי מיט א שטראָם פאַרכאַפּט, שטופּ זיך אויך אריין אין וואַגאָן. דער צוג ריהרט זיך פון אָרט, אלע האָבען זיך שוין אריינגעזעצט, נאָר איך שטעה און ציטער. אויף צוויי ביינק, איינע געגען די אַנדערע, זיצען איבען און זיינען שטארק פאַרטיעפט אין שפּיעלען קאָרטען. איך פרעג זיי: „וואָס זאָל איך טאָן, איך האָב ניט קיין בילעט".
— „קריך אונטער'ן באַנק", זאָגט איינער, אויפהויבענדיג די אויגען פון די קאָרטען. איך קוק איהם אָן פאַרוואונדערט. — „קריך, און מיר וועלען דיך פאַרשטעלען מיט אונזערע פיס", זאָגט א צווייטער. מיר איז דער פּלאַן גאָר ניט געפעלען. דאָ איז אָבער איינס פון דאָס צוויי, אָדער ליג אונטער'ן באַנק, אָדער ווער ארויס־געשליידערט אין דרויסען ביי דער נאַכט.

איך קריך אונטער'ן באַנק. איך לעג אונטער דעם פּעקעלע צוקאָפּען, און ציה זיך אויס ווי ביים טאטען אין וויין־קעהלער. אמת, עס איז אביסעל ניט בכבוד'דיג אזוי צו פאָהרען אָנקוקען א כלה, און טאקע ניט גאָר פויגעלדיג, ווייל פון אונטען ציהט א שטארקע קעלט, און גראדע אונטער מיין געלעגער קומען אויס די רעדער פון וואַגאָן, און ווי אויף צו להכעיס קלאַפּען זיי מיר גלייך אין קאָפּ אריין. אז דער מח רייסט אויף, און אלע ווײלע שפּרינגען אונטער די רעדער און טרייסלען מיר אויס די נשמה. דאָך טאָר מען ניט זינדיגען. טראַכט איך מיר, קיין זאך קומט ניט אָן גרינג; און אז יעקב אבינו האָט געדארפט פאר רחל'ן דיענען פערצעהן יאָהר? און, אז איך וויל קען איך זאָגען, אז מיר איז בעסער איידער איהם, ווייל ער האָט צו די אלע צרות נאָך געהאט אויף זיך לבן'ן פאר א בעל הבית, און איך בין זיך א פרייע פויגעל. וויל איך ליג אוונטער'ן באַנק, און וויל איך געה איך זיך צופוס. דערווייל דערמאָהן איך זיך, אז איך האָב נאָך ניט געדאוועגט קיין מעריב, און איך הויב מיר אָן דאַווענען וואָרט ביי וואָרט, כאַפּען זיך איז ניטאָ וואָס. איך זאָג „השכיבנו" און פאַרטייטש עס: „עוויגער גאָט אונזערער, לאָז אונז זיך לעגען אין פריעדען און אויפשטעהן אין פריעדען" און בעט איהם, אז איך זאָל מעהר אין מיין לעבען ניט דארפען ליגען ווי יעצט. דערווייל האַלט איך

שוין ביי שמונה עשרה, און מיר קומט אוים מאָדנע, אַנשטאָט שטעהן שמונה עשרה, דאַרף איך גאָר ליגען שמונה עשרה. אָבגע־דאַווענט, דערפיהל איך אַ הונגער. ברויט האָב איך, אָבער עסען אָהן געוואַשען אונטער'ן באַנק, ליגענדיג אויף אַלע פיער, וועל איך דאָך טאַקע אַ פּנים האָבען פון אַן אמת'ן כלב. בלייב איך ניט געגעסען און גאַנץ לאַנג אַרומגעוואָרפען זיך פון איין זייט אויפ'ן צווייטען, ביז איך האָב איינגעשלאָפען, און האָב זיך געשלאָפען ביז איינער פון די אידען האָט מיך אויפגעוועקט און אָנגעזאָגט, אַז מיר זיינען שוין אין ראַמען, און איך מעג שוין אַרויס פון אונטער'ן באַנק. אַ דערפראָהרענער, אַ הונגעריגער און אַ צו־בראָכענער אַרויסגעקראָכען פון אונטער'ן באַנק, און אָבגעדאַנקט גאָט, וואָס איך בין פּטור געוואָרען פון דעם אייזענבאַהן, און דער יצר הרע וועט מיך אויפהערען צוו מאַטערען צו וועלען דוקא פאָה־רען. יעצט וועל איך פאַמעלעך געהן ביז איך וועל קומען בשלום.

איבערגעזעסען אויפ'ן וואָקזאַל ביז עס איז געוואָרען ליכ־טיג, אָבגעזוכט אַ שוהל, אָבגעדאַווענט, אויסגעפונען וואוהין איך דאַרף געהן, און געלאָזט זיך געהן קיין פאָלטאַווע.

דער וועג איז אַ ברייטער און גוט איינגעפאָהרען. עס איז פּשוט אַ מחיה צו געהן אין פאַרגלייך מיט מיין ליגען אונטער'ן באַנק. און אייגענטליך געה איך גאָר ניט, נאָר איך לויף ווייל עס איז זעהר קאַלט. איך לויף, רוה זיך אָב, און לויף ווייטער. וואו אַ קרעטשמע רוה איך זיך אָב, וואַרעם זיך אָן, עס אַ שטיקעל ברויט מיט הערינג און לויף ווייטער.

די נאַכט איבערגענעכטיגט אין אַ קרעטשמע, און אויף מאָר־גען אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, אָבגעדאַווענט, און געלאָזען זיך אין וועג, נאָר לויפען קען איך שוין ניט. די פיס טוען וועה פון נעכטען.

אַרום האַלבען טאָג יאָגט מיך אָן אַ איד מיט אַ פּאָר פערדלעך, געשפּאַנט אין אַ ברייטען שליטען אָהן ווענטליך פון די זייטען. איך שטעל איהם אָב, און פרעג וואוהין ער פאָהרט. ערשט ער פאָהרט קיין פאָלטאַווע. ער איז טאַקע אַ פאָלטאַווער, און האָט געפיהרט סחורה קיין ראַמען. בעט איך איהם נעהמען מיך קיין פאָלטאַווע, בעט ער אַ האַלבען רובעל. דערצעהל איך דעם אמת,

אז איך האָב נאָר עטליכע קאָפּיקעס. באַטראַכט ער מיך פון קאָפּ ביז די פיס און זאָגט: „בילאַ נע בילאַ, אַריינגעזעצט זיך און היידאַ"! איך קריך אויפ'ן שליטען, און ער דעקט מיר איין די פיס מיט אַלטע זעק, נעהמט אַרויס פון בוזים אַ פּלעשעלע בראַנ־פען, זאָגט „לחיים", טוט אַגוטען זופּ, און גיט מיר. איך ענטזאַג זיך, און ער זאָגט, „אַט זיי זשע ניט קיין יאָלד, גיס אַריין וועט וואַרעמער ווערען". און מיר איז טאַקע וואַרעמער געוואָרען, און מיר פאַרפיהרען אַ געשפּרעך. איך דערצעהל, אַז איך פאָהר צו אַ פעטער קיין פּאָלטאַווע, אייגענטליך איז דאָס ניט קיין פּאָלטאַ־ווע, נאָר ניט ווייט פון פּאָלטאַווע, אין קליין פערעשטשעפּינע; ווי ווייט דאָס איז פון פּאָלטאַווע ווייס איך ניט. זאָגט ער מיר, אַז דאָס איז פון פּאָלטאַווע נאָר איין סטאַנציע מיט'ן באַהן, קאָסט אינגאַנצען עטליכע און דרייסיג קאָפּיקעס.

מיר שמועסען זיך, און דער פראָסט ווערט שטאַרקער, און דער ווינד שניידט אין פּנים געפעהרליך, און איין פוס איז קאַלט אונערטרעגליך, נאָר איך לייד און שווייג. דער וועהטאָג ווערט אָבער שטאַרקער, און איך זאָג איהם. הייסט ער מיר אַביסעל נאָכ־לויפען נאָכ'ן שליטען. ער טרייבט די פערדלעך, און איך קוים וואָס איך לויף; אין די פינגער פון איין פוס האָט זיך ווי אַ פייער אַריינגעכאַפּט. ביי דער ערשטער קרעטשמע האָט ער זיך אָבגעשטעלט. דאָ אין דער וואַרעמקייט האָב איך ערשט דער־פיהלט דעם ריכטיגען וועהטאָג. מען האָט מיר אַראָבגעשלעפּט די שטיוועל, געשטעלט די פיס אין קאַלטע וואַסער, נאָכהער באַ־שמירט מיט גענזענע שמאַלץ, און אַלע זאָגען, אַז עס קען זיין, אַז איך האָב אָבגעפראָהרען די פינגער פון פוס. גאָט האָט אָבער געהאָלפען, אַז איבער נאַכט איז אָבגעגאַנגען, און אויף מאָרגען, פרייטאָג פריה זיינען מיר ווייטער אַוועקגעפאָהרען.

פאָהרען איז געווען גאַנץ גוט, און ער זאָגט, אַז מיד וועלען קומען קיין פּאָלטאַווע פאַר פריה. נאָך האַלבען טאָג הויבט אָן צו געהן אַ שנעע, אָבער אַן אמת'ער שנעע, עס שיט אָהן אָן אויפ־הער. דער וועג ווערט שווערער און די פערדלעך זיינען שוין אויסגעמאַטערט. דער איד שמייסט זיי אונטער צו ביסלעך מיט רחמנות, און בעט זיך ביי זיי, אַז זיי זאָלען זיין אַ ביסעל לעבע־

דיגער, און דערצעהלט זיי, אז עס איז דאך ערב שבת פארנאכט, נאר די פערדלעך מאכען זיך ניט וויסענדיג.

איך זעה, אז עס איז שוין צייט ליכט בענשען. יעדער מינוט ציהט זיך מיר פאר א שטונדע. איך פאנג אן דאווענען מנחה, ער דאווענט אויך. עס ווערט פינסטערער. עס איז שוין שבת, און א שוידער פליהט מיר דורך איבער'ן לייב. איך קען זיך ניט איינ־האלטען און זאג איהם: „עס איז דאך שוין שבת". און ער ענטפערט אביסעל ברוגז'דיג: „איך וויים אזוי גוט ווי דו, איך פאהר חלילה ניט ארויס אום שבת, נאר, אז עס טרעפט אמאל פרייטאג צו נאכט אריינפאהרען אביסעל אין שבת, קען מען ניט העלפען". און איך טראכט מיר, אז גערעכט זיינען די אמת'ע עהרליכע אידען, וועלכע פאהרען ניט ארויס פרייטאג נאך האלבען טאג; א איד דארף ניט איינשטעלען און ניט ריזיקירען מיט אזא זאך. איך זעה עס איז שוין גוט פינסטער. איך בין מקבל שבת און וויין. א שעהנער קבלת שבת, פאהרענדיג ווי א גוי. צרות האב איך דאך שוין גענוג געהאט אין וועג, אבער אזא וועהטאג האב איך נאך ניט געפיהלט. אין יענע צרות האב איך געפיהלט גאט אין הארצען, און יעצט פיהל איך זיך פארשעהמט און אראב־געפאלען, וואס איך האב זיך געלאזט פארפיהרען און געפאהרען אום שבת.

א זייגער אכט אבענד זיינען מיר געקומען צו דעם אידען אהיים. די קינדערלעך שלאפען שוין. די ווייב זיצט א שלעפער־דיגע און ווארט. די בענש ליכט זיינען שוין אויסגעברענט, נאר עס ברענט א לאמפ מיט קעראסין. מיר האבען אבגעגעסען א שבת'דיגען מאלצייט, און איך האב דא איבערגענעכטיגט.

גאנץ פריה בין איך אוועק אין א שוהל. מעביר געווען די סדרה שנים מקרא ואחד תרגום, געדאווענט מיט הארץ. מיר האט זיך זעהר געוואלט פארגלעטען מיין נעכטיגע עברה. נאכ'ן דאווענען פריהער פון אלעמען אוועק פון שוהל. איך האב מורא טאמער וועט מען באמערקען א פרעמדען ארים־אינגעל, וועט מען בעטען אויף שבת ווי אן ארימאן; און דא איז שוין אזוי נאהענט פון פעטער; קען טרעפען, אז דאס זאל זיין א באקאנטער, און שפע־טער, ווען מיר וועלען זיך באגעגענען וועט ער זאגען: „דאס איז

דער אָרים־אינגעל, וואָס האָט אַמאָל געגעסען ביי מיר שבת". צום בעל עגלה געהן האָב איך זיך געשעהמט, וואָס בין איך מיט איהם פאַר אַ מחותן? און איך בין זיך אוועק שפּאַצירען איבער פּאַלטאַווער גאַסען, און באַטראַכט די שטאָדט, פון וועלכער איך האָב אַזוי פיעל גע'חלום'ט.

איך געה ארום אַ פּאָר שטונדען. דאָס הארץ פאַלט ארויס פון הונגער, און נאָך ניט אַזוי דער הונגער, ווי מיין געוויסען מאַטערט מיך, וואָס איך פאַסט אום שבת. איך האָב נאָך אַפילו אַ פּאָר קאָפּיקעס, נאָר ווי אַזוי קויפט מען אום שבת? איך בין אריין אין בית המדרש, און גענומען אריינקוקען אין אַ ספר, נאָר עס קריכט ניט אין קאָפּ. איך טראַכט ווי אַזוי קומט מען צום פעטער. געהן מאָרגען צופוס? וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס קומען צו שלעפּען זיך ווי אַ בעטלער?

דאַכט זיך גאָר שלעכט, נאָר אַ מענש דאַרף זיך ניט פאַר־ליערען, איך האָב אַן עצה. באַלד נאָך מעריב אוועק צו מיין בעל עגלה אָבנעהמען מיין פּעקעלע, און בעט, אַז זיי זאָלען ביי מיר אָבקויפען מיינע הענטשיקעס פון די פאַרשיעדענפאַרביגע וואָהלען, וועלכע מיין שוועסטער האָט מיר געמאַכט. דעם בעל עגלה'ס פרוי באַטראַכט די הענטשיקעס, מעסט זיי אָן עטליכע מאָל און גיט מיר דרייסי'ג קאָפּיקעס.

איך געה מיר אוועק צום וואָקזאַל, שוין אָהן מיין דורכיגער העמד און אָהן די שעהנע הענטשיקעס, נעהם איך אַ בילעט גלייך קיין מאַלאַיאַ פּערעשטשעפּינאַ, און עס בלייבען ביי מיר נאָך עט־ליכע קאָפּיקעס. איך וואָלט קויפען עפּעס עסען, איז דאָך אויפ'ן וואָקזאַל אַלעס טרפה, האָב איך געקויפט צוויי עפּעל און אָבגע־פאַסט זיך. איך האָב אַפילו געפּרובט אַ פרעג טאָן, וואָס קאָסט אַ גלאָז טהעע, ערשט מען הייסט זיך באַצאָהלען פינף קאָפּיקעס. קלעהר איך מיר: „דאָס פּאַסט פאַר אַ זולל וסובא". האָב איך זיך אָנגעטרונקען מיט קאַלטע וואַסער, און וואַרט. איך זיץ מיר יעצט מיט אַ קלאָהרען קאָפּ, און באַטראַכט ווי אַזוי אָנצוקומען צום פעטער. איבערהויפּט, טראַכט איך, דאַרף מען ניט אראָב־פאַלען און ניט שעהמען זיך.

50. מיין אָנקומען צום רייכען פעטער

ווען דער קאָנדוקטאָר איז אריינגעקומען אין וואַגאָן, און האָט אויסגעשריען: „סטאַנציא מאַלאַיאַ פערעשטשעפינאַ", און האָט ביי מיר צוגענומען מיין בילעט, האָב איך דערפיהלט, אַז מיין האַרץ האָט גענומען שפּרינגען פון אָרט. מיר ווילט זיך וויינען פון פרייד. דער צוג האָט זיך שוין געשטעלט. איך געה אַרויס פון וואַגאָן, נעהם אַ פוהר און הייס פיהרען צו אָרלאָווען, דאָס הייסט צום פעטער.

געקומען אַזייגער עלף אין אָבענד. אַ גרויס הויז מיט אַ גרויסען הויף מיט פיעלע געביידען. דער גוי, וואָס האָט מיך געבראַכט, זאָגט, אַז דאָס איז די פּאָטשט. און ער קלינגט אָן, וואו די פּאַסאַזשירען פאַרפאָהרען. אַ גוי עפענט די טיר, און פרעגט, וואוהין דאַרף מען פערד. איך ענטפער, אַז איך וויל זעהן אָרלאָווען. דער גוי איז אַוועק, און באַלד עפענט זיך אַ טיר, און מען בעט מיך אריינקומען.

אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג באַגעגענט מיך און פרעגט, וואָס איך פאַרלאַנג. ענטפער איך מיט אַ ברייטקייט, אַז די ערשטע זאַך זאָל ער זיין אַזוי גוט און אָבצאָהלען פאַר דער פוהרעל, ווייל איך האָב ניט קיין קליין געלד. ער האָט באַלד אָבגעצאָהלט, גע־געבען מיר שלום און געבעטען זעצען זיך. „פון וואַנען איז אַ יונגער מאַן?" פרעגט ער. — „פון ליטאַ", ענטפער איך, „און איך האָב צו אייך אַ גרוס פון אייער שוואָגער זאַנוועל און פון אייער ברודער מאיר הירש." דעם נאָמען מאיר הירש, דאָס הייסט מיין טאַטענ'ס נאָמען, האָב איך קוים אויסגערעדט. קו־קענדיג אויפ'ן פעטער האָב איך דערזעהן דעם טאַטענ'ס געשטאַלט, נאָר אַנשטאָט אַן אויסגעדאַרטען, פאַר'חושכ'טען אידען, זעה איך אַ געזונטען, שטאַרקען אידען, פול מיט לעבען; די טרערען האָבען מיך גענומען ווערגען, און איך בין געבליבען שווייגען. ער האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין מיר, און האָט אַ פרעג געטאָן: „ביסטו ניט מאיר הירש'ס זוהן? ער אין דיינע יאָהרען האָט אויסגעקוקט פונקט ווי דו". — „יע", האָב איך געענטפערט, און האָב זיך צוואויינט, און ער איז מיר אַרויפגעפאַלען אויפ'ן

האַלז, און האָט אויסגעשריען: „ביסטו דאָס איסר!" און האָט זיך אויך צואוויינט, און איז צוגעלאָפען צום שלאָפצימער און אויסגעשריען צו דער מומע: „טויבע העניע, מיר האָבען אַ ליעבען גאַסט", און גלייך איז ער צוגעלאָפען צו נאָך אַ צימער און האָט געזאָגט: „קינדערלעך, שטעהט אויף, איהר האָט דאָ אַ שוועסטער־קינד". און צו מיר זאָגט ער וויינענדיג: „מיר האָבען דאָ קיינעם ניט, ניט מיין משפחה און ניט דער מומע'ס, מיר זיינען דאָ עלענד; גוטע פריינד האָבען מיר, אָבער קיין פריינד האָבען מיר ביז יעצט ניט געהאַט", און כאַפּט מיך נאָך אַמאָל קושען און וויינט; און איך טראַכט מיר, אַ פּנים אַ וויכהאַרציגער, אַ גוטער מענש.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַרויסגעקומען די מומע. און זאָגט צום פעטער: „מיט ליעב איז אונז אונזער גאַסט", און האָט זיך מיט מיר צוקושט, און אויך אָנגעהויבען צו וויינען. איך באַטראַכט זי דערוויל. זעהט אויס ווי אַ יונגע ווייבעלע, די באַקען רויטע, די אויגען אַזעלכע פרעהליכע, ניט ווי אונזערע בלייכע ווייבער מיט די פאַרוואָלקענטע אויגען.

באַלד זיינען אַריינגעקומען צוויי אינגעלעך. דער עלטערער פון אַ יאָהר צוועלף מיט בלאָנדע האָר און מיט אַ זיסען־פּנים האָט זיך מיט מיר היים צוקושט, און דער קלענערער, אַ אינגעל פון אַ יאָהר צעהן, איז געבליבען שטעהן און באַטראַכטען מיך פון קאָפּ ביז די פיס. קענטיג, אַז מיינע קליידער האָבען זיך איהם שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען. אפילו די קליין מיידעלע פון אַ יאָהר פיער איז אויך אַרויסגעלאָפען אין איין העמדעלע, און מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגעלעך האָט זי מיך שטאַרק באַטראַכט.

אין איינינע מינוט אַרום איז פון אַ זייטיגער טיר אַריינגעקומען אַ געזונטע, שעהנע מיידעל מיט לאַנגע צוואָרפענע שוואַרצע האָר. מיינע אויגען האָבען זיך גלייך באַגעגענט מיט איהרע שוואַרצע אויגען. ניט אַראָבנעהמענדיג איהרע אויגען פון מיר, איז זי גלייך צוגעגאַנגען און דערלאַנגט מיר איהר ווייכע, וואַרעמע הענטעלע, און באַגריסט מיך ליעבליך מיט מיין אָנקומען. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען האָב איך אַ מיידעל מיין האַנד געגעבען.

דערווייל האָט די מומע שוין געגרייט צום טיש, אוועקגעלייגט אַ גרויסע ווייסע חלה, אַוועקגעשטעלט אַ טעלער מיט סמעטענע געדיכטע ווי לעבער, געקאָכטע אייער און אַ שעהנע כלי אַ פולע מיט פוטער, און די דינסט האָט אַריינגעטראָגען אַ סאַמאָוואַר. מען בעט מיך, אַז איך זאָל עסען, און איך בין, דאַכט זיך, שוין זאַט מיט'ן קוקען אַליין. נאָכ'ן עסען האָבען אַלע געטרונקען טהעע מיט איינגעמאַכטס פון קאַרשען, פון רייזען און פון נאָך עפּעס. שפּעט זיינען מיר געזעסען און גערעדט, און ניט נאָר איך האָב זיך געפיהלט גליקליך, נאָר איך האָב געזעהן, אַז אַלע זיינען גליקליך, און דאָס האָט מיר געגעבען מוט און האָפענונג. די נאַכט האָב איך אָבגעשלאָפען אין אַ זיסען שלאָף אויף אַ ווייכען געלעגער ווייס ווי שנעע, און גע'חלום'ט האָבען זיך מיר שעהנע חלומות פון אַ גליקליכער צוקונפט.

51. איך שעהם זיך מיט מיינע קליידער. — דער רבי הערש און מיין ערשטער געשפּרעך מיט דער מיידעל.

אין דער פריה קוק איך מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגען ווי די קינדער טוען זיך אָן. זיי געהען אין דינע העמדער, אַזעלכע ווי איך האָב פאַרקויפט אין וועג, זיי טוען אָן שעהנע שטיוועלעך און גוטע געוועבטענע גאַרניטורען (סוטס), און איך דערמאָהן זיך אויף מיין גראָבער העמד און אויף מיינע אַלטע פאַרלאַטעטע שטי־וועל, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט די הויזען אויף וואַטע, וועל־כע זעהען אויס ווי אַן אַלטע וואַטאָווע קאָלדרע אויפ'ן לינקען זייט; היינט מיין סאַמעטענע היטעלע פון צוועלף פאַרשיעדענע קאָלירען אָבגעקראַכענע. ווי אַזוי געהט מען אַריין אין אַזעלכע שמאַטעס? אַן אמת'ער בעטלער. כאָטש ניט קריך פון בעט.

עס העלפט אָבער ניט, מען מוז דאָך פאָרט אויפשטעהן. פאַנג איך אָן צו גרינגער מאַכען זיך אויפ'ן האַרצען: „וואָס איז פאַראַן צו שעהמען זיך? אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנדע, און מקנא זיין איז דאָך געוויס אַ גרויסע עברה". איך שטאַרק זיך, קליב אָן מוט, טו זיך אָן, וואַש זיך איין, און עפען די טיר פון עס־צימער, און נאָך מיין גאַנצער פילאָסאָפיע האָט זיך מיר מיין

פּנים אָנגעצונדען פאַר שאַנדע, נאָר דער פריינדליכער באַגעגענען מיך האָט מיך אַביסעל בארוהיגט.

ארום א גרויסען טיש זיצט די גאַנצע געזינד, אויפ'ן טיש שטעהט דער סאַמאַוואַר און קאַכט, די וואַרעמע געבריהטע מילך שמעקט פּשוט אַ מחיה. פייגה רבקה טראָגט מיר צו אַ גלאָז טהעע מיט מילך און בעט מיך טרינקען. מען פאַרפיהרט אַ געשפּרעך, און איך פאַרגעס זיך וועגען מיינע קליידער.

באַלד איז אריינגעקומען דער רבי הערש, אַ ליטוואַק, אַ איד אַ למדן, נאָר אַביסעל אַ זאַאיקע. ער האָט געלאָזען אין דער ליטא אַ ווייב מיט קינדער, און איז געקומען אין די רייכע געגענדען צו פאַרדיענען געלד פון מלמדות. דער פעטער האַלט איהם צו־ליעב זיינע צוויי אינגלעך און נאָך צוויי אינגלעך פון פּאַלטאַווע. אין אַ באַזונדער שטיבעל אויפ'ן הויף לערענט מען, און רבי הערש האָט דאָרט זיין קוואַרטיר, נאָר עסען עסט ער ביים פעטער, און ער איז שוין אַ גאַנצער בן בית אין שטוב. מען קען באַלד באַמערקען, אַז דאָ זיינען מענשען, וועלכע לאָזען זיך, אַז מען זאָל זיך פיהלען ווי אַן אייגענער.

רבי הערש האָט מיך באַגעגענט מיט אַן אמת'ער שמחה, און האָט באַלד געזאָגט, אַז איהם זיינען געפעלען מיינע בריעף, און רייבענדיג די הענד האָט ער אַ זאָג געטאָן: „זעהר רעכט וואָס ער איז גע־גע־קומען". — „געוויס זעהר רעכט", זאָגט די מומע; יעצט האָבען מיר כאָטש איין פריינד". — „און נאָך אַ מין פּ־פּ־פריינד וועט ער זיין אם ירצה השם", האָט רבי הערש אַ זאָג געטאָן מיט אַ גנב'ישען שמייכעלע. און האָט אַ וואונק גע־טאָן מיט די אויגען צו פייגה רבקה'ן.

אַלע זיינען באַלד אוועקגעגאַנגען. דער פעטער אין געשעפט, רבי הערש מיט די קינדער אין חדר, און די מומע אין מאַרק. איך מיט פייגעה רבקה'ן און מיט דער קליין מיידעלע, חיה'לע, זיינען געבליבען אין שטוב. איך דאַווען אָב, פייגה רבקה גיט זעהר אַ רייכען אָנבייסען, און איך פרעג זיך מיט וואָס דער פעטער באַ־שעפטיגט זיך. זי דערצעהלט מיר, אַז זיי האַלטען די פּאַטשט, און איך האָב במחילה ניט געוואוסט וואָס איז אַ פּאַטשט און וואָס מיינט עס האַלטען אַ פּאַטשט, נאָר זי ערקלעהרט מיר, אַז אַ פּאַטשט

מיינט, וואָס מען מוז האַלטען אַ געוויסע צאָהל פערד, און אויב איינער וויל פאַהרען דאַרף מען איהם געבען פערד. דער פרייז איז באַשטימט פון דער רעגיערונג, מעהר טאָר מען ניט נעהמען; און דער וואָס וויל האַלטען אַ פּאָטשט דאַרף מאַכען אַ קאָנטראַקט מיט דער רעגיערונג און געבען זאַלאָג. דאָס הייסט, טראַכט איך מיר, אַז מיין פעטער האָט געשעפטען אַליין מיט דער רעגיערונג. און זי דערצעהלט ווייטער, אַז דער פעטער האַנדעלט מיט תבואה. מען קויפט, און מען פאַרקויפט אויפ'ן אָרט, אָדער מען שיקט קיין ניקאָלאַיעוו, און דאָרט פאַרקויפט מען צו די קאָנטאָרען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. זי רעדט, און איך טראַכט מיר: „אָט דאָס הייסט אַ מיידעל אַ בר דעת!" און זי דער־צעהלט ווייטער, אַז זיי האָבען נאָך אַ געשעפט מיט האָלץ, און אויף דעם געשעפט גיט זי אַכטונג, און איך טראַכט מיר: „זי איז אַ גרעסערער סוחר פון מיר".

נאָכ'ן געשפּרעך האָב איך זיך געזעצט שרייבען אַ בריעף אַהיים. מיין גרעסטער וואונש איז דאַן געווען, אַז מען זאָל אין דער היים וואָס גיכער דערוויסען זיך פון מיין אָנקומען. איך זאָל קענען וואָס גיכער באַרוהיגען מיין שוואַכע מוטער, וועלכע איך האָב געלאָזען אַ קראַנקע אין בעט, וועלכע שלאָפט ניט קיין נעכט, טראַכטענדיג נאָר וואו בין איך. נאָר וואָס קען איך העלפען? איך קען נאָר שרייבען אַ בריעף קיין דאַלהינאָוו צו אַ פריינד, און בעטען איהם, אַז ער זאָל איבערגעבען דעם בריעף צום פעטער זאַנוויל, וועלכער קומט אַמאָל אין שטאָדט, און דער פעטער וועט שוין אָבגעבען דעם טאַטען. איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז זיי האָבען ערהאַלטען דעם בריעף ערשט אין דריי וואָכען אַרום. ווען די מאַמע האָט שוין איהרע אויגען אויסגעוויינט.

52. רבי מאיר דער שוחט קומט פאַרהערען מיך.

פאַרנאַכט איז געקומען רבי מאיר דער שוחט. ער איז אויך אַ ליטוואַק, וועלכער איז געקומען קיין זיד רוסלאַנד, ווייל ליט־ווישע אָרעמקייט האָט זיך איהם צוגעגעסען.

„איך בין דאָס געקומען מקבל פנים זיין אַ פרישען ליטוואַק",

זאָגט דער שוחט מיט א שמייכעל, און גיט מיר א ברייטען שלום עליכם. „מיט ליעב איז אייך אייער גאַסט", זאָגט ער, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ צום פעטער, צו דער מומען און צו פייגה רבקה'ן.

די דיענסט האָט ארייגעטראָגען א סאַמאָוואר. מען צוזעצט זיך ארום טיש אַקוראַט ווי ביי אונז יום טוב נאָכ'ן שלאָף. מען טרינקט טהעע מיט גוטע איינגעמאַכץ, און דער שוחט פאַרפיהרט מיט מיר א געשפּרעך. ער צופרעגט זיך וואו איך האָב געלערענט און וואָס איך האָב געלערענט. איך ענטפער אויף אַלץ און דערצעהל אַלע איינצעלהייטען.

אין מיטען די רייד טוט דער שוחט א פרעג: „וואָס זשע האָסטו אוועקגעוואָרפען לערנען און געקומען אהער?" די פראַגע איז אַפילו געווען אביסעל צו אָפענהערציג, דאָך האָב איך זיך ניט פאַרלאָרען און ענטפער: „אַזוי ווי אונזערע חכמים זאָגען: יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ", דאָס הייסט, אז תורה איז שעהן צוזאמען מיט א וועלטליכער באשעפטיגונג, און ווייטער זאָגען זיי דאָך: „ולא קרדום לחפור בה", אז מען זאָל די תורה ניט מאַכען פאַר א רידעל צום גראָבען, דאָס מיינט, אז מען זאָל בעסער זוכען פּרנסה פון אַנדערע זאַכען און ניט פון דער תורה, דעריבער בין איך געקומען אהער, און האָף, אז דאָ וועל איך שוין אָבזוכען וואָס צו טאָן."

— „ער איז גאָר ניט קיין שוטה, זאָגט דער שוחט, ער פאַרשטעהט וואָס בעסער איז. דערווייל וועסטו אָבער זיין אונזער גאַסט. יא, ר' משה, וועגדעט ער זיך צום פעטער, דערווייל וועלען מיר איהם ניט לאָזען פון דאַנען. זאָל ער דאָ אָנפאַנגען צו לערנען זיך זיין א סוחר."

— „געוויס, זאָגט דער פעטער, וועלען מיר איהם דערווייל ניט לאָזען פון דאַנען. מיר האָבען לאַנג געוואַרט אויף אַזא גאַסט."

— „דו קענסט, מיין קינד, זאָגט די מומע צו מיר, זיצען דערווייל און לערנען."

— „און איך וועל דערווייל לערנען איהם זיין א סוחר," זאָגט פייגע רבקה מיט א זיסען שמייכעלע. דעם ערשטען אוראָק

האָב איך איהם שוין געגעבען, ער ווייס שוין וואָס מיינט האַלטען אַ פּאַטשט, און וואָס מיינט האַנדלען מיט תבואה. יאָ, איך בין אַ גוטער לעהרער?" פרעגט זי מיך און צולאַכט זיך. אַלע לאַכען, און איך זאָג: „איהר זייט געוויס אַ גוטער מלמד, איך בין צופריעדען צו האָבען אַזאַ מלמד, אבער איך גלויב, אַז איך בין אַ גוטער תלמיד, און, אויב אייך איז באַשערט צו קנעלען, זאָלט איהר קיין ערגערען תלמיד ניט האָבען!" אַלע לאַכען. מען רעדט ניט, נאָר מען קוקט זיך איבער. מען רעדט מיט די אויגען.

„איך וואָלט אייך בעטען, רבי מאיר, זאָגט דער פעטער צום שוחט, אַז איהר מיט אונזער גאַסט זאָלען פאַרהערען די קינדער." — „ביסט אַ בעלן?" פרעגט מיך דער שוחט. — „מיט פאַרגניגען", ענטפער איך, און מיר געהען. — „און אַ מאַמע מעג אויך זיין דערביי?" פרעגט די מומע מיט אַ שמייכעל. — „איהר האָט עס כשר פאַרדיענט צו האָבען דעם נחת," ענטפערט דער שוחט, „און דערפאַר טאַקע, נאָכ'ן פאַרהערען וועט איהר געבען אביסעל בראָנפען מיט גריווען, און דו, פייגע רבקה'לע, זאָלסט דאָ דערווייל מאַכען גוטע, פעטע לאַטקעס, און פאַרגעס ניט, אַז דאָס הייסט דיר רבי מאיר דער שוחט, וועלכער איז אין פּערעשטשיפּינע אַ שוחט, אַ רב, אַ חזן, אַ מסדר קדושין, און נאָך עפּעס."

מיר קומען אריין אין חדר. מאיר דעם פעטער'ס מיט נאָך אַ אינגעל לערנען די גמרא בבא בתרא. רבי הערש, דערזעהענדיג אונז, ווערט אביסעל צוטומעלט, שאָקעלט זיך שטאַרק, גלאָצט אביסעל מיט די אויגען און זאָגט: „תאַ־תאַ־תאָ שמע" און זאַאַיקעט זיך שרעקליך. איך קען ניט צוזעהן דעם צער, און בין שטאַרק צופריעדען, וואָס דער פעטער בעט איהם, אַז ער זאָל אויפהערען צו לערנען, ווייל מען וויל פאַרהערען די קינדער. רבי הירש שטעהט אויף פון זיין פּלאַץ, און דער שוחט איז מיך מכבד צו פאַרנעהמען דעם פּלאַץ.

מיר פאַרהערען די צוויי אינגלעך, און איך זעה, אַז מאיר, דעם פעטער'ס אינגעל, האָט זעהר אַ גוטען קאָפּ.

— „יעצט דאַרף מען זעהן, ווי אַזוי זיי פאַרנעהמען אַ נייע שטיקעל גמרא, זאָגט דער שוחט, פּרוב מיט זיי אָבלערנען עפּעס

אַן ענין", זאָגט ער צו מיר, און זוכט אָב אַ גאַנץ שווערען ענין.
— „אַי, חברה מאַן, קלער איך זיך, דאָס וויל מען גאָר מיך פאַר־הערען, נאָר וואָס אַרט עס מיך?" איך פאַנג זיך אָן גאַנץ פיין מיט'ן געוועהנליכע ניגון, גאַנץ געלאַסען, ניט געכאַפּט, און זאָג פאַר זיי די גמרא, אַלץ גרינדליך ערקלעהרט. דער שוחט מישט זיך אַריין מיט פראַגען, איך ענטפער, ער פּראָבירט זיך שפּאַרען, שטעל איך זיך מיט אַ ברייטקייט, און רבי הערש גיט מיר גע־רעכט. מאיר האָט כמעט דעם גאַנצען ענין באַלד איבערגעזאָגט, און איך האָב ווירקליך באַוואונדערט זיינע פעהיגקייטען.
— „איך וועל בעטען אונזער גאַ־גאַ־גאַסט, זאָגט רבי הערש שמייכלענדיג, אַז כל זמן ער וועט דאָ זיין זאָל ער לערנען מיט די עלטערע קי־קי־קינדער, ער לערענט זעהר גוט."
פון חדר זיינען אַלע אַריין אין הויז. אַ שעהנער טיש איז צוגעגרייט מיט אַלעם גוטען. בראַנפען, נאַליווקעס, ביר, גרויסע פעטע טרוקענע גענזענע גריבענעס, און לאַטקעלעך טאַקע אַ טעם גן עדן.
— „ווי געפעלען אייך מיינע לאַטקעס?" פרעגט פייגה רבקה דעם שוחט. — „אַלץ הייסט געפעלען, ענטפערט דער שוחט, איך טענה דאָך שוין לאַנג, אַז דיר קומט גאָר אַ פיינער חתן, און איך האָף, אַז דו וועסט איהם האָבען. יאַ, ר' משה, זאָגט ער צום פעטער, מיר האָבען אַ גוטען גאַט, ווי אַ מענש נעהמט זיך פאַר, אַזוי העלפט איהם גאָט. און וואָס זאָגט איהר טויבע העניע?" פרעגט ער די מומע. — „זאָל גאָט ברוך הוא פיהרען ווי צום בעס־טען", ענטפערט די מומע.

53. אָנגעטאָן אין בגדי מלכות און איך פאַרבלייב ביים פעטער.

אויף מאָרגען, מאָנטאָג פריה, איז דער פעטער אוועקגעפאָה־רען קיין פאָלטאַווע. די מומע מיט פייגה רבקה'ן נעהען אַ גאַנ־צען טאָג. איך פאַרברייננג אַביסעל מיט זיי, און די איבעריגע צייט זיץ איך אין חדר.
אין אבענד איז דער פעטער געקומען. מיר זיינען געזעסען

גאַנץ שפּעט און גערעדט. די קינדער שלאָפען שוין, נאָר פייגה רבקה זיצט מיט אונז. ווען עס איז געקומען די צייט פון שלאָפען פיהרט זי מיך אריין אין אַ באַזונדער צימער און זאָגט: „די קאַמנעטע (צימער) וועט זיין פאַר אייך, דאָ וועט איהר קענען לערנען און דאָ וועט איהר שלאָפען,“ און אָנווייזענדיג אויף אַ שעהנער בעט מיט בעט-געוואַנט ווייסע ווי שנעע, זאָגט זי: „אָט דאָס האָב איך צוגעגרייט פאַר אייך אַ געלעגער, און אָט האָט איהר צום איינוואַשען זיך,“ ווייזט זי מיר אָן אויף אַ פאַרפאַ־ ראַווגער שיסעל און אַ ווייסען קרוג מיט וואַסער. — „ביי אונז אין ליטא וואָלט מען אין אַזאַ שיסעל געבען חתן כלה די גילדער־ נע יויך,“ זאָג איך צו איהר. זי צולאַכט זיך, זאָגט: „אַ גוטע נאַכט“, און געהט אַוועק.

איך בלייב אַליין, קוק זיך אַרום און באַמערק, אַז אין צימער שטעהען פּאַפּירענע קעסטלעך און עס ליגען עטליכע פּעקלעך גרע־ סערע און קלענערע. באַלד איז דער פעטער אריינגעקומען, און זאָגט צו מיר זעהר פריינדליך, אָנווייזענדיג אויף די קעסטלעך און פּעקלעך, „מיין קינד, אָט דאָס איז פאַר דיר, מאָרגען פריה, אם ירצה השם, זאָלסטו אַלץ אָנטאָן, און פאַרניץ עס געזונטער־ הייט.“ מיט טרערען אין די אויגען דאַנק איך איהם. ער זאָגט: „אַ גוטע נאַכט, שלאָף געזונד“ און געהט אַרויס.

יעצט פאַרשטעה איך, אַז דער פעטער איז געפאָהרען קיין פּאָלטאַווע איינקויפען פאַר מיר זאַכען. איך קען זיך ניט איינ־ האַלטען. איך וויל זעהן מיינע קליידער. איך עפען אַ קעסטעל און נעהם אַרויס אַ רעקעל, הויזען און אַ זשילעט. דאָס הייסט אַ גאַנצער גאַרניטור, און טאַקע געוועגטענע. איך וואָלט שווערען, אַז אין גאַנץ קורעניץ איז קיין איין גאַרניטור ניט געווען אַזאַ.

יעצט ווילט זיך זעהן, וואָס איז אין גרויסען פּעקעל. די הענד ציטערען און איך קען ניט צובינדען. אַ ציה געטאָן צו שטאַרק, און נאָך ערגער פאַרקניפּעלט. צורייסען קען איך ניט, די שטריקעל איז אַ שטאַרקע, געהן נעהמען אַ מעסער שעהם איך זיך. איך ריים מיט די נעגעל, שלעפּ מיט די צייהן, און דער־ מאָן זיך ווי דער פעטער לייבע האָט פאַרנאַנדערגעבונדען מיין פּעקעלע פּאַפּירען, ווען איך בין אַ „נייער נגיד“ געווען, און עס

שטעלט זיך מיר פאַר אינגאַנצען יענע גליקליכע צייט, ווי פון הונגער און נויט בין איך געוואָרען דער מינסקער נגיד, און נאָכ־הער דער גאַנצער פעקעל צרות און צום סוף די פייערדיגע שמיץ, און איך דאַנק גאָט, וואָס ער באַצאָהלט מיר יעצט פאַר אַלע מיי־נע צרות. דערווייל האָב איך די שטריקעל אראפגעשלעפט און ארויסגענומען פון פעקעל אַ שעהנעם דראפענעם פאַלטאַ. דאכט זיך אַ געלער. ביי דער נאכט קען מען ניט זעהן. דער קאָלנער אַ סאַמעטענער, און וואס פאר אַן אונטערשלאק! אין קורעניץ וואלט מען דערפון מאכען אַ שבת'דיגע קאַפּאָטע.

אין דער קיילעכדיגער קעסטעל מוז זיין אַ היטעל, טראכט איך, און ווי פארוואונדערט בין איך געוואָרען, ווען איך האָב דער־זעהן אַ קאפעלוש, ווי זיי רופען עס דאָ אַ „שליאפע." איך צו־ביטר נאָך אַ קעסטעל, און עס דערלאַנגט מיר אַ בלישטשע אין די אויגען אַ פּאָר קאַלאָשען, און אין די קאַלאָשען זיינען אריינגע־שטעקט אַ פּאָר שטיוועלעך, שפּאָגעל־נייע, ווייך ווי פוטער, און אפילו אונטען זיינען זיי מיט אַ שווארצען גלאַנץ. „אָט דאָס זיינען די אמת'ע שטיוועלעך, טראכט איך מיר, ניט ווי יענע גרוי־סע שטיוואלעס, וואס איך האָב אמאָל געקויפט אין מינסק."

איך עפען נאָך אַ פעקעלע,, ערשט דאָ ליגען מאנישקעס מיט קעלנער, הארט ווי בלעך און ווייסער פון שנעע, און צווישען די מאנישקעס ליגען צוויי שעהנע האלז־טיכעלעך. איך באַמערק, אַז איין פעקעל איז ניט ארומגעבונדען. איך עפען, ערשט דאָ ליגט אַ העמד מיט אונטער־הויזען פון גוטע לייוונט. נאָך בעסע־רע איידער מיין דורכיגע העמד, וואס איך האָב פארקויפט אין וועג, און איך בין זיכער, אַז די מומע מיט פייגה רבקה'ן האָבען דאָס היינט אויפגענעהט. אויסער די וועש געפין איך דאָ אַ פּאָר ווייכע ווארימע זאקען, און עפּעס ליגט פארוויקעלט אין אַ שעהן שטיקעל פּאפּיר. איך צוואוויקעל, און געפין צוויי שעהנע טיכע־לעך. איך פארשטעה, אַז דאָס זיינען נאָז־טיכעלעך, און איך דער־מאָן זיך, אַז ביי אונז האָט מען גאָר ניט געוואוסט פון נאָז־טיכע־לעך. אין די קינדערשע יאָהרען האָט מען געווישט דעם נאָז מיט'ן ארבעל, און, ווען מען איז עלטער געוואָרען, האָט מען געווישט מיט'ן לינקען זייט פון דער פּאָלע פון קאַפּאָטע. דערווייל דער־

זעה איך אויף איין טיכעלע איז אָנגענעהט מיט בלויע זייד א רונ־סישער „אי" און א „קא". איך פארשטעה, אז דאָס איז מיין נאָמען, דאָס מאכט איסר קאצאוויץ, און אויף דער צווייטער איז אן „עף" מיט אן „אָ", דאָס מאכט פעניע ארלאוו. דאָס איז פייגה רבקה'ס נאָמען. דאכט זיך וואָס? ניט מעהר ווי צוויי נאָז־טיכעלעך מיט אייניגע בוכשטאבען, און אָט די צוויי טיכעלעך ווע־רען מיר טייערער פון די אלע קליידער. עס ווילט זיך ניט ארויס־לאָזען זיי פון האנד.

דערווייל דערהער איך פון צווייטען צימער דער זייגער שלאָגט שוין צוויי נאָך האלבע נאכט. איך לייען קריאת שמע מיט הארץ, און דאנק גאָט פאר זיינע חסדים, און לעג זיך שלאָפען, נאָר עס שלאָפט זיך ניט. איך דערמאָן זיך, אז פונקט מיט דריי וואָכען צוריק, אויך מנטאג ביי דער נאכט, ליג איך ביים טאטען אין דער קליין קאלטער שטיבעלע אויפ'ן הארטען באנק, און וויין א גאנ־צע נאכט, וויסענדיג, אז מאָרגען דארף איך זיך לאָזען געהן אין אזא ווייטען וועג, און היינט... איך וואָלט נאָר וועלען, אז דער טאטע מיט דער מאַמען זאָלען דאָס זעהן און נחת האָבען. גאנץ שפעט האָב איך איינגעשלאָפען און אין שלאָף האָב איך געזעהן מיינע נייע קליידער. אין דער פריה הער איך ווי מען עפענט די טיר גאנץ שטיל. איך דערזעה מאיר'ן און רוף איהם אריין. ער זאָגט, אז דער צירולניק (בארבער) איז געקומען מיך אָבשערען. ער שערט מיך, און איך טראכט מיר: „גאָר ווי ביי יוסף'ן; ויגלח ויחלף שמלותיו", געלאָזט זיך אָבשערען און איבערגעביטען די קליידער. אָבגעשאָרען. איך טו א קוק אין שפיגעל, און עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען. אראבגעהאקט אין גאנצען די פאות, און שולדיג בין איך אליין, פאר וואס האָב איך ניט פארהיט? ער שערט ווי אלע געהען דאָ.

פטור געוואָרען פון צירולניק, איינגעוואשען זיך, און גענומען אָנטאָן זיך. איך באטראכט יעדער זאך. אמת'ע בגדי מלכות. איך ציטער נאָר אויב איך וועל טרעפען יעדער זאך ווי אזוי אָנצו־טאָן. גאָט האָט געהאָלפען איך בין שוין פארטיג, אפילו די שליא־פע אָנגעטאָן. איך טו א קוק אין שפיגעל, און דערקען זיך ניט.

עפּעס אינגאַנצען אַן אַנדערער, אַזוי ווי אונטערגעוואַקסען, דאַכט זיך העכער און דיקער געוואָרען.

איך וויל שוין גהען אין עס־צימער, נאָר איך שעהם זיך, עפּעס צו פֿאַריצ׳דיג. איך מאַך זיך אָבער האַרץ, גהע אריין, גיב אָב דעם „גוט מאָרגען", און זאָג מיט אַ שמייכעל: „צוויי טעג האָט איהר געהאַט אַ ליטוואַק פאַר אַ גאַסט, און היינט האָט איהר אַ דייטש פאַר אַ גאַסט, אויב אייך איז אַזוי ליעב איז מיר ניחה." אַלע האָבען זיך צו לאַכט און געוואונשען מיר צו פאַרניצען אַלעם געזונטערהייט.

אין דעם זעלבען טאָג, וואָס איך האָב אָנגעטאָן מיינע בגדי מלכות, האָט דער פעטער מיר געזאָגט: אַז דערווייל קען איך זיצען און לערנען, און שפּעטער וועט מען זעהען, וואָס מען האָט צו טאָן. עס פאַרשטעהט זיך, אַז מעהר האָב איך ניט געוואָלט ווי אַזאַ איינלאַדונג דערווייל. איך דאַנק איהם אָב, און פאַר־בלייב.

אייניגע שטונדען אין טאָג זיץ איך אין מיין צימער און לערען גמרא. אין אבענד לערען איך גאַנץ אָפט מיט די עלטערע קינדער. אַ רבי הערש אַ די קינדער בעטען, אַז איך זאָל מיט זיי לערנען. אַמאָל פאַרברייננג איך מיט פייגה רבקה׳ן, און אַמאָל רעד איך מיט מאיר׳ן וועגען די זאַכען, וואָס ער לערענט אין אָר־טשילישצע. ביז צוויי אַ זייגער געהט ער אין אָטשילישצע און לערענט דאָרט רוסיש, רעכענען, און די באַשרייבונגען פון אַלע לענדער, וואו זיי ליגען און וואָס מען טוט דאָרטען. און נאָך אַזעל־כע זאַכען, פון וועלכע איך האָב ניט קיין באַגריף.

גאַנץ אָפט גהע איך צום פעטער אין געשעפט און פּרוב אַמאָל עפּעס העלפען, און, ווען דער פעטער פאָהרט צום וואָקזאַל, בעט ער, אַז איך זאָל פאָהרען מיט איהם. מיר פאָהרען אויף אַ טייערען פערד אין אַ שעהנעם שליטעלע, און גאַנץ אָפט דערמאָן איך זיך אויף יענער צייט, ווען מען האָט מיך אין מינסק אַרויסגעטריבען פון דער ישיבה, און איך בין געשטאַנען אַ הונגעריגער און דערפראָרענער אויפ׳ן הויכען מאַרק, און געקוקט מיט קנאה אויף די מענשען, וואָס האָבען זיך געקאַטייעט אין אַזעלכע שליטעלעך אויף אַזעלכע פערד.

54. דער פעטער און די מומע.

דער פעטער, משה ארלאָוו, האָט אַ גוטען קאָפּ, נאָר לערנען קען ער וועניג. ער האָט פארלאָזען ליטא, ווען ער איז נאָך גאנץ יונג געוועזן, האָט ער וועניג געלערענט, און ער באדויערט זעהר, וואס ער האָט אין דער יוגענד ניט געלערענט. ווען ער האָט צייט האָט ער ליעב אריינקוקען אין אַ ספר, און האָט זעהר ליעב די געזעלשאפט פון אַ מענשען וואס קען לערנען. וואס אנבעלאנגט זיין פרומקייט, פיהרט ער זיך ווי אַ געוועהנליכער פרומער איד, אָבער ער איז ניט קיין פאנאטיק. מיט'ן כאראקטער איז ער אַ גאנץ גוטער, אַ ווייך־הארציגער מענש, און האָט פיינד צו טראָגען אַ שנאה אויף אַ מענשען.

וועגען דער מומען, וועלכע איז געוואָרען פאר מיר אַ צווייטע מאמע, קען איך זאגען, אז זי האָט פארדיענט מיין פולען רעספעקט, ווי עס קענען פארדיענען אמת'ע, ערענסטע, פרינציפיעלע, אָרענטליכע מענשען. זי איז געוועזן פאנאטיש פרום, די גאנצע לאסט פון דער אידישער טראדיציאָן האָט זי אויף זיך געשלעפט מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט, אבער דעם צווייטען האָט זי געלאָזען צורוה. איך האָב פון איהר קיינמאָל ניט געהערט, אז זי זאָל ריידען אויף איינעם אַ שלעכט ווארט, און ניט נאָר ניט ריידען, נאָר הערען אפילו וויל זי ניט. פאנגט מען אָן איינעם צו באריידען, בעט זי זיך רחמים, אז מען זאָל ניט ריידען, ווייל לשון הרע און רכילות זיינען גרויסע זינד. קיין ליגען און קיין קללה האָב איך פון איהר מויל קיינמאָל ניט געהערט. איהר קענטעניש איז באשטאנען נאָר אין אידיש. דעם „צאינה וראינה" איז זי קלאָר געוועזן ווי אַ איד אין אשרי, און פון דאָרט האָט זי געשעפט איהר גייסטיגען רייכטום, און צו איהר אידעלער נשמה האָט זיך געקלעפּט נאָר דאָס בעסטע וואס דאָרט געפינט זיך.

פון דער נאטור איז זי געוועזן אביסעל אַ קארגע, און דאָך פאר דעם אָרעמאן איז איהר האנד אימער געוועזן אָפען, ווייל דאָס איז גאָטעס ווילען און אזוי לערענט די תורה. אלע ארימע קראנקע האָט זי פארזארגט מיט מילך און פרישע פוטער פון דער אייגענער קוה. אַן ארימע קינדבעטארען פארזארגט מיט אַ הוהן,

און דוקא די בעסטע פון די היהנער וואס זי האלט לכבוד שבת, און דאָס אלעס איז געטאָן געוואָרען שטיל, אז קיינער זאל ניט וויסען, ווייל זי וויים, אז גאָט האָט ליעב צדקה אָהן ליארעם (מתן בסתר). מען קען זיך פאָרשטעלען ווי ביי אזא אידענע איז טייער געווען די תורה, און דער מענש וואס קען לערנען די תורה.

איך ווער אליין מיין שדכן.

וואָס הערט זיך עפּעס מיט'ן שידוך? עס פארשטעהט זיך, אז איך פון מיין זייט בין זעהר צופריעדען, אלעס איז פיעל בעסער ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, און איבעהויפּט דאָס מיידעל. זי איז שעהן און חן'עוודיג, קלוג און נאאיוו, פרעהליך און צניעות'דיג, און איהרע שוואַרצע מילדע אויגען קוקען אימער ליעב און פריינדליך, דרינגען אריין טיעף אין דיין נשמה און ציהען ווי א מאגנעט.

דער רבי הערש דערצעהלט מיר, אז איך בין שטארק געפעלען דעם פעטער און דער מומען, און זיי זיינען גליקליך, וואָס זיי האָבען אזא חתן פאר זייער טאָכטער. מאיר גיט מיר איבער, וואס ער הערט פון די עלטערען, ריידענדיג וועגען מיר, און ער טאנצט פאר שמחה, וואָס איך וועל זיין זיין שוואָגער.

וועגען דער מיידעל אליין בין איך כמעט ווי זיכער, אז זי איז איינשטימיג. זי איז דאָך אזוי ליעבליך און פריינדליך צו מיר. ווען איך זיץ און לערען אין מיין צימער, קומט זי אָפט אריין, ברייננט פרוכטען און קאָנפעקטען, און דערוויל כאפּען מיר א געשפּרעך. איינמאָל זאָגט זי צו מיר: „איהר האָט גע־דארפט לערנען רוסיש". — „איך וואָלט טאקע וועלען לערנען, נאָר איהר זאָלט זיין מיין לעהרער", ענטפער איך איהר מיט א שמייכעל. — „מיט'ן גרעסטער פארגניגען!", ענטפערט זי, לויפט אוועק און ברייננט א ביכעל, זעצט זיך נעבען מיר, פארמאכט מיין גמרא, און פאנגט אָן צו לערנען מיט מיר רוסיש. אין דער צייט פון לערנען זיצען מיר ווייטלעך איינער פון צווייטען; ביידע היטען זיך, אז מען זאָל ניט קומען אין נאָהענטע באריהרונגען.

איינמאָל פרעגט זי מיך וואָס איך דענק צו טאָן אין דער צוקונפט. זאָג איך, אז איך וועל פאָהרען זוכען א שטעלע, און זי

זאָגט, אַז אַלע וועלן שטאַרק בענקען. „איבערהויפּט, זאָגט זי, וועט די מאַמע שטאַרק בענקען נאָך אייער נגון, מיט וועלכען איהר לערנט די גמרא. גאַנץ אָפט שטעהט זי ביי אייך הינטער'ן טיר, הערט זיך צו ווי איהר לערנט און וויינט. זי זאָגט, אַז אַזוי פלעגט איהר טאַטע עליו השלום לערנען, און זי דאַנקט גאָט, וואָס זי האָט דערלעבט צו הערען דעם נגון ביי איהר אין שטוב.

זי רעדט, און איך קוק איהר גלייך אין די אויגען, און איך גלויב, אַז זי איז דאָך צופריעדען צו האָבען מיך פאַר אַ חתן.

אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך גענומען באַמער־קען, אַז דאָס מיידעל איז אומעטיג און איז אַראָב פון פנים, און איהרע באַציהונגען צו מיר זיינען אויך אַנדערש געוואָרען; טאַקע גאַנץ פריינדליך, אָבער ניט אַזוי ווי געווען. איך פרעג רבי הערש'ען, וואָס קען דאָס זיין? און צו מיין גרעסטער איבער־ראַשונג דערהער איך, אַז אין שטוב קומט פאָר אַ מלחמה. די מיידעל וויל ניט דעם שידוך. מען האָט שוין גערעדט מיט גוטען און מיט בייזען, די מומע האָט געוויינט, און זי איז איינגעשפּאַרט און וויל ניט. איך פרעג רבי הערש'ען, וואָס פאַר אַן אורזאַך זי גיט אָן, ענטפערט רבי הערש: „עט, נאַ־נאַ־רעשקייטען, זי וועט בע־בע־בעסער ווערען".

איך ווער פאַרצווייפעלט און נידערשלאָגען. גאַנצע נעכט שלאָף איך ניט. נאָר איך טראַכט „וואָס טוט מען?" ווען זי קומט אַריין מיט פּרוכטען אָדער קאָנפעקטען, און ווען זי לערנט מיט מיר רוסיש, און איך טו אַ קוק אויף איהרע שעהנע אויגען, לאָזט זי זיי אַראָב, אַזוי ווי זי שעהמט זיך פאַר מיר, אַזוי ווי זי וואָלט שולדיג געווען געגען מיר.

איך זעה, אַז זי ליידעט שטאַרק, און מיין האַרץ ווערט צו־בראָכען פון רחמנות צו איהר, און מיין ליעבע צו איהר ווערט אַלץ שטאַרקער. אום צו שטילען מיין וועהטאָג גיס איך אויס מיין האַרץ אין אַ שיר. איך באַשרייב, ווי אַזוי משה רבנו איז פערציג יאָהר געגאַנגען אין דער וויסטענעס, אונטער די ברענענדע שטראַהלען פון דער זוהן, צווישען עקדעשען און שלענג, און גע־ליטען די שרעקליכסטע שוועריגקייטען, און האָט אַלעס איבער־געטראָגען מיט צופריעדענהייט, נאָר מיט דער האָפנונג, אַז ער

וועט קומען אין היילינגען לאַנד; און ווען ער איז שוין גאַר נאָהענט געוועזן, זאָגט צו איהם גאָט: „אָנקוקען דאָס לאַנד קענסטו, אָבער געניסען דערפון קאָנסטו ניט". און איך פאַרענדיג דעם שיר מיט די ווערטער: „וועט דען דער שיקזאַל מיינער זיין אַזוי ווי זיינער?!"

איך לעז איינעגע מאָל דעם שיר, וויין זיך גוט אויס, ווערט מיר עטוואָס גרינגער אויפ'ן הארצען. איך באַרוהיג זיך אַביסעל, און באַשליס, אַז די בעסטע זאַך איז, איך זאָל אַליין ריידען מיט איהר. איך דענק, אַז איך וועל זיין דער בעסטער שדכן.

אויפ'ן נעקסטען טאָג, ווען זי איז אַריינגעקומען לערנען מיט מיר רוסיש, זאָג איך צו איהר מיט אַ שמייכעל: „אַנשטאָט צו לעזען וואָס אַנדערע האָבען געשריבען, וואָלט איך וועלען בעסער לעזען פאַר אייך, וואָס איך אַליין האָב געשריבען". — „מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען וועל איך הערען", ענטפערט זי. איך באַשליס צו זיין פעסט און ניט מאַכען קיין רחמנות־פּנים. איך לעז לאַנגזאַם, שטעל זיך אָב און באַמערק איהר ערנסטען געזיכט און איהר אויפמערקזאַמקייט, און לעז ווייטער. און ווען איך האָב געענדיגט: „וועט דען דער שיקזאַל מיינער זיין אַזוי ווי זיינער?!", האָב איך דערזעהן צוויי גרויסע טרערען קייקלען זיך ווי צוויי פּערעל איבער איהר שעהן פּנים. אונזערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט. מיר בלייבען שטיל, און קענען ניט אַברייסען די אויגען איינער פון צווייטען. אין שטונדען לאַנג קען מען ניט אויסדריקען מיט ווערטער, וואָס מיר האָבען אין איינעגע מינוטען אויסגעדריקט מיט די אויגען.

איהר ליעבער בליק, פול מיט מיטלייד, האָט מיך ערמוטיגט, און איך בעט זי, אַז זי זאָל מיר זאָגען אָפענהאַרציג פאַרוואָס זי וויל מיך ניט פאַר אַ חתן. אויף איהרע ווייסע באַקען האָט זיך באַוויזען אַ רויטקייט, וועלכע האָט אויסגעזעהן ווי צוויי רויזען, וועלכע צובליהען זיך ערשט. זי זיצט פאַרטראַכט און שווייגט.

— „שעהמט זיך ניט", בעט איך זי, „זאָגט דעם אמת, איך וועל זיך ניט באַליידיגען". און זי פאַנגט אָן אַביסעל פאַרשעהמט: „איך האָב אייך זעהר ליעב אַלס אַ פריינד. איך שטאַלציר מיט אייך אַלס מיט אַ נאָהענטען פיינעם פריינד, אָבער אַ

חתן וואָלט איך וועלען אַ היינט־וועלטיגען, וואָס וויים מעהר די וועלט, און וואָס קען גוט רוסיש". זי לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, און טרערען גיסען זיך פון איהרע אויגען, און איך קלייב זיך צונויף מיט מוט, און פאַנג אָן צו ריידען מיט אַ ברייטקייט, גאַנץ שטאָלץ און באַוואוסטזיניג, און זאָג איהר: „איהר זייט נאָך גאָר אַ קינד, א־הר קענט ניט פאַרשטעהן וואו אייער גליק איז. קיין בעסערען און פיינערען חתן קענט איהר דאָ אין מאַלע ראָסיע ניט גע־פינען. אייערע „היינט־וועלטיגע" זיינען עם הארצים, גראָבע יונ־גען, און די גמרא זאָגט, אַז ווער עס גיט אַוועק זיין טאָכטער צו אַן עם הארץ איז גלייך ווי ער וואָלט זי צונויפבינדען און אַוועק־געבען צו אַ לייב. איך קען אייך פאַרזיכערען, אַז איך וועל איני־גיכען וויסען די וועלט בעסער פון אייערע היינט־וועלטיגע, און אַזוי גיך זאָל משיח קומען ווי גיך איך וועל קענען רוסיש בעסער פון זיי. איהר דאַרפט פאַרשטעהן, אַז פון מיר קען ווערען אַ „היינטוועלטיגער", אָבער פון אייערע היינטוועלטיגע וועט קיינ־מאָל ניט ווערען דאָס וואָס איך בין. ווען איהר וועט עלטער ווערען וועט איהר פאַרשטעהן דעם ווערט פון תורה, און עס וועט קומען די צייט, ווען איהר וועט שטאָלץ זיין, וואָס איהר האָט אַ מאַן, וואָס קען לערנען, און איז דערצו אַ היינטוועלטיגער אין דעם בעסטען זין פון דעם וואָרט. און דאָס, וואָס איהר ווילט ניט, שרעקט מיך ניט. איך גלויב אין באַשערט. צוויי און צוואַנציג יאָהר האָבען אונזערע עלטערען ניט געהערט איינער פון צוויי־טען, און גראדע יעצט האָט מען זיך צופעליג אויסגעפונען. איז דאָס ניט גאָט'ס וואונדער? ווייסט איהר, אַז פערציג טעג איי־דער דער מענש ווערט געבאָרען רופט מען אויס אין הימעל פאַר וועמען ער וועט הייראַטען? און איך פיהל, אַז איהר זייט די יעניגע, וועלכע איז דאַן אין די הימלען באַשטימט געוואָרען פאַר מיר. ווען איך האָב ערהאַלטען אייער ערשטען בריעף האָט אַ וואונדערבאַרע קראַפט גענומען ציהען מיך אהער. ניט זעהענ־דיג אייך, האָב איך זיך שוין פאַרליעבט אין אייך".

— „פאַרליעבט?" טוט זי אַ פרעג מיט אַ שמייכעל, „איהר האָט דאָך קיין ראָמאַנען ניט געלייענט, פון וואַנען ווייסט איהר פון ליעבע?"

— „פון וואַנען איך וויים פון ליעבע?" זאָג איך מיט פאַר־דרוס, „איך האָב שעהנערע קוועלען איידער אייערע ראָמאַנען; איך וויים פון אונזער הייליגער תורה וועגען א ליעבע, אויך צווישען שוועסטער־קינדער. ויאהב יעקב את רחל, און יעקב האָט ליעב געהאַט רחל'ן, און ביי איהם איז רעכט געווען פערצעהן יאהר צו דיענען פאַר איהר. נאָר איך גלויב, זאָג איך מיט א שמייכעל, אז מיין שווערע רייזע וועט איהר מיר פאַררעכענען פאַר פער־צעהן יאָהר. הײנט וואָס הערט זיך עפּעס מיט א מעשה אין תנ"ך, ווי א אידישען קעניג'ס א טאָכטער האָט זיך פאַרליעבט אין א פּאַסטוך. „ותאהב מיכל בת שאול את דוד" — און מיכל, די טאָכטער פון שאול האָט ליעב געהאַט דוד'ן".

— „הייסט עס, אז איהר האָט זיך אין מיר פאַרליעבט, ניט זעהענדיג מיך, און ווי אזוי איז דאָס געוואָרען נאָכ'ן זעהן?" פרעגט זי און צולאַכט זיך.

— „נאָכ'ן זעהן", ענטפער איך, „איז אנשטאָט א חלום'דיגער ליעבע געוואָרען א ווירקליכע, אונבאַגרעניצטע ליעבע און טיעפע אַכטונג. איך האָב אין אייך געפונען אן איידעלע נשמה, א גוטע האַרץ, און די אַלע אַנדערע מעלות, וועלכע דאַרפען זיך געפינען אין א פיינער אידישער טאָכטער; און איך מוז דערביי באַמער־קען, אז איהר וועט זעהר זעלטען געפינען א מאַן, וועלכער זאָל אייך קענען אָבשאַצען ווי געהעריג. ער וועט ליעב האָבען אייערע שוואַרצע האָר, אייערע שוואַרצע אויגען, אָבער ער וועט ניט פאַרשטעהן אייער נשמה, און וועט ניט קענען אָבשאַצען דעם מענשען אין אייך. און אויב איהר וועט עס פיהלען, וועט עס פאַרביטערען אייך דעם לעבען".

— „איך מוז אייך זאָגען דעם אמת", זאָגט זי גאַנץ ערנסט, „אז מיך וואונדערט פון וואַנען קומען צו אייך אזעלכע געדאַנ־קען?"

— „פאַרשטעהט איהר, ענטפער איך, דעם לעצטען זומער, ווען איך פלעג אין די שעהנע זומער־נעכט, זיצען אליין אין בית המדרש, און לערנען, פלעגט זיך מיר פאַרוועלען אמאָל לעזען איי־ערע בריעף, און דאַן פלעג איך טראַכטען פון אונזער צוקונפט".

— „פון אונזער צוקונפט? רייסט זי איבער מיט א שמייכעל, אַט אַזוי זיכער זייט איהר געווען?"

— „יע, וועגען אונזער צוקונפט, ענטפער איך פעסט, ווייל איך האָב ניט געזעהן קיין אורזאַך פאַרוואָס ניט, און אַזוי זאָג איך טאַקע נאָך אַמאָל, אַז איך פלעג טראַכטען וועגען אונזער צוקונפט, און זוכען אין אונזער תורה ווי אַזוי צו שאַפען אַ גליקליכען פאַמיליען לעבען. און איך געפין אין דער גמרא: „אַז דער, וואָס ליעבט זיין פרוי ווי זיך אַליין און אַכטעט זי מעהר איידער זיך אַליין, קען ער זיכער זיין, אַז אין זיין הויז וועט אימער פריעדען זיין". און צו מיין גליק געפין איך אין אייך די אַלע מעלות, פאַר וועלכע מען מוז אַכטען אַ מענשען, און איך בין זיכער, אַז די אַלע מעלות וועלען זיך מיט גאָט'ס הילף ערשט ענטוויקלען, ווייל איך בין באַשלאָסען אַליין צו לערנען, און צו ענטוויקלען זיך, און פון אַלעס וואָס איך וועל עררייכען זאָל איך זיך טיילען מיט אייך, ניט ווי די מעהרסטע מענער, וואָס לערנען נאָר אַליין און די פרויען בלייבען אימער אין קיך. איך קען אייך זאָגען, אַז אמת גליקליך וועל איך נאָר דאַן קענען שעצען זיך, ווען איך וועל זיין איבערצייגט, אַז מיין פרוי שעצט זיך גליקליך מיט איהר פאַמיליען לעבען, און איהר דאַרפט וויסען, אַז ליעב האָבען מיין פרוי איז נאָך ניט אינגאַנצען מיין גליק, זעהר וויכטיג איז פאַר מיר צו זיין געליעבט פון דעם מענשען, וועלכען איך האָב ליעב, און אום צו זיין געליעבט, וויים איך, אַז דאָס מוז איך פאַרדיענען, און דאָס וועט זיין מיין ערשטע אויפגאַבע אין מיין לעבען אַנצואווענדען אַלע מיינע קרעפטען אין אַן אָרענטליכען אידישען וועג צו פאַרדיענען אייער ליעבע, און נאָר דאַן וועלען מיר ביידע גליקליך זיין".

— „איך מוז אייך זאָגען, זאָגט זי, נעמענדיג מיך פאַר'ן האַנט, אַז אייניגע יונגע לייט, וועלכע האָבען געלייענט פיעל ראָמאַנען, האָבען זיך מיר ערקלערט אין ליעבע, נאָר קיינעם'ס ווערטער זיינען ניט אַזוי טיעף אַריין אין מיין האַרצען ווי אייערע, און צו קיינעם האָב איך ניט געפיהלט אַזאַ צוטרויען ווי צו אייך. איך האָף, אַז מיר וועלען גליקליך זיין", האָט זי פאַרענדיגט, דריקענדיג שטאַרק מיין האַנד.

מיר זיינען געבליבען זיצען, האַלטענדיג זיך שטאַרק פאַר די הענט, און איך האָב זיך צוואווינט און געזאָגט: „הייסט עס, אַז מיר זיינען חתן כלה אָהן תנאים און אָהן עדות. די תנאים זאָלען אויף עוויג פאַרשריבען ווערען טיעף אין אונזערע הערצער, גאָט אַליין איז אונזער עדות, און די מלאכים אין הימעל שרייען: „מזל טוב".

זי האָט באַלד איבערגעגעבען דער מומען, אַז זי איז איינשטימיג, און אויף מאָרגען איז דער פעטער מיט דער מומען אַריינגעקומען אין מיין צימער, און דער פעטער פרעגט מיך: „ווילסטו, איסר, ווערען אונזער איידעם?" — „איך גלויב, ענטפער איך, אַז גאָט אַליין וויל דאָס". — „זאָל זיין מיט גליק און מיט לאַנגע יאָהר", זאָגט די מומע, און כאַפּט מיך קושען, און דער פעטער זאָגט, אַז באַלד נאָך פסח אם ירצה השם פאָהרט ער מיט מיר אין ליטא, צו מיינע עלטערען, און דאָרט וועט מען שרייבען תנאים, און ער בעט מיך, אַז איך זאָל באַלד שרייבען וועגען דעם צו מיינע עלטערען.

56. אַ פרעהליכער פורים און איך באַקום באַצאָהלט פאַר מיינע שדכנות.

אויף פורים האָט מען זיך געגרייט ווי אויף אַ חתונה. מען וויל פאַרבעטען דעם עולם לכבוד דעם חתן. די כלה לויפט אָפּט אַריין אין מיין צימער אַ צופלאַמטע און ברייננט אַ טייגעל, אַ מאַנדעל, אַ פלאַדעל, אַ קישעלע, אָדער אַ מאַנדעל-בויגעלע, און בעט איך זאָל פאַרזוכען איהרע אַרבייט. ערלויבט זיך אַביסעל אַ שטיף צו טאָן, און לויפט צוריק.

אויף פורים שרייב איך אָן צוויי ליעדער, איינע אַ לעבערליכע מיט אַ שפּראַך פון ווייבערשע תחינות אַלס שלוח מנות פאַר דער מומען, און איין ליעד וועגען אידישע צרות מיט די המן'ס פון אַלע צייטען אַלס שלוח מנות פאַר'ן פעטער. איך שיק די שלוח מנות מיט מאיר'ן. באַלד קומט ער צוריק. דער פעטער בעט איך זאָל אַריינקומען.

איך קום אַריין. אַלע זיצען אַרום טיש מיט שיינענדיגע

פנים'ער. דער פעטער בעט מיך איך זאָל אַליין לייענען וואָס איך האָב געשיקט. איך לייען פריהער זיין שלוח מנות און נאכהער לייען איך דער מומע'ס, נאָכמאַכענדיג ווי אַ אידענע זאָגט תחינות, און בעט גאָט, אז דער קווילעטש זאָל געראָטען זיין. אַלע לאַכען.

— „מיר וואָלטען וועלען הערען דיין שיר וועגען משה רבנו, זאָגט דער פעטער. פייגע רבקה זאָגט, אז ער האָט בעסער גע־ווירקט, איידער אַלע אונזער'ע רייד”.

איך לייען דעם שיר און אַלע הערען מיט אויפמערקזאַמקייט. ווען איך האָב געענדיגט, האָט דער פעטער צוקושט זיך מיט מיר, און דערלאַנגט מיר אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גילדערנער קייט, און זאָגט: „דאָס האָסטו אָבגעגעבענע שלוח מנות”. ער שטעהט אַ ווייַלע, און נעהמט אַרוים פון קעשענע צוויי שעהנינקע באַרכאַ־טענע קעסטעלעך, און זאָגט: „דאָס איז דיר שדכנות פאַר'ן דורכ־פיהרען דעם שידוך, דו האָסט עס כשר פאַרדיענט, און דו קענסט עס געבען אַלס דיינע אייגענע מתנות פאַר דיין כלה”.

איך עפען די קעסטעלעך. אין איינער איז אַ קליין גיל־דערנער זייגערעל מיט אַ לאַנגער דינער גאָלדענער קייטעלע, און אין דער צווייטער אַ שעהנער רינג. איך דערלאַנג די מתנות דער כלה. מיין האַרץ ווערט איבערגעפילט מיט פרייד, און איך פאַנג אָן צו וויינען. אויף מיר קוקענדיג האָבען אַלע אָנגעפאַנגען צו וויינען, אפילו דער רבי הערש וויינט אויך. נאכהער האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קושענעס און אַ ווינשענעס, און אַלע פיהלענדיג זיך גליקליך האָבען זיך צוזעצט אַרום דעם שעהן געגרייטען טיש צו דער פורים'דיגער סעודה.

מיר זיצען און פאַרברייננגען, און שיקסעס טראָגען שלוח מנות. דאָ זיינען ניטאָ קיין אָרימע אידישע קינדער, וועלכע זאָלען אַרום־טראָגען שלוח מנות. און די שיקסעס כאַפּען ניט קיין גראָשענס ווי ביי אונז, נאָר טאַקע זילבערנע מטבעות. און אז מען האָט גע־בראַכט שלוח מנות פון דעם שוחט, האָט די מומע אָנגעלעגט אַ פולען טעלער מיט גוטע זאַכען, און דער פעטער האָט אַריינגע־לעגט אין אַ קאָנווערט אַ דרייערעל, טאַקע דריי קאַרבען; און דעם שמש האָט מען אויך געשיקט צוויי רובעל.

דערווייל האָבען זיך גענומען קלייבען געסט, און מען האָט

געהאַט אַ גרויסען עולם צו דער סעודה. מען האָט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט. רבי מאיר דער שוחט איז שוין גוט פאַרקלאַפּט, קושט זיך מיט מיר און בעט אַלץ, איך זאָל זינגען. איך האָב שוין אויסגעזונגען אַלץ וואָס איך האָב געקענט, מיט ווערטער און אָהן ווערטער; און אַלע זיינען שטאַרק צופריעדען געבליבען מיט דער מציאה, וואָס זיי כאַפּען אַזאַ ערשטען איידעם אין פּערעש־טשעפּינע.

57. פּסח ביי דער כלה.

איך קען זיך פאָרשטעלען דעם פאַרגעניגען, וואָס עס האָבען היינטיגע צייטען אַ חתן מיט אַ כלה, ווען זיי זיצען אין טעאַטער און הערען אַ גוטע אָפּעראַ. איך גלויב אָבער ניט, אַז היינטיגע יונגע לייט קענען האָבען אַ באַגריעף פון יענעם פאַרגעניגען, וואָס אַ חתן מיט אַ כלה האָבען געהאַט, זיצענדיג פּסח ביי נאַכט ביי דעם אמת'ן אידישען סדר.

ווי פיל דער בעכער פון גליק זאָל ניט זיין ביי היינטיגע חתן כלה, דאָך פאַלען אין איהם אריין ביטערע טראָפּענס. די זיסע האָפנונגען זיינען געמישט מיט אַ ביטערען צווייפעל. מען איז צו פּראַקטיש, און אין מיטע חלום'ן דערפיהלט מען די ווירקליכ־קייט. די גרויסע באַדערפעניסען, די שרעקליכע פאָדערונגען, די אויביגע אונצופריעדענהייט, דער ניט־גלויבען אין מענשען; אָט די אַלע זאַכען שטערען אונזערע קינדער צו געניסען דעם פולען פאַרגעניגען אין די בעסטע מאָמענטען פון זייערע יונגע יאָהרען.

אמאָל האָט מען דערפון ניט געוואוסט. אמת, צרות האָט מען געהאַט מיט'ן פולען מאָס; אָבער, ווען מען האָט דערלעבט אַ פאַרגעניגען איז דאָס געווען אונבאַגרענעצט, און האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע נשמה מיט דעם גאַנצען הארצען.

אויביג וועל איך ניט פאַרגעסען יענעם סדר. דאָס איז געווען אין מיין לעבען אַ שעהנער פריהלינגס־פרימאָרגען מיט אַ לויטערען הימעל אָהן אַ ברעקעלע וואָלקען, מיט אַ שיינענדער אויפגעהענ־דער זון. איך, אין שעהנע קליידער, ערשט אויף פּסח אויפגענעהט, זיץ ווי אַ מלך און ריכט אָב דעם סדר מיט אַלע קליפּערלאַך. גע־גען מיר זיצט די כלה. מיט איהרע רויטליכע באַקען אין דער

ראָזעווער קלייד זעהט זי אוים ווי א שעהנער בוקעט פון פרישע ראָזעס. זי זאָגט אויך די הגדה.

די איינדרוקספאָלע פּאָעטיש־רעליגיעזע צערעמאָניע פון דעם סדר, וועלכע וועקט אין יעדער אידישער הארץ א העכערע שטימונג און דערצו נאָך דער פּערזענליכער גליקליכער צושטאַנד, הויבען מיך ביז אין זיעבעטען הימעל. איך זאָג די הגדה און קלער, אז דער גאָט, וואָס האָט א פארשקלאַפטע פאָלק באַפרייט פון קנעכט־שאַפט, האָט מיך אויסגעלייזט פון טעג עסען, פון אַרמוט און דחקות. איך בין שטאָלץ מיט דעם אַלטען אויסערוועהלטען אידישען פאָלק, און איך בין שטאָלץ מיט זיך אַליין, וואָס איך האָב אויסגעפיהרט וואָס איך האָב געוואָלט.

איינינע פלעצער פון דער הגדה בעט איך מאיר'ן, אז ער זאָל איבערזעצען, און איך דערציעהלט דעם דובנער מגיד'ס א משל אָדער עפּעס א מדרש. אַלע הערען מיט דער גרעסטער אויפ־מערקזאַמקייט. ווען איך טו א קוק אויף דער כלה און אונזערע בליקען באַגעגענען זיך און ווערט זי נאָך אביסעל מעהר רויט, לאָזט אַראָב איהרע שעהנע שווארצע ברעמען עטוואָס פארשעהמט און צניעות'דיג. איך זאָג ווייטער, און פיהל, אז מיין הארץ איז פול מיט'ן אמת'ן אידישען בטחון. איך גלויב, איך האָף, און טרינק דעם פולען בעכער פון גליק.

58. איך פאָהר אַהיים ווי א גראַף.

באַלד נאָך פּסח פאָהרען מיר אין ליטא. דאָרט וועלען זיין די תנאים, און איך וועל פארבלייבען ביז דער חתונה, און די חתונה וועט זיין ערשט פאר חנוכה. דאָס אוועקפאָהרען איז מיר געוועזען זעהר שווער, אָבוואָהל איך וויל זעהר פאָהרען אַהיים, זעהן אַלע־מען און באַווייזען זיך פאר אַלעמען, דאָך ווילט זיך ניט לאָזען די כלה.

מען האָט איינגעפּאַקט מיינע קליידער און א סך וויים־גרעט, און אין וועג האָט מען אָנגעפּאַקט א טשעמאָדאַן פון אַלעם גוטען צום עסען און טרינקען, און מתנות פאר מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך.

אַלע באַגלייטען אונז מיט פּאַראַד צום וואקזאַל, און איך פאָהר אוועק ווי א גראַף. מען זיצט זיך אין וואַגאָן, מען טרינקט טעע, מען רויכערט גוטע פּאַפּיראָסען און מען רעדט. איך קוק אין פענסטער און זעה די וואָקזאַלען, וואו מען האָט מיך אַראָבגע־וואָרפען פון צוג, איך זעה די פּלעצער, וואו איך בין אין די שרעק־ליכע קעלטען געלאָפען א האַלב נאַקעטער און איך דאַנק גאָט פאַר זיינע חסדים, און וואָלט נאָר וועלען יעצט אָבדאַנקען די אַלע גוטע מענשען, וועלכע זיינען דאַן צו מיר אַזוי פריינדליך געוועזען.

מיר פאָהרען מיט'ן באַהן ביז מאַלאַדעטשנע. דאָ נעמען מיר פּאָטשט און קומען קיין לאַצעוויץ, וואו מיינע עלטערען וואָהנען.

די עלטערען האָבען פון מיין בריעף געוואוסט, אַז מיר דאַר־פען היינט אָנקומען. די קינדער שטעהען אין גאַס און קוקען ארויס. איך זעה ווי זיי לאָזען זיך פליהען איינער איבער'ן צוויי־טען אָנזאָגען די שמחה. די מאַמע איז אַרויסגעלאָפען די ערשטע. זי פליהט מיט צושפּרייטע הענט. איך וואַרט ניט ביז די פערד שטעלען זיך אָב, שפּרינג אַראָב פון וואָגען און פאַל אריין אין איהרע אָרעמס, אַרויפגעפאַלען איינער דעם צווייטען אויפ'ן האַלז, אונזערע ליפּען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען, און עס האָבען זיך צונויפגעמישט יענע טייערע זעלטענע טרערען, ווען אַ מוטער מיט איהר קינד וויינען ביידע פון גרויס פרייד.

דער טאַטע מיט שטילע טריט, שרעקליך בלאַס איז צוגע־גאַנגען צום פּעטער, געגעבען „שלום עליכם", געבליבען שטעהן, און הויך אויפ'ן קול געמאַכט אַ ברכה: „מחיה המתים", און דאַן ערשט אַרויפגעפאַלען דעם פּעטער אויפ'ן האַלז גענומען קושען זיך און שטאַרק וויינען.

— „איך וואָלט דיך ניט דערקענען, זאָגט דער טאַטע וויינענ־דיג; באַלד דריי און צוואַנציג יאָהר ניט געזעהן זיך". און דער פּעטער וויינט ווי אַ קליין קינד און קען גאָר ניט ריידען.

מיר קומען אריין אין דעם טאַטענ'ס קליין שטיבעלע. די ערד איז אויסגעשמאָטען מיט געלען זאַמד, אַלעס איז ווייס און ריין, אָבער ענג, ניטאָ וואו אַ קעהר צו טאָן זיך. אונזערע זאַכען מיט די טשאַמאָדאַנעס פאַרנעהמען אַ האַלבע שטוב.

מען האָט באַלד געלאָזט וויסען דעם פעטער זאנוועל, איז ער געקומען מיט דער מומע חנה גיטע, און עס איז ווייטער געוואָרען א געוויין. דער פעטער משה, דאָס הייסט, דער מחותן איז אוועק־געפאָהרען צום פעטער זאנוועל נעכטיגען, ווייל ביים טאַטען איז פשוט ניטאָ וואו. זיי האָבען מיך אויך איינגעלאדען, נאָר איך האָב געענטפערט, אז קומענדיג אהיים, וויל איך שלאָפען אויף דער זעלבער באנק, אויף וועלכען איך האָב געשלאָפען אוועקגעהענדיג פון דעם היים.

אין א פאָר טעג ארום איז ביים פעטער זאנוועל אין שטוב געוועזען מיינע תנאים. די גאַנצע משפחה איז געווען. די שמחה איז געווען זעהר גרויס, אַלע האָבען נאָר געשריען, אז די כלה פעהלט, און דער פעטער, דער מחותן, קושט זיך מיט אַלעמען און זינגט: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד” און וויינט ווי א אידענע.

אין א וואָך ארום איז דער פעטער אוועקגעפאָהרען אַהיים. ער האָט מיר געלאָזען גענוג געלד, און אָנגעזאָגט, אז איך זאָל אין קורעניץ אָנדינגען זיך א שעהנע קוואַטיר מיט גוטע קעסט. איך האָב אָבער אין קורעניץ געלערענט נאָר איין מאָנאַט. איך האָב זיך געפיהלט דאָרט ניט אמבעסטען. עפּעס זיינען מיר איי־נע צו די אַנדערע פרעמד געוואָרען. און איך האָב באַשלאָסען בעסער צו זיין ביי די עלטערען אין דאָרף. געלד צום לעבען האָב איך גענוג, אז עס וועט זיין גענוג פאר דער גאַנצער געזינד. די עלטערען זיינען שטארק צופריעדען געווען מיט מיין פּלאַן. דער טאַטע גיט מיר אַן עצה, אז איך זאָל לערנען גמרא די מסכת נדה און יורה דעה הלכות נדה און מקוואות. פיעל צייט גיב איך זיך אָב אויף שרייבען בריעף. צו דער כלה שרייב איך אין אידיש און אָם מייסטען אין גראַמען; צו מאיר'ן שרייב איך שירים אין העברעאיש, און צום מחותן לאַנגע העברעאישע בריעף מיט מליצות פון דער וועלט.

שרעקליך לאַנג האָבען זיך געצויגען די אַכט מאָנאַטען. א גאַנצע עוויגקייט. די בענקעניש און איינזאַמקייט האָבען שלעכט געווירקט אויף מיין געזונד, און אפילו די ציגענע מילך וואָס די מאַמע האָט אין מיר געגאָסען, האָט אויך ווענינ וואָס געהאָלפען.

59. מיין חתונה.

געקומען די גליקליכע צייט. דער פעטער האָט צוגעשיקט הונדערט רובעל. און בעט, אז דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָלען אונבאַדינגט קומען אויף חתונה.

די חתונה דאַרף זיין דינסטאָג, ח' כסלו (1877 יאָהר), נאָר דער פעטער בעט, אז מיר זאָלען אָנקומען מאָנטאָג פריה, ווייל ער וויל מאַכען אַ מאָלצייט אין דער נאַכט וואָס פאַר דער חופה, דע־ריבער דאַרף מען ארויספאָהרען, אז מען זאָל זיין שבת אין באַב־מאַטש.

— „הייסט עס, אז דעם חתן וועט מען אויפרופען אין באַב־מאַטש, זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען, טאָ זיי אַזוי גוט און באַק לעקעך". און איך דערצעהל זיי ווי אין דעם זעלבען באַבמאַטש בין איך ארונטערגעקראָכען אונטער אַ באַנק אין וואַגאָן און שיער ניט אויסגעטרייסעלט די נשמה ביז איך בין אָנגעקומען קיין ראַמען. — „דאַנקען גאָט ברוך הוא, אַז מען קען דאָס דערצעהלען אין פריידען", זאָגט די מאַמע און צוואווינט זיך און כאַפּט מיך קושען.

דאָס אָוועקפאָהרען האָט מיך געקאָסט פיעל געזונד. די קינדער האָבען שרעקליך געוויינט און געשריען. די עלטערע שוועסטער, גוטע איטע, שרייט: „ברודערקע, פאַרגעס ניט דיינע אָרימע ברידערלעך און שוועסטערלעך, פאַרגעס ניט דיין שוואַכע מאַמע און אַלטען טאַטען". די קלענערע שוועסטער פייגה האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף מיין האַלז, לאָזט מיך ניט אָב און שרייט: „טייערינקער, ליעבינקער, ווען וועלען מיר דיך זעהן!?" די צוויי ברידערלעך, זרח און יעקב שטעהען פוןביידע זייטען און וויינען, און איך וויין אויך שרעקליך, מיין האַרץ ווערט מיר צובראָכען קוקענדיג אויף זיי, ווי איך לאָז זיי איבער אין אַרמוט, און איך בעט גאָט, אז ער זאָל מיר העלפען, אַז איך זאָל זיי קענען העלפען פון דער ווייטען.

מיר פאָהרען מיט אַ פוהר קיין מינסק, פאַרפאָהרען צום ברודער מרדכי, און ער באַגלייט אונז קיין מינסק צום וואָקזאַל,

וואו ער דערמאָנט ווי לעצטען יאָהר האָט ער מיך דאָ איבערגעלאָזען ווען איך האָב זיך געלאָזט פאָהרען צום פעטער.

פון מינסק טעלעגראַפיר איך צום פעטער: „מיר פאָהרען ארויס, מאָנטאָג פריה וועלען מיר זיין". די גאַנצע וועג דערצעהל איך פון מיין ערשטער רייזע; איך ווייז זיי אויף יעדען פלאַץ, וועלכע צרות איך האָב איבערגעלעבט.

פרייטאָג פארנאכט אָנגעקומען קיין באכמאטש, און פאַר־פאָהרען אין אַ האָטעל. די מאַמע איז באלד אוועקגעלאָפען צו־גרייטען אלץ צו די אויפרופענעס. אויף מאָרגען בין איך געווען מפטיר; די מאַמע האָט אפילו צוגעגרייט מיט וואָס צו באשיטען מיך, און נאָכ'ן דאַווענען איז דער קליינער עולם געווען ביי אונז אין האָטעל אויף לעקעך און בראנפען.

מאָנטאָג פריה קומען מיר אָן קיין פערעשטשעפינע אויפ'ן וואָקזאַל. ר' ישראל עטקין, וואָס וואָהנט אויפ'ן וואָקזאַל, באַ־געגענט אונז, און זאָגט, אז דער פעטער האָט געבעטען, אז מיר זאָלען ביי איהם אין הויז ווארטען ביז מען וועט ארויספאָהרען דעם חתן באַגעגענען.

איך וויים, אז ביי אידען איז אַ מנהג צו באַגעגענען אַ חתן, ווייל חתן דומה למלך — אַ חתן איז גלייך צו אַ קיסר, — דאַרף מען איהם אָבגעבען כבוד. איך געדענק, אז אין אונזערע שטעט־לעך, ווען אַ חתן קומט פון אַן אַנדער שטאָדט, שטעלען זיך אָב די מחותנים אונטער'ן שטאָדט, מען שיקט אָנזאָגען, אז דער חתן קומט, און כלה'ס צד מיט די כלי זמרים געהען ארויס במחילה צופוס באַגעגענען דעם חתן. פאָהרען איז פשוט ניטאָ אויף וואָס, סיידען אויף די ציגען. דאָ איז אָבער געווען אַן אַנדער מין באַגע־גענעס. אלע אידען פון פערעשטשעפינע מיט זייערע ווייבער און קינדער זיינען געקומען צום וואָקזאַל, נאָר די כלה איז געבליבען אין דער היים. און געקומען איז מען טאַקע ניט צופוס, נאָר אויף פערד, און נאָך וואָס פאַר פערד! פערד ווי לייבען. אַ גרויס־ארטיגע קאַרעטע מיט פיער וואראנע פערד איז אויך דאָ. דאָס האָט דער פעטער געגומען ביי אַ באַקאַנטען פריץ. מעהר פון אלץ איז מיר געפעלען די טראָיקע. אַ ריכטיגע רוסישע טראָיקע. דריי גרויע, גרויסע, געזונדע, שעהנע פערד, צוויי פון זיי האַלטען די

קעפּ פארוואָרפען איןביידע זייטען אזוי ווי אַן אָדלער, און אויף די קאָזלעס זיצט אַ קוטשער אין אַ נייער בלויער טשומארקע מיט אַ רויטען גארטעל, און נעבען קוטשער זיצט קייסערמאַן, וועלכער איז דער קאָמאַנדיר פון דעם פאראד. מיך מיט צוויי בחורים זעצט ער אויף דער טראָיקע, נאָך אונז געהט די קארעטע מיט די על־טערען פון חתן כלה, און דאַן געהט אַ גאנצע רייהע מיט פוהרען.

מען פאָהרט אריין אין וועלדעל. קייסערמאַן טוט אַ קאָמאַנ־דעווע: „סטאָי!" און אלע בלייבען שטעהן. מען עסט לעקעך, מען נעהמט צו ביסלעך בראַנפען, מען שרייט לחיים, און דער עכאָ קלינגט אָב איבער דעם גאַנצען וואלד. איך קעהר זיך אָב. איך וויל אַ קוק טאָן אויף מיין מאַמען. איך זעה ווי איהר געזיכט שיינט, זי איז דאכט זיך אינגער געוואָרען, און איך דערמאָן זיך ווי זי האָט אין מאליסקע געשלעפּט אַ זאַק בולבע אויפ'ן פּלייצע, און איז אריינגעפאלען אין אַ בלאָטע, און איך טראכט: „אָרימע מוטער מיינע, ווי ווייניג זיינען די גליקליכע מאָמענטען אין דיין לעבען אין פארגלייך מיט די יאָהרען פון מאַטערניש". איך באַגיס זיך מיט טרערען, און וויש גיך אָב, אַז קיינער זאָל ניט באמערקען.

אריינפאָהרענדיג קיין פּערעשטשעפּינע, האָבען די כלי זמרים אונז באַגעגענט מיט אַ שעהנעם מארש. די גאַנצע דאָרף איז ארויסגעלאָפען אויפ'ן וואונדער. מיך האָט מען פארפיהרט צו ר. וואָו איך בין פארבליבען ביז אויף מאָרגען צו דער חופּה. און דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען גלייך אוועק צום פעטער. דער טאַטע זאָגט, אַז דער חתן דאַרף ניט זעהן די כלה ביז נאָך דער חופּה.

איין קליינינקייט, קומען מאָנטאָג פריה, און ניט זעהען זיך ביז דינסטאָג אָבענד. אכט מאָנאַטען ניט געזעהן זיך, אזוי שטאַרק געבענקט, און יעצט איז מען דערביי, און מען קען זיך ניט זעהן.

אין אָבענד איז געווען אַ גאַנצע שמחה. דער מנהג צו מאַכען אַ מאָלצייט אין דער נאַכט פון דער חופּה איז געווען אייגענטליך צוליעב אָרימע לייט פון שטאָדט. מען פלעגט זיי געבען אַ שעהנעם מאָלצייט און דערצו טיילען צדקה. אין פּערעשטשעפּינע אָבער זיינען ניט געווען אַזעלכע אָרימע לייט, און דאָס האָט מען זיך גלאַט געוואָלט אַ הוליע טאָן.

דער עולם עסט און טרינקט. די מיידלעך טאַנצען. — בחורים מיט מיידלעך צוזאַמען האָבען נאָך דאַן ניט געטאַנצט. — איך מיט די בחורים זיצען אין אַ באַזונדער צימער, און איך פיהל זיך זעהר לאַנגווייליג, ריידען מיט זיי האָב איך ניט וואָס, און מיין קאָפּ איז גאָר פאַרנומען מיט דער כלה. אין איין הויז, און מען קען זיך ניט זעהן.

פלוצים עפענט זיך אַ טיר גענגען מיר, און איך דערזעה די כלה מיט נאָך אַ מיידעל שטעהען. אריינגע׳גנב׳עט זיך אַ קוק טאָן. מיט אַ זיסען שמייכעל אויף איהר געזיכט טוט זי אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ, און איידער איך האָב צייט געהאַט צו ענטפּערען איז שוין די מומע צוגעגאַנגען, האָט אַ שמייכעל געטאָן און צוגענומען די כלה. איך ווער אויפגערעגט. מיר פאַנגט אָן צו וועה טאָן דער קאָפּ. איך זיץ נאָך אַ ווייל און פאַרלאָז די בחורים. איך געה אויף מיין קוואַטיר. און זעץ זיך לערנען ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט.

אויף מאָרגען, אין דעם טאָג פון דער חופּה, וועלכער רעכענט זיך פאַר חתן כלה אַלס יום הדין, נאָך גרעסער פון יום כפּור, האָב איך געפאַסט, לאַנג געדאַוונט און פיעל געוויינט. איך האָב דערפיהלט די גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט וואָס איך נעהם אויף זיך, און איך בעט גאָט, אַז ער זאָל אונז שענקען לאַנגע יאָהרען, געזונט, פּרנסה, און גוטע, פרומע קינדער. צו מנחה פאַרשפּאַר איך זיך אין אַ בעזונדער צימער און דאַווען מנחה ווי ערב יום כפּור, זאָג על חטא און וויין שטאַרק, בעטענדיג גאָט, אַז ער זאָל מיר מוחל זיין מיינע זינד, און אין זיינע הענד גיב איך איבער מיין שיקזאַל און מיין צוקונפט.

דער עולם קומט מקבל פּנים זיין דעם חתן, און מען פיהרט מיך באַדעקען די כלה. ביי אַלע פרויען, און איבערהויפּט בייביידע מאַמעס, זיינען די אויגען שטאַרק פאַרוויינט, דאָס האָט מען די כלה באַזעצט. ביי דער כלה זיינען אויך די אויגען גוט פאַרוויינט; דאָס ערשטע מאָל זעה איך זי אַזוי בלאַס, אָבער ווי עדעל און שעהן זי זעהט אויס אין איהר בלאַסקייט, און ווי געטליך איז איהר

ערנסטער טיעפער בליק, וועלכען זי האָט אויף מיר געווענדעט, און ווי שעהן זיינען איהרע שוואַרצע זיידענע האָר, וועלכע זיי־נען אַ לעצטען מאָל אַזוי אָבגעדעקט. מאָרגען טאָר זי שוין ניט געהן מיט אַן אָבגעדעקטען קאָפּ. איך פיהל, אַז מיינע פיס ברע־כען זיך מיר אונטער, און מיין הארץ שפּרינגט ארויס. מיט ציי־טערדיגע הענד דעק איך צו איהר געזיכט מיט אַ זיידענע טיכעלע, אַ שטראָם טרערען טוט זיך אַ גאָס פון מיינע אויגען, און איך בעט גאָט: „אָ, גאָטעניו, אָט דיעזער מאָמענט זאָל אויף אימער בלייבען איינער פון די גליקליכסטע מאָמענטען אין איהר לעבען".

באַלד נאָך דער חופּה דערלאַנגט מען אונז די גילדערנע יויך צום אָבפאַסטען זיך, נאָר עס עסט זיך ניט, עס ווילט זיך בעסער ריי־דען. זי ערלויבט זיך אַ הויב טאָן אביסעלע דאָס זיידענע טיכעלע פון איהר פּנים און אַ קוק טאָן אויף מיר, און לאָזט באַלד אַראָב צו־ריק דאָס טיכעלע. דער מויל בלייבט נאָר אָבגעדעקט צו קענען עסען.

ווי מיר זיצען אַזוי אין צווייען, געהט צו דער פעטער מיט דער מומען און דער טאַטע מיט דער מאַמען. דער פעטער דער־לאַנגט מיר אַ פּעקעל מיט געלד און זאָגט: „אָט האָסטו די פינף הונדערט רובעל נדן, זאָל דאָס זיין מיט גליק". מיר פליהט דורך אין געדאַנק וואָס די גמרא זאָגט, אַז ווער עס הייראַט פאַר געלד, וועט האָבען קינדער ניט קיין פיינע. איך דאַנק אָב דעם פעטער און זאָג, אַז ביי מיר איז דיעזער מאָמענט צו הייליג, אַז איך זאָל יעצט האָבען וואָס צו טאָן מיט געלד.

אַלע קוקען זיך איבער. דער פעטער צוקושט זיך מיט מיר און זאָגט: „קינדערלעך, צו יעדער צייט קענט איהר האָבען אייער געלד". און לעגט אריין די געלד צו זיך.

ווען די עלטערען האָבען זיך אָבגעקעהרט, האָט די כּלה אויפ־געהויבען דאָס טיכעלע פון איהר געזיכט, האָט אַ ליעבען קוק גע־טאָן אויף מיר און געזאָגט: „ ביי לייטען וויל מען צו דער חופּה ניט געהן אָהן דעם נדן, און אייך, אַז מען גיט, נעהמט איהר ניט; איהר זייט אַן אויסנאַהמע."

די חתונה האָט געדויערט ביז דעם נעקסטען זונטאָג. אידען, װעלכע האָבען ניט קײן בעלער, קײן טעאַטער, און דאָס גלײכען, זײנען צופריעדען, װען זײ האָבען די געלעגענהײט א הוליע צו טאָן. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען פארבראַכט נאָך א װאָך, און אװעקגעפאָהרען אהײם.

דריטע אָבטיילונג.

דער ליטוואַק אין זיד רוסלאַנד.

60. קליין פערעשטשעפינע מיט איהרע אידען.

קליין פערעשטשעפינע, וואוהין איך בין אָנגעקומען פאר אַן איידים, איז אַ דאָרף איז זיד רוסלאַנד. אַ גרויסע דאָרף מיט גרויסע געשעפטען, מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג פון מאַלע־רוסען, נאָר מיט אַ פּאָר צעהנדליג אידישע געזינטען, וועלכע זיינען פאר די לעצטע יאָהרען געקומען אהער, ווייל דאָ איז געוואָרען אַן אייזענבאהן, און מען קאָן דאָ האנדלען מיט תבואה; און די אידען האָבען טאַקע געהאָלפען צו ענטוויקלען זעהר גרויס דעם תבואה געשעפט. זיי האָבען צוגעצויגען צו זייער מארק די פויערים פון גאַנץ ווייטע געגענדען, ווייל די אידען צאָהלען העכערע פּרייזען, איידער אין די געגענדען, וואו דער געשעפט ליעגט אויסשליסליך אין גוי׳עשע הענד. דער רוסישער סוחר האָט ליעב גוט צו פאַרדיענען; און צווישען די אידען, ווען איינער שטעלט זיך צוויי קאָפּיקעס פּרנסה, טראַכט דער צווייטער, אז איין קאָפּיקע איז אויך גענוג; און אמאָל זאָגט נאָר דער איד: „וואָס קען איך דערלעגען?". און אָבוואָהל די אידען האָבען געצאָהלט העכערע פּרייזען, דאָך איז זייער מאַטעריעלער צושטאַנד געווען גאַנץ גוט. מען וואָהנט שעהן, מען געהט שעהן געקליידעט, און איבערהויפּט עסט מען און מען טרינקט פון דאָס בעסטע. אין אַלגעמיין איז דאָס געווען דער ריכטיגער טיפּ פון אַ זיד רוסישען אידען. מענשען גוטמוטיגע און גאַסטפריינדליכע, ניט אָנגעבלאָזען און ניט ברוגז׳דיג ווי אונזערע ליטוואַקעס, דערפאַר אָבער זיינען זיי פּראָסטאַקעס, קאָנען ניט לערנען. די גאַנצע ביסעל תורה וואָס איך

האָב דאָ געפונען איז געווען ביי די צוויי ליטוואַקעס, ביים שוחט און ביים מלמד.

אַט די זעלבע קליין פּערעשטשעפּינע מיט צעהן,פופצעהן יאָהר שפּעטער, איז באַוואוסט געווען אין דער אינטעלעגענטער אידישער וועלט. ווען מען איז געקומען קיין אדעסע, וואַרשאַ אָדער פּעטער־בורג, צווישען חובבי ציון אָדער ציוניסטען, אָדער אין אַ רעדאַק־ציע פון אַ אידישער אָדער העברעאישער, אָדער רוסיש־אידישער צייטונג, אָדער אין איינעם פון די אידישע פּאַרלאַגען, האָט מען אומעטום געוואוסט וועגען קליין פּערעשטשעפּינע, ווייל אונזער ביסעלע אידען זיינען אימער געווען פון די ערשטע צו שטיצען און העלפען אַלע נייע באַוועגונגען און שטרעבונגען; און פון אונ־זערע עטליכע צעהנדליג אידישע געזינטען זיינען ארויסגעקומען דאָקטוירים, אדוואָקאַטען, און מענשען, וועלכע האָבען אַנטייל גע־נומען אין דער אידישער און וועלטליכער ליטעראַטור.

ווען אונזער ליעבער פּאָלקס רעדנער, מאַסלאַנסקי, האָט אין אמעריקא געשריבען זיינע עראינערונגען פון רוסלאַנד, האָט ער אָבגעגעבען אַ באַזונדער אַרטיקעל אונזער פּערשטשעפּינע, און האָט פּאַרענדיגט דעם אַרטיקעל מיט די ווערטער: „הלואי וואָלט דיע־זער דאָרף דיענען אַלס ביישפּיעל פאַר אַלע גרויסע אידישע שטעדט. (זעהט קאַפּיטעל 101.).

און ווען שלום עליכם האָט ארויסגעגעבען זיין פּאָלקס־ ביב־ליאָטעק האָט ער געשריבען אויף מיין אדרעס: „כבוד האינטע־לעגענציע דפערעשטשעפּינע הקטנה”, האָט אויסגערעכענט אייניגע נעמען, און געבעטען, אז מען זאָל איהם צושקיען אַרטיקלען וואָס ווער עס פּאַרמאָגט.

61. איך עס קעסט און ווער אַ סוחר.

אַ גוטע זאַך אַמאָל געווען צו געבען קינדער קעסט נאָך דער חתונה. וואָס טויג אַ יונגען מאַן צו נעהמען אויף זיך באַלד דעם יאָך פון פּרנסה? און פאַר וואָס זאָל אַ יונגע ווייבעל נעהמען אויף זיך די שוועריגקייטען פון אַ הויז־ווירטשאַפט? זיי וועלען נאָך צייט האָבען צו האָרעווען אין לעבען, דערווייל זאָלען טאַטע און מאַמע

אַרבייטען אויף זיי, און זיי וועלען דערפאַר באַצאָהלען מיט נחת פון אייניקלעך אין דער צייט פון קעסט.

דאַכט זיך וואָס קען זיין בעסער איידער עסען קעסט? ניין, מיר אָבער געפעלט עס ניט. ערשטענס, ווייל איך ניט קיין אומזיסטען ברויט, מיר איז שוין נמאס געוואָרען דער אומזיסטער ברויט; און צווייטענס, ווילט זיך מיר אַרבייטען. געה איך יעדען טאָג אין קאַמער (שפּייכלער), איך אינטערעסיר זיך מיט יעדער זאַך, און העלף.

אין גיכען, זאָגט צו מיר דער שווער, אַז ער האָט גערעדט מיט זיין שותף, און זיי האָבען באַשלאָסען, אַז אויב איך וויל, קען איך אַריין צו זיי אין געשעפט; מיין נדן וועט מען אַריינלעגען אין געשעפט. און מען וועט מיר געבען 20 פּראָצענט פון תבואה געשעפט. איך בין שטאַרק צופרידען מיט דעם פאָרשלאַג, און נעהם זיך מיט חשק צום געשעפט. אַ גאַנצען טאָג שטעה איך אין שפּייכלער. תבואה איז דעם יאָהר געראַטען. אַלע טאָג זיינען גרויסע מערק. ביי מיר איז די געלד. איינער וועגט, און איך פאַרשרייב, רעכען און צאָהל. פון אָנפאַנג איז דאָס געגאַנגען שווערליך, עפּעס ניט גאָר זיכער; נאָר איך בין זעהר פאָרזיכטיג, און אַלעס קומט ביי מיר אויס ריכטיג. דערווייל קוק איך זיך צו צו די תבואה, און לערען זיך צו אונטערשיידען פון גוטע ביז ערגערע; דערהויפּט אין די ווייץ ליגט אַ גאַנצע תורה, עס איז פאַראַן אַן אונטערשיעד אין דעם סאָרט, אין די שווערקייט, אין די ריינקייט און אין דעם קאָליר. דאָך טראַכט איך, אַז דאָס איז ניט שווערער פון אַ בלאַט גמרא. מען קען זיך אויסלערנען. איך טראָג זיך אַרום מיט מוסטערס פון ווייץ און פרעג יעדערען דעם אונטערשיעד, קוק זיך צו, און באַמערק אַלעס, און אינגיכען פאַנג איך שוין אַן עטוואָס צו פאַרשטעהן, און ביסלעכווייז פאַנג איך אָן אַליין צו קויפען.

דאָס אַלעס איז מיר שטאַרק געפעלען, נאָר דאָס אַרומפאָהרען צום וואָקזאַל געפעלט מיר ניט. אין אָווענד פאָהרען זיך צונויף אויפ׳ן וואָקזאַל אַלע פערשטשעפּינער סוחרים, און דאָרט קומען אָן מיט׳ן באַהן סוחרים, קאָמישיאָנערען, אַגענטען און אַזוי מעקלער. מען סוד׳ט זיך, מען קויפט, מען פאַרקויפט, און נאָכהער

זיצט מען און מען רעדט גלאט פוסטע רייד; מען גלייכווער־טעלט זיך, און אמאל מיט גאנץ גראבע גרייכווערטלעך. פיעלע זיינען גראבע יונגען, אפיקורסים, אז מען טאר גאר ניט הערען וואס זיי ריידען, און אמאל צוזעצט מען זיך ארום טישעלעך און מען שפיעלט גאר אין קארטען. פאר מיר איז דאס אן אמת'ער מושב לצים, בעט איך דעם שווער, אז ער זאל מיך באפרייען פון פאהרען אויפ'ן וואקזאל, און ער גיט עס מיר נאך.

אזוי האב איך זיך פארזארגט מיט עולם הזה. וואס פעהלט מיר? א פרוי א שעהנע, א קלוגע און א גוטע; קעסט כיד המלך, טאקע פון פויגעל־מילך, און מיט א געשעפט אויך פאר־זארגט, און נאך וואס פאר א געשעפט, ניט קיין קורעניצער קרע־מערעל, נאר א תבואה הענדלער. מען שיקט וואגאנעס קיין ניקא־לאיעוו און קיין ליבאווע, און פון דארט קומען אן אלע טאג בולע־טינען און בריעף, און אמאל פליהען טאקע טעלעגראמעס, און פרנסה גיט דאס געשעפט, און די געלד קלייבט זיך. איך נעהם ארויס נאר א פאר רובעל א חודש. וואס דארפען מיר? איך דארף א פעקעל טאבאק, די פרוי קויפט אמאל א פונט קאנפעקטען. אויף קיין אנדערע זאכען איז ניטא אויף וואס אויסצוגעבען, סיידען, אז גאט שיקט צו אמאל אן ארעמאן, א דורכגעהער און מען האט וועמען צו געבען א נדבה.

62. איך וויל ווערען אמת פרום.

מיט מיין מאטעריאלען צושטאנד בין איך פאלקאם צופריע־דען; מיין קערפער האב איך פארזארגט, אבער מיין נשמה איז אונרוהיג. מען איז דאך שוין ניט קיין אינגעלע, א דאנק גאט שוין א איד מיט אידען גלייך, און עס איז דאך פאראן א תורה מיט אזוי פיעל מצוות, און מען מוז דאך אלע אבהיטען, און איך האב דאך צוגעזאגט, אז ווען גאט וועט מיר העלפען, זאל איך לערנען און טאן אלעס וואס די תורה לערענט אונז.

איך באשלים פעסט צו אבשטעלען א צייט יעדען טאג צו לערנען און איבערהויפט צו ווערען אמת פרום, אבהיטען אלעס, סיי צו גאט און סיי צו לייטען; און איבערהויפט אבצוהיטען די

געבאָט אין די באַציהונגען צווישען מענשען, ווייל די חכמים זאָגען דאָך: „עברות שבין אדם לחברו קשה עונשן מעברות שבין אדם למקום,״ דאָס מיינט, אַז פאַר די זינד געגען מענשען איז די שטראָף פיעל גרעסער איידער פאַר די זינד געגען גאָט. און יום כפור ווערען פאַרגעבען די זינד, וואָס מיר זינדיגען געגען גאָט, אָבער ניט די זינד וואָס מיר זינדיגען געגען מענשען. מיר מוזען דעם מענשען אַליין צופריעדען שטעלען און ער דאַרף מוחל זיין. מיר געפעלט ניט, וואָס פיעלע פיהרען זיך ניט אָרענטליך אין געשעפט, און זאָגען: „וואָס טוט ניט אַ איד צוליעב פרנסה?״ אין דער אמת'ן איז דער געדאַנק פון די ווערטער גאָר עפּעס אַנדערם; דאָס מיינט, אַז אַ איד דאַרף זיך ניט שעהמען און טאָן יעדער זאַך אבי צו פאַרדיענען אַ כשר'ן שטיקעל ברויט; ווי די גמרא זאָגט: „פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות״, שינד אָב אַ נבלה אין מיטען מאַרק און דו זאָלסט ניט דאַרפען אָנקומען צו לייטען. הײנט געדענק איך, אַז רבי חיים וויטאַל אין שערי הקדושה זאָגט, אַז מדות, דאָס הייסט זיטען, שטעהען נאָך העכער פון מצוות, און איך נעהם אויף זיך אויסצואַרבייטען מדות טובות, ווי למשל: „הוה דן את כל האדם לכף זכות״, אורטייל יעדען מענשען אויף דער גוטער זייט. אָדער: „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו״, אורטייל ניט דיין מיט־מענשען ביז דו וועסט ניט זיין אויף זיין פּלאַץ.

איך פאַרשטעה, אַז פרומקייט און אָרענטלעבקייט מוז דער מענש פאָדערען פון זיך וואָס מעהר, אָבער פון צווייטען וואָס ווענינגער. פיליייכט איז דער צווייטער אונטער אַנדערע אומשטענדען, פיעלייכט האָט ער אַן אַנדער כאַראַקטער, און פיעלייכט ווייס ער גאָר ניט וואָס ער טוט, ווייל ער האָט ניט געהאַט די געלעגענהייט צו לערנען.

איך וויל מיט מיין גאַנצען הארצען, אַז אַי גאָט אַי לייט זאָלען פון מיר צופריעדען זיין, און די צופריעדענהייט פון מענשען וויל איך ניט קויפען מיט פאַלשקייט, איך וויל זיין אמת, אָפענהארציג, אָבער איך וויל זיין ווייך און צערטליך, ניט טרעטען אויף מענשליכע געפיהלען, מיטפיהלען מיט יעדען, און וועלען פאַרשטעהן יעדערען, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען זיין באַליעבט

ביי מענשען; און זיין באליעבט ביי מענשען ווילט זיך מיר זעהר, ווייל אונזערע חכמים זאגען: „כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו", דער, וואס לייט זיינען צופריעדען מיט איהם, איז גאט אויך צופריעדען מיט איהם.

איך ווייס גאנץ גוט, אז אין מאלע ראסיע איז ניט אזוי גרינג צו זיין א פרומער איד ווי אין דער ליטא; די גנעזעלשאפט, די גאנצע וועלט ארום ציהען אב פון פרומקייט, דאך מוז מען אנטאן זיך א כח, און גאט וועט העלפען.

איך שטעה אויף גאנץ פריה און דאווען מיט כונה. איך ווייס, אז תפלה בלא כונה כגוף בלא נשמה — דאווענען אהן די ריכ־טיגע אויפמערקזאמקייט, ניט קאנצענטרירענדיג אינגאנצען די גע־דאנקען, איז דאס ניט מעהר ווי א קערפער אהן א זעלע. איך דאווען ניט געכאפט, הער זיך צו צו יעדען ווארט; איך ווער באגייסטערט, און אפט ווערן איך גאנץ געשמאק. צו יוצא זיין אלע דעות דאווען איך אין צוויי פאר תפלין. נאכ'ן דאווענען לערען איך א פרק משניות, עס אב אנבייסען און געה אויף א גאנצען טאג אין געשעפט, און אין אווענד זעץ איך זיך לערנען ביז האלבע נאכט, און אמאל נאך שפעטער.

אין שטוב איז ווארעם, איך זיץ זיך איבער דער גמרא אדער איבער'ן יורה דעה, און מיין ווייבעל אדער די שווינער קומען אריין שטילערהייט, אום ניט צו שטערען מיר, און טראגען אריין גוטע פרוכטען, וואסער מיט ווארעניע, אדער א גלאז מילך. איך לערען ווייטער און פיהל דעם אמת'ן טעם פון גן עדן.

שבת איז פאר מיר א הייליגטום. איך רעד ניט קיין איין ווארט וועגען געשעפט. איך ווייס, אז שבת איז אונז געגעבען צו דאווענען און צו לערנען.

63. א אידישער פאמיליען לעבען.

ווי איך פארשטעה, דארף דער אידישער פאמיליען־לעבען זיין ניט נאר מאראליש ריין, נאר עס מוז אויך זיין צווישען מאן און ווייב פאלקאמע ליעבע און אכטונג.

אמת, די פרוי שטעהט אב אין פיעלע הינזיכטען פון דעם מאן,

די שולד אָבער איז ניט איהרע: די טעכטער באקומען ניט אזא ערציהונג ווי די זיהן, און די פאַרהייראַטע פרוי ווייס נאָר פון האָבען און ערציהען קינדער און זיין אין קיך. ניט די עלטערען און ניט די מענער ווילען זיך אָבגעבען צו ענטוויקלען זייערע טעכטער און זייערע פרויען. איך פיהל, אז דאָס איז אַן אומרעכט, און איך באַשליס אָבצוגעבען צייט פאַר מיין פרוי. איך ווייס, אז זי איז פרייער פון מיר, ווייל זי איז געוואקסען אין אַן אנדער געגענד און אין אַן אנדער געזעלשאַפט, און איך וויל, אז זי זאָל זיין אַ פרומע אידישע טאָכטער, און איך וויל ניט אָנהעגגען און צווינגען זי צו זיין פרום, נאָר איך וויל, אז זי זאָל דאָס פאַרשטעהן, דעריבער מוז איך זי באַקאַנען מיט דער לעהרע פון אונזער תורה, אז זי זאָל האָבען אַ ריכטיגען באַגריף פון וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט, און זי זאָל זיין איינפאַרשטאַנען מיט מיין אויפפיהרונג אלס אַ פרומער איד, און זי זאָל וועלען אליין אויך זיין פרום.

יעדער אבענד גיב איך אָב צייט צו לערנען פאַר איהר און צו ריידען מיט איהר וועגען אידישקייט, איבערהויפּט וועגען דער גרויסער וויכטיגקייט פון מדות, וועגען די זיטען, וועלכע אַ איד דאַרף באַזיצען, וועגען די אויפפיהרונג פון דעם אידען אין אַלגעמיין, ובפרט אין פאַמיליען־לעבען, אז אידישע מאַן און פרוי דאַרפען זיך ליעבען, אָבער אַלעס דאַרף זיין צניעות'דיג, באַשיידען און באַהאַלטען; און פיעלע מאָל לערען איך פאַר איהר יורה דעה פון הלכות נדה און מקואות.

איך מוז דאָ צוגעבען, אז אויב מען וויל זיין אַן אמת'ער פרומער איד, איז איינע פון די שווערסטע זאכען פאַר אַ יונגען מאַן אָבצוהיטען פּינקטליך אַלע דינים אין די באַציהונגען צווישען מאַן און ווייב אין דער צייט פון מענסטרואַציע. די דינים וועגען דעם זיינען זעהר שטרענגע; פאַר ניט אָבהיטען איז די עבירה זעהר אַ שווערע, און די שטראָף איז שרעקליך, און דער יצר הרע איז דאָך גרויס, מען איז יונג, בלוט און מילך.

לערען איך מיט איהר די דינים, און דערוויַיז איהר ווי קלוג אונזערע חכמים זיינען געווען, וואָס זיי האָבען אונז פאַרבאָטען אין אזא צייט צו נעהמען עפּעס פון די הענד איינע ביי די אַנדערע,

און דער מאַן טאָר אפילו ניט פאררויכערען אַ פּאַפּיראָס פון אַ ליכט וואָס די פרוי האַלט, אום צו דערוויימערען זיי און ניט רייצען זיך מיט׳ן יצר הרע. אויף פיעלע זאַכען באַמערקט זי מיר, אַז די מאַמע האָט וועגען דעם אַנגעזאָגט איהר נאָך פאַר דער חתונה, נאָר יעצט פאַרשטעהט זי עס בעסער; און מיר ביידע היטען דאָס אַלעס אָב פּינקטליך.

אין אַלגעמיין פיהר איך אויס אַלעס וואָס איך וויל, נאָר איך מאַך דאָס אַלעס מיט ערקלערונג, און ווען איך נעהם ביי איהר צו עפּעס פון איהרע געוועהנהייטען, גיב איך איהר אַן אַנדער זאַך. איך בעט זי, אַז זי זאָל שבת ניט לייענען קיין רוסישע ביכער, ווייל מען טאָר ניט, פאָלגט זי מיך, דערפאַר זעץ איך זיך מיט איהר שבת און לערען פאַר איהר איינינע פּלעצער פון דער סדרה חומש און די הפטרה, און זי הערט און שלינגט יעדער וואָרט, און וואָס ווייטער ווערט זי אַלץ מעהר פאַראינטערעסירט, און דאָס מאַכט אויף איהר אַ טיעפען איינדרוק. זי פאַנגט אָן צו ליעב האָבען אונזער תורה און צו אַכטען די מענשען, וואָס קאָנען לערנען די תורה, און וואָס ווייטער ווערען איהרע באַציהונגען צו מיר מיט אַ צערטליכער ליעבע און טיעפער אַכטונג, און איך ווער ביי איהר אַ גאַנצער אויטאָריטעט.

אָבער ניט אימער בין איך אין אַן ערנסטער שטימונג. אמאָל אין אָוועגד זיץ איך מיט איהר און מיט מיין שוואָגער מאיר און איך דערצעהל זיי פון מיינע קינדערשע יאָהרען, פון מיינע צרות, וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטעהן, און אַלע איינצעלהייטען וועגען מיין רייזע פון ליטא צו זיי, און זיי ביידע הערען און וויינען ביטער. זיי האָבען גאָר ניט געהאַט קיין פאָרשטעלונג וועגען אַזאַ אָרמוט.

64. איך וויל אַז אַנדערע זאָלען קענען לערנען.

לערנען אַליין איז אָבער נאָך ניט גענוג, אַ איד דאַרף מרביץ תורה זיין, זעהען אַז אַנדערע זאָלען אויך לערנען. שבת ביי טאָג קלייב איך צונויף עטליכע עלטערע אידען, עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער שווער איז צווישען זיי, און איך זאָג פאַר זיי מדרש אָדער

עין יעקב. זיי איז געפעלען מיין זאָגען, און דער עולם ווערט מיט יעדען שבת גרעסער. אין מיטען וואָך, ווען דער שווער האָט צייט, לערען איך מיט איהם עין יעקב, און די שוויגער מיט מיין פרוי זיצען מיט א האנד־ארבייט און הערען זיך צו.

איבערהויפט האָב איך זיך אָבגעגעבען מיט'ן יונגען דור.

עס זיינען דאָ צוויי מלמדים. דער רבי הערש איז שוין ניטאָ, אַנגעקליבען עטליכע הונדערט רובעל און איז אוועק קיין ליטא צו זיין פרוי און קינדער עפענען דאָרט א קראָם. אויף זיין פלאַץ האָט מען אראָבגעבראכט דעם רבי שמחה, וועלכער קען גמרא און תנ"ך און א גרויסער ליעבהאָבער פון מלבים. דער צווייטער מלמד קען גאָר ניט לערנען. אין דער ליטא געמוזט זיין א בעדער אָדער א בעל עגלה, און דאָ צווישען די פראָסטע מענשען נאָרט ער זיי. ביי דעם רבי שמחה לערנען מיינע שוואָגערלעך, מאיר און יעקב, און נאָך עטליכע קינדער פון אונזערע רייכערע בעלי בתים און פון די ארומיגע דערפער. ביי דעם ערגערען מלמד לערנען די אָרעמערע קינדער, וואָס זייערע טאַטעס קענען ניט צאָהלען געננוג פאר א גוטען מלמד.

יעדען דאָנערשטאָג אבענד באַזוך איך ביידע חדרים, און פאר־הער די קינדער. ביי דעם רבי שמחה געפין איך, אז ער פאר־קלאפּט די קינדערשע קעפּ מיט צופיעל דרשות און דעם פשט ווייסען זיי ניט. די קינדער פיהלען זיך לאַנגווייליג און געפינען ניט קיין אינטערעס אין דעם לערנען. ביים צווייטען מלמד איז פיעל ערגער. די קינדער קענען נאָר אביסעל עברי, און עטוואָס חומש, וואָס איין וואָרט קלעפּט זיך ניט צום צווייטען. ביידע חדרים געפינען זיך אין קליינע צימערלעך מיט פארשטיקטע לופט.

איך בין שטארק אונצופריעדען פון אזא לערנען, און טראכט וואָס צו טאָן. איבערהויפּט איז מיר א שאדען מיין שוואָגער מאיר, א אינגעל מיט אזא טייערען קאָפּ, און פארברייננגט די צייט אין גאָר ניט, און פיעל צייט האָט ער? ער געהט דאָך אין שקאָלע, און אויף אידיש בלייבט נאָר אין אבענד. די ערשטע זאך בעט איך דעם שווער, אז ער זאָל אָבצאָהלען דעם מלמד פאר מאיר'ן פאר'ן גאנצען זמן, און איך פאנג אָן אליין צו לערנען מיט

איהם יעדען אבענד, און לערנען מיט איהם איז א פארגעניגען; ער פארנעהמט א בלאט גמרא פשוט א מחיה.

וועגען די ארימע קינדער האב איך איינגעפיהרט, אז אלע זאלען צאהלען וואכער־געלד אויף א תלמוד תורה, אז מען זאל פאר די ארימע קינדער קענען האבען א גוטען מלמד, און אז אלע קינדער, די רייכערע און די ארימערע צוזאמען זאלען צוטיילט ווערען אויף צוויי חדרים מיט צוויי גוטע מלמדים. קיין באזונדער חדר פאר ארימע זאל ניט זיין; זאלען די ארימע ניט פיהלען, אז זיי זיינען אנדערס פון די אנדערע. די געלד האב איך גענומען באלד קליי־בען, און ביז פסח האבען מיר שוין א פאנד, און אויף זומער האבען מיר אויסער דעם רבי שמחה געהאט נאך א גוטען מלמד, און אלע קינדער האבען געלערענט אין גרעסערע און שעהנערע חדרים.

65. א זומער אין פעלד.

דעם ווינטער נאך מיין חתונה האט מען ביים שווער אויס־געדונגען די פאטשט. געמוזט פארקויפען די פערד און וועגען, צוטיילט זיך מיט'ן שותף, און מיר בלייבען אין צווייען. איך וויים שוין, אז מיין שווער איז גאנץ ווייט פון א גביר.

צו זומער איז דער תבואה געשעפט אביסעל שטילער געווארען, און דער שווער שלאגט מיר פאר, אז איך זאל מאכען א „באשטאן" מיט נתנאל פרים, וועלכער דינגט יעדען זומער גרויסע שטרעקעס ערד און מאכט באשטאנעס, דאס הייסט, וואו מען זעעט קאווענעס, (וואטערמעלאנס). פרים האט זיין אייגען באשטאן, און צוליעב שותפות דינגט מען נאך צעהן דעסיאטינעס (27 אקער) לאנד. מיר לעגען אריין טויזענד רובעל און ער גיט זיין פראקטיק. איך וועל דארפען דארט זיין ווען עס וועט קומען די צייט פון פאר־קויפען.

געקומען די צייט, איך דארף שוין פאהרען אויפ'ן באשטאן. די פרוי מיט דער שוויגער האבען גענומען פאקען אין וועג אריין: א בעט מיט בעט־געוואנט, וויים־גרעט, א סאמאוואר, א טשייניק, גלעזער, שאלען, א טעפעל, א פאר טעלער, מעסער, לעפעל און גאפלען, און אזוי ווי דארט באקומט מען ניט קיין כשר עסען האט

מען אָנגעפּאקט א גאַנצען קאַסטען מיט עסענוואַרג: טעע און צוקער, ברויט אויף א וואָך, א געבראָטענע הוהן, פּוטער, קעז, עט־ליכע קעסטלעך סערדעלען, מאַסלינעס און א זעקעלע מיט מיל־כיגע סוכארלעך, און איך האָב איינגעפּאקט מיין טלית און תפלין, א חומש, א משניות, אַן עין יעקב און א קליין תנ"ך'ל.

מען האָט זיך צוזעגענט גלייך ווי איך וואָלט פאָהרען קיין לייפּציג, און איך בין אוועקגעפאָהרען גלייך אויפ'ן באַשטאַן, וועלכער איז געווען אינגאַנצען צוואַנציג וויאָרסט פון דער היים.

דער באַשטאַן איז אין מיטען פעלד, ווייט פון דאָרף. א גרויסער, גלייכער שטיק פעלד, פיעל די אויג קען זעהן, און אין גאַנצען באַדעקט מיט גרויסע ווייסע קאַוועגעס. ווי מען שטעקט נאָר אריין א מעסער אין א קאַוועז דערלאַנגט ער א קראַך און צו־פּאַלט זיך, און אינוועניג איז ער רויט, גרייפעלדיג און זיס ווי צוקער.

אויפ'ן באַשטאַן געפינען זיך צוויי מענשען, אַן אַלטער גוי יאַשקע, אַן אָרענטליכער שטילער גוי, אמאָל באַלאַנגט צו א פּריץ, א הויז־קנעכט געווען, איז ער זעהר געהאָרכזאַם. יעדען זומער איז ער ביי פּרים'ען אויפ'ן באַשטאַן. דער צווייטער איז א אידי־שער בחור, וועלכער איז אימער אַזוי ווי ברוגז און אונצופריעדען.

די וואָהנונג אויפ'ן באַשטאַן איז באַשטאַנען פון א קורין. דאָס זעהט אויס ווי מען האָט אראָבגענומען פון א גרויסער גע־ביידע א שטרויענעם דאַך און אוועקגעשטעלט אויף דער ערד. קיין ווענד זיינען גאָר ניטאָ און ווען מען קומט אריין אינוועניג קען מען שטעהן נאָר אָין רעכטען מיטען, אָבער אביסעל אָן דער זייט איז באַטש נעהם און לעג זיך. אין רעכטען מיטען האָט יאַשקע אוועקגעשטעלט מיין בעט, וואו איך האָב געשלאָפען נאָר בייטאָג, ווייל א גאַנצע נאַכט מוזען די מענשען ארומגעהן ארום באַשטאַן, אויב ניט וועלען די גוים פון דאָרף צו'גנב'ענען די קאַוועגעס. האָב איך פּשוט מורא צו בלייבען אַליין אין קורין, און געה אויך ארום א גאַנצע נאַכט מיט דעם בחור, און איך געפין אויס, אַז דער בחור איז א שונא ישראל; ער האָט פיינט אידען און אידישקייט, ער האַסט זיין פרומען טאַטען, וועלכער האָט איהם ניט געלאָזען געהן אין אוטשילישצע, פלעגט איהם שלאָגען פאַר דאַוונען צו

גיך, און ווען ער פלעגט איהם כאפּען מיט אַ רוסישען בוך, פלעגט ער איהם פּאַטשען און דאָס בוך צורייסען. איז ער אַנטלאָפען פון דער היים און וואַלגערט זיך אַרום. איך האָב גאַנצע נעכט גע־רעדט צו איהם, דערוויזען די גרויסקייט פון אידישקייט, און פאַרענטפערט זיין טאַטען, נאָר מיינע רייד זיינען געווען אַרויס־געוואָרפען; אין צוויי יאָהר אַרום האָט ער זיך גע׳שמד׳ט און חתונה געהאַט פאַר אַ גויה.

אויפ׳ן באַשטאַן האָב איך זיך זעהר גוט געפיהלט אין גע־זונט, און וואָס איז דער וואונדער? מען האָט פיעל פרישע לופט, געזונג באַוועגונג, מען עסט פרישע אייער, און פון דער היים שיקט מען אַ פּאָר מאָל אין וואָך פון אַלעם גוטען, און פרעהליך איז דאָ אויך; מיין שוואָגער מאיר מיט זיין חבר הושיעלע פרים קומען, און איינינגע מאָל איז געקומען מיין פרוי, און מען ערלויבט זיך אַמאָל אויפ׳ן פרייען פעלד צו שפּיעלען זיך ווי קליינע קינדער.

אַרבייט איז אויך געווען גאַנץ געגוג, מען דאַרף קלייבען די קאַוועגעס, די גרעסערע שיקען מיט פּוהרען קיין פּאָלטאַווע, און די קלענערע פאַרקויפען אויפ׳ן אָרט צו די גוים פון די אַרומיגע דערפער, וועלכע בייטען תבואה אויף קאַוועגעס. עס זיינען גע־ווען טעג, וואָס עס איז געווען אַן אמת׳ער יריד, דאָך האָב איך זיך געפונען צייט אָבצולערנען אַ פרק משניות, און שבת האָב איך זיך גאָר ניט געמישט אין געשעפט; איך בין מיר געזעסען אין קורין, געדאַווענט און געלערנט, און דער אַלטער גוי האָט אָבגעהיט, אַז מען זאָל מיר ניט שטערען.

אָבגע׳פּטר׳ט דעם באַשטאַן, געקומען אַהיים, געמאַכט די רע־כענונג, געבליבען צו פיער הונדערט רובעל פּרנסה אויף אַ חלק, און מיר האָבען פאַרטגעזעצט ווייטער צו האַנדלען מיט תבואה.

66. אונזערע משכילים, די ברידער רעוויזין און סעגאל.

פערעשטשעפּינע מיט איהרע געשעפטען האָט צוגעצויגען פיע־לע אידען; און צווישען די נייע אָנגעקומענע זיינען געווען די דריי ברידער רעוויזין. ליטוואַקעס, וועלכע האָבען שוין לאַנג פאַר־לאָזען ליטאַ און וואָהנען אין מאַלע ראַסיע. מען זאָגט, אַז אַלע

דריי קענען גוט לערנען, און דערצו נאָך זיינען זיי גרויסע קענער אין אַנדערע זאַכען, נאָר מען רעדט אונטער, אז זיי זיינען גע־געבאַפט, ניט פרום.

זיי זיינען אַלע דריי נאָך יונגע לייט. דער עלטערער האָט נאָך ניט געבראַכט זיין פרוי פון ליטא, דער קלענערער האָט א כלה אין דער ליטא, דער מיטעלער האָט חתונה געהאַט דורך ליעבע. ער איז געווען א בוכהאלטער, און זי איז געווען אן ארימע מיי־דעל, אבער א שעהנע, חנ'עוודיגע ברונעטקע, און זעהר א קלוגע. אַט די חנ'עוודיגע ווייבעל, ווי מען רופט זי אַניוטע רעווזין, האלט עם אויף א הויז, און די ברידער וואָהנען צוזאַמען, האַנדלען צו־זאַמען און לעבען טאַקע אמת ברידערליך, אבוואָהל זיי זיינען גאַנץ פארשיעדענע מענשען.

דער עלטערער ברודער, יעקב, קען לערנען, איז באַלעזען, איז א לעבעדיגער מענש, א היציגער, אויסגעמישט מיט מענשען, אי־מער מיט א גוטען גלייכווערטעל, און א נשמה א פּאַעטישע, ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן איז ער גאָר געוואָרען א פּאָעט. דערצו איז ער א שעהנער בעל מנגן. ווען ער שיינקט אונז אמאָהל א ראש חודש בענשען, אדער א הלל, איז פאראַן וואס צו הערען, און ווען ער האָט געדאַוונט ראש השנה און יום כפור, און די ברידער האָבען געהאָלפען, איז דאָס שוין איין מאָהל געווען א דאַוונען. יום כפור צו דער עבודה האָבען זיי די וועלט איינגע־לעגט, טייכען טרערען פארגאָסען, ,קענטיג זיי טוט וועה, וואס מיר האָבען דאָס אַלץ פארלאָרען.

דער מיטעלער ברודער, איסאַק, איז אויך א גוטער תלמודיסט, האָט פיעל געלערענט די אַלטע אידישע חקירה ספרים, איז גוט באַקאַנט מיט די בעסטע רוסישע שרייבער, איז א גוטער בוכ־האלטער, געהאַט א גוטע שטעלע, נאָר פארוואלט זיין אליין א סוחר; און, ווען שפּעטער זיינען די געשעפטען געווען ניט אמ־בעסטען, פלעגט ער זיך פארקלייבען זומער אויפ'ן בוידים און לער־נען אדוואָקאטוריע, און האָט טאַקע אויסגעהאלטען עקזאַמען און געוואָרען א גוטער אדוואָקאַט.

דער קלענערער ברודער, יוסף, איז א בחור, וואס קען גוט לערנען און איז גוט באַקאַנט מיט דער רוסישער ליטעראַטור,

נאָר ער איז זעהר א שטילער. מען קען גאָר ניט באמערקען ביז מען ווערט נאָהענט באקאנט מיט איהם.

אין דער זעלבער צייט איז צו אונז אָנגעקומען האנדלען נאָך א יונגער מאן, אברהם יהודה סעגאל. ער וויים ווענינ וועגען געשעפט, נאָר ער האָט אביסעל געלד, און ביי אונז האָט ער געפונען א איי־דען א סוחר אָהן געלד, האנדעלט מען בשותפות. אָט דער סעגאל האָט געצויגען אויף זיך איינגאנצען מיין אויפמערקזאמקייט. ער איז עפּעס גאָר א מאָדנער מענש. ער זעהט אויס ווי אן אמת'ער פרומער יונגער מאן, און זיין אויפפיהרונג איז פון א תלמיד חכם ווי דער רמב"ם לערענט אונז אין הלכות דעות, ווען ער רעדט, רעדט ער שטיל, ניט געכאפּט, היינט זיין דאוונען איז אזוי שעהן, איינציגע ווערטער, א מחיה צו הערען. דאכט זיך אלעס גאָר ווי געהעריג, און דאָך רעדט מען, אז ער איז א גרויסער אפּיקורס. מען דערצעהלט, אז ער קומט פון זאמוט. געווען א איינגעל מיט א גוטען קאָפּ און געקענט גוט לערנען. דער שווער זיינער, א פּאָל־טאווער פרומער איד, מיט א בת יחידה, האָט איהם באקומען פאר אן איידים, צוגעזאָגט אייביגע קעסט, אבי ער זאל נאָר זיצען און לערנען, און דער חברה מאן, אנשטאט זיצען און לערנען תורה, האָט זיך גאָר גענומען צו חקירה ספרים, און איז געכאפּט געוואָרען. ווען זיין שווער איז געשטארבען, איז ער געבליבען מיט א ווייב, מיט דריי קינדער מיט אן אלטער שוויגער און מיט א ביסעלע געלד, איז ער דאָס געקומען צו אונז זוכען פּרנסה.

67. מיין גייסטיגע רוהיגקייט צושטערט.

דעם צווייטען ווינטער נאָך מיין חתונה זיינען די געשעפ־טען געגאנגען גוט. דורכ'ן טאָג איז פאראן פיעל ארבייט, אבער די נעכט זיינען פריי פאר מיר. איך לערען אָב מיט מיין שוואָ־גער מאיר און זעץ זיך אליין לערנען ביז האלבע נאכט. איך האָב שוין אָבגעלערענט פיעל מגן ארץ און יורה דעה, און עס פרעהט מיך, וואס איך בין קלאָהר אין די אלע נויטיגע דינים, אָהן וועלכע א איד קען זיך ניט א קעהר טאָן, און איך דאנק גאָט, וואס ער האָט מיר געהאָלפען צו לערנען די תורה און צו מקים זיין וואָס די

תורה הייסט, און איך פיהל א טיעפע צופריעדענהייט און א פאָל־קאָמע גייסטיגע רוהיגקייט. נאָך איין זאַך האָב איך נאָר אמאָהל געבויינקט, נאָך א געזעלשאַפט פון מענשען וואס קענען לערנען. ווען די ברידער רעוויזין זיינען אָנגעקומען, האָבען מיר גאַנץ גיך באַקאַנט זיך, ווערליג אין א קליין שטעדטעל, און מען האָט אָנגע־פאַנגען אריינקומען איינער צום צווייטען. אמת, מיר האָט אבי־סעל געשטאַכען אין הארצען, וואס זיי געהען ארום אין שטוב אָהן היטלען, און וואס דאָס ווייבעל געהט מיט די אייגענע האָר, דאָך האָב איך זיי אינגיכען ליעב באַקומען אלס פיינע, ארענטליכע מענשען, מיט וועלכע מען קען עפּעס ריידען אויסער האנדעל, און מיר רעדען זעהר פיעל.

ביי זיי אין שטוב האָב איך זיך געטראָפען מיט סעגאַלען. גאַנץ אָפט פלעג איך טרעפען די פיער יונגע לייט גוט צוהיצט, מען שיט מיט שטיקער מורה נבוכים, כוזרי, און מען דערמאָהנט נעמען ווי קראָכמאַל, שד״ל ריב״ל און אנדערע.

אינגיכען האָב איך זיך מיט סעגאַלען נעהענטער באַקאַנט, און אזוי ווי ער איז דאָ אָהן דער געזינד, קומט ער אריין צו אונז אין אבענד, מיר זיצען אמאָהל און לערנען א בלאַט גמרא, נאָר אממייסטען פלעגען מיר ריידען, דאָס הייסט, אייגענטליך האָט ער גערעדט, און איך האָב געהערט, און גערעדט האָט מען וועגען תנ״ך, וועגען תלמוד, וועגען אידען און וועגען אידעשקייט, און איך פאַר־שטעה איהם ניט. ער האָט עס אלעס, דאַכט זיך, אזוי ליעב ווי איך, און דאָך רעדט ער ארויס עפּעס אזעלכע זאַכען, פון וועל־כע איך ווער פארציטערט, און דאָך ווילט זיך הערען. איך הייץ זיך און פרעג קשיות, און ער ענטפערט גאַנץ קאַלטבלוטיג. א מאָד־נער איד, טראַכט איך, היט אָב וואס א איד דאַרף אָבהיטען, און ווייזט אויף, אז פיעלע זאַכען זיינען יעצט אינגאַנצען איבעריג. „וואס הייסט איבעריג?״, טראַכט איך, ווען איך בלייב אליין, וואס קען זיין איבעריג פאַר א אידען?״, און וויל אוועקמאַכען מיט׳ן האַנד אינגאַנצען זיינע רייד, איך קען דאָס אָבער ניט, עס טראַכט זיך; און עפּעס אזעלכע געדאַנקען קומען ארויף, אז גאָט זאָל מיך נאָר ניט שטראָפען פאַר זיי.

און איין זאַך נאָר גיב איך צו, אז ער איז פאָלקאָם גערעכט.

ער האָט צו מיר א טענה פארוואס קאָן איך ניט קיין דקדוק. „ווי אזוי קאָן אזא יונגערמאן אויסקומען אָהן דקדוק? ווי אַזוי קאָן מען גאָר פאַרשטעהן א פסוק רש"י? היינט די עברי, וואס מען זאָגט, איז דאָך גאָר קיין עברי ניט," טענה'ט ער און וואונ־דערט זיך. איך זעה, אז ער איז גערעכט, און פאנג אָן צו לער־נען דקדוק. דאָס איז א גרינגע שטיקעל ארבייט, מען דארף גאָר לערנען אַביסעל, און חזר'ן קאָן מען דאָך אפילו ארומגעהענדיג אין מארק, אדער ביי דער נאכט ליגענדיג אין בעט. אין גיכען האָב איך שוין געקענט דקדוק און האָב אפילו אליין אָנגעשריבען אין קורצען א גאנצען ספר'ל וועגען דקדוק.

דערווייל האָט סעגאל געבראכט פון דער היים צוויי ספרים, און בעט איך זאָל עס איבערלעזען מיט קאָפּ. דאָס זיינען גע־ווען דער תעודה בישראל און דער בית יהודה. שעהנע עטליכע נעכט האָב איך ניט דערשלאָפען איבער די צוויי ספרים. ניט איין מאָהל האָט מיין ווייבעל געבעטען זיך איך זאָל רחמנות האָבען אויף מיין געזונט און געהן שלאָפען. מיך נעהמט אָבער ניט קיין שלאָף. אין דיעזע ספרים איז דאָך דערוויזען פון תנ"ך, פון תלמוד און אנדערע ספרים, אז מיר אידען זיינען אין פיעלע זאכען פארפיהרט און פארנארעשט. איבערגעלעזען די ספרים, בעט איך נאָך אזעלכע ספרים, און סעגאל ברייגגט מיר.

איך לעז זעהר פיעל השכלה ספרים און חקירה ספרים. איך זוך, איך דענק, עס לאָזט מיך ניט רוהען, איך וויל דערגעהן דעם אמת; און עס קומען ארויף געדאנקען, וועלכע שרעקען מיך; וויל איך זיי פארטרייבען, קומט פאר אן אינערליכער שרעקליכער קאמפף, איין געדאנק באקעמפפט דעם צווייטען. אמאָהל איז איינער שטארקער און אמאָהל דער צווייטער, און איך זעה ניט קיין ענדע צו דער מלחמה, פון וועלכער מיין הארץ בלוטיגט און מיין נשמה ווערט פארניפטעט, און מיך שרעקט דער געדאנק, אז פיליכט איז אויף אייביג צושטערט מיין גייסטיגע רוהיגקייט.

68. דער רמב"ם מיט פיש זיינען ניט קיין פאַר־קליידער.

איך האָב זיך גענומען לערנען דעם רמב"ם'ס מורה נבוכים.

עס געהט דאָך צו זומער, ווערט דאָס געשעפט פון תבואה שטי־לער, ווערט זיין גענוג צייט צו לערנען, און דאָס איז א ספר, וועל־כער פאָדערט אי קאָפּ אי צייט.

דאַרף אָבער גאָט העלפן, אז מיין שווער זאָל זיך פארוועלען האנדלען מיט פיש. פאָהרט ער קיין ראסטאוו, קויפט א פּאָר וואגאָנעם געזאלצענע, געדרייכערטע און געטריקענטע פיש. קומט, און לאָזט וויסען די קרעמער, אז ער פארקויפט פיש אפּטאווע (האָלסייל), האָט מען זיך א לאָז געטאָן ווי נאָך מצה־וואסער. מען האָט די פיש צוכאפּט, און עס בלייבט א פּאָר הונדערט רובעל פרנסה.

אויב אזוי, לויפט דער שווער קיין ראסטאוו, און קויפט גאנ־צע צעהן וואגאָנעם פיש. ער קומט צוריק. די פיש דאַרף אָנ־קומען אין א פּאָר טעג ארום. מען גרייט צו א גרויסען שפּייכ־לער, און מען ווארט אויף די פיש; און די פיש איז ווי אין דער ערד אריין. מען טעלעגראפירט קיין ראסטאוו: „גדיע ריבא?״ — וואו איז די פיש? — ענטפערט מען: „ריבא וויסלאנע״ — די פיש האָט מען ארויסגעשיקט. — די קרעמער שלאָגען אָב די שוועלען, מען דאַרף די פיש. עס פליהען טעלעגראמעס. מען זוכט די פיש, און מען געפינט אויס, אז על פּי טעות האָט דער באהן פארפיהרט ניט וואוהין מען דאַרף.

אין א פּאָר וואכען ארום איז מיט מזל די פיש אָנגעקומען. אראבגעפיהרט אין שפּייכלער, ערשט עס איז א גרויסע צרה. די טרוקענע טאראנקעס, די געדרייכערטע קוראנקעס זיינען פארשי־מעלט, די גרויסע פעטע טשאבאנעס זיינען פּשוט צופוילט, און די הערינג צוקראָכען. אן עיפּוש דערשטיקט צו ווערען. צו לאנג אין וועג געווען, פרישע סחורה, פארשפּארט אין די וואגאָנעם, ווארימער וועטער, האָט עס אנדערש ניט געקענט זיין. און עס פאנגט זיך אָן א סדרה פון סארטירען, איבערקלייבען, ווישען און וואשען און טריקענען. מען ארבייט, איך ווער דערשטיקט פון די פארשיעדענע ריחות, די הענד ברענען פון זאלץ, און אויפ׳ן האר־צען איז קאלעמוטנע. מען ווערט פּטר׳ן א שעהן ביסעל געלד. א היבשע ביסעל סחורה האָט מען במחילה געדאַרפט ארויספיהרען און באגראבען גאנץ טיעף אין דער ערד, און די בעסערע האָט מען

גענומען פארקויפען ביסלעכווייז אויף גאנץ נידעריגע פרייזען. דער שווער וויל דערמיט ניט דרעהען זיך דעם קאָפּ, ער זוכט זיך אַנדערע ארבייט, און מיר לאָזט ער איבער צו ליקווידירען דעם שעהנעם געשעפט מיט די פיש.

זיץ איך א גאנצען טאָג צווישען די שמעקענדיגע פיש, און לערען מיר דעם מורה נבוכים. פאַלען אין מיטען אריין די פּערעקופּקעס, אָט די שרייענדע גויעס, וואס זיצען אין מארק מיט פארשיעדענע עסענוואַרג, מאכען זיי א טומעל ביז אין הימעל אריין, שלעפּען אוןווארפען די פיש, דינגען זיך אכטצעהן מאָהל איבער, זאגען מיר גראָבע גלייכווערטליך, און שרייען, אז איך בין גאָר קיין סוחר ניט; און איך דענק, אז זיי זיינען גערעכט, אז דער רמב"ם מיט פיש זיינען ניט קיין פּאָר־קליידער. אזוי האָב איך זיך אָבגעמאטערט א פּאָר מאָנאטען, ביז מען איז פטור געווארען פון די כיש מיט אכט הונדערט רובעל.

69. וואָס הייסט אידישקייט.

נאָך די פיש איז נאָך געבליבען גענוג פרייע צייט ביז די תבואה געשעפטען פון נייען יאהר וועלען זיך אָנפאנגען. אונזערע סוחרים פארברייגען די צייט אין קאָרטען שפּיעלען, און איך זיץ מיר די לאנגע זומער טעג פארשפּארט אין מיין צימער, און וויל אויסגעפינען וואס הייסט פּאָרט אידישקייט. איך זעה, אז מיר האָבען צונויפגעמישט אונזערע גרויסע גייסטיגע אוצרות מיט פּיעלע קליינינקייטען. מען האָט אונזער שעהנעם וויינגאָרטען אזוי ארומגעצאמט צו פארהיטען איהם, אז מען קאָן ניט צוקומען צו די פרוכטען. איך וויל וויסען וואס זיינען די הויפּט פרינציפּען פון יודענטום נאָך וועלכע איך דארף לעבען אלס מענש און אלס איד. פון איין זייט זעה איך אונזערע פרומע אידען, צווישען וועלכע עס געפינט זיך נאָר א קליינע צאָהל ערנסטע פרומע, וועלכע טראגען מיט צופריעדענהייט די גאנצע לאַסט פון אלעס, וואס זיי רעכענען, אז דאָס איז אידישקייט; די מעהרערע אבער פון אָט די זאָ־גענאַנטע פרומע זיינען אדער צבועים אדער אבערגלויבער, זייער אידישקייט באַשטעהט פון אייניגע טרוקענע דינים, און אין

הארצען פעהלט ביי זיי די גאָטהייט, וועגען וועלכער זיי ריידען; און פון דער צווייטער זייט זעה איך אידען, וועלכע רופען זיך „פרייע דענקער," און צום באדויערען זיינען זיי ניט נאָר ניט קיין דענקענדע מענשען, נאָר זיי זיינען אויך ניט קיין פרייע מענשען, זיי האָבען זיך נאָר באפרייט פון דעם „מע טאָר ניט", אָבער זיי זיינען פארשקלאָפט צו זייער „עס ווילט זיך." איך זוך ניט אזא פרייהייט. איך וויל זיך ניט באפרייען פון תורה און מצוות, איך וויל נאָר דענקען פריי, ניט דענקען אימער מיט ארויפגעצוואונגע־נע געדאַנקען; איך וויל נאָר וויסען און פארשטעהן דעם אמת וואס הייסט אידישקייט. און איך באשלים אָנצופאנגען צו לער־נען פון דאָס ניי אונזער תורה און אונזערע שפעטיגערע שריפ־טען; און איך טרעט צו צו דער ארבייט ניט חלילה צו ברעכען און צו שטערען; איך וויל נאָר אריינדרינגען אין יעדער זאַך, באגרייפען דעם גייסט דערפון און געפינען דעם אמת. איך פאַנג אָן צו לערנען אונזער תורה, איך שטודיר אונזערע נביאים, איך לערען אונזער תלמוד און אונזערע חקירה ספרים און איך שטודיר אונזער געשיכטע.

די יאהרען פליהען, אומשטענדען בייטען זיך, עס קומען שוועריגקייטען אין לעבען, און דאָך געפין איך אימער צייט צו לערנען. לערנען איז א טייל פון מיין לעבען, און וואס ווייטער פאנג איך אָן אַלץ מעהר צו פיהלען גאָר אן אַנדער געשמאַק אין מיינע אידי־שע למודים. דאָס לערנען אליין אָן און פאר זאַך פארשאפט מיר יעצט א גרעסערען גייסטיגען פארגעניגען איידער איך האָב פריהער געפיהלט פון מיין לערנען. עס עפענט זיך פאר מיר א ברייטערע אידישע וועלט, איך געפין געגוג גייסטיגע שפייז פאר מיין קאָפּ און פאר מיין הארץ.

וואס מעהר איך לערען דעם תנ"ך אלץ מעהר פארשטעה איך איהם, און וואס מעהר איך פארשטעה, אַלץ מעהר באוואונדער איך און פארגעטער איהם. דער תנ"ך עפענט פאר מיר א קוואַל פון העכערע געדאנקען און טיעפערע געפיהלען, איך באַקום א באַ־גריף פון יושר, פון גערעכטיגקייט און פון מאָראַל; אין דעם תנ"ך קאָן איך אימער אויסגיסען מיין הארץ און געפינען אן אמת'ן טרויסט וואָרט. איך האָב אין אַלגעמיין ליעב פּאָעזיע,

אָבער קיין פּאָעזיע אפּעלירט ניט אזוי שטארק צו מיין הארצען ווי די פּאָעזיע פון אונזערע נביאים, פון אונזערע הייליגע דיכטער. זייער פּאָעזיע איז גרויס און ערהאבען מיט איהר טיפען ערנסט, מיט איהר אומנעהמען די וועלט מיט אַלע איהרע ערשיינונגען, און מיט איהר טיפען אריינדרינגען אין אלע באוועגונגען פון אונזער נשמה. אין קיין אנדער פּאָעזיע געפין איך ניט דעם הארציגען מיט־געפיהל, מיט וועלכען אונזערע נביאים באַקלאָגען דעם מענשענ'ס אומגליק און פארצווייפלונג, און ווער קאָן אזוי ווי אונזערע נביאים מיט אזא ענטוזיאזם באזינגען דעם מענשענ'ס האָפענונג און פרייד? אונטער אַלע אומשטענדען האָט דער תנ"ך אין זיך א קראפט ארויסצורופען אין אונז א העכערע שטימונג, וועלכע הויבט אונזער מידע נשמה צו העכערע הימעלשע ספערען, אז מען זאָל קאָנען א ווייַלע פארגעסען די ביטערקייט פון דעם לעבען.

און לערנענדיג יעצט דעם תלמוד האָב איך ערשט גענומען פארשטעהן די וואונדערבארע קאָלעקציאָן פון א גרויסער מענשליכער שאפונג. איך דערזעה די גרויסקייט פון דער הלכה מיט איהרע טיעפע, שארפזיניגע און הומאנע געזעצען צווישען מענשען, און איך דערפיהל די גאנצע שעהנהייט פון דער אגדה מיט איהר נאאיוויטעט, וועלכע שפּיגעלט אין זיך אָב דעם לעבען פון מיין פאָלק מיט זיין באגרייפען וועגען גוט און שלעכט.

איך לערען די אידישע געשיכטע און פאנג אָן צו פארשטעהן די לעבענס קראפט פון דעם אידישען פאָלק. איך זעה ווי מיין פאלק איז צוריבען געוואָרען אזוי ווי שטויב און צושפּרייט אויף אַלע פיער עקען פון דער וועלט; זייט צוויי טויזענד יאהר ווערט ער געדריקט און געפּלאגט, געשלאָגען און געיאגט, און דאָך לעבט ער מיט דעם כח פון זיינע אידעען, און פון זיינע טיעפע איבערצייגונגען. איך דערזעה פאר זיך א פאָלק, וועלכעס האָט ענטוויקעלט זיינע גייסטיגע קרעפטען, אז ער זאָל ניט קאָנען באקעמפפט ווערען פון אַלע קערפּערליכע און מאַטעריעלע קרעפטען; א פאָלק, וועלכעס זאָל ניט זיין אבהענגיג פון צייט און אָרט, פון ענדערונגען און פּאָליטישע איבערקערענישען. ווען די גאנצע ערד איז פאר דעם אידען א גיהנום געווען, האָט ער פאר זיך געהאַט אנדערע

ברייטערע, העכערע וועלטען פול מיט ליכטיגקייט, און אין דער גרעסטער ערנידערונג האָט דער איד אימער געפיהלט א נאָבעלען שטאָלץ, וואס ער איז דער טרעגער פון העכערע אידעאַלען, וועלכע וועלען איהם געבען קרעפטען איבערצולעבען זיינע פייניגער.

איך לערען אונזערע חקירה ספרים, אונזערע פילאָזאָפישע ווערק, און איך זעה ווי פיעלע פון אונזערע גרויסע מענשען האָבען אויך געוואָלט באַשטימען ווער זיינען די עיקרים, די הויפּט פרינציפּען אין יודענטום. פאַרשיעדען זיינען זייערע מיינונגען. פון אלע זייערע חקירות און פון אלעס וואס איך האָב אליין געלערענט בין איך געקומען צום באַשלוס, אז דער ערשטער פרינציפּ אין יודענטום איז דער גלויבען אין איין גאָט, אין א גייסטיגען, הייליגען גאָט, וועלכער איז דער גאָט פון רחמנות, פון ליעבע און גערעכטיגקייט צו אלעמען און צו אלעס וואס עקזיסטירט אויף דער וועלט.

אמת, איך האָב ניט קיין דייטליכע פאָרשטעלונג פון מיין גאָט, אבער דערפאַר האָב איך א דייטליכען באַגריף פון זיינע פאָדערונגען. ער זאָגט: „אויב איך בין דיין גאָט, זאָל מען די גאָטהייט אין דיר אליין זעהען; „קדושים תהיו כי קדוש אני ד' אלהיכם", הייליג זאָלט איהר זיין ווייל איך בין הייליג אייער גאָט; און אזוי ווי איך זאָלט איהר זיין פול מיט רחמנות, מיט ליעבע און גערעכטיגקייט צו אלעמען און צו אלעס."

איך פאַרשטעה, אז אויב דער גלויבען פיהרט ניט צו טוגענד און גערעכטיגקייט, דאַן איז דאָס גלויבען גאָר ניט ווערט. אמת'ער גלויבען מוז זיך אויסדריקען אין אונזער מאָראַלישער אויפפיהרונג. און אלעס מוז זיין געבויט אויף אמת; מען מוז זיין אמת צו דער וועלט, און נאָך מעהר מוז מען זיין אויפריכטיג, אמת צו זיך אליין, אז מיר זאָלען זיך אליין ניט נאַרען. און מיר דאַרפען ניט זיין ווי א קינד, וועלכעס איז געצוואונגען וואס צו טאָן און וואס ניט צו טאָן, ערוואַרטענדיג א באַלוינונג אָדער מורא האָבענדיג פאַר א שטראָף. טוגענד און מאָראַל דאַרפען ניט זיין נאָר אלס בעפעהלע, נאָר דאָס הארץ קומען פון א טיעפער איבערצייגונג און פון א פאָלקאָמער וועלט אנשויאונג; מען מוז אין זיך ענטוויקלען דאָס געפיהל, וועלכעס פאָדערט פון דעם מענ־

שען טוגענד און מאָראַל; און די גרעסטע באַלוינונג דאַרף זיין די גייסטיגע צופריעדענהייט, ווען אונזער געוויסען איז ריין און רוהיג, ווען מיר ווייסען, אַז מיר העלפען אונזערע מיט־מענשען צו מאַכען דעם לעבען גרינגער, בעסער און שעהנער; און די גרעסטע שטראָף דאַרף פאַר אונז זיין די חרטה, די געוויסענסביסע, וועל־כע זאָלען פאַרוואַנדלען אונזער האַרץ אין דעם גרעסטען גיהנום; און אום צו קאָנען קאָנטראָלירען אונזערע נייגונגען מוזען מיר ענט־וויקלען אין זיך די פעהיגקייט פון זעלבסטבאַהערשונג; און איך בין איבערצייגט, אַז דיעזע פעהיגקייט קאָן מען ענטוויקלען דורך געוואָהנהייט און איבונגען, און איבערהויפּט דורך דעם, וואָס מיר זאָלען זיין פעסט אין אונזערע פּרינציפּען, אַז די זאַך, וואָס מען טאָר ניט, זאָל ווערען פאַר אונז ווי אַן אוממעגליכע זאַך, און אוממעגליכעס קאָן זיך וועלען נאָר אַ קליין קינד.

אַ צווייטע זאַך, וואָס דער יודענטום פאָדערט פון אונז איז, אַז מיר זאָלען גלויבען אין דאָס וואָס מיר רופען ביאת המשיח, דאָס מיינט, דאָס גלויבען אין דער אויפלעבונג פון אידישען פאָלק און די האָפענונג אויף אַ בעסערע צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענשהייט, ווען עס וועלען מעהר ניט זיין קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע; ווען די שווערדען וועט מען איבערמאַכען אויף אַקער־אייזענס; ווען מענשען וועלען מעהר ניט לערנען זיך מלחמה האַלטען; ווען דער וואָלף וועט אין פריעדען לעבען מיט דער שעפּעלע; און, ווען די מענשהייט וועט האָבען נאָר איין גאָט, אונזער גאָט, און אונזערע אידעאַלען וועלען פאַרווירקליכט ווערען אויף דער גאַנצער וועלט. „כי מציון תצא תורה", וויל פון ציון וועט אַרויס די אמת'ע לעהרע פאַר דעם מענשען.

אָט אַזאַ גלויבען אין אָט אַזאַ גאָט, און אָט אַזאַ גלויבען אין אָט אַזאַ צוקונפט האָבען דעם אידען געמאַכט אַנדערש פון אַלע פעלקער, און איך דענק, אַז דאָס איז דער יודענטום, און איך פאַר־שטעה ווי אונזער תורה און אונזערע חכמים האָבען געזעהען מיט אַלעם וואָס נאָר מעגליך צו פאַרשטאַרקען און אויפצוהאַלטען אין דעם אידישען פאָלק זיין פאַראייניגונג און אָבגעזונדערטקייט פון דער וועלט. שטאַרק און שעהן איז אונזער שבת און אונזערע ימים טובים, וועלכע האָבען זעהר פיעל געהאָלפען אין אונזער עקזיס־

טענץ און אין אונזער צוזאמענגעבונדענהייט; א גרויסע ראָליע שפּיעלען אויך די אַלע דינים פון דיעטע, און דאָס גלייכען, וועל־כע האָבען פּארהיט די געזונטהייט פון אונזערע קערפּער און די ריינקייט פון אונזערע נשמות.

יאָ, איך האָב געלערענט, און וויפיעל מיינע פעהיגקייטען האָ־בען מיר ערלויבט האָב איך פארשטאַנען וואס הייסט אידישקייט, און אין דיעזער הינזיכט האָב איך מיין גייסטיגע רוהיגקייט צו־ריק געפונען, און, דאַכט זיך, א מעהר באוואוסטזיניגע רוהיגקייט מיט א שעהנערען שטאַרקערען אינהאַלט. פיליכט האָט זיך מיין רעליגיעזער אויסזעהען עטוואס געביטען, אבער מיין גאָט איז אימער אין מיין הארצען, און ער איז מיין וועג־ווייזער אין מיין לעבען. וועגען מיינע באַציהונגען צו מיינע מיט־מענשען זאָלען אנדערע זיין מיינע ריכטער, און וואָס עס באלאַנגט צו מיינע גע־פיהלען צו מיין פאָלק קאָן איך זאָגען, אז וואָס מעהר איך האָב געלערענט אונזער תורה און אונזער געשיכטע אַלץ גרעסער און שטאַרקער איז געוואָרען די ליעבע מיינע צו מיין פאָלק, אַלץ טיע־פער און ברענענדער איז געוואָרען מיין וועהטאג פאר זיינע ליי־דען, און אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער איז געוואָרען די שטרעבונג צו זעהן די אויפלעבונג פון מיין פאָלק.

70. מיין ערשטער קינדבעט.

מיין פרוי, די זיבעצעהן יאהריגע אידענע, דאַרף שוין אין גיכען ווערען א מאמע. גאַנץ אָפט טרעפט, אז מיין פארשטעלונגס קראפט צושפּיעלט זיך, און איך שטעל זיך פאָר א שעהנע, געזונ־טע קינד, וועלכעס ברייננגט אריין פאר אונז א נייעם אינטערעס אין לעבען, איך קוק אויף מיין ליעבער פרוי ווי אויף א יונגען בוים, וועלכער האָט זיך ערשט צובליהט און וועט באלד ברייננגען שעהנע פרוכטען; און ביי מיין פרוי דריקט זיך אויך אויס א באַהאַלטענע, צניעות׳דיגע צופריעדענהייט, וואס זי וועט באַלד א מוטער ווערען.

דאָס טראָגען אָבער ווערט איהר פון טאָג צו טאָג אַלץ שווע־רער. זי טראָגט אונגעהייער גרויס, און ליידעט אָפט פון גרויסע

וועהטאָגען, און איהרע וועהטאָגען טוען מיר אויך זעהר וועה. ווען זי פאנגט אָן צו דרעהען זיך און קרעכטשען, דערפיהל איך אַ וועהטאָג אינוועניג גלייך ווי דאָס קינד וואלט אין מיין בויך געווען.

איינמאָל אין מיטען נאכט ווערט איהר זעהר ניט גוט. זי בעט איך זאָל רופען די מאמע. די מאמע לויפט אריין האלב טויט. מען שיקט באלד נאָך דער באָבען. די באָבע איז אַן על־טערע גענימע פרוי, וועלכע וויים גוט, וואָס מען דארף טאָן צו אַ שווערער געווינערען. מען האָט באלד אָבגעעפענט די טירען פון די שראנקען און ארויסגעשלעפט אַלע שיפלאָדען פון די קאמאָ־דען. זי זאָגט, אז דאָס איז אַ גוטער מיטעל, אז פאר דעם קינד זאָל זיך גרינג עפענען אַ וועג, אז ער זאָל ארויסקומען אויף דער וויסער וועלט. דאָס אבערגלויבען קריינקט מיך זעהר, אָבער איך וועל דאָך יעצט ניט שטעלען זיך פילאָזאָפירען מיט די ווייבער. היינט צום באדויערען האָבען זיי זיך איבערצייגט, אז זייערע מיטלען העלפען ניט. די געווינערען מאטערט זיך שרעקליך. הייסט די באָבע שיקען נאָכ'ן פעלדשער. וואס דער פעלדשער האָט דאָרט געטאָן וויים איך ניט. איך פארשטעה נאָר, אז איהרע וועה־טאָגען ווערען אונערטרעגליך. איך קוק אריין אין שלאָף־צימער, און זעה ווי אזוי מיין פרוי פארקוועטשט די צייהן, דער פנים ברענט, און די אויגען דריקען אוים אַ ים מיט שמערצען, און מיט אמאָהל רייסט זיך ארוים אַ שרעקליכער געשריי, פון וועלכען איך ווער פארציטערט, עס כאפּען מיך אָן מורא'דיגע קרעמפּפען, עס דריקט מיר צונויף אין הארצען און די פּים ברעכען זיך אונטער.

אין שטוב איז אַ יללה, און עס נעהמט ניט קיין ענדע. דער פעלדשער הייסט שיקען נאָך אַ דאָקטאָר. מען שיקט נאָך אַ דאָק־טאָר, און דער שרעק ווערט נאָך גרעסער. די שוויגער קומט ארוים מיט פארשוואָלענע אויגען פון געוויין, און זאָגט צו מיר וויינענדיג: „מיין קינד, פיינה רבקה, זאָל געזונד זיין, וויל דיך זעהן." איך געה אריין מיט אַן אראבגעלאָזענעם קאָפּ ווי אַ פאר־ברעכער, און טראכט, אז איהר שווער הארץ ווערט זי אויסלאָזען צו מיין קאָפּ, ווי עס טרעפט אָפט צווישען יונגע ווייבלעך. צו מיין גרויסען וואונדער אבער באגעגענט זי מיך מיט אַ קינדער־

שען ליעבען בליק, שטרעקט אוים איהרע הענד, צאַפּעלט זיך ווי א געבונדענע טייבעלע, און בעט זיך: „ליעבינקער, טייערער מיי־נער, העלף מיר, מיר איז זעהר ניט גוט“! איך בויג זיך אָן צו איהר, וויין ביטער, און בארוהיג זי, און זי כאַפּט מיך ארום מיטביידע הענט, דריקט מיך צו זיך מיט וואונדערבארע קרעפטען און בעט זיך: „ראַטעוועט מיך!“

ווייטער געדענק איך ניט. צו זיך בין איך געקומען אין א צווייטען צימער, וואו דער פעלשער איז געווען נעבען מיר. דער דאָקטאָר איז געקומען. אלעמען ארויסגעשיקט פון צימער, גע־בליבען אליין מיט'ן פעלשער. יעדער מינוט הער איך געשרייען פון א שרעקליכען קאמפף צווישען לעבען און טויט, און איך פיהל, אז מיט יעדער מינוט געהען מיר אוים מיינע קרעפטען, ביז מיר האָבען דערלעבט דעם מאָמענט, ווען דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אז די געווינערען איז שוין אויסער געפאהר.

איך וויים ניט אויב מיין פרוי האָט געהאט, אדער דער דאָק־טאָר האָט גענומען, איך וויים נאָר, אז איך האָב דערזעהן צווי שעהנע מיידעלעך ליגען טויטע ניט וויט פון זייער האלב בא־וואוסטלאָזער מוטער.

מיין שווינער האָט א לאנגע צייט געהאט א רעכטע שטיקעל ארבייט אָבצוהיטען מיט'ן עסען און טרינקען ניט נאָר די טאָכ־טער, נאָר אויך דעם איידעם נאָך זיין ערשטען קינדבעט.

71. מיין פריזיוו (1879).

באלד א טאטע, און ערשט איין־און־צוואנציג יאהר אלט, און מען דארף שטעהן צום פריזיוו. איך האָב צווייטע לגאָטע אלם אן עלטערער זוהן ביי די עלטערען, ווייל מיין עלטערער ברודער מרדכי, איז צוגעשריבען אלם א בן יחיד ביי א מומען אן אלמנה בדי ער זאָל ניט דארפען זיין קיין סאָלדאט. מיט א צווייטער לגאטע אבער איז מען ניט גאָר זיכער. טאָמער קומט איינער ניט צום פריזיוו, אדער מען פארבראקירט איינעם, נעהמט מען צוויי־טע לגאָטע. הייסט עס, אז מען מוז מאכען ערשטע לגאָטע, און דערצו דארף מען נאָר האָבען א פּאַפּיער, אז דער טאטע איז ארי־

בער פופציג יאהר, און ער איז ניט פעהיג צו ארבייטען, און אז איך בין דער גאנצער ברויט־געבער. שיקען מיר געלד אין ליטא, אז מען זאָל ארויסשיקען אזא פאפיער. ענטפערט מען, אז מען דארף נאָך געלד. שיקט מען ווייטער געלד, און מען ווארט אויף די פאפיערען, און די פאפיערען קומען ניט, און אָט איז שוין דער פריזיוו.

אין שטוב איז א חורבן, מען זאָגט, אז איינער פון די פריזיוניקעס איז א קראנקער, לגאָטניקעס זיינען מיר דריי, און אויב איך נעהם דעם ערשטען נומער פון די לגאָטניקעס בין איך א פאר־טיגער סאָלדאט, און איך בין גאָר א קליינער בעלן צו פארבייטען דער שווינער׳ס קעסט אויף דעם קיסר׳ס קאשע מיט באָרשטש. עס העלפט אָבער ניט, מען מוז פאָהרען אָהן די פאפיערען.

דער שווער פאָהרט מיט מיר. מיר פאָהרען קיין נ., 20 וויארסט פון דער היים. געקומען איז מען מיטוואָך. דאָנערשטאג פאסטען אלע. פרייטאג ציהט מען די נומערען, און איך האָב דעם ערשטען נומער פון די לגאָטניקעס. הייסט עס, אז איך בין א סאָלדאט, סיידען א נס זאָל טרעפען.

שבת און זונטאג האָט מען גענומען די קריסטען, און צו די אידען איז אָנגעקומען ערשט מאָנטאג. מען זאָגט אָן, אז מען רופט די אידען. איך געה אריין. מען הייסט מיר אויסטאָן זיך. נאָר די העמד אויף די אקסלען איז געבליבען, א סאָלדאט שטעהט גרייט. ווי מען טוט א רוף, חאפט דער סאָלדאט אראָב די העמד, און פארטיג צו דער שחיטה.

מען פיהרט מיך צו נעהענטער צום טיר. איך בלייב שטעהן. דער סאָלדאט הייסט אזוי. עס בלישצען מיר אין די אויגען גיל־דענע עפּאָלעטען און קנעפּלעך, אבער איך זעה קיינעם ניט. פאר מיינע אויגען איז נאָר איין שרעקליכעס בילד, מיין אונגליקליכע פרוי, א יונגע מוטער א סאָלדאטקע. איך דערזעה ווי מען פיהרט אריין א בחור׳ל וואס האָט קענטיג א פאָר מאָנאטען געפאסט און האָט אויסגעטרונקען א פעסעל מיט עסיג, און דערצו נאָך אָנגע־געמאכט עפּעס א צרה אין אן אויער. א שעהנערען פון איהם לעגט מען אין דער ערד. איך בין זיכער, אז באלד ווארפט מען איהם ארויס און איך בין דער כפרה הענדעל פאר איהם.

דער דאָקטאָר הערט אויס דעם העלד, טאַפּט און קלאַפּט, און זאָגט עפּעס שטילערהייד צו די אַנדערע פּריצים. עס פאַנגט זיך אָן אַ שפּאַרענעס, אייניגע הייסען פאַרבראַקירען, און דער דאָקטאָר זאָגט מיט אַ ברייטקייט: „מיר וועלען איהם אויסהיילען, איך הייס צונעהמען.״ איך הער ווי דער סאָלדאַט שרייט אויס: „פּריניאַט!״, און צו מיר זאָגט מען: „סטופּאַי!״, נאָר מיינע פּיס זיינען ווי צוגעשמידט, איך קען זיך ניט ריהרען. דער סאָלדאַט האָט מיך אָבגעפיהרט פון טיר, און דער שווער איז צוגעלאָפען און געהאָלפען מיר אָנטאָן זיך. באַלד זיינען מיר אַוועק אַהיים. קיין טעלעגראַמע קען מען דאָ ניט שיקען. וועגען דער שמחה אין דער היים קען מען זיך פאָרשטעלען. דאָס הייסט געבליבען דורך אַ נס.

72. הושיעלע פּרים. (דר. דזש. פּריים).

פון אַלע פּערעשטשעפּינער קינדער האָט גלייך פון אָנפאַנג מיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגען הושיעלע פּרים. אַ אינגעלע פון אַ יאָהר דרייצעהן מיט גרויסע שוואַרצע אויגען. ביי דעם ר׳ שמחה אין חדר איז ער מיט מיין שוואָגער מאיר געווען די בעסטע קינדער, נאָר לערנען האָט ער ניט געוואָלט. די גמרא האָט זיך צו איהם גאָר ניט געקלעפּט, און דער תנ״ך מיט דעם רבי׳ס לאַנגע דרשות פון מלבים האָבען איהם ווייניג געאינטערעסירט. דער ר׳ שמחה האָט אפילו אימער געהאַלטען אַ רימענעם פּאַסיק, און טאַקע גאַנץ אָפט מכבד געווען די קינדער, אָבער הושיעלען האָט ער ניט געטאָרט אָנריהרען, ווייל ער איז נאָך געווען אַ בן יחיד, און די מאַמע וואָלט אויסרייסען די אויגען דעם רבי׳ן.

הושיעלע פלעגט אָפט קומען צו מאיר׳ן, און איך האָב ליעב געהאָט מיט די צוויי גראָטענע קינדער צו לערנען עפּעס און פאַרברייננגען מיט זיי. איך האָב דעם אינגעלע מיט די שוואַרצע אויגעלעך און מיט׳ן גוטען קאָפּ שטאַרק ליעב באַקומען, און צו מיין גרעסטען וואונדער איז אָט דער קאַפּריזנער בן יחיד׳ל צוגעבונדען געוואָרען צו מיר.

אינגיכען האָט ער אויפגעהערט צו געהן אין חדר. אינגאַנ־

צען אָבגעגעבען זיך מיט רוסיש. ער מיט מאיר'ן זיינען די בעס־טע שילער אין דער שולע. איבערהויפּט האָט זיך מאיר אויסגעצייכענט אין מאטעמאטיק און ער, הושיעלע, אין שרייבען. ער איז א גאנצער פּראָפעסער.

מיט מאיר'ן לערען איך נאָך אידיש, און הושיעלע האָט אין גאנצען אוועקגעווארפען די אידיש, נאָר ווען ער קומט צו מיר, לעז איך מיט איהם עפּעס פון דער העברעאישער ליטעראטור און ער פאראינטערעסירט זיך. קויף איך איהם מאפּע'ס אלע ווערק, און ער לעזט זיי מיט פארגניגען. אמאָהל לעז איך מיט איהם קלמן שולמאן אדער אדם הכהן, און אמאָהל בעט ער איך זאָל מיט איהם לערנען א שטיקעל מורה נבוכים.

שפּעטער, ווען איך האָב שוין רוסיש געקענט, פלעגט ער פאר מיר פארלעזען וואָס ער שרייבט, און געשריבען האָט ער פיעל, אפילו א וועכענטליכע צייטונג געשריבען, און פארטיילט צווי־שען דער יוגענד.

צו 16 יאהר האָט מען מיט איהם א שידוך געטאָן. פון אָנ־פאנג איז איהם געפעלען געווען צו שפּיעלען די ראָלע פון א חתן מיט דעם גילדערנעם זייגער מיט א גראָבער גילדערנער קייט, אָבער שפּעטער האָט ער זיך געכאפּט, אז דאָס איז א ווילדע נאַ־רעשקייט, און בעט מיין עצה, ווי אזוי אויסצודרעהען זיך דערפון. די עלטערען ווילען ניט אָבלאָזען דעם שידוך. גיב איך איהם אַן עצה, אז ער זאָל אוועק פון דער היים, און אָבשיקען די מתנות מיט די תנאים. ער איז אוועק ערגעץ אין א דאָרף, געוואָרען דאָרט א לעהרער, און אָבגעשיקט די תנאים מיט די מתנות. ווען ער איז צוריק געקומען זיינען מיר געוואָרען נאָך מעהר צוזאמענ־געבונדען, און אונזער פריינדשאפט איז אויף עוויג פארבליבען.

יעצט, ווען הושיעלע פּרים איז געוואָרען אין אמעריקא דאָק־טאָר דזשאָרדזש מ. פּריים, וועלכער איז גוט באוואוסט דורך זיי־נע פיעלע ענגלישע ווערק, וואָס ער האָט געשריבען, און דורך זיין גוטער ארבייט ווי אזוי צו אויסבעסערען די לעבענס באדינגונגען פון די ארבייטער, פיהל איך נאָך אלץ, אז מיר זיינען דיזעלבע פריינד ווי אמאָהל.

73. מיין ליעבע צו דער רוסישער ליטעראַטור.

פטור געוואָרען פון פריזיוו, און גענומען זיך ווייטער צום געשעפט. דער יאָהר איז אַ גוטער, אַ גאַנצען טאָג איז פאַראַן גענוג אַרבייט. אָבער ביי דער נאַכט איז פאַראַן גענוג צייט צו לערנען. און איך האָב באַשלאָסען צו באַקאַנען זיך מיט דער רוסישער ליטעראַטור. איך נעהם גלייך טורגעניעוו'ען. איז די שפּראַך מיר צו שווער, און איך האָב ליעב צו פאַרשטעהן, וואָס איך לעז, קויף איך ליפשיץ'עס ווערטער־בוך פון רוסיש אין זשאַרגאָן — קיין בעסערער איז דאַן ניט געווען. — איך לעז און קוק אין ווערטער־בוך, לעז איבער אַ פּאָר בלעטער און חזר זיי איבער אָהן סלאָוואַר. איבערגעלעזען דאָס ערשטע בוך דריי מאָהל. צום דריטען מאָהל גאַנץ ווייניג געברויכט דעם סלאָוואַר.

און איך פאַנג אָן צו לעזען די בעסטע רוסישע שריפטשטעלער. און דאָ פאַנגט זיך פאַר מיר אָן אַ נייע תורה, און טאַקע ווייטער תורה לשמה, לערנען צוליעב לערנען, לערנען צוליעב ווייסען און פאַרשטעהן. איך לעז מיט גרויס פאַרגניגען די פּאָעטען: פּושקין, לערמאָנטאָוו און ד. ג. איך בין באַגייסטערט פון טאָלסטאָי'ן, טורגעניעוו'ען, מיכאַילאָוו'ען, און ד. ג.. אָבער דעם אמת'ן גייסטיגען פאַרגעניגען האָב איך דערפיהלט, ווען איך האָב גענומען לייענען דאָבראָליובאָוו'ען, טשערנישעווסקי'ן, פּיסאַראָוו'ען, בעלינסקי'ן און שטשעדרינ'ען. איך לייען זיי ניט, נאָר איך לערען. די גמרא האָט מיך צוגעוואָהנט צו פאַרטיעפען זיך, צו גריבלען זיך, און פרעגען „מאי קא משמע לן" — וואָס קומט ער מיך צו לאָזען הערען — און איך זיץ מיר גאַנץ אָפט שפּעט ביי דער נאַכט איבער אַ רוסישען בוך, מיט אַ שטילען גמרא־נגון, און קען זיך ניט אָברייסען.

אַ נייע וועלט האָט זיך געעפענט פאַר מיר, ברייטער זיינען געוואָרען די האָריזאָנטען פון מיין וועלטעלע; נייע פראַגען, נייע פּראָבלעמען זיינען אַרויסגעשוואומען. זיי, די רוסישע שריפטשטעלער, האָבען מיך אַריינגעפיהרט אין דער מאָדערנער אַלגעמיין־מענשליכער וועלט מיט איהר קולטור, און זיי האָבען אין מיר

איינגעפלאַנצט ליעבע צו רוסלאַנד און צו איהר גייסטיגען שאַפען.

דאָס אַלעס האָט מיר אָבער קיינמאָל ניט געשטערט צו בלייבען אַ איד מיט דער פולער ליעבע צו אַלעס וואס מיר האָבען געשאפען און וואס מיר שאפען יעצט, און איך האָב אימער מיין ביסעלע אָרימע גייסטיגע קרעפטען אָבגעגעבען מיין פאָלק, ערשטענס, ווייל נאַטירליך קימערט מען זיך פריהער פאַר דער אייגענער געזינד; און צווייטענס, ווייל דאָ קען מיין ארבייט מעהר ווירקונג האָבען.

74. דאָס ערשטע קינד.

א קליין קינד אין א הויז מאַכט אַלעמען קינדעריש, און איבערהויפּט אַן ערשט קינד, ובפרט נאָך, אז דאָס איז אַן ערשטער אייניקעל, און נאָך מעהר, אויב די באָבע איז נאָך אַליין יונג און האָט אַ קליין קינד אויף די הענד, און קען אמאָל אָנזויגען דעם אייניקעל. מיין שוויגער האָט טאקע אַ שעהנע בלאָנדע מיידעלע, ליזע, ערשט אַ יאָהר אַלט, און יעצט האָט מיין פרוי געבוירען דאָס ערשטע קינד (1880 יאהר).

איך מיט הושיעלע פּרים זיינען גראדע געזעסען איבער אַ בוך, האָט די שוויגער אונז געבעטען, אז מיר זאָלען מוחל זיין ארויסגעהן פון שטוב. איך האָב נאָר באמערקט, אז מיין פרוי קרימט זיך אביסעל, בין איך אַ טויטער געוואָרען. איך געדענק נאָך דעם טעם פון אונזער ערשטען קינדבעט. גאָט האָט אָבער געהאָלפען און זי האָט געהאַט דאָס קינד זעהר גרינג און געפיהלט זיך גוט.

דאָס מיידעלע איז אַ געזונטע און אַ שעהנע. אַ נאָמען האָבען מיר געגעבען ווי איך וויל, ווייל איך האָב געזאָגט, אז איך וועל מיינע קינדער ניט געבען קיין נעמען ווי יענטע און שפרינצע, אָדער געצעל און טאָדרעס, ווען מען זאָל אפילו דארפען געבען אַזאַ נאָמען נאָך אַ זיידען אָדער נאָך אַ באָבען; און קיין גוי'עשע נעמען, ווי אונזערע אַריסטאָקראַטען גיבען, וועל איך געוויס ניט. מיר האָבען געגעבען אמת־אידישע, שעהנע, ביבלישע נעמען. און גאָט האָט מיר געהאָלפען, אז דער שוויגער'ס מוטער האָט גע־

הייסען מרים, און מיר גיבען אונזער טעכטער'ל דעם שעהנעם ביב־לישען נאָמען מרים.

מיין שוויגער איז אויפ'ן זיעבעטען הימעל פאר נחת. עפּעס א קליינינקייט אן ערשטער אייניקעל, און דערלעבט א נאָמען נאָך דער מאַמען. די שוויגער איז געווען איין איינציגע קינד ביי איה־רע עלטערען.

איך באַקום באַלד ספּענסער'ס בוך איבערגעזעצט פון ענגליש אין רוסיש וועגען די פיזישע, גייסטיגע און מאָראַלישע ערציהונג פון קינדער, און שטודיר די פראַגע זעהר ערנסט. פאר מיין פרוי שרייב איך אויס א רוסישע בוך „פאר יונגע מוטערס." זי וויל ניט איינגאַנצען נאָכפאָלגען דעם בוך. עס קען זיין, ווייל איהר קומט עס אוים דורכצופיהרען, און דאָס איז פארבונדען מיט שווע־ריגקייטען; און פיליכט איז עס, ווייל דאָרט האָט נאָך קיינער דאן ניט געוואוסט וועגען ערציהען קינדער ווי אין בוך איז געשרי־בען. מיר קומט אוים אונטערצוקנעלען, אָבער זי גיט נאָך.

ניט נאָר פאר מיר און פאר מיין פרוי, נאָר פאר דער גאַנצער געזינד איז דאָס קינד געווארען דער מיטעל פונקט. אלע זיינען ארום איהר, יעדערער האָט פאר איהר אן אנדער שפּראַך, און אן אנדער שפּיעלעכעל, און איך אליין לעג מיר אוועק דעם רמב"ם מיט זיין פילאָזאָפיע, און איך זעץ זיך פארברייינגען מיט מיין טאָכ־טער. איך רעד צו איהר, די מאַמע טשמאקעט מיט די ליפּען ביז דאָס קינד שענקט אונז א שמייכעלע, און דאן זעה איך פאר זיך א מלאך'ל, און ווען גאָט העלפט, און דאָס קינד מאכט הו־הו אָדער גו־גו, דאן ווייזט מיר אוים, אז די גאַנצע וועלט זינגט שירה. און פּלוצלונג קומט אריין די שוויגער, כאַפּט דעם אייניקעל אויף די הענד, און געהט דערמיט טאַנצען, און רעדט מיט איהר תחינה לשון: „גאָט ברוך הוא וועט העלפען, און אונזער מירעלע וועט זיין אזא אשה צנועה ווי מיין מוטער מרים נאָך וועמען זי איז א נאָמען, צו לענגערע יאהר איהר." און איך טראַכט מיר: „פי־ליכט ניט ווי דיין מוטער, אָבער א גוטע אידישע טאָכטער וועט זי זיין, זי וועט ביי אונז לערנען אַלעם וואס א אינגעל לערענט"; און איך זיץ נעבען וויגעלע און זינג איהר העברעאישע שירים, און באשלים מיט מיין פרוי צו לערנען אונזער טאָכטער העברעאיש,

און מירביידע, גליקליכע און צופריעדענע, ווי די טייבעלעך אין נעסט, שטעלען זיך פאַר ווי אונזער טעכטערעל וועט אמאָהל זינגען שירים אין דער שפראַך וואָס אונזערע נביאים האָבען גערעדט.

75. מיינע בעסטע פריינד העלפגאַט און וואראנעל.

נאָכאַהמונג איז אָפט אַ גוטע זאַך. קוקענדיג אויף מיין שווער, האָבען נאָך צוויי בעלי בתים גענומען איידעמס וואָס קענען לערנען. איינער פון די צוויי איידעמס איז געווען לייב העלפגאַט. אָט דער העלפגאַט, וועלכער איז געווען אַ לעבעדיגער פּראַטעסט געגען דער מיינונג, אַז „אין אַ געזונטען קערפּער איז אַ געזונטע זעלע." ער האָט געהאַט זעהר אַ שוואַכען קערפּער, און דאָך, וואָס פאַר אַ שטאַרקע זעלע איז אין דעם שוואַכען קערפּער געזעסען! אַ קליינער, אַ דאַרער, אַן איינגעבויגענער קערפּער, מיט אַ גרויסען קאָפּ, מיט אַ ברייטען האַרץ און מיט אַ הויכער נשמה. דאָס איז געווען איינער פון די איבערגעגעבענסטע אידען, וועלכער איז אימער טעטיג געווען אין אַלע אידישע באַוועגונגען, און האָט גרויסען אינטערעס גענומען און אימער צייט געפונען פאַר געזעלשאַפטליכע ניצליכע אַרבייט.

ער איז אַרויסגעקומען פון אַ משפחה פול מיט רבנים. צווישען וועלכע עס זיינען געווען באַוואוסטע קלוגע וועלטליכע רבנים. ביי די עלטערען איז ער געווען אַ בן יחיד. ביז דער חתונה געלערענט תלמוד און פוסקים, און געקענט טאַקע זעהר גוט לערנען, דערצו האָט ער געלערענט העברעאיש און רוסיש. שרייבט זעהר שעהן, און איז אַ זעלטענער וויצליגג, גלייכוווערטלעך און אַנעקדאָטען פון דער גאַנצער וועלט האָט מען ביי איהם געפונען.

דער צווייטער איידעם איז געווען בן ציון וואראנעל. ווען איהר דערזעהט אָט דעם שטאַרק־געבויטען אידען, שטעהענדיג אין מאַרק מיט אַ בלויען גאַרטעל, און דינגענדיג אַ וואַגען ווייץ, וואָלט איהר גאָר ניט אַ טראַכט טאָן אפילו, אז דאָ שטעהט פאַר אייך אַ איד מיט תורה, מיט השכלה, וועלכער קען אָנשרייבען אַ שעהנעם אַרטיקעל און האַלטען אַ שעהנע רעדע. ווען איהר וואָלט זיך

צוקוקען ווי אזוי ער האנדעלט, וואלט איהר געווים דענקען, אז פאר דעם מענשען עקזיסטירט ניט אויף דער וועלט קיין אנדער זאך אויסער געשעפט, איהר וואָלט גאָר ניט גלויבען, אז ווען ער טרעט איבער דעם שוועל פון זיין הויז, ווערט ער אוים סוחר, און איהר זעהט פאר זיך נאָר א ליעבען מאן, א צערטליכען פאָטער, און איינעם פון די זעלטענע נאַטורען, וואס קענען זיין גוטע פריינד מיט לייב און זעלע. ביי איהם אין הויז וואָלט איהר ניט גלויבען, אז ער איז גאָר א סוחר. אימער זיצט ער איבער א ספר אדער אי־בער א בוך, און ווען מען רעדט, רעדט מען פון ליטעראטור, פון וויסענשאַפט און פון פראָבלעמען אין דעם אידישען לעבען.

דער בן ציון קומט פון פאלטאווע. זיין פאָטער, א איד א חסיד, האָט געוואלט, אז זיין זוהן זאל אויך זיין א חסיד, האָט ער איהם געשיקט קיין קאפיסט צו לערנען תלמוד און חסידות טאַ־קע ביים רבי'ן. דער בחור'ל האָט אָבער איבערגעלאָזען אין פאל־טאווע חברים, וועלכע שטודירען גאָר, און מען שרייבט איינע צו די אַנדערע. האָט דער בחור אוועקגעווארפען קאפיסט און גע־קומען אהיים מיט אַנדערע פּלענער. דערוויילע טוט ער דעם פאָ־טער צוליעב, און זאָגט אמאָהל חסידות צו שלש סעודות.

אָט דעם חתן בין איך דאָס געפאָהרען אָנקוקען, און אין א שעהנעם זומער פאר נאכט האָב איך איהם געפונען אויף א וויי־בערשער שול זיצענדיג איבער א גמרא. איך האָב גלייך געזאָגט וואס איך בין געקומען, און נאָך א קורצען געשפּרעך איז ער גע־וואָרען אָפענהערציג, און דערצעהלט פון זיין פארגאנגענהייט, און פון זיינע נייע פּלענער; און איך האָב איהם זיינע פּלענער צו־שלאָגען, און אן עצה געגעבען חתונה צו האָבען. א שווער א גאַנץ רייכער, פיהרט שעהנע געשעפטען, וועט ער אויך ווערען א סוחר, און וואס דארף מען בעסער? ער האָט מיך געפאָלגט.

מיט אָט די צוויי יונגע לייט האָב איך דערפיהלט וואס הייסט אמת'ע גוטע פריינדשאַפט. מיר זיינען געווארען ניט נאָר אינ־טימע גוטע פריינד, נאָר דאכט זיך אונזערע נשמות האָבען זיך צוזאמענגעגאָסען.

76. צרות פון פרעמדע אייגענע האָר.

פון אונזער דערפעל איז א שטעדטעל געווארען. עס זיינען צוגעקומען פיעלע אידישע געזינדען, צווישען וועלכע עס זיינען פאראן מענשען אויפגעקלעהרטע און געבילדעטע.

די אַלטע בעלי בתים האָבען דערזעהן עפּעס אידען מיט גאָר אנדערע באגריפען, אידען, וועלכע קריטיקירען גאָר די אלע אַלטע פאראדקעס אין שטעדטעל, מען קלייבט גאר אוים נייע גבאים אין שול, און אין חברה קדישה זאָגט מען אויך א דעה, איז געווארען א „ויצעקו", און דאָס ערשטע האָט מען גענומען זוכען חטאים אויף די נייע. אויף יעדערען האָט מען עפּעס געזאָגט, אָבוואָהל מען האָט עס ניט אינגאַנצען געקענט דערווייזען. געגען מיר איי־גענטליך האָט מען נאָך ניט וואס אויסצוזעצען, ווייל איך טו ניט וואָס מען טאָר ניט, נאָר מען איז ברוגז אויף מיר, וואס איך חבר זיך מיט די אפּיקורסים, און נאָך מעהר דערפאר וואס איך שטעל זיך איין פאר זיי, און געפין אימער א זכות.

עס פארשטעהט זיך, אז די מענער האָבען זיך אויסגעלאכט פון די חטאים־זוכער, און יעקב רעוזין האָט זיי די יאָהרען דער־גאַנגען מיט זיינע וויצע און גלייכווערטלעך. דערפאר האָט אָבער געליטען אַניוטא רעוזין. די אלטע ווייבער, אויסער מיין שווי־גער, האָבען זיך איהר שטארק איינגעגעסען פאר וואס זי געהט מיט די אייגענע האָר. פיעלע מאָהל האָט די שטאָלצע נאָבעלע אַניוטא געמוזט אויסהערען קללות און זידלערייען. איך בין דער־פון דאכט זיך געווען מעהר געקריינקט איידער זי אליין, און האָב אָנגעשריבען אין אידיש א גאנצען ארטיקעל וועגען די איי־גענע האָר, אָנווייזענדיג פון תלמוד און פוסקים, אז נאָר אין גאָס טאָר א פרוי ניט געהן מיט אן אָבגעדעקטען קאָפּ, און, אז אין גאַנצען דער „ניט־טאָרען" איז אן אַזיאטישער באגריף.

פרייטאג פאר נאכט, ווען קיינער איז נאָך ניט געווען אין שול, האָב איך דעם ארטיקעל מיט מיין אונטערשריפט אָנגעקלעפּט אויפ'ן וואנד אין שול. דער שבת איז געווען א לעבעדיגער. ווער דאווענען, וואס דאווענען, מען האָט נאָר געלייענט דעם ארטיקעל, און גערעדט וועגען האָר. אייניגע האָבען אפילו געמאכט א געשריי

מיט וואס פאר אַ רעכט האָט איך דאָס אָנגעקלעפּט אין שול, נאָר איך האָב זיי געענטפערט, אז איך האָב דאָס געטאָן אום מען זאָל אויפהערען צו פארפאָלגען פאר איינענע האָר. קומענדיג אהיים האָב איך איבערגע׳חזר׳ט מיין גאנצע האָריגע תורה, און דערוויזען דער שוויגער, אז דאָס איז גאָר ניט, און געבעטען מיין ווייבעל, אז זי זאָל מעהר ניט אָנטאָן דעם פּארוק.

דער גרעסטער געגנער פון די נייע אָנגעקומענע איז געווען ק. ר. ער האָט זעהר פיינד געהאָט די ליטוואקעס, ווייל די ליטוואַקעס האָבען איהם מעהר פון אַלעמען אָנגעריהרט. פריהער איז ער דאָ געווען דער איינציגער למדן און קענער, און היינט מאַכט מען פון איהם גאָר חוזק.

איינמאָהל אין אַ גרויסער געזעלשאַפט פון פרעמדע סוחרים האָט מען דערמאָהנט מיין ארטיקעל וועגען די האָר, און איינער האָט דערמאָהנט אַניוטע רעוויזין׳ס נאָמען. ר. האָט זיך אריינגעמישט, און האָט זיך זעהר ציניש אויסגעדריקט וועגען אַניוטע׳ן. דאָס האָט מיך שרעקליך אויפגעבראַכט, און איך פאָדער פון איהם, אז ער זאָל נעהמען זיינע ווערטער צוריק. לאַכט ער זיך אויס, און דריקט זיך אויס נאָך ציניש׳ער. פרעג איך איהם ווי אַזוי ערלויבט זיך דאָס אַ איד אַ חסיד צו ריידען אַזוי וועגען איינער פון די פיינסטע אידישע פרויען. לאַכט ער ווייטער, און חזר׳ט איבער זיינע שמוציגע ווערטער. „ווי איך זעה, זאָג איך צו איהם, האָט איהר פון אונזער תורה ניט געקענט לערנען ווי און וואָס מען זאָל ריידען, וועט אונזער סודיא (ריכטער) געבען אייך אַן אוראָק (לעסאָן). איך בין אימער פאר שלום, איך זוך, אז עס זאָל זיין פריעדען צווישען מענשען, אָבער דאָ איז סכנות. די צביעות, היפּאָקריטסטווע ווערט צו שטאַרק, דער פאַנאַטיזם צושפּיעלט זיך, און דאָס קען פיהרען צו די אומגליקען, וועלכע די פארפינסטערטע פאַלשע מוחות האָבען אימער געבראַכט אויף דער וועלט. איך וועל דאָס איבערגעבען די רעוויזינס, און בעטען, אז זיי זאָלען דאָס איבערגעבען אין געריכט.״

רעוויזין האָט טאַקע אָנגעגעבען אין געריכט, און ר. ווערט פאַראורטיילט צו זיצען אין געפענגנעס דריי וואָכען. ער אַפּעלירט, און די שטעדטעל געהט חאָדאָרם. קיין נאָס לאָזט מען

מיך ניט דורכגעהן. מען ברענגט אַראָב א רב, ער זאָל מאַכען שלום. דער רב מיט די אַלטע בעלי בתים רופען מיך, אז איך זאָל פועל'ן אויף א שלום, און דער רב נעהמט מיר זאָגען מוסר, וואס איך האָב פון א נאַרישקייט אָנגעמאַכט א גאַנצע חתונה. ווער איך גוט אין כעס, און זאָג דעם רב, אז אויב „מוצא שם רע" זיין, אַרויסלאָזען א שלעכטען נאָמען אויף א פרוי, איז ביי איהם גאָר ניט, איז איינס פון די צוויי, אדער ער וויים ניט און פארשטעהט ניט, וואס די תורה לערענט אונז, אדער ער איז פאַלש. און אויב מען וויל שלום זאָל ר. מחילה בעטען די רעוויזינס, און געבען הונדערט רובעל אויף אונזער תלמוד תורה. דער סוף איז געווען, אז ר. האָט מחילה געבעטען און געגעבען די 100 רובל, און האָט זיך באַפרייט פון זיצען, און מיט מיר האָט מען זיך אָבגערעכענט שמחת תורה.

77. פאַר איין אמת שלאָגט מען.

אזוי ווי די יונגע האָבען אויסגעקליבען זייער גבאי אין שול, און צו הקפות דאַרף מען דאָך פיהרען דעם גבאי אין שול, זיינען מיר אַלע יונגע ביים גבאי. פון די אַלטע זיינען מיט אונז נאָר די דריי שווערען פון די דריי איידעמס. זיי געהען מיט אונז, און זיי גיבען צו, אז דאָ איז פיינער און אנשטענדיגער איידער ביי די אַלטע.

זיצען מיר ביים גבאי און פארברייננגען זעהר שעהן. עס זיינען פאַראַן גוטע זינגער, פאַראַן ווער עס זאָל זאָגען א שעהן גלייכווערטעל אדער דערצעהלען א שעהנע געשיכטעלע. מען טרינקט גאַנץ וועניג, אבער אַלע זיינען פרעהליך און אויפגעלעגט. אמת יום טוב'דיג.

אין אבענד פיהרען מיר דעם גבאי אין שול. מען געהט דורך די גאַסען מיט א שעהנעם נגון. יעקב רעוויזין שרייט צו די קינדער: "צאן קדשים", און די אינגלעך ענטפערען מיט א לאַנגען, „מע־מע". עס איז לעבעדיג. עס פיהלט זיך גאָר ניט, אז מען איז צווישען קריסטען. עס איז ארץ ישראל'דיג. אָבער ווי מיר זיינען אַריין אין שול איז די שמחה פארשטערט געוואָרען. די אַלטע בעלי

בתים, אלע גוט שכור, האָבען שוין אָבגעדאַוונט מעריב, דאָס הייסט, אז זיי אנערקענען ניט אונזער נייען גבאי. דער גבאי הייסט דאַוונען מעריב, און די אַלטע הייסען דעם שמש אָנפאַנגען הקפות. א ווארט פאר ווארט, און עס פאנגט זיך אָן א קריג.

איך שטעל זיך דערווייל דאַוונען מעריב. איך שטעה מיר אין ווינקעל שמונה עשרה, איך זאָג אתה בחרתנו, און מיר ווילט זיך אין מיטען שמחת תורה אָנפאַנגען וויינען, עס דריקט מיר מיין הארץ, אַן אויסערוועהלטע פאָלק זאל זיך אזוי אויפפיהרען אין א שול.

דער טומעל ווערט אַלץ גרעסער, מען זידעלט זיך, מען שילט זיך, און נאָך א מינוט, איך הער עס פליהען שוין פעטש. איך קעהר זיך אָב, און באמערק, אז אלע יונגע צוזאמען מיט'ן גבאי פארלאזען די שול. איך שפרינג ארויף אויפ'ן בימה, און מיט אלע מיינע כחות פאנג איך אָן צו איבערשרייען אלעמען, און בעטען זיי מיט טרערען אין די אויגען, אז מען זאל ניט מחלל זיין אזא הייליגען טאָג אין א הייליגען פלאץ.

ווי ווילדע חיות האָט מען זיך א ווארף געטאָן אויף מיר. אראבגעשלעפט פון בימה, צוגעשפארט אין א ווינקעל אויף א טיש, און פעטש מיט קלעפ האָבען זיך גענומען שיטען אויף מיר פון אלע זייטען. פון אזא אומגעריכטען כבוד, און פון וועהטאג האָב איך זיך איינגאנצען פארלארען. איך שריי ניט, דערפאר אָבער שרייען אנדערע. אלע ווייבער זיינען אריינגעלאָפען אין שול מיט א יא־מער, מיט גוואלדען ווי ווייבער קענען. אונזערע האָבען דערהערט, אז מען שלאָגט מיך, זיינען אלע צוריק אריינגעלאָפען אין שול, און עס פאנגט זיך אָן איין אמת'ע מלחמה. פעטש פארקלינגען די שול, מען פאטשט ווער וועמען עס קען נאָר, שולדיג אדער ניט שולדיג, קיין אונטערשיעד. דערווייל האָבען א פאָר פון אונזערע געכאפט מיך אויף די הענד, און ארויס געטראגען דורכ'ן פענסטער. דורכ'ן טיר קען מען ניט דורכגעהן. אונזערע שרייען מען זאל רופען פאָליציע, מאכען א פראטאקאל, און איך בעט זיך מען זאל ניט לאָזען וויסען דער פאָליציע, עס איז א חלול השם, זאל די וועלט באַטש ניט וויסען פון אונזער שאנדע.

מיך האָט מען אריינגעפיהרט צו איינעם פון אונזערע, וואָס

וואָהנט ניט ווייט פון שול. אלע זיינען ארום מיר. מען לעגט מיר צום קאָפּ קאַלטע וואסער, און ניט נאָר מיין פרוי און מיין שוויגער ברעכען די הענד און וויינען, נאָר אפילו די מאנסביל ווייר נען, און איך וויין אויך, איך וויין ניט אויף מיינע צובראָכענע ביינער, נאָר איך באקלאָג מיין צובראָכענע, צוברעקעלטע פאָלק. א פּאָר צעהנדליג אידען, און קענען ניט לעבען בשלום, און אלעס אין דעם נאָמען פון פרומקייט.

איינינגע טעג האָב איך גוט אָבגעקריינקט. ווען איך בין ארויס אין גאס, קומען פיעלע און בעטען מחילה, פארענטפערען זיך, אז זיי זיינען שכור געווען און ניט געוואוסט וואס זיי טוען. „יא, ברידערלעך, זאָג איך זיי, איהר האָט ניט געוואוסט, איהר ווייסט ניט, און וועט נאָך לאנג ניט וויסען וואס איהר טוט."

אלס רעזולטאט פון די קלעפּ האָב איך אָנגעשריבען א גאנר צע געשיכטע מיט דעם נאָמען: „פאר און אמת שלאָגט מען." אלע העלדען זיינען אונזערע היימישע אידען און אידענעס נאָר מיט אנדערע נעמען, אָבער מען קען דערקענען יעדען איינעם. דאָס ביכעל האָט גענומען ארומגעהן פון שטוב צו שטוב צווי־ שען אונזערע, ביז אלע געגנער האָבען זיך דערוואוסט פון זייערע נייע נעמען מיט אלעס וואס איך האָב געשריבען וועגען זיי, און זיי האָבען געוואָרט אויף א געלעגענהייט, ווען אָבצורעכענען זיך מיט מיר.

78. איך פאָהר קיין ווילנא שטודירען און באזוך מיינע עלטערען.

דער יאהר איז א שלעכטער. תבואה איז ווייניג און הענדלער צופיעל. מען דערזעהט א גוי מיט א וואגען ווייץ, לויפען אלע ווי פייל פון בויגען, מען באפאלט איהם ווי די פליגען, מען צאָהלט אין טאָג אריין. די קאָנקורענציע איז גרויס, קיין פרנסה איז ניר טאָ. ווייניג ווער עס האָט פון פריהער געלד, לייהט מען און מען באָרגט. און די וואס האָבען נאָך אביסעל געלד, געהען אום מיט אראבגעלאָזטע קעפּ, דעם לעצטען זומער געלעבט פון דאָס גרייטע, און יעצט פארדיענט מען אויך ניט גענוג צום לעבען. און געה

ווארט אויפ'ן נעקסטען יאהר, בעטענדיג גאָט, אז די גוים זאָלען האָבען א גוט יאהר, וועלען מיר אויך אָבלעקען א ביינדעל.

איך ווארף איין אום־חן אויף דעם תבואה האנדעל. עפּעס ווינט און רויך, און פארבונדען מיט שווינדעל. און וואס איז דאָס פאר א לעבען? מען וועט אראב פון קעסט, מען דארף מפרנס זיין א ווייב מיט קינדער, מוז מען אימער זיין פארטאָן אין דעם האנדעל, מען מוז זיך איינגאנצען פארקויפען מיט לייב און זעעלע אום צו קענען פארדיענען דעם שטיקעל ברויט, און, אויב מען וויל זיין פאָלקאָם ארענטליך, וועט מען דאכט זיך קיין ברויט אויך ניט האָבען. אָט אזעלכע געדאנקען לאָזען מיך ניט רוהען. מיט יעדען טאָג האם איך אלץ מעהר דעם האנדעל. איך מוז זיך צווינגען צו געהן אין מארק. די הענד הויבען זיך ניט, איך קען ניט נאָכלויפען נאָך די וועגען ווייץ און כאפּען ביי יענעם פון די הענד.

און ביי מיר פליהט דורך א געדאנק: „פאר וואס זאָל איך ניט שטודירען?" יונג בין איך נאָך: צוויי און צוואנציג יאָהר, דערווייל נאָר איין קינד, א ביסעל געלד איז פאראן, וועט זיין גענוג פאר דער ווייב מיט'ן קינד, זיצענדיג ביים שווער, און אויך פאר מיר אויף איין ארימען לעבען. און שטודירען וויל איך אויף ראבינער אדער אוטשיטעל (לעהרער). ערשטענס, ווייל די אידישע קענטעניס האָב איך דאָך, וועט מיר בלייבען צו לערנען נאָר די אנדערע זאכען, און צווייטענס, זייענדיג א ראבינער, אדער איין אוטשיטעל, וועל איך קענען פיעל טאָן פאר מיין פאלק. אריינטראגען ליכטיגקייט אין די פארפינסטערטע מחות, און איינפלאנצען ריינע אידישקייט אין די הערצער פון דעם יונגען דור. מיך שרעקט נאָר, וואס וועט מיין פרוי זאגען דערויף.

דערווייל לערען איך די רוסישע גראמאטיק, אריפמעטיק, און געאָגראפיע. אן אָנגעפראָהרענער, א פארביטערטער פאל איך אין אוועקד אריין אין שטוב, פארשפאר זיך אין מיין צימער, און לערען. פון אלע גראמאטיקעס שרייב איך אן א פארקירצטע גראמאטיק, און פון דער גראבער בוך פון אריפמעטיק מאך איך א קליין ביכעל מיט אלע הויפט רעגעלען און ערקלעהרונגען. וואס איך שרייב אָן געדענקט זיך בעסער און דאָס איז גוט צום אויסלערנען. איך זעה, אז דאָס שטודירען וועט זיך מיר געבען ניט שווער,

און דער ווילען צו שטודירען ווערט אלץ שטאַרקער און שטאַר־קער.

איינמאָהל האָב איך זיך צונויפגעקליבען מיט מוטה און גע־מאַכט א געשפרעך מיט מיין פרוי. איך דערצעהל וואס איך וויל, און איך שטעל איהר פאַר מיט שעהנע פאַרבען דעם אונטערשייד פון אן ארימען סוחר׳ל אין פערעשטשעפינע, און א ראבינער אדער אוטשיטעל אין א גרויסער שטאָדט. איך זאָג איהר צו, אז איך וועל מיט איהר לערנען, אז זי זאל ניט אָבשטעהן וויים פון מיר, און איך מאָהל פאר איהר א שעהנע צוקונפט, ווי זי וועט אימער זיין אין א העכערער אינטעליגענטערער געזעלשאפט, ווי מיר וועלען קענען געבען אונזערע קינדער די העכסטע בילדונג, און זיי וועלען זיין דאָקטוירים און אדוואקאטען.

און ווי פארוואונדערט בין איך געווארען, דערזעהענדיג ווי רוהיג זי האָט מיך אויסגעהערט, און זאגט מיט טרערען אין די אויגען: „טייערער מיינער, פאַר די דריי יאָהר האָסטו פאַרדיענט מיין פולען צוטרויען, דו קענסט טאָן וואס דיין ארענטליכע נשמה דיקטירט דיר, און דיין צופריעדענהייט אין לעבען איז מיין טיעפ־סטער וואונש און מיין גרעסטער גליק.״ איהר ליעבע, צערטליכ־קייט, אפענהערציגקייט און איבערגעגעבענהייט האָבען מיין הארץ איבערגעפילט מיט גליק און פרייד, איך האָב זי צוגעדריקט צו מיין הארץ, און געדאנקט איהר פאר אלעס, און מירביידע באשליסען, אז איך זאָל פאָהרען לערנען קיין ווילנא אין אוטשיטעלסקי (לעה־רער) אינסטיטוט. יעצט האָב איך נאָך געהאט א קנעלונג מיט׳ן שווער און שוויגער ביז זיי האָבען איינגעשטימט.

מען האָט זיך דערוואוסט אין שטעדטעל, און מען זאגט מיין פרוי, אז א ליטוואק פאָהרט אוועק פארגעסט ער צו קומען אויף זיעבען פסח׳ן, און דער שווינער זאָגט מען, אז איהר טאָכטער וועט גאָר בלייבען אן עגונה, ווייל א געשטודירטער מאן וועט ניט וועלען קוקען אויף איהר. דאָס האָט אָבער ניט געווירקט, און איך פאָהר קיין ווילנא.

עס פארשטעהט זיך, אז דאָס אוועקפאָהרען האָט אונז אלע־מען גענוג געזונט געקאסט, און איך בין געווען זעהר נידערגע־שלאָגען. עפעס א קלייניגקייט, לאָזען אזא זיסען היים. די גאנ־

צע וועג ביז ווילנא איז מיר מיין האַרץ צובראָכען געוואָרען, דענ־קענדיג און בענקענדיג נאָך מיין ליעבער פרוי און נאָך אונזער טייערער טעכטערל. איך האָב זיך גאָר געטרויסט מיט דער צור־קונפט, און מיט די שעהנסטע פאַרבען געמאָהלען, וואָס איך וועל אויפטאָן פאַר זיך אַליין און פאַר מיין פאָלק, ווען איך וועל זיין א געשטודירטער.

אָנגעקומען קיין ווילנא. אָבגערוהט, און אַוועק אין אינסטי־טוט, אין דעם טעמפּעל פון תורה און חכמה ווי איך שטעל זיך פאָר. מיט א קלאַפּענדען האַרצען און מיט עהרפורכט געה איך צו דעם קוואַל, וואוהין מיין דאָרשטיגע נשמה האָט אַזוי געשטרעבט, און ווי גרויס איז געוועזן מיין ענטוישונג און מיין וועהטאָג, ווען איך האָב דאָ באַלד דערפיהלט די רוסישע „קאַזאַנשצינע". אכט טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען צום אינסטיטוט, באַקאַנט זיך מיט סטו־דענטען, גערעדט מיט זיי, באַאָבאַכטעט, צוגעקוקט זיך צו אַלעס, און אַנשטאָט א אידישען נאַציאָנאַלען גייסט, וואָס איך האָב ער־וואַרטעט דאָ צו געפינען, דערזעה איך גאָר א גייסט פון אַסימילאַ־ציע. אידישע קענטנעס גיט מען אויפ'ן שפּיץ מעסער. מען לערנט נאָר די רוסישע ליטעראַטור, פון אידיש וויל מען ניט וויסען. די מעהרסטע פון זיי זיינען ניט מעהר ווי גרויסע אינגלעך, וועלכע ווייסען, אַז מען דאַרף מאַכען די אוראָקען, און אין זינען ליגט זיי גאָר גליטשען זיך, שפּיעלען זיך און ד. ג. היינט וואָס בין איך דאָ פאַר א מחותן מיט זיי? ניט דאָס האָב איך דאָך געזוכט, און ניט דאָס קען מיך צופריעדען שטעלען. און אַנדערע פּלענער האָב איך שוין אָנגעפאַנגען צו שאַפען פאַר מיר. דערווייל פאַרלאָז איך ווילנא, באַגראָבענדיג דאָרט איינעם פון מיינע פיעלע זיסע חלומות, אויף וועלכען איך האָב גע'פּטר'ט פיעל אָנשטרענגונג און ענערגיע.

פאָהרענדיג פון ווילנא, האָב איך באַזוכט מיינע עלטערען. שוין דריי מיט א האַלבען יאהר ניט געזעהן זיך. דער טאַטע איז געוואָרען א מלמד אין קריוויץ, און די מאַמע זיצט נאָך אין דאָרף. פון מלמדות אַליין קען מען אין שטעדטעל ניט לעבען. אויף שבת קומט דער טאַטע אהיים. יעצט האָב איך דעם טאַטען בעסער דערקענט. איך דערצעהל איהם, אַז איך בין געפאָהרען שטודירען, און ער האָט גאָר ניט געגען דעם. פיעל ריידען מיר

וועגען אידישקייט. ער הערט זיך צו צו מיינע מיינונגען מיט אויפ־מערקזאמקייט און רעספּעקט, ער זאָגט, אז איך האָב מעהר פון איהם געלערענט, און אין פיעלע הינזיכטען גיט ער מיר צו. איך זעה, אז אָט דער אַלט־מאָדעשער איד האָט אויף זיך אַ גלייכען קאָפּ מיט אַ געזונטען פארשטאַנד.

וועגען מיין ענטווישונג אין ווילנא האָב איך שוין געשריבען אהיים. און האָב ערהאַלטען אַ בריעף פון מיין פרוי, אין וועלכען זי בעט, אז איך זאָל ניט האָבען קיינע שמערצען.

פאָהרענדיג אהיים, דערהער איך אין מינסק, אז מען האָט גע'הרג'ט אונזער קייזער אַלכסנדר דעם צווייטען. די נייעס האָט מיך שטארק איבערראשט, נאָר איך האָב ניט ערוואַרטעט, אז דאָס פאנגט זיך אָן אַ שרעקליכע צייט פאר אידען.

79. מען מאַכט אויף מיר אַ בלבול.

אין אַ פּאָר טעג ארום נאָך מיין קומען אהיים, אין אַ פריה מאָרגען געהען אַלע אידען אין שול. דער סטאנאוואָי פּריסטאוו איז געקומען איינשווערען אונז צו זיין געטריי דעם נייען קייזער אַלכסנדר דעם דריטען. מען האָט געשוואָרען. יעקב רעוויזין זינגט אַ שעהנעם „הנותן תשועה" און איסאַק רעוויזין האַלט אַ וואָרימע פּאַטריאָטישע רעדע.

נאָך דער צערעמאָניע בין איך זיך אוועק אהיים גאַנץ רוהיג און זעץ זיך עסען. ערשט עס קומען אריין פיער סאָטסקעס. מען רופט מיך צום פּריסטאוו. אַלע דערשרעקען זיך. איך בעט זיי זאָלען געהן, און איך וועל קומען, לאָזען זיי מיך ניט אָב. איך געה, און די גוים ארום מיר. אַ פּאַראַד ווי פאר אַ גרויסען פארברעכער.

איך קום אריין צום פּריסטאוו אין אַ באַזונדער צימער. ער האָט מיך גאַנץ גוט געקענט, נאָר ער מאַכט זיך ווי ער ווייס מיך ניט, בלאָזט זיך אָן ווי אַן ענדיק, און פאנגט אָן צו פרעגען: ווי מען רופט מיך, פון וואַנען קום איך, און ד. ג. איך ענטפער, און ער שרייבט. מיט אַ מאָהל טוט ער אַ קוק אויף מיר זעהר שטרענג, און פרעגט, וואו בין איך געוועזען די לעצטע צייט. דערצעהל איך

איהם. „און ווען ביסטו פון פעטערבורג?" טוט ער פּלוצלום א פרעג. ענטפער איך, אז איך בין קיינמאָל ניט געווען אין פעטער־בורג. זאָגט ער, אז איך בין יא געווען. זאָג איך, אז איך קען דערווייזען מיט עדות, וואו איך בין די גאנצע צייט געווען. — „ווייסטו אין וואָס מען באשולדיגט דיך?" פרעגט ער נאָך שטרענ־גער, מען זאָגט אז דו ביסט געווען אין פעטערבורג, און גענומען אנטייל אין טויטען אונזער קייזער."

פינסטער איז מיר געוואָרען אין די אויגען. איך ווייס גאַנץ גוט, אז אין אזא צייט קען מען האָבען גרויסע צרות פאַר דעם קלענסטען פאַרדאכט. דאָך בארוהיג איך זיך און פרעג, „ווער זיינען די באשולדיגער"? ענטפערט ער א ביסעל ווייכער, „איי־ערע אידען." איך בעט איהם, אז זיי זאָלען קומען, און זאָגען מיר אין די אויגען, טוט ער מיר צוליעב, און מען ברייננט ר. מיט נאָך צוויי אלטע בעלי בתים, און זיי זאָגען, אז זיי גלויבען, אז איך בין די גאנצע צייט געווען אין פעטערבורג, און האָב אנטייל גענומען אין טויטען דעם קייזער. בעט איך דעם פּריסטאַוו, ער זאָל זיי פרעגען, פאַר וואָס זיינען זיי מיך חושד. אויף זיין פראגע ענט־פערט ר., ווייל איך האָב פריהער געשריבען שרעקליכע ניהיליסטי־שע זאכען, און פאַרשפּרייט עס צווישען דער יוגענד. איך דער־צעהל דעם פּריסטאַוו די גאנצע געשיכטע, און זאָג, אז דאָס ווילען זיי פון מיר ראכע נעהמען פאַר מיין „פאַר איין אמת שלאָגט מען", און איך בעט רופען די אלע, וואָס האָבען געלעזען דעם ביכעל. באלד זיינען געקומען די רעווזינס, העלפגאָט, ווואראנעל און אנדע־רע, און אויך איינינע קריסטען, פאַר וועלכע מיינע גוטע ברידער האָבען אין רוסיש פאַרגעלעזען מיין ביכעל. דער פּריסטאַוו זאָגט, אז ער וויל האָבען דעם ביכעל. איך ברייננ דעם ביכעל, און ער זאָגט, אז ער וועט עס שיקען צום צענזור און מיך באפרייט ער. אין א פּאָר מאָנאטען ארום האָב איך ערהאלטען דעם ביכעל מיט א צושריפט, אז איך מעג עס אפילו דרוקען.

פיערטע אבטיילונג.

די ערשטע עמיגראַציע קיין אַמעריקא (1881-1882)

80. די ערשטע פּאָגראָמען (1881).

צום ענדע פון די זיעבעציגסטע יאהרען האָבען די אידען אין רוסלאנד געפיהלט זיך גאנץ גוט. איבערהויפּט די אידען, וואס זיי־נען געוועזען מעהר פארגעשריטען, און געקומען מעהר אין באריהרונג מיט דער אויסערליכער וועלט. די גימנאזיעס און אוניווערסיטעטען זיינען געווען אפען פאר דעם אידען. אומעדום איז ער ווילקאָמען, און אויף אלע נייע געביטען איז ער ערפאָלגרייך.

דער איד מיט דעם קריסט פיהלען די זעלבע ליעבע צו זייער פאָטער־לאנד, און האָבען אלגעמיינע אינטערעסען און שטרעבונגען. די אידישע יוגענד איז שטאָלץ מיט דער רוסישער ליטעראטור. מיט לייב און זעעלע ליעב די רוסישע מוזיק, און די רוסישע פּאָעזיע. מיט דער גאנצער ווארעמקייט פון דער אידישער נשמה זינגט אונ־זער יוגענד נעקראסאָוו׳ס זיסע ליעדער, וואו ער באדויערט דעם שיקזאל פון דעם אָרימען רוסישען פאלק. אונזערע קינדער ווילען גאָר ניט וויסען פון איד און אידישקייט. אלע זיינען גלייבע מענשען, און זארגען דארף מען נאָר פאר דעם ארימען פויער. צו־זאמען מיט דער רוסישער אינטעליגענציע האָט אונזער יוגענד גע־חלום׳ט וועגען א גיכער ענדערונג און אויסבעסערונג אין דעם אלגע־מיינעם לעבען. און פּלוצלונג, אונערווארטעט איז דער איד גע־טראָפען געוואָרען ווי פון איין ערד־ציטערנעס, ווי א שרעקליכער וואולקאן האָט זיך צושפּיעלט.

אין יעליסאַוועטגראַד איז אַ פּאַגראָם געווען. אייגענטליך איז דאָס געווען ניט מעהר ווי אַ קינדער־שפּיעל אין פאַרגלייך מיט די שפּעטערדיגע פּאָגראָמען, אָבער מען איז נאָך ניט געוואָהנט. ווער האָט גאָר געקענט גלויבען, אַז דער גוט־מוטיגער רוס זאָל באַפאַלען זיין אידישען נאָכבאַר און צוראַבירען, און פאַרניכטען זיין האָב און גוטס, און די פּאָליציי האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג. דאָס הייסט דאָך, אַז מען האָט געוואָלט די זשידעס אביסעל אָנלערנען. דער כעס איז אויף אַלעמען פאַר טויטען דעם קייזער, און דער איד איז נאָר דער כפּרה־הענדעל, דער שעיר לעזאזל. ווי אין חדר, למשל, אַלע קינדער האָבען געשטיפּט, און דער רבי שמייסט נאָר דעם אָרימען יתום, און שרייט, אַז ביי איהם אין חדר וואָלט געווען שטיל און רוהיג, ווען ניט אָט דער אויסוואורף מיט דעם ממזר'שען קעפּעל, וועלכער קלעהרט אויס אַלע שמד־שטיק, און פיהרט אַלעמען אַראָב פון וועג. און ווי באַלד, אַז דאָס איז דער יושר פון דעם רבי'ן, הייסט מיט וואָס איז מען זיכער, אַז דאָס וועט ווייטער ניט טרעפען? און אַזוי האָט מען געלעבט אין שרעק אייניגע מאָנאַטען ביז די רעגירונג האָט פאַרזיכערט, אַז מעהר קיין פּאָגראָמען וועלען ניט זיין. אידען האָבען זיך באַרוהיגט, און מען האָט זיך איינגערעדט, אַז דאָס איז געווען אין אַ צייט פון אויפרעגונג נאָר מעהר וועט עס ניט טרעפען.

81. איך פאָהר קיין יעקאַטערינאָסלאַוו שטודירען.

מיין אידעע וועגען שטודירען האָב איך ניט אויפגעגעבען. יעצט אָבער האָב איך באַשלאָסען צו שטודירען אויף דאָקטאָר. איך וועל פאָהרען אין אַ גרויסער שטאָדט שטודירען. אביסעל געלד האָב איך, דערצו וועל איך האָבען אידישע אוראָקען, וועל נעהמען אַהין מיין פרוי און קינד, און מיר וועלען זיך אַזוי דורכמאַטערען ביז איך וועל ווערען דאָקטאָר.

איך רעד איבער מיט מיין פרוי, איהר געפעלט דער פּלאַן, און זי זאָגט, אַז זי וועט פאַרקויפען איהר צירונג, און איז גרייט צו טאָן אַלעס, אבי איך זאָל דערגרייכען וואָס איך וויל. די עלטערען האָבען אויך ניט דאַגעגען, און איך פאָהר דערוויייל אַליין

קיין יעקאטערינאסלאגו. די געזינד וועל איך שפּעטער נעהמען.

קיין יעקאטערינאסלאוו פאהר איך, ווייל איך האָב אהין גוטע רעקאָמענדאציעס, און דאָרט זיינען פאראן פיעל אידען, וואו מען קען האָבען גוטע אידישע אוראקען.

מיינע רעקאָמענדאציעס האָבען טאקע געהאָלפען. חברה סטודענטען האָבען מיך באלד פארזארגט מיט אומזיסטע לעהרער. אויף רוסיש האָב איך געהאַט גאָר א פיינע מלמד'קע. א קורסיסטקע, א טאָכטער פון רייכע עלטערען, וועלכע געהט זעהר פּראָסט געקליידעט, זי איז אימער צווישען די ארימע סטודענטען, אימער איז זי פאַרארבייט, און דאָך גיט זי מיר אָב פיעל צייט. זי אינטערעסירט זיך זעהר מיט מיר, צופרעגט וועגען אלץ, און איהר געפעלט זעהר וואס מיין פרוי ערמוטיגט מיך צו שטודירען. זי זוכט אב פאר מיר אייניגע אוראקען, און וויל, אז איך זאָל שוין גיכער קענען ברייגגען מיין פרוי און מיין קינד. איינמאָל זאָגט זי, אז דאָקטאָר א. ארשאנסקי וויל מיך זעהן.

איך האָב געהערט, אז דר. ארשאנסקי איז א גרויסער געלעהרטער און א אידישער כלל טוער, און דערצו נאָך רייך. דער דאָקטאָר האָט מיך פריינדליך צוגענומען און האָט מיט מיר לאַנג פארבראכט און געבעטען אריינקומען. אייניגע מאָהל בין איך געוועזען ביי איהם און פארבראכט. איינמאָהל זאָגט ער: „איך דענק, אז דיין פּלאַן איז ניט פּראקטיש. צו ווערען א דאָקטאָר דארף גערויערען, אונטער די בעסטע אומשטענדען, ניט וועניגער פון אכט יאהר, ארבייטענדיג גאַנץ שווער, און דו ביסט ניט קיין שטאַרקער מענש, דאָס קען שלעכט ווירקען אויף דיין געזונד. איך גלויב, אז דו וואלסט געוועזען א גוטער אדוואָקאט. דו דארפסט ניט קיין אוניווערזיטעט, קענסט לערנען אין דער היים, האָבענדיג דערווייל איין אַנדער באשעפטיגונג, און נאָכהער אויסהאַלטען עקזאמען, און ווערען א טשאסני פּאווערעני. פּרנסה וועסטו געוויס האָבען און וועסט פארשפּאָרען מאַטערען זיך." גאַנץ לאַנג האָט ער גערעדט, און האָט מיר איבערצייגט, אז ער איז פאַלקאָם גערעכט. איך זעגען זיך מיט מיינע נייע באקאנטע, און איך פאָהר אהיים לערנען אדוואָקוטאריע.

82. אראב פון קעסט.

ווען איך בין געקומען אהיים, האָט די פרוי אָנגעפאנגען צו בעטען מיך, אז מיר זאלען זיך מאכען אן אייגענעם היים. כאָטש אָרים, אבער עס ווילט זיך איהר שוין זיין אליין א בעל הבית'טע. דעם אמת זאָגענדיג, איז מיר שוין אויך נמאס געווארען עסען קעסט, און דערצו נאָך וואָלט איך וועלען האנדלען אליין, און לע-בען ווי איך וויל.

מיין רעכענונג מיט'ן שווער ווייזט, אז איך האָב אין געשעפט 850 רובל, דאָס זיינען די 500 רובל נדן און 350 רובל בלייבט פון פרנסה. איך זעה אָבער, אז, ווען דער שווער גיט מיר אָב דאָס געלד, בלייבט ער אָהן געלד. איך מאך א געשפרעך מיט'ן שווער וועגען אָבטיילען זיך, בעט ער, אז מיר זאָלען בלייבען איבער ווינ-טער צוזאמען, ווייל יעצט וועט איהם שווער זיין אויסצוצאָהלען מיר וואס מיר קומט. ענטפער איך איהם: „איך רעכען דאָס ניט פאר קיין חוב, ווייל די געלד פון פרנסה האָבען מיר דאָך צוזאַ-מען פארלעבט, און וואס אנבאלאנגט דעם נדן, דענק איך, אז דאָס וואלט איינפאך הייסען א גזלה צו נעהמען יעצט ביי אייך נדן. איך וועל ביי אייך נעהמען נאָר 50 רובעל, און א וואָג מיט זעק. געלד צום האנדלען וועל איך באקומען." דער שווער האָט זיך באנאָסען מיט טרערען, ארייגערופען די שוויגער און דערצעהלט איהר. די שוויגער האָט זיך צואוויינט און אָנגעוואונשען מיר ווערליג א מוטער קען.

מיר האָבען באלד געדונגען א דירה פון צוויי צימערען. אריינ-געשטעלט צוויי בעטען מיט א וויגעלע, א טישעל מיט א פּאָר פּראָס-טע ביינקלעך, געשיר האָט די שוויגער געגעבען, לעפעל האָט מען פון דרשה געשאנק, און וואס דארף מען נאָך? מיין שוואגער מאיר נעהם איך פאר א שותף, און מיר האנדלען זיך אין צווייען. דעם גאנצען טאָג זיצט מען אין מארק. ווען עס איז פאראן וואס צו טאָן, ארבייטען מיר גאנץ גוט, און, אויב אין מארק איז שטיל, זיצען מיר זיך אין שפּייכלער, און כאפּען א שמועס וועגען אידישע פראגען, אדער וועגען אלוועלטליכע פּראָבלעמען. צו פיעל פליהען און דרעהען וויל איך ניט. מען פאַרדיענט דורכשניטליך דריי-

סיג רובל א חודש, איז דאָס גענוג צום לעבען און עס בלייבט נאָך א רובל.

אין די לאַנגע ווינטער נעכט זיץ איך און לערען אדוואָקאַ־טוריע. איך שטודיר יעצט די רוסישע זאַקאָנעס מיט דער זעלבער פלייסיגקייט ווי מיט אַ פּאָר יאהר צוריק דעם יורה דעה להבדיל. נאָר יעדען אָוועגד רייס איך אַב צייט, און לעז עפּעס צוזאַמען מיט דער פרוי. און אמאָהל קומען די גוטע ברידער, די רעוווזינס, העלפּ־גאָט און וואַראַנעל. מען לעזט עפּעס און מען דיסקוטירט, און אמאָהל פאַרווילט זיך פרעהלעך זיין, ווערט באַשאַפּען א קאַפּעלע בראַנפען מיט בולבע אין פּעלצלעך מיט א הערינג, דערצו נאָך זוי־ערע קרויט, זויערע קאָווענעס און אוגערקעס, וואָס די פרוי האָט אליין אָנגעגרייט אויפ'ן ווינטער.

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר מאָנאַטען. איך מיט דער פרוי זיינען שטאַרק צופריעדען מיט אונזער אייגענעם היים, און דער שווער מיט דער שוויגער האָבען נחת פון די קינדער.

83. די אידישע דעפוטאַציע אין פעטערבורג (1882).

מיט דעם אָנפאַנג פון דעם צווייי און אכטציגסטען יאהר פאַנגט זיך אָן דער נייער שרעקליכער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון די רוסישע אידען. אַ קאַפּיטעל פון פאַרפאָלגונגען, ערנידערונגען און פאַרניכטונג. איגנאַטעוו ווערט דער אינערליכער מיניסטער, און אַלע טאָג קומען אָן נייע מורא'דיגע בעריכטען, איין פאַרבאָט נאָכ'ן צווייטען, איין גזרה נאָך דער צווייטער. דאָרט טאָר דער איד ניט וואוינען, און דאָס טאָר ער ניט טאָן, אין קיין דאָרף זאָל מען קיין נייע אידען ניט אריינלאָזען, פון די אינערליכע גובערניעס זאָל מען די אידען טרייבען, קיין רעגירונגס שטעלע טאָר א איד ניט פאַרנעהמען, די בילדונגס אינסטיטוציאָנען זאָלען זיין געשלאָ־סען פאַר דעם אידען, נאָר א קליינעם פּראָצענט זאָל מען צונעה־מען אין גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטען, קיין ערד טאָר א איד ניט ארענדירען אפילו, און קויפען געוויס ניט.

די אַנטיסעמיטישע האַלב־אָפיציעלע צייטונגען שרייבען אומ־געלומפּערטע באַשולדיגונגען אויף אידען, און באַרעכטיגען דעם

רוסישען פאָלק, וועלכע מאכען פּאָגראָמען אויף אידען; צווישען די מוזשיקעס טיילט מען פראקלאמאציעס, אין וועלכע מען רייצט זיי געגען די אידען, און מען זעהט און מען פיהלט, אז פון טאג צו טאָג, ווערט די שנאה פון דעם קריסט צו דעם אידען גרעסער, און דאָס לעבען ווערט אונערטרעגליך.

אונזערע כלל־טוער פון גאנצען לאנד פאָהרען קיין פּעטער־בורג. א דעפּוטאציע פון די גרעסטע אידען געהט אין די גאַנץ הויכע פענסטער בעטען רחמים פאר אידען. וואס דאָרט איז פארגעקומען ווייס מען ניט. שרייבען טאָר מען ניט. מען ווייס נאָר, אז איינער פון דער דעפּוטאציע ש. האָט דאָרט, גלייך אויפ'ן פּלאַץ, די פּאפּלעקציע באקומען. צו־שטארק אָנגעגריפען זיין אי־דישע הארץ, האָט עס געפּלאצט. מיר ווייסען נאָר, אז מען האָט געענטפערט: „פאר אייך זיינען אפען אלע גרענעצען", דאָס הייסט, פראָסט, אָן עהרליכער האלז און נאקען, „געהט וואוהין איהר ווילט, קיינער האַלט אייך ניט."

אונזערע אידעלעך האָבען דאָס דערהערט, האָט מען זיך א כאַפּ געטאָן פאר אונזערע אלטע וואפען: אין אלע שטעדט און שטעדטלעך איז מען גוזר תענית, מען פאסט, מען זאָגט סליחות, מען זאָגט תהלים, מען בעט גאָט, אז ער זאָל דערוועקען רחמים אין די הערצער פון אונזערע פיינד. עס פאסטען יונג און אַלט, אין די שולען לויפען אַלע אַפילו אונזער אינטעליגענציע זוכט אָב די לאנג־פארשימעלטע טלית און תפלין, און קומען אויך צו־לויפען אין שול, אויסצוגיסען דאָס הארץ, און אויסוויינען זיך צווישען די אייגענע אמת'ע ברידער.

84. מיר פאָהרען קיין אַמעריקא מיט די „עם עולם."

די רוסיש־אידישע צייטונגען שרייבען גרויסע ארטיקלען צו פארטיידיגען אידען, און אין דערזעלבער צייט שרייבט מען, אז אין פיעלע שטעדט קלייבען זיך גאנצען גרופּען צו עמיגרירען קיין אמעריקא, און אין קיעוו האָט זיך געגרינדעט א חברה „עם עולם" מיט דאָקטאָר מאנדעלשטאַם אן דער שפּיצע. די חברה וויל האָ־בען פינף הונדערט מיטגליעדער, מענשען מיט גוטע רעפּוטאציעס,

און מיט געלד, און מען זאָל פאָהרען קיין אמעריקא, גרינדען דארט א גרויסע קאָלאָניע פון ערד־ארבייטער. און אין די צייטונגען זיינען פאראן בריעף פון אמעריקא, פון אונזערע יעליסאוועט־גראדער לאנדסלייט, וועלכע זיינען לעצטען יאהר נאָכ'ן פאגראם אוועק קיין אמעריקא, און זיינען שוין דארט געווארען קאלאניס־טען, און נאָך ווי געווארען. די רעגיערונג האָט געגעבען לאנד, און די אַמעריקאנער האָבען זיי דאָרט באגעגענד מיט מוזיק, און די רייכע פארמער האָבען געשענקט אויף דער קאָלאָניע: פערד, קיה און מאשינעס צו באארבייטען די ערד, און זיי לעבען פשוט ווי אין גן עדן. דערצו נאָך שרייבען די צייטונגען, אז איין אי־דישער כלל־טוער פון אמעריקא פאָהרט ארום, און צוזאמען מיט די גרויסע אידישע געמיינדען אין אייראפא גרינדעט מען קאָמי־טעטען, מען שאפט א גרויסען פאָנד צו העלפען די עמיגראנטען קומען קיין אמעריקא, און צו גרינדען דארט קאלאניעס פון ערד־ארבייטער.

עס פארשטעהט זיך, אז די פינסטערע לאגע אין רוסלאנד, און די גרויסע האָפענונגען אויף אמעריקא, האָבען אין מיר דער־וועקט א גרויסען חשק צו פאָהרען קיין אמעריקא. אמת, איך ווייס גאנץ ווייניג וועגען אמעריקא. ווער האָט נאָך דאן געוואוסט? אויסער פון געאגראפיע, און אמאָהל עפּעס געלעזען. איך ווייס, אז מען זאָגט, אז דאָרט וואלגערט זיך גאָלד אין די גאסען, מיר געהט עס אָבער ווייניג וואס אָן, איך פאָהר ניט זוכען קיין רייכ־טום, איך וויל נאָר געניסען פון איהר פרייהייט, פון איהר גלייכ־הייט פאר אלע מענשען. עפּעס א קליינינקייט א לאנד אָהן הער־שער, דאָס פאָלק קלייבט זיך אוים א פרעזידענט, פונקט ווי מיר קלייבען אוים א גבאי, היינט איז דאָך דאָרט ניטאָ קיין הויפּט רע־ליגיאָן ווי ביי אונז אין רוסלאנד, דארט זיינען אלע רעליגיאנען גלייך, און אלע מענשען זיינען גלייכע בירגער. איך באטראַכט עס אלץ, און עס ציהט מיך אהין, און מיר געפעלט זעהר וואס מיר וועלען זיין ערד־ארבייטער. פאר וואס זאָל טאקע א גאנצע פאָלק לעבען נאָר פון ווינד און רויך? טראכט איך זיך. עס איז דאָך א שאנדע, אז א פאָלק זאָל לעבען נאָר פון דאָס וואס אנדערע פּראָ־דוצירען. מיר דארפען ווייזען דער וועלט, אז מיר קענען אויך

לעבען פון אונזער אייגענער פראצע, און פארזארגען נאָך אנדערע מיט ברויט, און פיעל איז עס טאקע ווערט צו לעבען א שטילען, זאָרגלאָזען, ארענטליכען לעבען אלס אן ערד־ארבייטער? דאָס איז דאָך אַ ריכטיגער גן עדן־לעבען.

איך שרייב קיין קיעוו אין דער ביורא פון „עם עולם", דער־צעהל זיי מיין יחוס, און בעט אויסקינפטע. קומט מיר אָן א גאַנ־צע בארג מיט צושריפטען, ווי אזוי מען קען ווערען א מיטגליעד פון דער חברה, און אפילו א פארטיגע קאָנסטיטוציע פאַר דער צוקונפטיגער גרויסער אידישער קאָלאָניע אין אמעריקאָ. מיר געפעלט זעהר די קאָנסטיטוציע. פארזארגט יעדערען מיט יעדער זאך. פאר די פרומע איז פאראן א שול, א שוחט, א מקוה, און ד. ג. און פאר די אינטעליגענטען איז פאראַן אַ ביבליאָטעק מיט ביכער אין אייניגע שפראכען, פאר די קינדער א שולע מיט וועלטליכע און אידישע למודים, און וועגען דער ארבייט איז די שעהנסטע אָרד־נונג. פון אָנפאנג הייסט עס אביסעל קאָמוניסטיש, און מיט דער צייט וועט מען זיך צוטיילען, יעדערער וועט זיך האָבען זיין שטיקעל לאַנד מיט א שעהנעם הויז, מיט פערד און קיה. און וועט זיך לעבען ווי זיין הארץ געלוסט. איך ווער שטארק נתפעל פון די גרויסע קאָפּ־מענשען, וועלכע האָבען דאָס אלעס אזוי גוט אויס־געארבייט. איך זעה פאר זיך דייטליך דעם גליק פון די, וואָס וועלען זיך אריינכאַפּען אין דער חברה, און מען טאָר ניט פאר־לירען קיין צייט.

איך געה באלד ארום מיט אָפענע דבורים. איך רייד מיט דער פרוי, זאָגט זי, אז אָהן די עלטערען פאָהרט זי ניט. פאַנג איך אָן מיט די עלטערען, שפּאָר ניט קיין רייד, שטעל פאָר דעם גיהנום אין רוסלאנד, און דעם גן עדן אין אמעריקאָ. מיין שוואָגער מאיר כאפט זיך אָן, אז ער פאָהרט מיט מיר, און די שוויגער צואווייינט זיך, אז זי וועט די קינדער אליין ניט לאָזען, אויב פאָהרען זאָלען אלע פאָהרען. דער שווער אָבער שטימט ניט איין.

הושיעלע פּריס, וועלכער איז שוין געווען אין פּאַלטאַווער רעאַלנע אוטשילישטשע, און האָט שטארק אָנגעפאַנגען צו פיהלען דאָרט דעם אנטיסעמיטיזם, זאָגט, אז ער פאָהרט אויך קיין אמע־ריקע. זיין מוטער וויינט אויך, זי וויל איהם ניט לאָזען אליין.

איך געה אום פארצווייפעלט. עס איז שוין פסח, חברה עם עולם קלייבען זיך שוין באַלד פאָהרען, און מיר קומען ניט צו קיין בעשלוס, ביז גאָט האָט געהאָלפען, און עס איז אָנגעקומען די נאכ־ריכט, אז אין באַלטע איז געווען אַ פּאָגראָם, און מען זאָגט, אז אַ פּאָאָר אידען זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען. „יעצט פאָהר איך קיין אמעריקע!" זאָגט דער שווער, און דער אַלטער פרים שטימט אויך איין.

מען פאַנגט אָן אויסצופארקויפען. צירונג, גאָלד און זילבער מוז מען דאָך געווים פארקויפען. ערשטענס, זאָג איך, דארף מען ניט דעם לוקסוס, און צווייטענס, וואָס האָט עס פאר׳ אַ ווערדע אין אַ לאַנד, וואו גאָלד וואַלגערט זיך אין די גאסען? היינט די ווארימע קליידער, די פוטער־ווארג, דארף מען אין אמעריקע אויף כפּרות, דאָרט איז דאָך ווארים, און ווי קומען קאָלאָניסטען צו פיקסענע שובקעס מיט סייבעלנע קעלנער? דאָרט ווערען מיר ארומ־געהן ווי אונזערע מוזשיקעס. די בעט־געוואַנט קען מען דאָך געווים ניט שלעפּען, סיידען נעהמען אַ באַזונדער שיף צוליעב די בעט־געוואַנט. די צרה איז נאָר, וואָס קיינער וויל ניט קויפען. מען האָט מורא פאר פּאָגראָמען. כמעט ווי אומזיסט אָפּגעגעבען. און שפּעטער אין אמעריקא האָט מען אויף זיך די האָאָר געריסען. ווען מען ברענגט עס אַלץ מיט זיך, וואָלט מען האַלב הוצאות אויסגע־שלאָגען. דעם צווייטען מאָל בין איך שוין קליגער געוועזן.

הייסט עס פאָהרען מיר קיין אמעריקא. צו מיינע עלטערען שרייב איך אַ ווארימען בריוועלע, זעגען זיך אויף ניט לאַנג, ווייל איך האָף אינגיכען נעהמען זיי צו אונז אין דער קאָלאָניע.

מיר פאָהרען גלייך קיין קיעוו. געקומען אין דער ביוראָ פון עם עולם, האָט מען אונז אריינגענומען אַלס מיטגליעדער, ארויס־געגעבען די פּאַפּיערען, און מיר פאָהרען קיין לעמבערג, פון וואנען עס דארף ארויספאָהרען די צווייטע פּארטיע פון עם עולם. די ערשטע איז שוין אוועקגעפאָהרען. אָפּגעזעסען עטליכע טעג אין לעמבערג, זאָגט מען, אז מיר מוזען פאָהרען צוריק קיין בראָד, דאָרט איז דער פארזאַמלונג־פּלאַץ, און פון דאָרט מוזען אַלע ארויספאָהרען.

פאָהרען מיר קיין בראָד און דאָרט באַקאָן איך זיך מיט אונ־

זערע צוקינפטיגע קאָלאָניסטען. די מעהרסטע זיינען יונגע לייט, סטודענטען פון אוניווערסיטעטען און פּאָליטעכניקום. אמת'ע אי־דעאַליסטען, וועלכע האָבען געוואָרפען זייערע קאַריערען מיט דעם צוועק צו ווערען גוטע קאָלאָניסטען, און דיענען אלס ביישפּיעל פאר זייערע ברידער, פון וועלכע מען מוז מאכען א קלאס ערד־ארבייטער. צווישען די עלטערע מיטגליעדער זיינען פאראן גע־וועזענע רייכע סוחרים מיט קינדער גימנאזיסטען און גימנאזיסט־קעס און פרויען געבילדעטע. אונזער חברה איז מיר שטארק גע־פעלען. פאראן מיט וועמען צו געהן צום טיש.

איך האָב אין בראָד אריינגעטראָגען א געוויסע סומע געלד פאר יעדערען פון אונזער געזינד. די געלד איז אויף רייזע־הוצאות, און א טייל דארף בלייבען אין דער קאסע פון דער קאָלאָניע. פאָהרען וועלען מיר ניט ווי אנדערע עמיגראנטען אין פערטען קלאס. דער חברה עם עולם גיט מען א ספּעציעלען צוג, דריטען קלאס, און דאָס קאָסט אונז נאָר העלפט פון דעם פּרייז, און אויף דעם צוג האָט מען ערלויבט צו האָבען אונזער אייגענעם פלאַג, און א פלאַג האָט מען געמאכט א גרויסען, אויסגענעהט אין רעכטען מיטען מיט גרויסע בוכשטאבען „עם עולם", און דערביי טאקע א גרויסער פלוג, און אונטען אויסגענעהט מיט גאָלדענע ווערטער „אם אין אני לי מי לי". און דאָס אלעס איבערגעזעצט אין דייטש.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען האָבען מיר זיך אלע פארזאמעלט אויף א געוויסען פּלאַץ, און די פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעפאנגען. די ערשטע געהען צוויי שטודענטען מיט אונזער פלאַג, נאכהער אלע עלטערע מענשען מיט דער ספר תורה, וואָס באלאנגט טאקע צו דער חברה, נאָך זיי פאָהרען אין קאַרעטען די פרויען מיט די קינדער, נאכהער געהען די מיטעל־יעהריגע מענשען, און דאן ערשט געהט אונזער יוגענד.

אויפ'ן וואקזאל האלטען פאר אונז רעדעס די אידישע פּראָ־פעסאָרען, וואָס זיינען געקומען פון לעמבערג און וויען. דער ספּע־ציעלער צוג שטעהט שוין גרייט, דער פלאַג איז שוין צוגעבונדען צום לאָקאָמאָטיוו און פלאטערט אין דער הויך מיט די ווערטער „עם עולם", און איך טו מיר א טראכט: „אָן אייביגעם פאָלק פון

וואַנדערער, און ווער ווייס ווי לאַנג נאָך מיר וועלען זיך ארומ־שלעפּען פון לאַנד אין לאַנד?". אלע זעצען זיך אין די וואַגאָנעס מיט א געהויבענער שטימונג, און איך זעץ זיך א ווייַנענדיגער. עפּעס וויינט זיך מיר.

אויף פּיעלע וואַגזאַלען באַגעגענען אונז קאָמיטעס פון מענער, פרויען, אַלטע און יונגע. אַלע זיינען ליעבליך און פריינדליך. מען דערלאַנגט אונז דורך די פענסטער פון די וואַגאָנעס עסען און טרינקען, פאר די קינדער ווארימע מילך, אייניגע טיילען פרוכטען, ציגאַרען, פּאַפּיראָסען און קאָנפעקטען. מען כאַפּט, וואָס מען דער־לאַנגט, נאָר מיינע הענד הויבען זיך ניט. מיר טראַכט זיך, ווי אזוי דער פינסטערער גלות האָט אונז אויסגעלערענט צו באַגעגענען די פארטריבענע פארוואָגעלטע ברידער. איך טראַכט, און די טרעה־רען שטיקען מיך.

אין ברעסלאַו שטעהען מיר זעקס שטונדען. אויפ'ן וואַגזאַל איז געמאַכט א גרויסער באַלאַגאַן. טישען געגרייט ווי צו א חתונה. סארוועד זיינען רייכע דאַמען און הערען. אפילו אידישע אָפּי־צערען באַדיענען אונז. און דאָקטוירים מיט מעדיקאַמענטען זיינען אויך דאָ. פּיעלייכט פיהלט זיך אימיצער ניט אַמבעסטען; און עס פארשטעהט זיך, אז פיעלע האָבען געדרעהט א קאָפּ די דאָקטוירים. ווען דאַרף דאָס א איד ניט האָבען קיין דאָקטאָר? דער ראַבינער, דאָקטאָר לאַנדעסבערג, האַלט פאר אונז א ווארימע רעדע, און ווינשט זיך צו זיין אמאָל ראַבינער אין דער קאָלאָניע פון די „עם עולם".

אין בערלין האָבען מיר אויך געהאַט זעהר א ווארימע אויפ־נאַהמע. און דאָס אַלעס טראָגט ניט דעם כאַראַקטער פון צדקה. עפּעס פיהלט זיך ווי מען איז געקומען צו געסט צו ברידער און שוועסטער.

דערפאַר אָבער אין האַמבורג האָט מען אונז באַהאַנדעלט ווי געוועהנליכע עמיגראַנטען. מען האָט אונז אַלעמען אריינגעשפּאַרט אין א געביידע, וועלכע האָט אויסגעזעהן ווי א ליטווישע באָד. מען האָט פאר אונז גענומען שיפס־קאַרטען פאר האַלב פּרייז. א האַלבע שיף גיט מען אונז אָפּ, וואו קיין אנדערע פּאַסאַזשירען וועלען ניט זיין, אפילו מיט א כשר'ער קיך האָט מען אונז פאר־זאָרגט, נאָר ווען מיר זיינען געקומען אויפ'ן שיף, איז פינסטער

געוואָרען אין די אויגען. מען האָט אַלעמען צוזאַמען אַריינגע־טריבען אין אַ פינסטערען, שמוציגען אונטערדעק. מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז אויף דער שיף פלעגט מען פיהרען אָקסען, נאָר יעצט האָט מען עס געמאַכט פאַר פּאַסאַזשירען. אונזער אָפּטיילונג איז גרויס ווי אַ פעלד, און פון ברעטער האָט מען צו־נויפגעשלאָגען בעטלעך, צו צוויי איינע איבער די אַנדערע. מענער, פרויען און קינדער זיינען אַלע צוזאַמען. עס פאַנגט זיך אָן די ים־קראַנקהייט. הונדערטער מענשען גיבען אָב אפילו די מילך, וואָס זיי האָבען געזויגען ביי זייערע מוטערס. אַלע פאָהרען דעם ערשטען מאָהל, און מיינען, אַז דאָס איז שוין די ענדע פון לעבען. די געשרייען זיינען אונערטרעגליך און הונדערטער מענשען אַלע צוזאַמען ברעכען. איך וויל אַנטלויפען אין דרויסען. איך שטעק אַרויס מיין קאָפּ פון דעם אונטערשטען בעטעל, און איינער פון אויבען גיט אַ גאָס גלייך מיר אויפ'ן קאָפּ. ארומגעווישט זיך, אַרויסגעשלעפּט זיך אויפ'ן דעק, אָבגעגעבען מיין חלק אין ים, און בלייב ליגען אויפ'ן דעק אַזוי ווי אַ טויטער.

דריי טעג אָבגעמאַטערט זיך, האָט מען גענומען קומען צו זיך. דער אַפּעטיט ווערט ווי נאָך אַ קרענק. מען געניסט פון דער כשר'ער קיך. דאָס וועטער איז שעהן, און חברה הויבען אָן צו לעבען אַ טאָג. די יונגע זינגען רוסישע לידער. די עלטערע האָ־בען אַ מנין דריי מאָהל אין טאָג. איינינע מאָהל האָט מען גע־מאַכט מאַסען־פאַרזאַמלונגען, געהאַלטען שעהנע רעדעס, געמאַכט פאַרשלעגע וועגען ענדערונגען אין אונזער קאָנסטיטוציע, און עס איז דערגאַנגען אפילו צו גאַנץ היציגע דעבאַטען.

85. די חברה „עם עולם" קומט אָן קיין אַמעריקא.

אָט איז שוין ניו יאָרק. די שיף געהט צו צו קעסטעל גאַר־דען. חברה „עם עולם" זיינען אָנגעטאָן שבת'דיג. מען שטעהט אויפ'ן דעק, אַז מען ערוואַרטעט אַ וואַרימען קבלת פנים. אַזוי שטעהט מען זיך אין אַ יום טוב'דיגער שטימונג, און אונזערע פיהרער צונעהמען אונזער גרויסען פלאַג. זאָל די וועלט זעהען און וויסען ווער דאָ קומט אָן. דער פלאַג האָט נאָר וואָס אַזוי

שעהן צושפּרייט זיך, און די גרויסע גילדערנע ווערטער „עם עולם" ווארפען זיך אלעמען אין די אויגען, ערשט אונערוואַרטעט לויפט צו א מאַן און הייסט אראבלאָזען דעם פלאַג. ענטפערט מען איהם מיט א ברייטקייט, אז מיר זיינען אין א פרייען לאנד, ווערט ער אייך מלא כעס, כאפּט אַרוים דעם פלאַג און שמייסט איהם אריין גלייך אין וואסער. עפּעס ווי א פּאַטש אין פּנים האָבען מיר אלע געכאפּט.

מיר געהען אראב אין קעסטעל גאַרדען. די קיילעכדיגע געביידע איז אָנגעפּאַקט מיט אימיגראַנטען, וועלכע זיינען אָנגעקומען פריהער פון אונז. ניטאָ וואו צו צוזעצען זיך, נאָר ווער דאַרף דאָ זיצען? אויף אונז ווארט מען מן הסתם פון דרויסען.

מען האָט אונז אלעמען פארשריבען. אמאָהל פלעגט עס צוגעהן שנעל, ניט ווי היינט. מיר געהען אַרוים אין דעם קליינעם פּאַרק אין קעסטעל גאַרדען, און בלייבען שטעהן. קיינער באַגעגנט אונז ניט. און מיר ווייסען ניט וואוהין צו געהן. אונזערע פיהרער לויפען אוועק, און מיר ווארטען. די ווייבער מיט די קינדער הונגעריגע, פארשמאַכטע, זעצען זיך אויפ'ן גראָז, לויפט צו א פּאָליסמאַן און הייסט אויפשטעהן.

אין א פּאָר שטונדען אַרום קומען אונזערע פיהרער מיט אייגעם פון אמעריקאַנער קאָמיטעט, און מען הייסט אונז אומקעהרען זיך צוריק אין קעסטעל גאַרדען. מען מוז דאָ נעכטיגען, און אַזוי ווי די געביידע איז פארנומען מיט אַנדערע אימיגראַנטען, בלייבען מיר אין הויף. זעצען זיך איז ניטאָ אויף וואס. אדער שטעה אדער זעץ זיך אויף די קאַלטע שטיינער.

פון קאָמיטעט ברייגגט מען ברויט מיט ווארשט, און מען טיילט אונז. פּיעלע ענטזאגען זיך, ווילען בעסער געהן קויפען, לאָזט מען שוין ניט אַרוים. די טויערען זיינען פארשפּאַרט.

עס ווערט נאַכט. פּיעלע ווייבער זיצען און וויינען שטילערהייד, די מענער זיינען נידערגעשלאָגען. מען פרעגט איינע די אַנדערע „וואס טוט זיך דאָ?" און מען ווייס ניט קיין ענטפער. מען ווארט אויף מאָרגען. די נאַכט איז א קאַלטע, פון דעם וואסער בלאָזט א קאַלטער ווינד. די זאַכען זיינען אין באַגאַזש. מען מוז שלאָפען אויפ'ן הוילען קאַלטען ערד. נאָר ווער שלאָפט? מען

האָט אויסגעטאָן די אויבערשטע קליידער פון זיך, און איינגעוויקעלט די קינדער, וועלכע זיינען צושלאָפען געווארען אויף די קאַלטע שטיינער, און די מאַמעס זיצען אויף דער ערד, זיפצען און קרעכצען, און שטיקען זיך וויינענדיג.

ווען עס איז ליכטיג געווארען, איז געוועזן א שרעק א קוק צו טאָן אויף אונזער „עם עולם.” אלע אויסגעמאטערט און פארשווארצט ווי פון א לאַנגער קרענק, און דערצו נאָך אויסגעשמירט אין שטויב. אביסעל שפּעטער ברייננגט מען וואַרעמער ברויט מיט ווארשט מיט קאַלטע קאַפע. עס פאַנגט זיך ווייטער אָן א געוויין פון אונזערע ווייבער. זיי ווילען ניט קיין געבעטעלטען ברויט.

אין א פּאָר שטונדען ארום לעדיגט זיך אָב די געביידע. די אנדערע פּאַסאַזשירען, די גוים, האָבען דאָך ניט אויף ווען צו ווארטען, איבערגענעכטיגט און יעדער געהט אין זיין וועג, און אונז הייסט מען דערוויל אין דער ליידיגער געביידע פארכאַפּען די ליידיגע פּלעצער.

א פּאָר טעג האָט מען זיך געוואַלגערט אויף די הוילע בענק, און נאָכהער קומט מען פון קאָמיטעט, מען נעהמט צו די פרויען און קינדער, און מען צושיקט זיי עפּעס אויף אינזלען. עס ווערט ווייטער א געוויין. די פרויען ווילען אליין ניט פאָהרען, נאָר אונזערע פיהרער בארוהיגען זיי, און זיי פאָהרען אוועק.

מיר מענער דרעהען זיך ארום. די פיהרער פליהען ארום און סוד'ען זיך, ביז גאָט האָט געהאָלפען אין א פּאָר טעג ארום האָט מען אונז אלעמען צוזאמענגענומען, און געזאָגט, אז וועגען קאָלאָניסטען קען יעצט אפילו קיין רעד ניט זיין. יעדערער זאָל זיך זוכען וואס צו טאָן. מען האָט זיך צוטיילט מיט די געלד, וואס איז איבערגעבליבען אין קאסע, און אלע זיינען געבליבען ווי אָבגעשמיסענע. מען שעמט זיך פאר זיך אליין. ווי אזוי לאָזט מען זיך אזוי פארפיהרען? ווער וואלט קיין אמעריקא פאָהרען, אויב ניט צו זיין קיין ערד־ארבייטער?

86. אונצופריעדען מיט אַמעריקאַ.

אונזער חברה „עם עולם" איז צוזעעט און צושפּרייט געוואָ־רען. די סטודענטען האָבען געדונגען א לײדיגען שאַפּ, געקויפט עטליכע מאַטראַצען, און האָבען דאָס געמאַכט פאַר זייער וואָה־נונג. געלעבט האַלב קאָמוניסטיש. די מעהרסטע זיינען אוועק ארבייטען. איין פּעטערבורגער טעכנאָלאָג, וועלכער איז געווען צו שוואַך צו ארבייטען, האָט ארומגעטראָגען לעמאָנאַד צום פאַרקוי־פען.

איך לאָז זיך געהן אין קאָמיטעט צו פרעגען אַן עצה. איך קום צום קאָמיטעט, עס שטעהען מענער און פרויען אין ליין מיט טיקעטס אין די הענד. נעבען טיר שטעהט א פּאָליסמאַן און פיהרט זיך אויף ניט גאָר ערעל. נעבען איהם שטעהט א רוסישער אידעל, וואָס דיענט אין קאָמיטעט, און איז נאָך ערגער פון פּאָליסמען. אריינקומען איז אונמעגליך. אויב מען דאַרף הילפע, דאַרף מען א טיקעט, און שטעהן אין ליין. איך וויים אָבער, אז דער פּאַרזיצענדער פון קאָמיטעט איז מיכל האַלפּערין, וועגען וועלכען איך האָב געלעזען, אז ער איז א גרויסער מענש, און ער קען העברעאיש. שרייב איך אַן א העברעאישען בריעף צו איהם, אז איך וויל זיין עצה. ווען איך האָב איבערגעגעבען דעם בריעף, האָט מען מיך באַלד אריינגעלאָזען, און האַלפּערין האָט מיר געזאָגט, אז קיין געלד צו גרינדען קאָלאָניעס איז נאָך ניטאָ, און ווען אפילו עס זאָל זיין, וואָלט מען דאָס אויך ניט טאָן, ווייל מען האָט שוין געהאַט א דורכפאַל מיט דער קאָלאָניע, וואָס מען האָט לעצטען יאָהר געגרינ־דעט פאַר די יעליסוועטגראַדער. זיי האָבען די קאָלאָניע שוין גע־ווארפען, און זיינען צוריק אין ניו יאָרק. ער גיט מיר איין עצה, אז איך זאָל זוכען א באַשעפטיגונג, און פאַר מיינע צוויי שוואָ־גערלעך גיט ער זיין קאַרט צו צוויי פאַבריקאַנטען, וואו מען זאָל זיי נעהמען אויף ארבייט.

געה איך מיר אוועק אויף עסעקס סטריט און דינג א דירה פון דריי רומס, א קיכעלע מיט צוויי קליינע צימערלעך. אראָב־געבראַכט די פרויען מיט די קינדער, איינגעקויפט וואָס נויטיג, פאַרדונגען איין צימערעל צו צוויי באָרדער, און עס פאַנגט זיך אַן

א שרעקליכע מלחמה מיט די וואנצען, ווי מען רופט עס דאָ בעד־באַגס. מען שלאָפט ניט גאַנצענע נעכט.

די שוואָגערלעך האָבען באקומען ארבייט מיט האַלפעריג'ס קארטלעך. דער קלענערער סטריפט טאבאק פאר דריי דאָלאר א וואך. קומט אהיים געל ווי וואקס, און האלט אין איין ברעכען. דער עלטערער דרעהט עפעס א שווערע ראָד, קומט אהיים אויס־געשמירט ווי א קוימען־קעהרער, און האָט קיין כח ניט צו עסען. די שוויגער באגעגנט זיי מיט א ביטערען געוויין, און איך פיהל זיך דער שולדיגער. שבת, ווען די קינדער דארפען געהן ארביי־טען, איז אין שטוב א יללה. איך שטעה אויף פריהער און אנטלויף פון שטוב. קיינער זאגט מיר גאָר ניט, נאָר איך שעם זיך צו קו־קען אין די אויגען.

איך אליין זוך אין די צייטונגען, וואו מען פאדערט „הענד", איך לויף ארום און געפין גאָר ניט, מיינע הענד געפעלען זיי ניט, צו עדעל. די שכנים, וועלכע זיינען שוין לאנג אין לאנד, זאָגען, אז איך זאל ווערען א פעדלער. דאָס הייסט פשוט א „ראזנאש־טשיק". א שעהן שטיקעל ארבייט פאר מיר. געפאָהרען ווערען א קאָלאָניסט, און געה ווער גאָר א ראזנאשטשיק. עס געהען אוועק א פאר וואכען. איך האָב ניט וואס צו טאָן. איך ווער ווייבער און באשליס צו ווערען א פעדלער. מען זאָגט, אז אין אמעריקא איז דאָס ניט מאוס. א געשעפט ווי אלע געשעפטען. א שכן, אלס גוטער פריינד, פיהרט מיך צו זיינעם א באקאנטען האָלסיילער — אפטאווישטשיק, — און בעט, אז מען זאל מיך באהאנדלען פיין. דער האָלסיילער דערצעהלט אז ער אליין איז אויך געווען א פעדלער, און די אלע היגע מיליאנערען זיינען געווען פעדלער, ווייל דאָס איז דער איינציגער וועג אויסצוגרינען זיך און ארויפ־צוארבייטען זיך. ער הייסט דערלאנגען א בעסקעט, דאָס מיינט א קאָרב, און מען פאנגט אָן צו פאקען: זאָקען, קארפעטקעס, קעמלעך, קנעפלעך, שפילקעס, נאָזטיכעלעך, האנטיכער, שערע־לעך, מעסערלעך, און נאָך פארשיעדענע זאכען. דער באָס מאכט מיר דעם חשבון. אלעס אזוי ביליג. וואו האָט מען דאָס ביי אונז געהערט א שערעלע פאר צעהן סענט. אדער א פאָר ווייבער־שע לאנגע זאקען פאר צעהן סענט? איך צאָהל אָב צוועלף דאָ־

לאר. מען שענקט מיר א רימען צום בעסקעט. דער באס אליין טוט מיר אָן דעם רימען אויף די שולדערס, און ווייזט ווי צו צו־האלטען דעם בעסקעט מיט'ן האנד, זאגט מיר אָן, אז איך זאָל זיך ניט שעמען און קלאפּען אין אלע טירען, ווינשט מיר גליק, און איך לאָז זיך געהן.

מיין קרעמעל ציהט מיך צו דער ערד. אַט וועט דאכט זיך מיין שולדער איבערברעכען זיך. טייכען שוויס גיסען זיך פון מיר, די פיס ברעכען זיך אונטער, און איך שעהם זיך צו קוקען מענשען אין די אויגען. איך געה שוין א לאנגע צייט, און נאָך ניט אָנגעקלאפּט אפילו איין טיר. געה קלאפּ, קריך ניט־געבע־טענערהייט! דערווייל זיינען מיך באפאלען א חברה שקצים, און גענומען ווארפען מיט שטיינער, און מיט קויהלען. קוים א לעבעדיגער ארייננעכאפּט זיך אין א הויז. געקראכען ביז דעם זעקסטען פלאָר און געלייזט נאָר צעהן סענט.

געקומען א היים מיט א שטעכענעס אין זייט און מיט א גע־שוואָלענעם שולדער. מיין פרוי זיצט נעבען מיר און וויינט שטי־לערהייט, און די שוויגער וויינט און טענה'ט: „שעהן דערלעבט זיך, וועה איז מיר!"

אויף מאָרגען באשלים איך צו קלאפּען אין אלע טירען. איך געה און קלאפּ, אבער פיעלע ווילען גאָר ניט עפענען, שרייען, אז זיי דארפען גאָר ניט. אייניגע גיבען צו לייזען א סענט אָדער צוויי, און דאָס זעהט אוים ווי א נדבה, האָבען רחמנות אויף א „גרינעם". מיין פנים ברענט פון שאנדע, און איך שלעפּ זיך ווייטער, טראכטענדיג וועגען אונזערע זיסע חלומות, וועגען דער שעהנער קאָלאָניע, און וועגען א שעהנעם רוהיגען לעבען אלס קאָ־לאָניסט. טיעף פארטראכט, בעמערק איך אַן אָפענע טיר, און פארגעס, אז מען מוז א קלאפּ טאָן, און טו גלייך אָן עפען די טיר. די פרוי, וואס האָט גערייניגט דעם אויווען, האָט א כאַפּ געטאָן א דעקעל פון אויוועו און א שליידער געטאָן גלייך אויף מיר, און א געשריי געטאָן: „גיראַדיהיר." א דאנק גאָט די דעקעל האָט מיך ניט געטראָפען. איך בין ארויסגעשפּרונגען פון צימער, פארמאכט די טיר, און געלאָזט זיך פליהען. שיעור ניט געברא־

כען האלז און נאַקען, און אוועק גלייך אהיים, א שליידער גע־
טאָן דעם בעסקעט, און זאָג, אז מעהר געה איך ניט.

מיין שווער, וועלכער האָט נאָך ביז יעצט אויך ניט אָבגע־
זוכט וואס צו טאָן, ווערט א בריה, נעהמט מיין בעסקעט און לאָזט
זיך געהן פעדלען. מיר אלע ווילען איהם ניט לאָזען, און ער
לאכט און זאגט, „אז דו האָסט געפּרובט, מעג איך אויך פּרובען.”
אין א פּאָר שטונדען ארום איז ער געקומען, און דערצעהלט, אז
ער האָט גאָר גוט געלייזט, מען האָט איהם געריסען פאר'ן באָרד,
נאָכגעלאָפען און געבריקעט מיט די פיס, און פארווארפען מיט
מיסט פון די בארלעך.

דער סוף איז געווען, אז מיר האָבען אונזער קרעמעל פאר־
קויפט צו פעדלער פאר זעקס דאלאר. און טאקע ווייטער ניטאָ
וואס צו טאָן. דאָס ביסעל געלד ווערט אלץ ווענינגער, און די
ענטוישונג איז גרויס. געפאָהרען צו לעבען א שטילען, ארענט־
ליכען, זעלבסטשטענדיגען לעבען אלס ערד־ארבייטער, אלס אידען
און פרייע בירגער, און לעבען דארף מען גאָר אין טומעל און
שמוץ, און זוכען פרנסה פון קליינליכע שנאָרערישע געשעפטען,
אדער מען מוז זיך פארשקלאפען, ארבייטען ווי א פערד ביי יע־
נעם פאר א שטיקעל ברויט. דער קלאסען קאמפף איז דאָ פיעל
ערגער איידער דאָרט; און קיין איבעריגע ליעבע צו אונז זעהט
מען דאָ אויך ניט, אין גאס פארווארפט מען מיט שטיינער, און
פיעלע ווילען ניט פארדינגען קיין דירה צו א אידען. קיין אי־
דישקייט קען מען אויך ניט אָבהיטען. די מעהרסטע זיינען גע־
צוואונגען צו ארבייטען שבת און יום טוב. היינט וואו איז די
פרייהייט? וואו איז די גלייכהייט? און עס בענקט זיך זעהר
נאָך דעם אלטען היים מיט יענעם לעבען.

דערוויילע קומען אן בריעף פון רוסלאנד פון די גוטע פריינד,
וועלכע ווייסען שוין פון מיינע בריעף דעם גאנצען אמת, און זיי
שרייבען, אז עס איז געווארען א נייער מיניסטער, א מענש א לי־
בעראלער, און מען הארט אויף בעסערע צייטען. און זייער עצה
איז, אז מען זאָל קומען צוריק.

דער שוועער בעט זיך, אז מען זאָל פאָהרען צוריק, די שוויגער
וויינט און קלאָגט, אז מען זאָל זיי פיהרען צוריק, זי זאגט, אז

דאָ וועט מען פאַרשפּיעלען אי די וועלט אי יענע וועלט; און מיין פרוי טענה'ט, אז מיר זיינען דאָך געפאָהרען צוליעב ערד־אַרבייט, און, אויב מיר האָבען דאָס ניט, דאַרף מען פאָהרען צוריק קיין רוסלאַנד.

87. די רייזע צוריק קיין רוסלאַנד.

געוועזן אין אמעריקא דריי מיט אַ האַלבען מאָנאַטען, און מיר פאהרען צוריק מיט אַ האָלענדער פּראַכט שיף, וועלכע האָט עטליכע קאַיוטען פאַר פּאַסאַזשירען. מיר פאָהרען ביי 60 אידען, מענער, פרויען און קינדער. מיר מיט אונזער ביסעל געלד, וואָס איז איבערגעבליבען, זיינען די רייכסטע. אייניגע האָבען אפילו ניט קיין אויבער־בגד, אַלעס פאַרקויפט אבי צונויפצוקלייבען אויף אַ שיפס קאַרטע, און אַנטלויפען צוריק. אַלע זיינען פאַרפינסטערט, פאַרצאָהרענט, און מען שילט אמעריקא מיט קאָלומבוס'ען אין איינעם. צו אונזער רומעל האָבען מיר נאָך אַן עגונה מיט צוויי קינדער, וועלכע דער מאַן האָט אוועקגעוואָרפען אין אמעריקא, און זי פאָהרט עס צו איהרע עלטערען קיין רוסלאַנד.

די רייזע אויפ'ן ים האָט געדויערט זיעבעצעהן טעג. קיין כשר עסען איז ניטאָ. מיר האָבען אָנגענומען פון ניו יארק גאַנצע זעק מיט עסען, נאָר מען האָט עס אויפגעגעסען אין צעהן טעג, און אַ היבשע ביסעל האָט מען צוטיילט. מיר בעטען ביים קאַפּיטאַן פּאָטייטאָס מיט הערינג, מיר דערצעהלען איהם, אז מיר עסען ניט קיין טרפה. ווערט ער גוט אין כעס, זאָגט, אז מיר זיינען ווילדע, אז אזעלכע זאכען וועלען מיר אָבהיטען אויפ'ן לאַנד, אבער ניט אויפ'ן וואַסער. מען גרייט פאַר אַלעמען עסען, און אויב מיר עסען ניט, וואַרפט מען עס אין ים.

אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע קומען מיר אָן קיין אמסטערדאַם. אונזער שיף קומט צו אַ פּלאַץ, וואו מען דאַרף אויסלאַדען דעם פראַכט, און דאָ זעצט מען אונז אַראָב. מיר אַליין האָבען געקענט גלייך אוועקפאָהרען. נאָר די פאַרצווייפלונג פון אונזערע מיט־רייזענדע האָט מיך פאַרהאַלטען. קיינער

האָט ניט מיט וואס ווייטער צו פאָהרען, און ווייסען ניט וואס צו טאָן. קלייב איך אוים איינעם פון זיי ,און מיר געהען אין שטאָדט. איך דערפרעג זיך צום ראבינער. ער רעדט צו מיר דייטש, און איך פרעג איהם אויב ער וועט מיר ערלויבען צו ריי־דען העברעאיש, ווייל מיין דייטש וועט ער ניט פארשטעהן. בעט ער מיך ריידען העברעאיש, און איך דערצעהל, אז אונזער געזינד האָט מיט וואס צו דערפאָהרען, נאָר די אלע אנדערע האָ־בען ניט. דער ראבינער צופרעגט זיך פאר וואס מיר פאָהרען צו־ריק. איך דערצעהל וועגען דעם „עם עולם" און וועגען אונזער ענטוישונג.

נאָך א קורצען געשפרעך, זאָגט ער צו מיר גאַנץ העפליך, אז דאָס ביסעל געלד, וואס מיר האָבען זאָל בלייבען צו קומען אהיים מיט עפּעס, און מיט'ן פאָהרען וועט מען אונז אלעמען פאר־זארגען. אין א שטונדע ארום זיינען שוין אלע אונזערע פּאסאזשי־רען געפאָהרען אין גערעקטע קארעטען. צוגעפיהרט צו א שעהנעם האָטעל. דער ראבינער מיט נאָך אייניגע מענשען ערווארטען אונז דאָ. מען גיט אונז שעהנע צימערען, און מען זאגט, אז מיר זאָלען דאָ אָברוהען פון וועג א פּאָר טעג, און מיר האָבען זיך ווירק־ליך אָבגערוהט. פארזארגט מיט אלעס. מיט א שעהנעם געלעגער צום שלאָפען, מיט די בעסטע מאָהלצייטען, און די, וואס האָבען זיך גענויטיגט, האָט מען געגעבען קליידער.

אויפ'ן דריטען טאָג פאָהרען מיר אָב. מיט קארעטען פיהרט מען אונז צום וואקזאל. גענומען בילעטען פאר אלעמען ביז קעלן, און דער ראבינער גיט מיר א בריעף צום קעלנער ראבינער, דר. פראנק. אין קעלן לאָז איך איבער אלעמען אויפ'ן וואקזאל און לויף צו דר. פראנק. ער לעזט איבער דעם בריעף, גיט מיר א בריי־טען שלום עליכם, און פאנגט גלייך אָן צו ריידען העברעאיש. ער נעהמט זיין פרוי, און מיר אין דרייען, פאָהרען אין א קארעטע צום וואקזאל. מען גיט אלעמען עסען און טרינקען, אלץ אזעלכע זאכען וואס א איד מעג עסען, און מען נעהמט בילעטען ביז בערלין. קיין האנאָווער טעלעגראפירט ער, אז מען זאָל פאר אונז צוגרייטען איין אָנבייסען, און קיין בערלין טעלעגראפירט ער, אז מען זאָל אונז באגעגענען אויפ'ן וואקזאל.

פון בערלין האָט מען אונז געגעבען בילעטען ביז דעם רוסישען גרענעץ, און פון גרענעץ האָט אן אגענט פון בערלינער קאָמיטעט, געגעבען יעדען איינעם געלד צו דערפאָהרען אהיים. ווען איך בין אריינגעפאָהרען צוריק אין רוסלאנד האָב איך דערפיהלט, אז איך בין צוריק אין דער היים. איך בין מעהר ניט שטום. איך פאַר־שטעה אלעמען, און אלע פארשטעהען מיך. אלעס איז מיר ליעב. דאָ בין איך געבאָרען, און דאָ דארף איך לעבען, און ווארטען גלייך מיט אַלעמען אויף בעסערע צייטען, וועלבע וועלען געוויס קומען.

פינפטע אָבטיילונג.

די לעצטע צוואַנציג יאהר אין רוסלאַנד (1883-1903)

88. איך ווער אַ לעהרער.

געקומען צוריק קיין פּערעשטשעפּינע. די געשעפטען זיינען שלעכט, אַלע זיינען פאַראָרימט, מען מוז זיך זוכען עפּעס אַ פּרנסה. פאַהר איך קיין פּאָלטאַווע זוכען אַ שטעלע און געפין ניט, גיט מען מיר אַן עצה, אַז איך זאָל דערוויילע ווערען אַ לעהרער.

איינער מ. וויל האָבען אַ לעהרער ביי זיך אין שטוב. פאַר זיינע צוויי קינדער גיט ער קוואַטיר און עסען, און נאָך צוויי בעלי בתים שיקען זייערע פיער קינדער און צאָהלען צוואַנציג רובעל אַ מאָנאַט. בלייב איך קנעלען אין פּאָלטאַווע און מיין פרוי מיט'ן קינד זיינען מיט'ן שווער.

מיט מיין לערנען איז מען שטאַרק צופריעדען. איך בין אַבער אומצופריעדען. איך וויל ניט זיין קיין מלמד. קוים דערלעבט ענדע זומער און גענומען ווייטער זוכען אַ שטעלע. עס מאַכט זיך אָבער ניט קיין שטעלע.

דערוויילע האָט דער שווער אַ קרעטשמע געדונגען אין אַ גרויסען דאָרף, און דאָרט זיינען פאַראַן נאָך אַ פּאָר אידען, און זיי האָבען צוויי אינגלעך. בעטען זיי מיך, אַז איך זאָל מאַכען אַ קנעלונג אין דאָרף. די פּאָלטאַווער זיינען וויליג צו שיקען זייערע קינדער צו מיר אין דאָרף. מאַך איך מיר אַ קנעלונג אין דאָרף. מיר האָבען פיער קינדער אויף קעסט. מיין פרוי היט זיי אָב ווי אַן אייגענע מוטער. איך האָב זי פאַרזאָרגט מיט אַ רעכטער שטיקעל אַרבייט, און אַליין אַרבייט איך אויך שווער און ביטער. איך דאַרף אַליין לערנען מיט זיי אידישע למודים און רוסיש און אַריטמעטיק.

דערצו וויל איך נאָך אָבהיטען זייער געזונט. יעדער שטונדע מוזען אלע געהן אין דרויסען שפּיעלען זיך צעהן מינוט, און אַמאָהל פיהר איך זיי אויפ'ן טייך גליטשען זיך דאָרט. די קינדער האָבען אונז ליעב, און איך מיט מיין פרוי זיינען צופריעדען, וואס איך פארדיען דערוויילע צום לעבען א כשר'ן שטיקעל ברויט.

ניט ווייט פון אונז אין דעם דארף מאטשיכע וואהנט א איד א נגיד, און ער האָט אַ בן יחיד. האָט דער איד דערהערט, אז איך בין א גוטער לעהרער, קומט ער, און בעט, אז איך זאָל ארויספאָהרען קיין מאטשיכע. ער גיט מיר אָב א שעהנע הויז פון פיער צימערען מיט א באזונדער פראכטפולען פרוכט גארטען, און דערצו נאָך פופציג רובעל א זמן, און מיינע פּאלטאווער קעסט־ניקעס קען איך דאָרט אויך האָבען.

אונז געפעלט זעהר דער פלאַן, און מיר פאָהרען ארויס קיין מאטשיכע. אן אמת'ער גן עדן. א גרויסע ליכטיגע און לופטיגע הויז ארום מיט גרינסען. עס איז פשוט א פארגניגען צו זיצען און לערנען; און, ווען עס איז הייס, פארקלייב איך זיך מיט מיינע תלמידים טיעף אין פרוכט גארטען צווישען די בוימער. זיצען מיר זיך אויפ'ן גראָז און לערנען, און עסען פרוכטען גלייך פון בוים.

די שטאָדטישע קינדער האָבען גאָר אָבגעלעבט. זעהען אויס אלע שעהן און געזונד, און מיר אליין פיהלען זיך אויך גאנץ גוט. דאָך טראכט איך צו ווארפען די מלמדות. איך וויל דאָס ניט מאַכען פאר א פרנסה.

ביים ענדע זומער פאָהר איך קיין כארקאָוו זוכען א שטעלע, און געפין גאָר ניט, קום איך קיין פּאלטאווע זוכען, לעגט מען מיר פאר עפּעס א שטעלע נאָר מיר געפעלט זי ניט. פאנגען אָן די עלטערען פון מיינע תלמידים איינצורעדען מיך, אז איך זאָל ארויספאָהרען קיין פּאלטאווע, וואו איך קען האָבען די בעסטע תלמידים, און האָבען פיין פרנסה. מיר ווילט זיך טאקע וואהנען אין פּאלטאווע צווישען מענשען, וואו איך האָב שוין פיעלע גוטע פריינד, און מיר פאָהרען ארויס קיין פּאלטאווע. איך פארדיען מיר פון מיינע מלמדות פופציג רובעל א חודש, נאָר איך ארבייט צו שווער. עטליכע גרופּען קינדער, מען דארף אליין לערנען אי־

דיש, רוסיש און אריפמעטיק. אייניגע תלמידים האָבען שווערע קעפּ, און איך וויל, אז אלע זאלען קענען, ארבייט איך אריבער די כחות, ביז איך פאנג אָן צו פיהלען א וועהטאָג אין הארצען, און באשלים פעסט צו ווארפען די לעהרעריי.

איך דענק, אז די פאסענדסטע זאַך פאר מיר איז צו ווערען א בוכהאַלטער. איך בעקאַן זיך מיט א בוכהאַלטער פון א באַנק. ער זאגט, וועלכען בוך איך זאָל קויפען צו לערנען בוכהאַלטעריע, און עס פאנגט זיך פאר מיר אָן אַ נייע סדרה מיט בוכהאַלטעריע. פון גאַנץ פריה ביז שפּעט אין אווענד דאַרף מען לערנען מיט די קינדער, און נאָכהער אליין לערנען. איך פיהר ביכער פון א גרויסען געשעפט, ווי עס איז אָנגעוויזען אין בוך. איך מאַך באלאנסען, זיי גלייכען זיך ניט, זיצט מען ביז האַלבע נאַכט און מען זוכט דעם טעות.

פון די אלע ארבייטען בין איך זעהר אָבגעשוואַכט געוואָרע, און דערצו נאָך האָט אונז געטראָפען א גרויסער אומגליק. אונזער גערעטענער, ביי אלעמען באַליעבטער, מאיר, מיין שוואָגער, איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט. געוועזן אַן עקסטערען. כסדר געגרייט זיך צו עקזאַמענס. פאר קוואַטיר מיט עסען גע־דאַרפט גרייטען פיער קינדער צו עקזאַמענס. דערצו נאָך א פּאָר אוראָקען צו פארדיענען עפּעס געלד, און אָרימע עקסטערנעס זייענען פאַראַן פיעל, מוז מען זיי העלפען, אליין געגאַנגען אין צוריסענע שיך, אָהן אַן אויבער בגד, ביז ער האָט זיך פארקיהלט, דאָך ניט צוגעהערט זיך און פארטגעזעצט די ארבייט, ביז עס האָט זיך באוויזען בלוט פון האלז. אוועקגעפאָהרען צו די עלטערען אין דאָרף, עס איז אבער צו שפּעט געוועזן.

זיין פריה־צייטיגער טויט האָט מיך אין גאַנצע צובראָכען, און איך זעה, אז איך בין אליין אין געפאַהר, אויב איך וועל ניט ווארפען קנעלען. קוים דערשלעפּט ביז פסח און געוואָרפען.

89. איך ווער אין לובען א סוחר פון פּאַרב (1885).

געבליבען אָהן א קנעלונג. דערווייל האָט די פרוי געהאַט א אינגעלע, דאָס איז מיין זוהן נחום. א קינדבעט און א ברית האָ־

בען צוגענומען כמעט אין גאַנצען אונזער אָבגעשפּאָרטען קאַפּי־טאַל, און איך בלייב מיט אַ פרוי מיט צוויי קינדערלעך ווי אויפ'ן וואַסער. נאָר גאָט פאַרלאָזט ניט. איינער פון די עלטערען פון מיינע תלמידים האָט אַ פאַבריק פון קראַסקעס, (פאַרב), לעגט ער מיר פאָר, אַז ער וועט עפענען אין לובען איין אבטיילונג פון זיין געשעפט, און איך זאָל דאָרט פיהרען דעם געשעפט. ער גיט מיר אַ גוטע קאָמיסיאָן, און דערוייל גאַראַנטירט ער מיט פינף און דריי־סיג רובעל אַ חודש. עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב זיך אָנגע־כאַפּט. זאָל זיין פאַרב, זאָל זיין לובען, אַבי ניט קנעלען, און האָ־בען אַ שטיקעל ברויט.

איך פאַנג אָן צו געהן אין פאַבריק און לערען די פאַרשיע־דענע פאַרבען. מען דאַרף גוט אונטערשיידען די קאָלירען, און פון יעדען קאָליר די פאַרשיעדענע סאָרטען, און וויסען די פרייזען, און פאַרשטעהן, וואָס עס געהט צוליעב וואָס. עס געהט דורך אַ פּאָר וואָכען, מען עקזאַמענירט מיך, און איך ענטפער גאַנץ גוט. דער פאַבריקאַנט אליין פאָהרט מיט מיר קיין לובען. מען דינגט אַ גרויסען מאַגאַזין, גענומען דאָקומענטען, געדונגען אַ פּריקאַש־טשיק. עס קומט אָן סחורה. דער פאַבריקאַנט העלפט מיר עטלי־כע טעג צו פאַרקויפען, און זאָגט, אַז ער קען זיך שוין פאַרלאָזען אויף מיר אליין. ער פאָהרט אַוועק, און איך פאַנג אָן צו האָבען ברענענדיגע צרות.

די אָרטיגע קריסטליכע סוחרים דערזעהען אין מיר אַ גרויסען קאָנקורענט, פאַנגען זיי אָן אונטערצוקויפען די קראַסילשטשיקעס (פאַרבער), אַז זיי זאָלען קאָליע מאַכען מיין פאַרב, אויב איינער וועט קויפען און זיי וועט אויסקומען צו אַרבייטען דערמיט; און קאָליע מאַכען פאַרב איז זעהר אַ גרינגע זאַך. עפּעס אַריינגע־מישט, פאַרלירט עס דעם קאָליר. און קונים האָב איך דוקא גרוי־סע מיוחסים, אַ סליעדאַוואַטעל, דער פּראָקוראָר, אַ פּאָר אַדוואָ־קאַטען, און דער נאָטאַרוס. און יעדערער קומט מיט גוואַלדען. ביי דעם איז די בעסטע ווייסע פאַרב אויסגעקומען דונקעל, און ביי דעם האָט די געלע פאַרב אויף די דילען אַ פנים פון בלאָטע. איינינגע זאָגען גאַנץ אָפען, אַז דאָס איז אידישער שווינדעל, און דאָס ברענט מיך און קרענקט מיך מעהר פון אַלץ, און איך שטעל

זיך ווי א ברייטער פריץ, און זאָג זיי, אז דאס איז אונלאָגיש צו גלויבען, אז מענשען וועלען קומען אין א נייען פלאץ, און גלייך אָנפאנגען צו נאַרען, און איך נעהם זיך אונטער צו איבערצייגען זיי, אז די שווינדלער זיינען דוקא די קריסטליכע סוחרים מיט די קריסטליכע פארבער. איך בעט זיי, אז זיי זאָלען נעהמען די זעל־בע פארב און איך שיק א אידישען פארבער, געה אליין, און זעה ווי מען אַרבייט, און די פארב איז אויסגעצייכענט. זיי האָבען זיך איבערצייגט, אז מען האָט קאַליע געמאכט די פארב. די קונים בעטען מיך מחילה פאר חושד זיין, און באקומען צו מיר דעם גרעס־טען צוטרויען.

איך האָב די בעסטע קונים פון שטאָדט. די שטאָדט איז אָבער צו קליין און מעהר פון מיינע פינף און דרייסיג רובעל א חודש קען איך ניט אויסאַרבייטען, און מיט 35 רובעל מוז מען לעבען זעהר אויסגערעכענט, און אָבשפּאָרען א רובעל מוז מען דאָך אויך. וואָהנען מיר אין א קיך מיט איין גרויסען צימער. ביי דער נאַכט איז דאָס א שלאָף־צימער פאר אונז מיט די צוויי קינדער, און ביי טאָג איז דאָס אן עס־צימער, און א גאסטינע, וואו מיר נעהמען צו געסט, און געסט האָבען מיר זעהר פיעל.

זומער האָט מיין דירה א גרויסע מעלה, דורכ'ן פענסטער זעהט מען א שעהנע פאנאראמא: פון איין זייט בערג, באוואקסען מיט גרויסע בוימער, פון צווייטען זייט א טאָל מיט פרוכט גערטנער און אונטען לויפט א טייך, אן אמת'ע פּאָעטישע וואהנונג, דער־פאר אבער ווינטער ווערט דאָס וואסער פארפראָרען אין שטוב. הייצט מען א גאנצען טאָג די הרובע און מען האלט די קינדערלאך אויפ'ן הרובע, און אין די לאנגע ווינטערדיגע אווענדען, ווען די קינדערלעך שלאָפען שוין אין בעט, קריכען מיר אליין ארויף אויפ'ן הרובע. די פרוי נעהט אָדער פארריכט די קליידער פאר די קינ־דער, און איך לעז פאר איהר.

90. לובענער משכילים און עקסטערנעס.

מיין געזעלשאפטליכער לעבען אין לובען איז געווען צופריע־דענשטעלענד. דער יונגער דור, קינדער פון פוילישע חסידים, האָ־

בען זיך געריסען צו ליכט, צו השכלה, און צווישען זיי האָבען זיך געפונען טאַקע פיינע יונגע לייט, ווי מ. פענקאַווסקי, די שטילע טיפע פּאָעטישע נשמה, וועלכער וואָלט ביי אַנדערע פעלקער אויסגעוואַקסען אַ פיינער פּאָעט, און ביי אונז איז ער געבליבען אַ תלמוד תורה מלמד. דאָ איז געוועזען באַצעלקינד, דער אידעאַליסטישער לעהרער, וועלכער האָט געקנעלט ביז ער האָט באַקומען אַלע קרענק און מכות פון דער תוכחה. אַ באַדייטענדען פּלאַץ האָט פאַרנומען מ. איזראַאילעווסקי, אַ יונגער מאַן מיט אַ הייסען טעמפּעראַמענט, וועלכער פלעגט טאַנצען, זינגענדיג מציר מאַני'ס אַ שיר, און שפּעטער איז ער געוואָרען אַ סוחר, און האָט מיט ר זעלבער היץ קעראָסין פאַרקויפט. צווישען די יונגע לייט האָט מען אָפט געזעהן גדלי' ראַסקין, דעם פּעסעמיסט, וועלכער האָט שטאַרק פיינד געהאַט אַלע נגידים, און האָט געשאָטען פּעך און שוועבעל אויף די פּוסטע אַריסטאָקראַטען; און דער שטילער א. זאַרעצקע פלעגט אַ פאַרטראַכטער אויך אַרומדרעהען זיך אין דער קאָמפּאַניע. אפילו די גבירישע קינדער האָבען זיך אָפט אַריינגעכאַפּט צווישען אָט דער חברה קבצנים.

ביי מיר איז געוואָרען דער מיטעל פּונקט פון דער גאַנצער חברה. יעדען יום טוב זיינען זיי מיינע געסט, און אויב שמחת תורה איז קיין בראָנפען ניטאָ, טרינקט מען וואַסער, מען שרייט „לחיים" און מען כאַפּט אַ רקוד'ל, מען טאַנצט אַ פרעהלעכס ווי די גרעסטע שכורים. זומער, אַ שבת ביי טאָג, געהט מען אַוועק אין די שעהנע וועלדער אַרום שטאָדט, און דאָרט לעזט מען און מען דיסקוטירט, און אַמאָהל שפּיעלט מען זיך ווי קליינע קינדער.

אויסער אונזערע יונגע לייט האָבען מיר אימער פרעמדע אָנגעקומענע עקסטערנעס. אידען נעהמט מען דאָך ניט צו אין גימנאַזיע, לערענט מען אַליין, מען גרייט זיך צו, און מען קומט אין גימנאַזיע אויסהאַלטען עקזאַמען. די צרה איז אָבער, וואָס מען דערלאָזט ניט די אידישע קינדער אויסצוהאַלטען דעם עקזאַמען, מען מאַכט זיי אַלע שוועריגקייטען; און די לובענער גימנאַזיע האָט אַ גוטען נאָמען, אַ דירעקטאָר אַ פיינער מענש, דעריבער קומט מען פון גאַנץ ווייט האַלטען דאָ עקזאַמען. די מעהרסטע פון די

עקסטערנעם זיינען גרויסע קבצנים. זיי האָבען ניט וואו דעם קאָפּ צו צושפּארען, און הונגערען גאַנץ אָפט, און אונזערע קבצנים, די משכילים, העלפען מיט וואס נאָר מעגליך.

אמאָהל קומט צו מיר אריין א בחור'ל פון א יאָהר 18 מיט אן ערעלען שעהנעם פּנים נאָר זעהר בלאס. די שעהנע, שווארצע אויגען טיעף איינגעפאלען און די ליפּען פארשמאכט. ער פאנגט אָן צו ריידען, און זיין בלאסער פּנים ווערט באַדעקט מיט א קראַנקליכער רויטקייט. ער דערצעהלט, אז ער איז געקומען האל־טען עקזאמען, און מען האָט אָבגעלעגט אויף זעקס וואָכען, און ער האָט ניט קיין גראָשען געלד, שוין צוויי טעג ניט געגעסען. איך לאָז איהם איבער אין געשעפט און לויף אהיים. מיר האָבען יעצט א נייע דירה, טאקע אויך נאָר צוויי צימערען, אבער די צימערען זיינען גרויסע און ווארימע. אמת מיר זיינען אליין פיער מענ־שען, איך מיט דער פרוי מיט צוויי קינדערלעך, און די פרוי איז אויף דער צייט, אבער וואס איז דאָס פאר א תירוץ. איך דער־צעהל דער פרוי וועגען דעם יונגען מאן, טראכט זי ניט לאנג, און זאָגט, אז ער זאָל זיין מיט אונז, און דער יונגער מאן איז ביי אונז געוועזען ביז נאָך די עקזאמענס. א גאנצען טאָג איז די פרוי מיט די קינדער געזעסען אין קיך, און ער איז געזעסען אין גרויסען צימער און געלערענט. די פרוי האָט איהם אָבגעהיט גלייך ווי איה־רע קינדער און ער איז געווארען אין שטוב ווי אן אייגענער. ווען מיין פרוי איז אין קינדבעט געלעגען האָט ער געהאָלפען ווי א מייד־דעל. און אזוי האָבען מיר געהאט א צווייענדיגע שמחה, מיין פרוי האָט געהאט אונזער זוהן אליהו, און אונזער עקסטערען האָט אויסגעהאלטען עקזאמען.

91. שלום עליכם'ס א שפּיצעל.

פּינקאָווסקע'ס אייניגע שירים האָבען זיך שוין געדרוקט אין דעם אידישען פאָלקס בלאט. ווי עס ווייזט אויס, האָבען חברה זיך מתקנא געווען, און גענומען שיקען ארטיקלען און שירים. שלום עליכם, וועלכער איז פריהער געווען ראבינער אין לובען, איז יעצט געווען פארבונדען מיט דעם אידישען פאָלקס בלאט, און

אזוי ווי ער האָט אין לובען אלעמען פערזענליך געקענט, האָט ער אונזערע שרייבער אָבגעטאָן א שפּיצעל.

אין א שעהנעם פריה־מאָרגען לויפט צו מיר אריין מ. ראהאַ־טשעווסקי, א נגידישער בחור, און ווייזט מיר מיט גדלות א בריעף פון שלום עליכם'ן, געשריבען ווי צו א גוטען פריינד, און אין דעם בריעף ליגט אַ שיר, וועלכען זארעצקע האָט געשיקט אין דער רעדאקציע, און שלום עליכם, בעט איהם, ראהאטשעווסקי'ן, אז ער זאָל זיין אזוי גוט און בעטען דעם פּאָעט, אז ער זאָל ניט מאַ־טערען די רעדאקציע מיט זיינע נאַרישע גראַמען. דערצו זיינען אויף'ן שיר געווען אייניגע קורצע באמערקונגען, וועדליג שלום עליכם האָט געקענט מאכען, אז מען האָט געדאַרפט האלטען זיך פאר די זייטען לאַכענדיג. ראהאטשעווסקי בעט מיך, אז דאָס זאָל בלייבען א סוד, און לויפט אוועק. אין א האלבע שעה ארום לויפט אריין זארעצקע, דאָס הייסט דער פּאָעט, פארסאפּעט, קוים וואס ער כאפּט דעם אָטעם, און ווייזט מיר א בריעף אליין פון שלום עליכם'ן, און אין דעם בריעף ליגט אַ פעליעטאָן געשריבען פון ראהאטשעווסקי'ן, און שלום עליכם בעט זארעצקע'ן, אז ער זארעצקע, זאל זיין אזוי גוט און אָן עצה געבען ראהאטשעווסקי'ן, אז ער זאָל אין די פּאפּיער בעסער וויקלען סחורה איידער שריי־בען פעליעטאָנען. אויף'ן פעליעטאָן זיינען געווען שלום עליכם'ס אייניגע באמערקונגען מיט רויטען טינט, אז עס האָט געקענט פינ־סטער ווערען אין די אויגען. זארעצקע זאָגט מיר אָן, אז דאָס זאָל בלייבען א סעקרעט, און ווערט פארשוואונדען. עס האָט ניט געדויערט קיין שטונדע, האָב איך אין מיין מאגאזין געהאָט די גאנצע שטעדטעל משכילים צוזאמען מיט די צוויי שרייבער, וועל־כע האָבען די עהרע געהאַט צו ערהאלטען בריעף פון שלום עליכם'ן אליין.

92. מיין מוטער'ס טויט.

צווישען די שעהנע און שטאַרקע געפיהלען, וועלכע דער מענש באזיצט, איז די „מוטער ליעבע" די שעהנסטע און שטאַרקסטע. אָבער ניט אלע מוטערס קאָנען דאָס אויסנוצען ווי געהעריג. פיע־לע מוטערס פארזיסען זייער ליעבע ביז דאָס ווערט עקעלהאפט און

שעדליך; ביי פיעלע מוטערס איז די הייסקייט פון זייער ליעבע א פלאַמענדע, פון וועלכער די קינדערשע נשמה'לעך ווערען אונ־באמערקט ווי די שמעטערלינגס פארברענט; איינינע מוטערס טריפען אריין ביטערע גיפטיגע טראפּענס אין דעם זיסען בעכער פון זייער ליעבע, און פיעלע מוטערס פאדערען פאר זייער ליעבע, אז די קינדער זאלען צאָהלען מיט כבוד פאר'ן לעבען און מיט קדישים נאָכ'ן טויט.

שעהן און ערהאבען קאָן די מוטער־ליעבע נאָר דאן זיין, ווען זי פליסט ארויס פון א ריינער נשמה, פון א גוטער הארץ, און ווערט קאָנטראלירט פון א געזונטען פארשטאנד. מיין מוטער איז באזעסען דיעזע אייגענשאפטען, דערפאר איז איהר מוטער־ליעבע געווען א פאלקאמע ביז דער העכסטער שטופע פון זעלבסטאויפ־אָפּפערונג; א ליעבע, וועלכע איז אימער געווען אנגענעהם, גע־שמאַק, זיס; א ליעבע, וועלכע האָט ווי מילדע זונענשטראהלען געוואַרעמט, אָבער ניט געברענט; איהר ליעבע איז שטארק גע־ווען ווי א פעלזען־בארג און טיעף ווי דער ים, און דאָך איז דאָס געווען שטיל, אָהן שטורם, און פאר איהר אונבאגרעניצטער ליעבע האָט זי ניט געמאָהנט און ניט ערווארטעט קיין באלוינונג.

אויב ביי יעדער מוטער איז איהר הארץ פארבונדען און פאר־קניפּט מיט איהרע קינדער, איז מיין מאמע'ס הארץ אין גאנצען געווען צונויפגעוואקסען מיט איהרע קינדער. דאָס שיידען זיך מיט א קינד איז פאר איהר געווען גלייך ווי מען וואָלט פון איהר קערפער א גליעד אָבגעשניטען.

ווען איך האָב חתונה געהאט פלעגט דער טאטע מיר שריי־בען, אז די מאמע האָט שוין די אויגען אויסגעוויינט. פרייטאג צו ליכט־בענשען שטעלט זי מיין פאָטאָגראפישע בילד נעבען די בענש־ליכט, שטעהט לאַנג, קוקט אויפ'ן בילד, כאפּט עס קושען און דריקען צום הארצען, און פארגיסט טייכען טרעהרען. יעדער בריעף מיינעם מוז דער טאטע לייענען פאר איהר איינינע מאָהל, נאָכהער נעהמט זי דעם בריעף, קושט איהם, באנעצט מיט טרעה־רען און באהאלט אין בוזים. סכות באפּוצט זי די סוכה מיט מיי־נע בריעף, שטעהט און קוקט אויף זיי און וויינט.

ווען איך בין דעם ערשטען מאָהל קיין אמעריקא געפאָהרען,

האָט דער טאַטע געשריבען אין זיין ערשטען בריעף צו מיר קיין אמעריקא, אז ווען מיין בריעף איז אָנגעקומען, אז מיר פאָהרען קיין אמעריקא, האָט די מאַמע צוויי טעג נאָכאַנאַנד גע׳חלש׳ט, און די פינף וואכען, ביז זיי האָבען ערהאַלטען מיין ערשטען בריעף פון אמעריקא, האָט זי געפאַסט מאָנטאַג און דאָנערשטאַג, און איז געגאַנגען אויפ׳ן בית עלמן וועקען זכות אבות, אז גאָט זאָל אונז איבערפיהרען דעם ים בשלום. פאָהרענדיג פון אמעריקא זיינען מיר פאַרפאַהרען צו מיינע עלטערען צו געסט, און איך האָב געפונען מיין מאַמע צובראָכען, אַלט און שוואַך.

מיט צוויי יאהר שפּעטער שרייבט מיר דער טאַטע, אַז מיינע צוויי ברידער, דער עלטערער און אינגערער פון מיר, זיינען אוועק קיין אמעריקא, און אבוואהל זיי האָבען פאַרזיכערט, אַז ווי נאָר זיי וועלען צונויפקלייבען צו ביסלעך געלד, קומען זיי אם ירצה השם אהיים, דאָך איז די מאַמע פון צער שטאַרק קראַנק געוואָרען, און דער טאַטע האָט איהר געמוזט נאָכגעבען און ארויספאָהרען פון קריוויץ קיין ראַדאשקאָוויטש, וואו עס זיינען געבליבען דעם עלטערען ברודער׳ס פרוי מיט צוויי קינדערלעך. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיך בארוהיגען, ווען זי וועט האָבען ארום זיך די אייניקלעך.

יעצט, מיט אַ פּאָר וואכען צוריק, שרייבט מיר דער טאַטע, אַז אין גיכען פאָהרט אוועק מיין שוועגערין מיט די קינדערלעך קיין אמעריקא. עס זיינען שוין אָנגעקומען שיפס־קאַרטען, מען גרייט זיך אין וועג, און די מאַמע ליגט אין בעט. „גאָט ווייס אויב די מאַמע וועט עס איבערטראָגען” האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי, און באַלד אָנגעשריבען צו דער מאַמען אַ לאַנגען בריעף פול מיט מיט־געפיהל, מיט טרויסט און מיט זיסע האָפענונגען.

מיט אונגעדולד און שרעק האָב איך געוואַרט אויף אַ בריעף פון דעם טאַטען, און דער בריעף איז אָנגעקומען. אַ קליין בריוועלע, געצעהלטע ווערטער: „ד׳ ניסן אמך שבקה חיים לכל חי, תנצב״ה”, דאָס מיינט, פערטען ניסן האָט דיין מוטער איבערגעלאָזען דעם לעבען פאַר אַלע לעבעדיגע, זאָל איהר נשמה פאַרבונדען בלייבען אין דעם בונד פון לעבען.

ווי אַ גאַנצער באַרג האָט מיין ברוסט צוגעדריקט, ווי אַ הע־

לישער פייער האָט זיך אין מיין קאָפּ צופלאמט, און איך בין געבלי־בען באוואוסטלאָז. דעם ריכטיגען וועהטאָג האָב איך ערשט דער־פיהלט, ווען איך בין עטוואס צו זיך געקומען; ווען איך האָב שוין געקאָנט אָנפאנגען וויינען, אָט דאַן האָב איך ערשט דעם גרויסען פארלוסט דערפיהלט, אז איך האָב פארלארען מיין מאמען, וועלכע איז אין גאנצען אלט געוועזן נאָר 53 יאָהר.

שטילע, גוטע, זיסע מאמע מיינע! א וואונדערבארע פידעל איז דיין מוטער־הארץ געווען, קוויקענדע טענער האָט זי ארויסגע־געבען, ווען מיר, דיינע קינדער, האָבען אויף איהר געשפּיעלט, אבער צו שטארק האָבען מיר די סטרונעס אָנגעצויגען, און גע־פּלאצט האָט איין סטרונע נאָך דער צווייטער, ביז די לעצטע האָט געפּלאצט.

און ווי געביסען פון א שלאנג פאנגט אָן מיין הארץ פארגיפ־טעט ווערען פון דעם שרעקליכען געדאנק, אז א גרויסען טייל אין איהר פריה־צייטיגען טויט האָב איך; און נאָך שטארקער ווערט מיין וועהטאָג וואס איך האָב זי ניט געזעהען אין די לעצטע מאָ־מענטען פון איהר לעבען. פאר וואס האָבען מיינע אויגען ניט גע־זעהן ווי אזוי עס האָבען זיך אויסגעלאָשען אָט יענע גוטע, ליכטיגע אויגען, וועלכע זיינען געווען די איינציגע אין מיין קינדהייט מיט אזא ליעבע אויף מיר צו קוקען? פארוואס האָב איך ניט געהאַט די זכיה צו הערען איהר לעצטען וואונש, וועלכער וואלט פאר מיר אויף אימער הייליג בלייבען? און פאר וואס בין איך ניט גע־שטאנען און געקוקט און געפיהלט דעם גאנצען שרעקליכען וועה־טאָג, ווען די ערשטע קאלטע לאפּעטע ערד איז געפאלען אויף מיין ליעבער, הייסער, זיסער מאמען?

און עס האָבען זיך אָנגעפאנגען פאר מיר שלאָפלאָזע, אונרו־היגע נעכט. ווען מיינע אויגען פאנגען אָן צו שליסען זיך, דערזעה איך מיין מאמען ווי א לעבעדיגע נעבען מיר. אָט שטעהט זי פאר מיינע אויגען נאָך א יונגע, שלאנקע, געזונטע פרוי, פול מיט לע־בען, און אָט פאנגט זי אָן שנעל צו וועלקען אונטער די שלעכטע אומשטענדען; זי ווערט אלט פאר דער צייט, אָבער זי לאָזט זיך ניט אָב, העלדיש קעמפפט זי געגען נויט און דחקות, הונגער און קעלט, שטיל טראגט זי דעם שווערען יאָך פון דעם ביטערען

שיקזאַל; אַ מאָהל קאָן מען נאָר הערען פון איהר אַ קורצע, שטי־לע געבעט צו גאָט מיט איהרע אייגענע איינפאַכע ווערטער, און מען קאָן נאָר באַמערקען אַ טרעהר ווי אַ פּערל הענגט אַראָב אויף איהרע ווייכע, מילדע אויגען. קיינמאָהל האָט מען פון איהר ניט געהערט, אז זי זאָל שטאַרק באַקלאָגען זיך און האָבען טענות צו גאָט. פאַרקעהרט, אָפט האָט מען זי געזעהען גאַנץ צופריעדען, און געהערט ווי זי דאַנקט גאָט, ווייל זי האָט אין איהר פינסטערען לעבען געקאָנט ליכטיגע שטראַהלען דערזעהן, און אין איהר דאָרן־קראַנץ האָט זי פראַכטפולע בלומען געפונען. זי האָט דאָך אַ מאַן אַ גאָטס־פאַרכטיגען, אַ למדן, אַ גוטען, ארענטליכען מענשען, און זי האָט דאָך קינדער, וועלכע לערנען און קאָנען די תורה. דאָס איז געווען איהר רייכטום, וועלכען זי וואָלט ניט פאַרבייטען אויף די גרעסטע אוצרות פון גאָלד.

ליעבע, טייערע מאמע מיינע! פאַר דיין קערפּער האָט מען ערגעץ ווייט פון מיר אַן ערדישען קבר געגראַבען, אבער פאַר דיין נאָבעלען גייסט האָב איך דעם ריינסטען ווינקעלע פון מיין האַר־צען אָבגעגעבען, און עוויג וועט דיין גייסט פאַרבלייבען מיט מיר.

93. איך ווער אַ בוכהאַלטער ביי איין אסימילאַטאָר.

צוויי מיט אַ האַלב יאהר געהאַט גענוג קאָפּ דרעהעניש און האַרץ ווערטאָג פון דעם געשעפט אין לובען. אימער אַן עסק מיט קאַפּריזנע פריצים און פריצות, אדער מיט די שכורים פאַרבער. דערצו נאָך מוז מען געבען אָהן געלד, אַרומלויפען מאָהנען, און פון פאַבריק רייסט מען די זייטען, אז איך זאָל שיקען געלד. און קיין תכלית זעה איך דאָ ניט. באַשלים איך צו לערנען גרינדליך בוכהאַלטעריע. יעקב מאַרק פון ליבאַווע לערענט דורך בריעף בוכהאַלטעריע. דאָס קאָסט 25 רובעל. געפינט זיך אַ רייכער יונגער מאַן, וואָס האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען דורך די בריעף, און עס גיט זיך איהם צו שווער. וויל ער, אז איך זאָל מיט איהם לערנען די בריעף, און ווייזען ווי אַזוי צו פיהרען די ביכער, און דערפאַר באַצאָהלט ער פאַר מיין קורס 25 רובעל, און מיר באַ־קומען ביידע דיפּלאָמען, און דערצו האָב איך נאָך זעהר אַ שעהנעם

בריעף, אין וועלכען מארק לויבט מיך פאר מיין פינקטליכקייט און פאר מיינע איינינע גוטע באמערקונגען.

איך שרייב קיין פאלטאווע צו מיינע גוטע פריינד, אז מען זאל זוכען פאר מיר א שטעלע אלס בוכהאלטער, און אין גיכען האב איך פארלאזען לובען, און ווער אין פאלטאווע בוכהאלטער און קאסיר ביי דעם גביר פ., וועלכער האט איינינע געשעפטען. איך בעקום דערוויל 40 רובעל א מאנאט. די פרוי מיט די קינדער זיינען דערוויל אין פערעשטשעפינע.

איך האב פיעל ארבייט, אונבאקאנטע געשעפטען, מען דארף מיט אלעם באקאנען זיך, און דערצו נאך איז דער בעל הבית מיט דעם אופראוויאוויעשטשי (מענעדזשער) ווי צוויי קעץ אין איין זאק, און מיך שלעפען זיי אריין אין מיטען, און יעדער ציהט צו זיך, יעדערער שטעלט מיך פאר אן עדות, און ליגנער זיינען זיי ביידע. דערצו נאך האב איך זעהר ניט ליעב מיין בעל הבית. ער איז אמאהל געווען אן ארימער אונוויסענדער איננעל, און האט זיך שפעטער ארויפגעארבייט צווישען פריצים שארלאטאנעס. יעצט איז ער גאנץ רייך, שפיעלט א ראלע פון אן אריסטאקראט, לאזט זיך קאסטען פיעל געלד אויף אלע קריסטליכע אנשטאלטען, און האט שוין דערפאר א שפאגע מיט מעדאלען. פון אידען איז ער וויט, פיהרט אליין די קינדער צום שמד, און איז א גאנצער מחותן אין די הויכע פענסטער, אפילו מיט'ן גובערנאטאר גאנץ נאהענט. און טאמער האט איין גובערנאטאר, א געוויסער אנטי־סעמיט, פארקריגט זיך מיט איהם, און האט זיך ערלויבט עפעס איין אונרעכט, האבען זיך אלע פריצים איינגעשטעלט פאר איהם, מען איז געלאפען קיין פעטערבורג, און מען האט דעם גובערנאטאר אריבערגעפיהרט אין איין אנדער גובערניע, און דארט האט ער זיך אבגערעכענט מיט די ארימע אידען פאר זייער רייכען ברודער. הונדערטער געזינדען האט ער ארויסגעטריבען פון די דערפער, ווייל אידען טארען דארט ניט וואהנען, נאר דער פריהערדיגער גובערנאטאר האט אויף זיי רחמנות געהאט און געלאזען זיצען. דער נייער אבער האט פון קיין רחמנות ניט געוואוסט. ער האט זיך פשוט געבאדען אין אידישע בלוט פון כעס צו מיין בעל הבית.

איך האב אנגענומען די שטעלע מיט דעם תנאי, אז איך זאל

שבת ניט זיין אין געשעפט, אז שבת זאל איינער פארצייכענען אלעס, וואס עס ווערט געטאָן אין געשעפט, און אָנשרייבען א רע־כענונג ווען מען דארף, און איך וועל שבת'ע נאכט ארייגפיהרען אלץ אין די ביכער. און אבוואהל אלעס איז ביי מיר געווען אין אָרדענונג, דאָך האָט עס איהם געברענט און וואו ער האָט נאָר גע־קענט האָט ער מיך געשטאָכען מיט מיין שבת, און איבעראל זיינען זיינע באציהונגען צו מיר געווען ווי פון איין אנטיסעמיט צו א אידען. איינמאָהל האָט ער עפּעס צו שטאַרק אָנגעטראָטען מיי־נע געפיהלען, און איך האָב א ווארף געטאָן די שליסעלעך פון דער קאסע און געזאָגט: „איך געה אוועק, איך וויל מיט דיר ניט שטעהן אויף איין ברעט.‟ אָבגעדיענט דריי מאָנאַטען און געבלי־בען אָהן א שטעלע.

94. איך ווער א סוחר פון תבואה.

תבואה געשעפט דעם יאהר איז גאנץ גוט. דער שווער וואהנט אין פּערעשטשעפּינע. ער האנדעלט מיט דריי שותפים. זיי נעהמען מיך אריין אויף א גלייכען חלק. איך דארף פיהרען די ביכער, האלטען די קאסע און ארומפאָהרען איינקויפען תבואה מיט איינעם פון זיי, וועלכער האָט גרויס באקאנטשאפט צווישען די פּריצים און מוזשיקעס.

איך פאָהר ארום א גאנצען טאָג אין די גרויסע קעלטען. גאנץ אָפט דארף מען נעכטיגען ביי א מוזשיק, ניטאָ קיין כשר עסען, קומט מען אָב מיט אבי וואס, און דאָס שלאָפען איז אויך ניט צאצקעדיג, און, אז מען קומט אהיים, דארף מען א גאנצען טאָג שטעהען אין מארק, און אין אווענד דארף מען שרייבען און רע־כענען. עס איז גאנץ שווערליך, אבער מיר זיינען צופריעדען. די פּרנסה איז גענוג אויף אלעם וואס מיר דארפען, און די ארבייט איז מיר פיעל ליעבער איידער דער געשעפט מיט די פארבען, אדער צו דיענען ביי דעם פאלטאווער גביר, און דער געזעלשאפטליכער לעבען דאָ פארשאפט אונז דעם גרעסטען פארגעניגען. דאָ האָבען מיר דאָך אונזערע אלטע אמת'ע גוטע פריינד, העלפּנאָט, ווארא־נעל, די ברידער רעוווזין, און מיין קליין שוואגערעל יעקב ארלאוו

איז שוין א גרויסער בחור, אן אינטעליגענטער סוחר. ווען ער האָט א ליידיגע מינוט, אפילו זיצענדיג אין געשעפט, וועט איהר איהם אימער געפינען לעזענדיג א גוטען בוך.

ווען מען האָט א פרייען אווענד און יעדער שבת און יום טוב זיינען מיר אלע צוזאמען. מען לעזט, מען פארברייננט גאנץ ערנסט, און א מאָהל מאכט מען זיך אביסעל נאריש. מען איז דאָך פאָרט ניט מעהר ווי יונגע לייט.

95. פאלטאווער אידעאַליסטען.

וועלכע זיסע עראינערונגען עס שווימען ארויף, ווען איך דערמאָן דיך, דו שטילע, שעהנע שטאָדט פאלטאווע מיט דיין דארפישען חן. אָט זעה איך דיך אין א שיינענדיגען זומער טאָג, ווי דו באָדסט זיך אין א ים פון גרינסען, און נאָר דיין קאָפּ זעהט זיך ארויס אונטער די מילדע שטראהלען פון דיין זון; און אָט זעה איך דיך ווינטער ליגענדיג פאר׳חלום׳ט, איינגעוויקעלט אין דעם שנעע-ווייסען צודעק.

אָט זעה איך דיך פון ווייטען, און ווי א מאגנעט ציהט מיך צו דיר, און מיך ציהט צו דיר ניט נאָר דיין אויסערליכע שעהנקייט, נאָר אויך דיינע גייסטיגע רייכטימער, וואו איך געפין אימער רו-הע און טרויסט, ווען מיין נשמה איז אויסגעמאטערט און פאר-יאמערט.

אָט שטעהט פאר מיינע אויגען ווי א לעבעדיגעס בילד אונ-זערע א פארזאמלונג אין פאלטאווע. און ווי שעהן עס זיינען גע-ווען דיעזע פארזאמלונגען. דו זעהסט ארום זיך מענשען מיט גע-פיהלען, מיט ווארימע הערצער און מיט א טיעפען געזונטען פאר-שטאנד; מענשען באשיידענע, וועלכע שיטען ניט מיט קיין קלינ-גענדע פראזען, און ווילען ניט ארויסשטעלען זייער „איך"; מענ-שען, וועלכע זיינען פעסט אין זייערע איבערציינונגען און שטרענג אין זייערע פאדערונגען, לאָזען זיך ניט בויגען פאר קיינעם אדער שמייכלען צו ווער עס איז, און דאָך רעדט מען פארזיכטיג און מילד מיט ליעבע און אכטונג פון איינעם צום צווייטען.

אָט שטעהט פאר מיינע אויגען אונזער בעגאבטער העברעאי-

שער שריפטשטעלער, דער פארקערפערטער אידישער גייסט, אלכסנדר זיסקינד ראבינאָוויטש, און מיט זיינע זיסע ערנסטע רייד און מיט זיין תמימות'דיגען בליק דרינגט ער אריין טיעף אין דיין נשמה; און אָט איז דער קאלט־בלוטיגער, הייסער איד, די ארומגעהענדע ביבליאטעק, מרדכי קרישוועסקי, און זיין ווארט, זיין זיסער שמייכעל טריפען ווי א באלזאם אין דיין צוואוועהטיגטען הארצען; און אָט זיצט דער געלאסענער, שטילער, טיעפער־קע־נער משה אהרן באראכאוו, דער פאָטער, לעהרער און ערציהער פון אונזער גרויסען ברוך באראכאוו, און מיט זיין אידיש־פילאָסאָ־פישען אפטעמיזם מאכט ער דיך פארגעסען די צרות; און אָט קומט אריין ל. שעוועלאוו, דער קוואל פון אידישען שעהנעם הומאר, און מאכט דיך צו לאכען מיט גאל און מיט טרעהרען.

דאָס זיינען אונזערע לעהרער, די אונערמידליכע קולטור־טרעגער, וועלכע האָבען מיט דעם גאנצען פייער פון זייערע נשמות אָבגעגעבען זיך צו ערציהען א באוואוסטזיניגען יונגען אידישען דור; און ארום זיי האָבען זיך צוזאמען געבונדען א גרופע פון אידען סוחרים אידעאליסטען. דאָ האָט איהר מיין בעסטען אינ־טימען פריינד אברהם מאדעל, וועלכער איז געקומען פון דער לי־טאָ אָן אָרים אינגעל, געארבייט אין א געשעפט, יעצט האָט ער זיין אייגען געשעפט פון קליידער. ער יאגט זיך ניט נאָך גרויסע גע־שעפטען, און האַנדעלט זעהר ערענטליך ווי אן אמת'ער אידעאליסט, פארדינט ער וועניג, לעבט זעהר אויסגערעכענט און שפּארט געלד, ווייל געלד מוז ער האָבען. ארימע עקסטערנעס לערנען זיך, דארף מען זיי לייהען געלד ביז זיי וועלען ענדיגען שטודירען; א פּאָ־ליטישער פארברעכער דארף אנטלויפען קיין אויסלאנד מוז מען דאָך געווים געבען אויף דער רייזע, און טאָמער איז א מאָהל ניטאָ קיין מזומנים, פארזעצט מאדעל דעם גאָלדענעם זייגער אדער די זילבערנע לעפעל, און געלד מוז ווערען אין צייט. ער איז א יונ־גער מאן וואס איז גוט באקאנט מיט דער רוסישער ליטעראטור און לעזט העברעאיש און אידיש. ער איז שטאַרק פאראינטערע־סירט אין אלע נייע וועלטליכע און איבערהויפּט אידישע באווע־גונגען, און ער איז אומעטום באליעבט און געאכטעט פאר זיין אפענהארציגקייט, ערענטליכקייט און איבערגעגעבענהייט.

אין דער גרופּע געפינען מיר אויך דעם קלוגען משכיל און למדן, וועלכער פארקויפט יעצט מעהל, צבי שימשעלעוויטש, דער פאָטער פון דעם באוואוסטען געראטענעם פועל ציון „בן צבי". דאָ אין דער קאָמפּאני זעהט איהר דעם גוט־הארציגען אלטען משכיל, געוועזענעם לעהרער, ראובן דיינאָוו, וועלכער איז יעצט אין אַ קויהלען געשעפט ביי א קריסט. דאָ קאָנט איהר געפינען יעקב פלאטקין, א יונגער פארמעגליכער סוחר, וועלכער נעהמט אנטייל אין אלע אידישע געזעלשאפטליכע ארבייט, און שפּעטער איז ער אוועק קיין ארץ ישראל, געארבייט גלייך מיט אלע שומרים און איז געפאלען א קרבן פון די אראבער; דאָ האָט איהר געזעהן דעם אייזען־הענדלער מיט'ן אייזערנעם קערפּער און אייזערנעם ווילען יוסף בראטענשי, וועלכער איז צו יונג געשטארבען אין דער צייט פון די פאגראמען אויף אידען. פיעלע נאָך פיעלע אזעלכע זיי־נען דאָ געווען, און זיי אלע צוזאמען האָבען געארבייט פאר דער אויפלעבונג און דורכפיהרונג פון אלע נייע אידישע שטרעבונגען און האָפנונגען.

גאנץ אָפט קום איך קיין פּאלטאווע, א מאָהל אויף א פאר־זאמלונג, און א מאָהל ווייל עס ווילט זיך זעהן; און וואס ווייטער ווערען מיר אלץ מעהר צוזאמענגעבונדען, און עס טרעפט, אז די גאנצע פּאלטאווער חברה קומען צו אונז קיין פּערעשטשע־פּינע, און אלע צוזאמען האָבען אָט יענעם גייסטיגען פארגניגען, וועלכער קוויקט די הארץ און הויבט די נשמה, א פארגניגען, וועל־כער בלייבט אונפארגעסליך אויף דעם גאנצען לעבען.

96. חבת ציון און מיינע מגידות.

פון זיין היים פארטריבען, אין קייטען געשמידט, פון גרוי־זאמען פיינד באוואכט, איז דער איד נעבען די טייכען פון בבל געזעסען, און מיט א טיעפען וועהטאָג אין הארצען זיין שעהנע פארלאָרענע היים באקלאָגט, און געשוואָרען האָט ער דאן: „אם אשכחך ירושלים", אז עוויג וועט ער ניט פארגעסען זיין הייליג לאנד.

שוין צוויי טויזענד יאָהר היט דער איד זיין שבועה. ווי א

געטרייער זוהן קאָן ביינקען נאָך זיין ליעבער מוטער, אזוי ביינקט דער איד נאָך זיין מוטער ציון. אין טרויער און אין פריידען ווערט מיט באגייסטערונג ציון דערמאָהנט, און גרויס און טיעף איז זיין האָפענונג און גלויבען, אז ער וועט צוריק קיין ציון קומען; און צום ענדע פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט פאנגט אן דיעזע האָפענונג צו פארוואנדעלט ווערען אין אַ שטאַרקער באוועגונג.

דער שרעקליכער אנטיסעמיטיזם, וואס דייטשלאנד האָט באַשאפען, פארשפרייט זיך איבער אלע לענדער, אפילו אין דער פרייער פראנקרייך, און איבערהויפּט אין רוסלאַנד, וואו די פאַרפאָלגונגען אויף אידען ווערען מיט יעדען טאָג אלץ גרעסער. אידישע בלוט און גוטס איז הפקר; עס טרעפען אפט פאגראמען; אלעם איז פארצאמט און פארשפארט פון דעם אידען; אומעטום איז דער איד אן איבעריגער. מיט איין ווארט דאָס לעבען ווערט אונערטרעגליך.

דאַן האָבען ערוואכט די בעסערע קינדער פון אידישען פאָלק, איבערהויפּט דער יונגער דור האָט שטאַרק דערפיהלט דעם גלות, און די יוגענד קאָנען ניט פארגרינגערען דעם וועהטאָג מיט אמונה און בטחון ווי אונזערע עלטערען האָבען דאָס געקאָנט טאָן, אויך זיינען זיי ווייט פון דעם געדאנק, אז דער איד דארף מיט אלעם צופריעדען זיין, ווייל ער האָט אַ גרויסע מיסיאָן צו זיין דער וועלט־לעהרער. מיר זיינען מוחל דעם כבוד צו זיין לעהרער פון אלע פעלקער, און אלס שכר למוד באקומען אָנגעשפּייט אין פּנים מיט אַ צושפּאָלטענעם קאָפּ. מען זוכט בעסער ווי אזוי צו מאַכען איין ענדע צו דעם אוננאָרמאלען לעבען; און עס ווערט באַשאַפען די חבת ציון באוועגונג; דאָס אויפלעבען פון אונזער אלטען היים אין פּאַלעסטינא, וואו עס זאָל ווערען דער צענטער, דער מיטעל פונקט פאר'ן אידישען פאָלק. און ווי גרויס איז געוועזן די שמחה, ווען די רעגירונג האָט ערלויבט צו גרינדען די געזעלשאפט צו העלפען אידען אין פּאלעסטינא, און עס פאנגט זיך אָן די שווערע ארבייט צו בעטלען און שנאָרען ביי דעם אידישען פאָלק צוליעב אָט דעם גרויסען אידעאל.

מיר, אין פּערעשטשעפּינע, האָבען זיך אויך גענומען צו דער ארבייט. און איך נעהם זיך אָן מיט מוטה און געה גאָר ריידען

פון דער במה. איך רייד צו אונזער יוגענד, וועלכע איז ערצויגען אין דעם אסימילאַטאָרישען גייסט, אדער די וואס פרעדיגען אינ־טערנאציאנאליזם, און פארשטעהען ניט ריכטיג די באדייטונג פון דעם וואָרט. איך פארזיכער זיי, אז מיר, חובבי ציון, גלויבען אויך, אז די מענשהייט וועט אַמאָהל פארברידערט ווערען, אבער דער ווארט אינטערנאציאנאליזם מיינט ניט, אז אלע נאציאנען זאלען זיך צונויפמישען, דאָס מיינט נאָר, אז צווי־שען פארשיעדענע נאציאנען וועט הערשען ברידערשאפט, און וואס מעהר פריינדשאַפט עס וועט זיין צווישען די נאציאנען, וועט מען אַלץ האָבען מעהר מעגליכקייט, אז יעדער נאציאן זאָל קענען פריי ענטוויקלען און אויסבעסערען זיין באזונדערען היסטאָרישען רייכ־טום, און איבערגעבען דאָס צו דער גאנצער מענשהייט; און מיר אידען, ווען מיר זאלען אפילו וועלען באגעהן נאציאנאלען זעלבסט־מאָרד, קענען מיר ניט. מיר זיינען צו שטארק. לעבען לאָזט מען אונז ניט, און שטארבען קענען מיר ניט. מיר זעהען, אז די מעהרסטע פון די, וואס אנטלויפען פון אונז, קעהרען זיך אום צוריק מיט ענטוישונג, פארשעהמטע פון זייערע טרויעריגע ערפאהרונגען; און אויב מיר מוזען יא לעבען, טאָ לאָמיר לעבען באוואוסטזיניג אלס אַ פאָלק און קענען שאַפען פאר זיך און פאר דער וועלט. און צוליעב דעם מוזען מיר האָבען אן אייגענעם וויג־קעלע אויף דער ערד, וואו מיר זאָלען קענען לעבען אַ נאציאָנאלען לעבען.

איך ווער פארטיג מיט די יונגע, נעהם איך זיך צו די אַלטע, וועלכע שרייען, אַז מיר ווילען אָראָפּברענגען משיח׳ן פאר דער צייט, און דאָס טאָר מען ניט. איך דערווייז פון תנ״ך, פון תלמוד און אנדערע ספרים, אז ניט נאָר מען מעג, נאָר אז דאָס איז אַ מצוה אויפצובויען אונזער אַלט היים, וואו אידען וועלען בעאַר־ביימען דאָס הייליגע לאַנד, און, אויב מיר אליין קענען ניט, אָדער מיר ווילען ניט פאָהרען אהין, מוזען מיר העלפען אונזערע פּיאָ־נערען, די וואָס זיינען שוין דאָרט, אָדער די וואָס וועלען ערשט פאָהרען. מיט דעם גאַנצען פייער פון מיין יונגער נשמה שטעל איך פאָר ווי מיט דער צייט וועט ארץ ישראל ווערען אַ פאָלקאָמע אידישע היים, וואו עס וועט אויפלעבען און ענטוויקלען זיך אַ

שטארקע, א שעהנע אידישע קולטור; און פון ארץ ישראל וועט דער איד פארשפרייטען ליכטיגקייט אויף דער גאנצער וועלט.

אין פערעשטשעפינע ווערען אלע מיטגליעדער פון אדעסער קאמיטעט, און געלד אויף ישוב ארץ ישראל קלייבט מען ביי יעדער געלעגענהייט. מען לאזט ניט דורך קיין שמחה, קיין פארזאמלונג, וואו מען זאל ניט קלייבען קיין געלד. און פון קליין פערעשטשע־פינע שיקט מען ארויס מעהר געלד איידער פון פיעלע גרויסע אידישע שטעדט.

מיינע גוטע ברידער האבען מיר צוגעדיענט. זיי האבען דער־צעהלט אין פאלטאווע, אז איך בין א רעדנער געווארען, און די פאלטאווער חובבי ציון לאדען מיך איין צו רעדען אויף זייער יעהרליכער פארזאמלונג. איך וואלט בעסער א גאנצען יאהר פאס־טען מאנטאג און דאנערשטאג, איידער ריידען פאר א גרויסען עולם. וואו נעהמט מען די חוצפה? דארט זיינען דאך פאראן מעהר געלעהרטע פון מיר. נאר עס העלפט ניט. וואס טוט מען ניט פאר אן אידעע? איך פאהר. איך קלייב זיך אן מיט מוט, און דאך ציטער איך אנפאנגענדיג, נאר באלד ווער איך אליין באגייס־טערט, איך פארגעס אויף אלעמען, איך זעה נאר פאר זיך ארץ ישראל אין דער צוקונפט. דער עולם איז העכסט צופריעדען גע־בליבען מיט מיין זאגען, און אינגיכען האב איך געהאט נאך אן איינלאדונג אויף א פארזאמלונג פון די פאלטאווער בני ציון. דאס זיינען געווען די יונגע קינדער, פון וועלכע עס זיינען שפעטער ארויסגעקומען שעהנערע רעדנער פון מיר, און גרעסערע ציוניסטען פון מיר. דארט איז געווען דער יונגינקער טיעף־דענקענדער באָ־ראָכאָוו עליו השלום, דער קליינינקער היציגער אידעאליסט בן צבי, דער גרויסער אידישער פאטריאט וואסילעווסקי עליו השלום, און פיעלע אנדערע.

97. אחד העם און די בני משה.

אויף דער אידישער פארדונקעלטער וועלט האט זיך באוויזען א גרויסער ליכטיגער שטערן. דאס איז אחד העם מיט זיין „גייס־טיגען ציוניזם". מיר האבען דערזעהן פאר זיך א גרויסען ערנסטען

אידען מיט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען אַלס פובליציסט, מיט טיעפע, ברייטע און שאַרפע לאָגישע געדאַנקען, וועלכע ווערען אַרויסגעזאָגט אין אַ שעהנער איינפאַכער און קלאָרער פאָרמע. יעדען אַרטיקעל זיינעם לעזט מען מיט דער גרעסטער אויפמערק־זאַמקייט.

אחד העם זעהט ניט די מעגליכקייט צו שאַפען אַ צענטער פאַר'ן אידישען פאָלק איידער דאָס פאָלק איז צוגעגרייט דער־צו. ער וויל פריהער האָבען אַ גייסטיגען צענטער. ער וויל, אַז פריהער זאָל אויפלעבען דער אידישער גייסט, און נאכהער וועט אויפלעבען דאָס לאַנד.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין באַלד געוואָרען זיינער אַ חסיד. קולטורעלע אַרבייט אַפּעלירט שטאַרק צו מיין הארצען. ממה נפשך, וועלען מיר באַקומען אונזער היים, איז דאָך געוויס ניצליך די קולטורעלע אַרבייט. נאָר טאָמער חלילה ניט, טאָ לאָמיר כאָטש זיין באַוואוסטזיניגע אידען.

אינגיכען (1889 יאָהר) האָט אחד העם באַשאַפען די פאַר־איינינונג פון די „בני משה". זיין צוועק איז געווען צו פאַר־איינינען אַלע אמת'ע נאַציאָנאַליסטען, וועלכע גלויבען מיט'ן גאַנ־צען הארצען אין דער אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק; מענשען, ביי וועלכע דער מיטעלפּונקט פון זייער מאָראַלען אידעאַלען לעבען זאָל זיין די ליעבע צום אידישען פאָלק, און אויסערדעם זאָלען זיי זיין גרייט צו אַרבייטען מיט לייב און זעעלע אויף אַלע געביטען פון דעם אידישען גייסטיגען און קולטורעלען לעבען. יעדערער פון די בני משה האָט זיך געמוזט פאַרפליכטען צו וועקען אין דעם פאָלק ליעבע צו דעם לאַנד פון זיינע עלטערען, ליעבע צו דער העברעאישער שפּראַך און צו אונזער ליטעראַטור, געבען דעם פאָלק צו פאַרשטעהן, וואָס ערהאַבען און שעהן איז אין יודענטום, אָפּ־צוהיטען די אַנדענקונגען און טראַדיציאָנען פון די עלטערען און איבערהויפּט אָפּגעבען זיך מיט דער ערציהונג פון יונגען דור.

מען זוכט אין יעדער שטאָדט פּאַסענדע מענשען פאַר די בני משה, און צו מיין גרעסטען גליק, ווער איך איינער פון די פינף ברידער אין פּאָלטאַווע.

יעצט, ווען עס זיינען שוין אַוועק פיעלע יאָהרען, קענען אונ־

זערע קריטיקער אַנאַליזירען אחד העם׳ס שיטה און זאָגען, אַז די בני משה איז געווען ניט קיין פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָן, און ד. ג. אין יענער צייט אָבער האָט זיין לעהרע, און די אָרגאַניזאַציאָן געהאַט אַ שטאַרקע און גוטע ווירקונג אויף אַ גרויסען טייל פון אונזער נאַציאָנאַל דענקענדער יוגענד. אחד העם איז געווען דער אמת׳ער גייסטיגער פיהרער פון די אַלע, וואָס האָבען מיט זייער גאַנצער נשמה געאַרבייט פאַר דער אויפלעבונג פון דעם אידישען גייסט און פון דער אידישער קולטור.

98. איך ווער אַ לעהרער צוליעב אידעאַל, 1889 יאָהר.

ביז יעצט האָבען מיר אין פּערעשטשעפּינע געזאָרגט ווי אַזוי צו לערנען פרעמדע קינדער; און פיעל מיר האָבען ניט אָנגעווענ־דעט אַלע אונזערע קרעפטען איז דאָס אַלץ ניט געווען צופריעדענ־שטעלענד, ווייל גוטע לעהרער זיינען וועניג פאַראַן. יעצט האָט די פראגע אונז פּערזענליך אָנגעריהרט. מיר האָבען שוין אייגענע קינדער, וועלכע דאַרפען לערנען. אמת, ביי אייניגע פון אונז זיינען די עלטערע קינדער מיידלעך, דאָך האָבען מיר פעסט באַשלאָסען, אַז אונזערע טעכטער מוזען קענען העברעאיש גלייך מיט די זיהן.

איך פאָהר קיין פּאָלטאַווע זוכען אַ לעהרער, און מיינע ברידער די „בני משה" זאָגען, אַז אויף מיר ליגט אַ פליכט אליין צו ווערען אַ לעהרער, אַז אַזאַ איד ווי איך דאַרף ניט אוועקגעבען זיינע קרעפטען אויף האַנדעל, אין דער צייט ווען דאָס פאָלק נויטיגט זיך אַזוי אין קולטורעלע ארבייט. זיי זיינען זיכער, אַז איך וועל זיין אַ פעהיגער לעהרער, און וועל ברענגען גרויסע נוצען.

די פּערעשטשעפּינער גוטע ברידער דערהערען דערפון, און בעטען מיך שטאַרק, אַז איך זאָל איינשטימען. זיי פאַרזיכערען, אַז מען וועט מיר צאָהלען גענוג, אַז איך זאָל קענען לעבען ווי יעדער פּערעשטשעפּינער סוחר.

וואָס מעהר איך דענק וועגען דעם, אַלץ מעהר דערפיהל איך אַ נייגונג דערצו, און דאָס ווערט מיין אידעאַל צו געבען אידישע קינדער אַ גוטע אידישע און וועלטליכע ערציהונג; און איבער־הויפּט בין איך זעהר צופריעדען, וואָס איך וועל קענען לערנען מיט מיינע אייגענע קינדער. איך רייד איבער מיט מיין פרוי, און ווי

אימער דריקט זי אוים איהר ווילען צו העלפען מיר דורכפיהרען מיין אידעאַל. און איך ווער א לעהרער.

איך וויים גאַנץ גוט ווי שווער איז די אויפגאַבע, און ווי גרוים איז מיין פאראנטוואָרטליכקייט, דאָך פול מיט ענערגיע און האָפ־נונג פאַנג איך אָן מיין הייליגע ארבייט. צוגעגרייט א חדר, א ליכטיגען, מיט גוטע ווענטילאַציאָנען, צוגעגרייט גענוג פלאַץ פאר יעדען קינד צו זיצען באקוועם, צוטיילט די קינדער אין גרופען, אויסגעמאַכט א פראָגראם, און פאַנג אָן צו לערנען.

וואָס צו לערנען דענק איך, אז איך וויים, אָבער אין וואָס צו לערנען איז ניטאָ. לערנען דעם חומש כסדר איז צו שווער פאר די קליינע קינדער, קיין ספורי המקרא זיינען נאָך ניט געוועזן, מוז איך אליין אויסקלייבען פון יעדען קאַפּיטעל וואָס צו לערנען; און מיט העברעאיש איז נאָך שווערער, ניטאָ קיין ביכער. מוז מען אליין עפּעס אָנשרייבען און צוגרייטען יעדע לעקציאָן. וועגען עברית בעברית האָט מען נאָך דאן ניט געוואוסט, נאָר איך פארשטעה די גרויסע נוצען פון ריידען העברעאיש, און גיב אָפּ יעדען טאָג א געוויסע צייט נאָר אויף געשפּרעך אין העברעאיש מיט אַלע קינדער. דאָס האָט ניט געטראָגען קיין כאַראַקטער פון א לעקציאָן, גיכער האָט עס אויסגעזעהן ווי א שפּיעל, און די קינדער האָבען דאָס שטאַרק ליעב געהאַט, און געמאַכט אַן ערפאָלג. אין גיכען האָבען די קינדער אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען אין העברייאיש, וואָס זיי האָבען געלערענט. מיט אידישער געשיכטע איז אויך געווען א שטיק ארבייט, צו יעדען מאָל האָט מען גענדארפט אליין צוגרייטען וואָס צו געבען די קינדער. מיט רוסיש איז קיין שווערינקייט ניט געווען, די קינדער פארשטעהען די שפּראַך, און גוטע ביכער זיינען אויך פאַראַן.

פארנומען בין איך זעהר. מיט די קינדער לערען איך אַכט שטונדען א טאָג. נאכהער דאַרף מען צוגרייטען, וואָס מען דאַרף מאָרגען לערנען. פיעל צייט גיב איך אָפּ צו לערנען פּעדאַגאָגיע, און אמאָל פאַהר איך קיין פּאָלטאַווע צו באראַטען זיך מיט מיינע גוטע פריינד, די לעהרער, וואָס צו לערנען און ווי אזוי צו לערנען. מיט איין וואָרט, איך ארבייט שווער, אָבער די תלמידים מיינע פיהלען ניט קיין שווערינקייט. נאָך יעדער שטונדע לערנען מוזען

זיי אַלע זיין אין דרויסען צעהן מינוט און שפּיעלען זיך, דערפאר אָבער, ווען מען האָט געלערענט זיינען זיי געווען אויפמערקזאַם און געהאָרכזאַם. אַלע קרעפטען האָב איך אָנגעווענדעט צו פאַר־אינטערעסירען זיי מיט יעדער לעקציאָן.

מעהר פון אַלץ האָבען זיי ליעב געהאַט מיין תנ״ך. איבער־הויפּט די מיידלעך, מיינע תלמידות, פּלעגען באַגייסטערט ווערען, און אַמאָל טאַקע ארויסלאָזען אַ טרעהר, און אויף זיי קוקענדיג פּלעגט דער גאַנצער קלאַס אָנפאַנגען וויינען. אַט שטעהט מיר פאַר די אויגען דאָס בילד, ווי איך זאָג פאַר זיי אין ירמיהו „קול ברמה נשמע״, ווי דער נביא שטעלט זיך פאָר, אַז אונזער מוטער רחל קען ניט רוהען אין איהר קבר, ווי זי יאָמערט און קלאָגט אויף דעם ביטערען גלות פון איהרע קינדער, און זי קען זיך קיין טרייסט ניט געפינען. פּלוצלונג דערהער איך ווי אַלע קינדער האָבען זיך שטאַרק צוואויינט. איך קען זיך ניט איינהאַלטען און וויין אויך. איך בלייב שווייגען, אין קלאַס רוהט אַ הייליגע שטילקייט. איך פאַנג אָן ווייטער צו זאָגען גאָט׳ס טרייסט־ווערטער צו אונזער מוטער רחל „מנעי קולך מבכי״ — האַלט איין דיין שטימע פון וויינען — און שטעל זיי פאָר ווי גאָט פארזיכערט זי, אַז איהרע קינדער וועלען זיך אומקעהרען צו זייער אַלטער היים, און זאָ ווייטער. איך באַמערק ווי ביי מיינע קינדערלעך פאַנגען אָן די פּנים׳לעך צו שיינען, און די אויגעלעך צו גלאַנצען פון גאָט׳ס צוזאָג און פון אונ־זערע האָפנונגען, און איך פיהל זיך גליקליך, זעהענדיג און פיה־לענדיג די יונגינקע אידישע כשר׳ה נשמה׳לעך.

דעם ערפאָלג אין לערנען האָבען גרויסע מבינים באַוואונדערט. צו יעדער מאָל וואָס איך האָב געמאַכט עקזאַמענס האָבען זיך אַלע איבערצייגט, אַז די קינדער מאַכען אַ גרויסען פאָרטשריט. איבער־הויפּט האָבען זיך אויסגעצייכענט די מיידלעך, ווייל זיי זיינען געווען פון עלטערען, וועלכע האָבען זיך מעהר געאינטערעסירט מיט דעם לערנען. ניט נאָר די בעסטע פון אונזערע משכילים, נאָר אויך אידען לומדים, און אפילו חסידים, האָבען גרויס פארגניגען געהאַט צו הערען ווי מיין טעכטערל מרים אָדער מיין שוועגעריץ ליזע זאָגען אַ קאַפּיטעל תנ״ך פון נביאים אחרונים.

די באַציהונגען פון די קינדער צו מיר זיינען געווען מיט ליעבע

און רעספּעקט. איך גלויב, ווייל זיי האָבען פאַרשטאַנען מיין ערנסטקייט און ליעבע צו זיי, און איבערהויפּט, ווייל זיי האָבען זיך איבערצייגט אין מיין גערעכטיגקייט צו זיי. איך האָב אַנטייל גענומען אין זייער קינדערשען לעבען, ערמוטיגט זיי צו שפּיעלען זיך אַלס קינדער. אמאָל אַליין געגאַנגען מיט זיי אין פעלד און געשפּיעלט זיך מיט זיי. און דאָרט אויף די גרינע פעלדער האָבען זיי זיך אַזוי פריי געפיהלט און שעהן געשפּיעלט זיך, אַז מיין האַרץ האָט אָנגעקוואָלען, וואָס אידישע קינדערלעך געניסען אויך פון דער נאַטור און ווייסען אויך פון אַ קינדהייט.

גאַנץ אָפט פלעגען די יונגע עלטערען פון מיינע תלמידים אויך געהן מיט אונז אין פעלד, איבערהויפּט ל״ג בעומר איז אַ גרויסער יום טוב געווען. איך מיט מיינע תלמידים און תלמידות און זייערע יונגע טאַטעס און מאַמעס געהען אין וואַלד, און דאָרט ווייט פון וועג אָן אַ זייט איז פאַראַן אַ גרויסער ליידיגער פּלאַץ אַרומגערינגעלט מיט געדיכטע הויכע בוימער וועלכע קריכען איינע אין די אַנדערע מיט זייערע גרינע צווייגען. דער גאַנצער פּלאַץ איז באַדעקט מיט גרינע גראָז, אויסגעמישט מיט קוויטעלעך פון אַלע קאָלירען. מען צוזעצט זיך. איינער פון די קינדער דער־צעהלט וועגען ל״ג בעומר. אַנדערע דעקלאַמירען העברייאישע שירים. מען מאַכט אַ מאָלצייט פון אַלעם גוטען וואָס די מאַמעס האָבען אָנגעבראַכט, מען זינגט, מען טאַנצט, און די עלטערען מיט די קינדער שפּיעלען אין קאַשקאַ מישקאַ, און דאָס גלייכען. אַ פרעהליכע לעבעדיגע וועלט געווען.

99. די אידישע ליטעראַטור. — אונזער ביבליאָטעק און פאַרלעזונגען.

ווען די אייזערנע האַנד פון אַלכסנדר דעם דריטען האָט גע־שטיקט און געוואָרגען דעם אידען קערפּערליך און גייסטיג. ניט נאָר דעם ביסען ברויט האָט מען ביי דעם אידען פון מויל אַרויס־געריסען, פאַרבאָטענדיג איהם פיעלע באַשעפטיגונגען. נאָר אויך זיין נשמה האָט מען געוואָלט אויסהונגערען, ניט צולאָזענדיג דעם אידען צו קיין בילדונג און צו קיין גייסטיגער ענטוויקלונג. אַט

דאָן, אין יענער פינסטערער צייט, אין דער ענדע פון די אכציגסטע און אָנפאנג פון נײינציגסטע יאָהרען פון נײנצעהנטען יאָהרהונדערט, האָט דער איד ווידער אַ מאָל באוויזען, אז זיין גייסט קאָן מען ניט באקעמפּפען; ארמוט און נויט קאָנען ניט שטערען זיין גייסטיגער ארבייט. פארקעהרט, וואָס מעהר מען מאַכט איהם ענג זיין אויסערליכע וועלט, ווערט אַלץ ברייטער זיין אינערליכער לעבען.

אָט אין אזא שלעכטער צייט האָט אין אונזער אידישען לעבען אָנגעפאנגען זיך אַ נייער רענעסאַנס, אונזער נאציאָנאלע ערוואכונג און אויפלעבונג, און אַם־שטאַרקסטען האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין אונזער ליטעראטור. עס האָבען זיך באוויזען ביי אונז נייע טאלאנטען, יונגע שרייבער, און אונזער ליטעראטור, סיי אין העברייאיש און סיי אין אידיש, פאַנגט אָן צו ענטוויקלען זיך אין אַ שעהנער מאָדערנער ליטעראטור, וועלכע האָט אין זיך די שעהנהייט פון דער וועלט־ליטעראַטור, נאָר מיט אַ אידישער נשמה, און אויף פיעלע ווערק קאָן מען זאָגען, אז דאָס איז ווירקליך אָריגינעלע אידיש־פאָלקסטימליכע ליטעראטור. עס פאַנגען אָן ארויסגעהן דער „האסיף” און דער „כנסת ישראל”; ספּעקטאָר קומט ארויס מיט זיין „הויז פריינד”, שפּעטער קומט שלום עליכם מיט זיין „אידישער פאָלקס ביבליאָטעק”, און בן אביגדור קומט מיט זיינע „ספרי אגורה”.

און איך טראכט מיר, אז אויב מיר האָבען שוין יאָ אַ שעהנע ליטעראטור, טאָ זאָלען אידען געניסען דערפון, זאָלען אידען לייענען, זאָלען זיי באקאָנען זיך מעהר מיט דעם אידישען לעבען, וועלען זיי ווערען בעסערע אידען, און וועלען נעהמען מעהר אינטערעסירען זיך מיט אונזערע שטרעבונגען און האָפנונגען. שרייב איך אויס ביכער, צאָהל דעם פולען פרייז, לויף ארום פון שטוב צו שטוב און פארקויף ביכער, און איך האָב ניט וואָס צו זינדיגען, דאָס געשעפט געהט גאנץ גוט.

מיינע ביכער אָבער וואָס איך פארקויף קאָנען ניט צופריעדען שטעלען אונזער דאָרשטיגע יוגענד. זיי דארפען מעהר, און זיי דארפען די רוסישע ליטעראטור, באקומט מען ביכער פון פאָלקסאוועס ביבליאָטעק. ניט אַלע אָבער און ניט אימער קאָן מען באקומען פון פאָלקסאווע, באשליסען מיר צו גרינדען אַן אייגענע

ביבליאָטעק. אוועק איבער די הייזער, צונויפגעקליבען אַ פּאָאַר הונדערט רובעל, און אויסגעשריבען ביכער. דערצו נאָך אויסגע־בעטעלט ביכער פון דער חברה מפיצי השכלה, און מיר האָבען אונזערע אייגענע ביכער, וואָס ווער עס פאַרמאָגט, אויך אַריינ־געבראַכט, ביז עס איז געוואָרען אַ ביבליאָטעק פון שעהנע עטליכע הונדערט ביכער אין רוסיש, העברעאיש און אידיש. די צרה איז נאָר, וואָס מען מוז האָבען אַן ערלויבניש פון דער רעגירונג צו עפענען אַ ביבליאָטעק, און צו באַקומען אַזאַ ערלויבניש איז פאַר אונז אַבסאָלוט אונמעגליך. מוז מען אויסקומען אָהן אַן ערלויבניש און האַלטען אין איין ציטערען. אויב די פּאָליציע כאַפּט, קאָנ־פיסקירט זי די ביכער, און דערצו נאָך קאָן מען כאַפּען אַ גוטע שטראָף. בלייבט די ביבליאָטעק ביי מיר, און מיך ערוועהלט מען טאַקע אַלס ביבליאָטעקער.

האָב איך מיר צו מיין קנעלונג נאָך אַ קנעלונג. איך קאָן דאָך אַלע מיינע לעזער, דאַרף מען יעדען אַן עצה געבען וואָס צו לעזען. ווען די יונגע ברענגען צוריק די ביכער, פרעג איך זיי וועגען דעם אינהאַלט און זייער מיינונג. איך וויל, אַז זיי זאָלען לעזען מיט מעהר אויפמערקזאַמקייט. איין מאָל אין וואָך האָבען מיר אין מיין חדר פאָרלעזונגען. מיר האָבען גוטע פאָרלעזער, און נאָכ׳ן לעזען דיסקוטירט מען, און די יונגע ערמוטיגען מיר, אַז זיי זאָלען שריי־בען אויף געוויסע טעמען, און גאַנץ אָפט ווערען זייערע שריפטען פאָרגעלעזען אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען, וועלכע ווערען באַזוכט פון אַלטע און יונגע, מענער און פרויען. אויסער דיעזע פאָר־לעזונגען זאָג איך יעדען שבת תנ״ך אָדער פּרק און אַ מאָל האַלט איך אַזוי אַ פאָרטראַג.

מיט איין וואָרט, איך בין אימער שטאַרק פאַרנומען, און בין זעהר צופריעדען מיט דער מעגליכקייט צו קאָנען טאָן ניצליכע אַר־בייט, וועלכע זיינען מיר זעהר צום הארצען.

100. איך האַלט עקזאַמען אויף אַ פאָלקס-לעהרער, 1890 יאָהר.

אונזער רעגירונג האָט אימער אין זינען דעם אידען. יעצט איז זי שטאַרק פאַרנומען מיט דער פראַגע פון דער ערציהונג פון

אידישע קינדער. אַלע שולען זיינען דאָך פארשפארט פאר דעם אידען, און אזוי ווי אידעלעך קענען דאָך ניט אויסקומען אָהן לערנען אזוי ווי אַ פיש אָהן וואסער, לערנען זיי דאָך געוויס אין דער היים. מוז מען אכטונג געבען אויף די אידישע קינדער. יעדער מלמד מוז האָבען אַ סווידעטעלסטוואָ, און דאָס איז דוקא ניט שווער צו באקומען. מען דארף נאָר נעהמען פון דער פאָליציע אַ פאפיער, אַז איהר זייט אַ געטרייער בירגער, ניט פון די היינטיגע חברה, דערצו צאָהלט נאָר אָפּ דריי רובעל, גיט מען אייך אַ סווידעטעלסטוואָ, אַז איהר מעגט לערנען מיט אידישע קינדער אידישע למודים. אויב איהר קענט לערנען אָדער ניט, דאָס איז ניט זייער געשעפט. אויב איהר ווילט אָבער לערנען מיט אידישע קינדער רוסיש און אַנדערע זאכען אויסער אידיש, מוזט איהר אויסהאלטען עקזאמען און באקומען אַ סווידיעטעלסטוואָ אַלס פאָלקס־לעהרער.

פאנגט זיך פאר מיר אָן אַ געשיכטע מיט גרייטען זיך צום עקזאמען. אייגענטליך קען איך די תורה, וואָס פאָדערט זיך דערצו, אָבער האַלטען אָן עקזאמען איז גאָר עפּעס אַנדערש. ביי איין און דרייסיג יאָהר געהן צום עקזאמען אין גימנאזיע צווישען קרימטען — עפּעס ניט אַזאַ אויסדרוק, ניט אַזאַ קוק און פילייכט טאקע אַ סארקאסטישער שמייכעל פון עפּעס אַ לעהרער אָן אַנטיסעמיט, און עס נעהמט דיר אָפּ דער לשון, אָדער דו ענטפערסט בויבעריק. אמוועניגסטען דארף מען כאַטש וויסען זעהר גוט, און טאקע וויסען פיעל מעהר איידער עס פאָדערט זיך. אַ גאנצען טאָג לערען איך מיט די קינדער, און די קורצע זומערדיגע אָווענדען און די לאַנגע זומערדיגע פריהמאָרגענס לערען איך אַליין.

סוף הזמן פאָהר איך קיין פאוולאָגראַד האַלטען עקזאַמען. מען זאָגט, אַז דאָרט איז דער דירעקטאָר פון גימנאזיע ניט קיין אַנטיסעמיט. אַליין איז ער אָן אויסלענדער, אַ גרויסער געלעהרטער, און קען אפילו העברעאיש. איך קום צופאָהרען, זעה זיך מיט'ן דירעקטאָר אַליין, מאַך קענטיג ניט קיין שלעכטען איינדרוק. ער צופרעגט זיך מעהר אייגצעלהייטען, און די עקזאמענס פאנגען זיך אָן. אין דעם אָרימען האָטעל, וואו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, געפינען זיך נאָך אידישע יונגע לייט, וועלכע זיינען אויך געקומען האַלטען עקזאמען אויף לעהרער. זיי זיינען אַלע געבאָרענע אין

זיך רוסלאנד. רוסיש איז כמעט זייער מוטער־שפּראך, און זיי שמייכלען אָפּט אונטער פון מיין רוסישען אַקצענט, עפּעס איז ער צו ווייך ליטוויש־אידיש. דאָך פאַל איך ביי זיך ניט אַראָפּ. מיינע שריפטליכע עקזאַמענעס זיינען שוין דורכגעגאנגען. דער דירעקטאָר אַליין האָט מיר וועגען דעם געזאָגט. יעצט אָבער קומט די רעכטע געדיכטע. עס דאַרף זיין דער „פּראַקטישער עקזאמען", דאָס מיינט, אַז מען דאַרף זעהן ווי אַזוי איך לערען מיט אַ קלאַס קינדער. און דערפאַר ציטער איך. געה לערען מיט רוסישע שקצים. דער־זעהענדיג פאַר זיך אַ לעהרער מיט אַ לאַנגליכען אידישען נאָז, מיט אַ ווייכען רוסישען אַקצענט, קענען זיי אין מיטען אוראָק ארויס־שיסען מיט אַ געלעכטער. געה איך צום דירעקטאָר און זאָג איהם, אַז זיינע תלמידים קענען צולאַכען זיך פון מיר אין מיטען לערנען. ענטפערט ער זעהר פריינדליך: „אַנשטאָט צו לערנען מיט אַ קלאַס קינדער, וועסטו לערנען מיט אונז, איך און דריי לעהרער וועלען זיין דיינע תלמידים". איך דאַנק אָפּ און געה צוגרייטען די לעק־ציאָנען, וועלכע ער האָט מיר געהייסען צוגרייטען פאַר זיי אויף מאָרגען.

געקומען די צייט. מען פיהרט מיך אריין אין דירעקטאָר'ס קאַבינעט. ארום דעם לאַנגען טיש באדעקט מיט בלויען געוואנט זיצען מיינע „תלמידים". אַלע אויגען האָבען זיך געווענדעט אויף מיר, און איך פיהל זיך גאָר ניט היימיש. דער דירעקטאָר ווייזט מיר אָן אַ בכבוד'יגען פּלאַץ אלס אַ לעהרער, און איך נעהם זיך אָן מיט מוט, און איך זאָג זיי מיט אַ שמייכעל, אַז זיי זאָלען נעהמען אין אַנבאַטראַכט, אַז מיט מיינע אידישע תלמידים וועל איך זיך פיהלען היימישער איידער מיט זיי, און וועל פיעלייכט דאָרט קענען בעסער ערקלעהרען מיינע לעקציאָנען. דער דירעקטאָר ערמוטיגט מיך און זאָגט, אַז ער האָפּט, דאָס איך וועל מיט זיי אויך גוט לערנען. איך פאַנג אָן צו קנעלען מיט אָנפאַנגער, און נאַכהער מיט עלטערע. אָט פרעגען זיי פראַגען ווי גראָטענע קינדער, און אָט ווערען זיי גראָבע קעפּ, און געה גיב זיי צו פארשטעהן. איך האָב אָבער ניט פאַרלאָרען קיין מוט און פאַרטגעזעצט מיין קנעלונג. אַלע בלייבען שטאַרק צופריעדען, און דער דירעקטאָר זאָגט: „אָב־וואָהל פריהער דאַרף זיין אונזער באַראַטונג, דאָך קען איך דיך

גלייך באַגריסען מיט דעם נאָמען „פאָלקס־לעהרער". דו ביזט ווירקליך אַ פעהיגער לעהרער, און איך ווינש דיר ערפאָלג".

דאַכט זיך אַ קלייניגקייט אַ דיפּלאָם פון אַ „נאַראָדנעם אוטשי־טעל", דאָס מיינט אַ רוסישער פאָלקס־לעהרער, און אין דעם דיפּ־לאָם איז אָנגעשריבען, אַז איך האָב רעכט צו לערנען נאָר מיט אידישע קינדער, דאָס הייסט דאָך גאָר אַ שטיקעל באַליידיגונג, פאַרוואָס טאַקע זאָל איך ניט טאָרען לערנען מיט קריסטליכע קינדער? דאָך בין איך שטאַרק צופריעדען, וואָס איך האָב אויס־געהאַלטען עקזאַמען, און די אַלע אַנדערע יונגע לייט מיט דעם גוטען רוסישען אַקצענט האָבען דוקא ניט אויסגעהאַלטען.

101. ארויסגעטריבען די אידען פון מאָסקווע. — עמנואל ווערט געבאָרען. — מאַסליאַנסקי קומט צו אונז (1891 יאָהר).

אַ פאַרשטערטער פסח. פון מאָסקווע האָט מען אַלע אידען ארויסגעטריבען. ארויסגעטריבען! — ווי שרעקליך איז דאָס וואָרט. איך לעב איבער דעם גאַנצען וועהטאָג און שאַנדע, וואָס מיינע אונגליקליכע ארויסגעטריבענע ברידער און שוועסטער האָבען איבערגעלעבט, און די פראַגע „פאַרוואָס?", „ווי לאַנג נאָך?" עגבערען דעם מוח און צוברעכען דאָס האַרץ.

אַ טרייסט זוך איך צו געפינען אין דעם נאָמען, וואָס איך וויל געבען מיין זוהן, וואָס איז געבאָרען געוואָרען חול המועד פסח. זאָל זיין דער נאָמען זיינער „עמנואל". דאָס מיינט, גאָט איז מיט אונז. אין אַ וואָרט, אין אַ נאָמען, אין עפּעס אַ סימבאָל, האָט דער איד אימער אַ טרייסט געפונען.

צום ברית האָבען מיר אַ טייערען גאַסט. מאַסליאַנסקי איז געקומען. מיר האָבען שוין געהערט פון דעם יעקאַטערינאָסלאַווער לעהרער מאַסליאַנסקי, אַז ער איז אַ וואונדערבאַרער, באַגאַבטער רעדנער, און די פיהרער פון די חובבי ציון בעטען איהם, אַז ער זאָל אָפּגעבען זיין טאַלאַנט דעם אידישען פאָלק. די פאָלטאַווער חובבי ציון האָבען איהם אַראָפּגעבראַכט, און אונזער קליין פערע־שטשעפּינע האָט פאַרדינט, אַז ער זאָל אונז ניט ענטזאָגען און קומען. אויפ'ן ברית ביים טיש האָט ער גערעדט אויף דער טעמע פון דעם

נאָמען עמנואל. ער אליין און דער גאנצער עולם האָבען פאר־גאָסען טייכען טרערען. פארנאכט אין שול האָט ער גערעדט וועגען מאָסקווער אומגליק. ווי לעבעדיגע בילדער האָט ער פאר אונז פאַרגעשטעלט דאָס טרייבען, און דאָס איבערלעבען פון די גע־טריבענע.

אזא רעדנער האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט. איך זעה פאר זיך א ברייטע, ווארימע אידישע הארץ, אָנגעפילט מיט ליעבע צו זיין פאָלק; אן ערלע, צערטליכע נשמה, וועלכע צאַפּעלט זיך פון דעם אידישען וועהטאָג; א גייסט, וועלכער קען זיך הויבען העכער צו די הימלישע ספערען, און א מויל א בריליאנטענער, פערל שיטען זיך. אָט מאָלט ער מיט די שטאַרקסטע פארבען הארצ־רייסענדע בילדער פון זיין געדריקטען, געפייניגטען פאָלק; אָט בלייבט ער שטיל, שלינגענדיג די טרערען, וואָס ווערגען איהם, און אָט מיט א מאָל ווי א רעגענבויגען באווייזט זיך דורך די טרערען. ער רעדט פון חבת־ציון. זיין פנים פאנגט אָן צו שיינען, ווי פייערדיגע פונקען שפּריצען פון זיין מויל ווערטער פון טרייסט, און די שטראהלען פון א ליכטיגער צוקונפט צוטרייבען די פינ־סטערע וואָלקענס פון אונזערע נשמות; מוט און האָפענונג הויכט ער אריין אין אונזערע פארצווייפעלטע הערצער, און יעדעס וואָרט איז ווי א באַלזאַם צו אונזערע ברענענדע וואונדען.

לאַנג האָבען מיר געדענקט מאַסליאַנסקי'ס באזוך, און ער האָט אונז אויך ניט פארגעסען. אין א צייט ארום, ווען זיין גרויס־קייט איז שוין אנערקענט געוואָרען, און ער האָט נאָך די גרויסע אידישע שטעדט באעהרט מיט זיין ריידען, איז ער אראָפּגעפאָהרען צו אונז, פארבראַכט צוויי טעג, באקאַנט זיך מיט אַלעמען נעהנטער, גערעדט צוויי מאָל, פארהערט מיינע תלמידים, און איבערהויפּט מיינע תלמידות, וואָס דאָס איז געווען א זעלטענהייט, און ער האָט זיך גליקליך געפיהלט. שפּעטער, אין פיעלע יאָהרען ארום, ווען ער איז שוין אין אמעריקא געווען און האָט אין „העברי" געשריבען זיינע עראינערונגען פון רוסלאַנד, האָט ער פאָלגענדעס געשריבען וועגען פערעשטשעפּינע:

„פערעשטשעפּינע הקטנה. — את הכפר הזה נקבתי בשם „נוה הצדק והשלום". כארבעים משפחות מאחינו יושבים בו... בתוכם

ימצאו אנשים משכילים גם בעלי כשרונות נפלאים. **מורה מצוין** מר. קאצאָוויץ יורה את צאציהם בטוב טעם ודעת... מאד התעננתי על חברת המשכילים העלפגאָט, וואָראָנעל והמשורר רעוויזן... בחנתי את התלמידים והתלמידות והנה כלם יודעים את ספרי קדשנו וכל חלקי הדקדוק באופן מאד נעלה, ומה נפלא ונעים לשמוע את השירים בשפת קדשנו... ואדמה כי באחת המושבות על הרי יהודה אמצא כעת... מי יתן והכפר הזה יהיה למופות לכל הערים הגדולות".

אין אידיש מיינט עס: „דיעזען דאָרף האָב איך גערופען „אַ וואָהנונג פון גערעכטיגקייט און פריעדען". פערציג אידישע פאַמיליען געפינען זיך דאָרט. צווישען זיי געפינען זיך אינטעליגענטע מענשען און זעהר פעהיגע מענשען. אַן אויסגעצייכענטער לעהרער ה. קאצאָוויץ לערענט מיט זייערע קינדער מיט געשמאַק און פאַרשטאַנד... פיעל פארגניגען האָב איך געהאַט אין דער געזעלשאַפט פון די משכילים העלפאַנט, וואָראָנעל און דעם פּאָעט רעוויזן... **איך** האָב פארהערט די שילער און שילערינס, האָבען זיי אַלע געוואוסט תנ"ך און דקדוק אויפ'ן בעסטען אופן, און ווי וואונדערליך שעהן עס איז געווען צו הערען פון זיי די העברעאישע שירים... מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך בין אין אַ קאָלאָניע אין ארץ ישראל. הלואי וואָלט דיעזער דאָרף דיענען אלס ביישפּיעל פאַר אַלע גרויסע שטעדט".

102. איך העלף יעקב רעוויזן שרייבען זיינע ליעדער.

יעקב רעזווין, וועלכען איך האָב אויבען דערמאָנט, איז דאַכט זיך ניט מעהר ווי אַן אָרימער סוחר'ל, דרעהט זיך ארום איבער'ן מאַרק גלייך מיט אַלעמען, צוקריעגט זיך אמאָל איבער אַ וועגעלע ווייץ גלייך ווי אַלע אַנדערע, און דאָך איז ער ניט גלייך צו אַלעמען. ניט דער מאַרק איז זיין פּלאַץ, און דער זעקעל ווייץ קען ניט צופריעדען שטעלען זיין נשמה. וועניגע פארשטעהען איהם. ווי קען אַ מאַרק־מענש פארשטעהן אזא מענשען? דאָס איז אַ מענש מיט די העכסטע, שעהנסטע געפיהלען פון גלויבען, מיט דער גרעסטער ערנסטקייט צו גאָטהייט און פרומקייט, און דער שטאַרקסטער קעמפּפער געגען פאַנאַטיזם. און ער קעמפּפט ניט נאָר מיט אַ

ניפטינגער סאַטירע, נאָר אמאָל טאַקע מיט לצנות און אפילו מיט ציניזם. א מענש, וואָס האָט ליעב די שעהנע וועלט און אונבאַגרע־ניצט איז זיין ליעבע צו דער גאַנצער מענשהייט, נאָר אונערטרעגליך איז פאַר איהם דער איינצעלנער מענש, וועלכער מיט זיין שלעכטס־קייט, קליינליכקייט און גאַרישקייט פאַרדאַרבט די שעהנע וועלטעלע.

מיט מיר איז ער געווען נעהנטער איידער מיט די אַנדערע יונגע לייט. פאַר מיר האָט ער אימער זיין האַרץ אויסגעגאָסען. איינמאָל ווייזט ער מיר זיינעם א שיר, אין וועלכען ער לאַכט אויס דעם גאַנצען לעבען. איך זאָג איהם, אַז דער אינהאַלט איז גאַנץ גוט. אָבער דאָס איז ניט קיין שיר. עס פעהלען אַלע פאָדערונגען פון א שיר. איך ערקלעהר איהם, אַז די זילבען דאַרפען זיין מיט א געוויסער מאָס, און עס מוז זיין א געוויסער אַקצענט. איך ווייז איהם פון אונזערע אמאָליגע משוררים, ווי רבי יהודה הלוי און די אַנדערע האָבען געשריבען מיט א געוויסער צאָהל תנועות און יתדות. איך נעהם אַרויס א טעאָריע סלאָוועסנאָסטי, און ווייז ביישפיעלען פון רוסישע שירים ווי אַזוי מען שרייבט. ער טענה'ט אָבער, אַז דער שיר איז גוט, און אַז ער וועט איהם שיקען צו שלום עליכם'ן אויף מבינות. איך בעט איהם, אַז ער זאָל ניט שיקען, און ער הערט מיך ניט און שיקט.

אין גיכען קומט ער אריין לאַכענדיג מיט א בריעף פון שלום עליכם'ן. א קורצער בריוועלע מיט פאָלגענדע ווערטער: „איידער אַזעלכע שירים צו שרייבען איז בעסער שטיוועל צו פוצען". זאָג איך צו איהם, אַז ער זאָל ניט נתפעל ווערען דערפון און זאָל אביסעל לערנען טעאָריע סלאָוועסנאָסטי, לעזען מעהר רוסישע פּאָעטען און שפּעטער אָנשרייבען אַן אַנדער זאַך און שיקען צו פרוג'ען. און עס פאַנגט זיך אָן א סדרה מיט שירים. פאַרנאַכט, ווען איך ווער פאַרטיג מיט מיינע תלמידים און ער מיט זיינע זעקלעך ווייץ, געהען מיר אַוועק אין פעלד, זעצען זיך אונטער א ווינד־מיהל, און איך העלף איהם מאַכען שירים. ער האָט שוין געכאַפּט דעם שניט. ער שרייבט שוין א שיר מיט'ן נאָמען „צו אונזער משורר", געוויד־מעט טאַקע פרוג'ן אליין. איך העלף איהם אויסבעסערען די שפּראַך, דעם סטיל, דעם ריטהם און אמאָל טאַקע דעם געדאַנק. אין א שעהנעם זומער פאַרנאַכט ווייט פון דאָרף אונטער א

גרויסען בוים, זיץ איך אויפ'ן גראָז און ער שטעהט מיט'ן גרויען קאָפּ באגייסטערט ווי אַ קליין קינד און לעזט פאר מיר דעם גאנצען שיר „צו אונזער משורר."

מירביידע צופריעדענע געהען גלייך אויפ'ן פּאָסט, און דער שיר געהט אוועק קיין פּעטערבורג צו פרוג'ן; און ווי גרויס איז אונזער שמחה געווען, ווען עס איז געקומען אַ בריעף פון פרוג'ן, אַז דער שיר איז גוט, און פרוג בעט איהם, אַז ער זאָל ווייטער שרייבען. דאָ פאנגט זיך אָן פאר מיר אַ רעכטע ארבייט, העלפען פּאַבריצירען שירים.

ער האָט שוין אַ היבשען פּעקעל שירים, ווארפט ער אוועק זיינע געשעפטען, קלייבט צונויף זיין גאנצען אייגענס, און ווערט נאָך אַ שטיקעל בעל חוב, פּאָהרט אוועק קיין ווארשא און דרוקט אָפּ „די מעלאָדיען פון יעקב רעוויזן". קומט אַ צופרידענער אַהיים מיט זיין פּעקעל סחורה, באדאנקט מיר מיט אַ שעהן געבונדענעם ביכעלע שירים מיט אַן אָנשריפט:

מיין תלמיד, מיין חבר, מיין רבי, און ז. וו.
אין יעדען דינעם סטריך
אין יעדער שורה, אין יעדען סטיך
זאָל מען זעהן דיך ווי מיך
ביידע גלייך אויף יעדען וואָרט
ניט געקארגט און ניט געשפּאָרט
בלוט און מארך און ז. וו.

ער האָט זיך אוועקגעשלעפּט איבער דער וועלט ווי אַלע אידישע מחברים, און געווען אין אַלע גרויסע שטעדט. שלום עליכם שרייבט צו מיר דאָן אין אַ בריעף: „ערשטענס, דארף איך אייך אָפּגעבען אַ גרוס פון אונזער יעקב רעוויזן. ער איז יעצט אין קיעוו, גע-וועהנליך ביי מיר"..... יאָ, אומעטום געווען, לאנג ארומגעפּאָהרען, פּאַרלעזונגען געמאכט, אליין געדעקלאַמירט, אומעטום כבוד געהאט, און געקומען אַהיים אַ קבצן אין צעהן פּאָלעס און פארבליבען אַן אָרימער סוחר'ל נאָך ערגער פון פריהער.

שפּעטער, זייענדיג אין אמעריקא, האָב איך ערהאלטען זיין בילד מיט אַן אָנשריפט, וואו ער שרייבט צווישען אנדערם:

אין יאָהרען פון האָפּענונג, פון לעבען און מוט
ווי הערצליכע ברידער אין איינעם געלעבט,
צו אַלעם וואָס הייליג, צו אַלעם וואָס גוט,
צו אַלעם וואָס ליכטיג אין איינעם געשטרעבט, און ז. וו.

און ער פארענדיגט דעם שיר פון זיין ביטערער לאַגע אַלס אַן אָרימער קרעמערעל.

103. איך ווער קראַנק און אויס לעהרער.

דריי יאָהר אָפּגעארבייט יעדען טאָג לאַנגע שטונדען און אָנגעשטרענגט. די לעהרעריי אַליין איז געווען גענוג צו ווירקען שלעכט אויף מיין שוואכען געזונט. דערצו נאָך די אַלע פארשיעדענע געזעלשאפטליכע ארבייטען האָבען געוויס געמוזט שלעכט ווירקען אויף מיין געזונט, און איך האָב טאַקע דערפיהלט א שטארקען וועהטאָג אין הארצען.

דעם לעצטען זומער דינג איך א חדר ביים ברעג דאָרף. דעם גרעסטען טייל פון טאָג לערנען מיר אין דרויסען אויפ'ן גראָז צווישען די בוימער, פארנאכט קומען די גוטע ברידער און מיר געהען אין פעלד, מען היט איך זאָל ניט ארבייטען צופיעל. איך טרינק מילך, איך עס אייער, עס העלפט אָבער ניט, דאָס הארץ טוט וועה, און מיט יעדען טאָג ווער איך אַלץ שוואכער. איך זעה שוין, אַז ווייטער קנעלען קען איך ניט, און איך מוז זיך אָפּזאָגען פון מיין אידעאַל.

ווי א מוטער, וועלכע קען ניט מעהר אַליין זויגען איהר קינד, און זוכט א גוטע אם צו פארזאָרגען איהר קינד, אזוי זוך איך א גוטען לעהרער, וועלכען איך זאָל קענען מיט א רוהיגען הארצען איבערגעבען מיינע תלמידים. אָפּגעזוכט א לעהרער, באקאנט איהם מיט'ן לערנען און געבעטען מיט טרערען אין די אויגען פאָרטצוזעצען די ארבייט, אין וועלכער איך לאָז איבער א גרויסען טייל פון מיין לעבען.

איך באשליס אוועקצופאָהרען פון פערעשטשעפּינע. איך גיב איבער די ביבליאָטעק, וועלכע איז באשאפען געווארען און אויסגעוואקסען אויף מיינע הענד. אַלע קומען זעגענען זיך. אין קורצע,

ווארימע, ערנסטע ווערטער דריקען זיי זיך אויס, אז זיי פארלירען דעם קוואל, פון וועלכען עס האט געקוועלט א שטראם פון טעטיג־קייט. צום לעצטען קומען אריין אלע מיינע תלמידים און תלמידות יום טוב'דיג אנגעטאן. איינער פון זיי לעזט אין א גוטען העברעאיש אן אדרעס, וועלכען זיי האבען אליין אנגעשריבען צו זעגענען זיך מיט מיר. אלע קינדער וויינען, די עלטערע באגיסען זיך מיט טרערען. איך קוס יעדען קינד און וויין ביטער, זעהענדיג ווי איינער פון מיינע הייליגע אלטארען ווערט צובראכען, און ווער ווייס וויפיעל עס וועלען נאך אין מיין לעבען צובראכען ווערען.

104. איך ווער א סוחר פון קויהלען, און זעה א גוטסקייט פון א קריסט.

פאר דריי יאהר קנעלען אפגעשפארט א פאאר הונדערט רובעל. צום לעבען איז דערווייל פאראן, אבער וואס טוט מען? מיט תבואה האנדלען וויל איך ניט. גיט מען מיר אן עצה, אז איך זאל פאהרען אויף די רודניקעס (מיינס) קויפען דארט קויהלען און פארקויפען צו מילנער און אנדערע סוחרים. מילא, זאל זיין קויהלען, אבי פרנסה. וואו נעהמט מען אבער געלד? דערהערט אברהם מאדעל פון אנדערע, אז איך דארף געלד, שרייבט ער מיר, אז איך זאל ביי איהם נעהמען 500 רובעל. וויל איך ניט נהעמען ביי איהם קיין געלד, איך האב מורא צו ריזיקירען מיט זיינע געלד. קומט ער אליין צופאהרען און שטעהט צו, ביז איך האב געמוזט נעהמען די געלד, און בין אוועקגעפאהרען קויפען קויהלען.

ראובן דיינאוו, וועלכער איז אין דעם קויהלען געשעפט, האט מיר געגעבען א בריעף צו א פארוואלטער פון א גרויסען רודניק. איך קום צו איהם, זאגט ער, אז יעצט איז שווער צו קויפען קויהלען. אויף די שאכטעס איז פאראן גענוג קויהלען, נאר מען קען ניט פיהרען צום באהן, וויל עס איז זעהר בלאטיג. מיר פאהרען ארום און קענען ניט געפינען. דערווייל צופרעג איך זיך ביי איהם אלע איינצעלהייטען ווי אזוי מען ארבייט אוים די קויהלען. ער באווייזט מיר און ערקלעהרט מיר אלץ, און שפעטער מיט צוויי יאהר איז דאס מיר גוט צוניץ געקומען.

די ענדע איז געווען, אז ער האָט מיר אָפּגעזוכט זיינעם א גוטען ברודער, א שותף און פאַרוואַלטער פון א גרויסען רודניק, וועלכער האָט מיר פאַרקויפט 100 וואַגאָנעס קויהלען. אָנגעשריבען א קאָנטראַקט. איך גיב אָפּ די 500 רובעל אלס אדערוף, בעט באַלד ארויסשיקען פינף וואַגאָנעס קויהלען מיט א נאַכנאַהמע און פאָהר גלייך פאַרקויפען. גראַדע אין דעם זעלבען וואַגאָן פאָהרט דער מאַן, ביי וועלכען איך האָב די קויהלען געקויפט. ער זעצט זיך נעבען מיר און פאַנגט אָן א געשפּרעך מיט מיר וועגען קויהלען־געשעפט ווערדליג צו א געניטען קויהלען־הענדלער, און צו זיין גרעסטען וואונדער דערהערט ער גאָר, אז זיין קויהלען־סוחר איז ערשט געווען א מלמד, און מיט קויהלען האַנדעלט ער, ווייל ער האָט א ווייב מיט פינף קינדער, און קנעלען קען ער ניט, ווייל ער האָט א שטיקעל וועהטאָג אין הארצען, נעהמט מען ביי א גוטען ברודער, אויך אַן אָרימאַן, 500 רובעל און מען קויפט קויהלען. „הייסט עס, אז דו ביזט גאָר א לעהרער?!" זאָגט מיין גוי, און דריקט מיין האַנד גאַנץ פריינדליך. ביי די גוים פאַרנעהמט א לעהרער א בכבודיגערען פּלאַץ איידער ביי אידען. „אויב אזוי, זאָגט ער, זאָלסטו וויסען, אז ווי עס וועט נאָר ארויספאַלען א שנעע און מען וועט קאָנען פיהרען קויהלען צום באַהן, וועלען די פרייזען אויף קויהלען געוויס פאַלען, און דו קענסט צולעגען די גאַנצע געלד. דעריבער בעט איך דיך, אז דו זאָלסט מיר באַלד שרייבען וואו דו האַלסט". איך דאנק איהם אָפּ, און עס ווערט מיר ניט גוט אויפ׳ן הארצען, טראַכטענדיג וועגען צולעגען פרעמדע געלד.

איך קום קיין פּאָלטאַווע, געה גלייך צום רייכען מילנער מ., אַן אַלטער באַקאַנטער. ער צופרעגט זיך וואו און וויפיעל און ווי טייער געקויפט, און איך, ווי א ריכטיגער מלמד, דערצעהל איהם אַלץ אָפּענהערציג. ער נעהמט צו די פינף וואַגאָנעס קויהלען, גיט א רובעל אויפ׳ן וואַגאָן פרנסה, און אויב די סחורה וועט איהם געפעלען נעהמט ער צו אין גאַנצען אויף דעם זעלבען פרייז. הייסט עס, אז מיט הונדערט רובעל פרנסה בין איך געגאַראַנטירט כמעט. דאָך פאָהר איך אוועק אין אַנדערע שטעדט, פּיעלייכט וועל איך קענען נעהמען א בעסערען פרייז.

העלפט גאָט, און עס פאנגען אָן פרעסטלעך, און עס פאלט ארויס א גוטער שנעע, און די פּרייזען אויף קויהלען פאנגען טאקע אָן צו פאלען. וואוהין איך קום, באָט מען מיר מיט אָנוועך. לויף איך צוריק קיין פּאָלטאווע מיט דער האָפענונג, אז דער גביר מ. וועט צונעהמען די קוילען מיט א רובעל פּרנסה פון וואגאָן, ווי ער האָט געזאָגט. איך קום אריין צו מיין גביר און פרעג איהם, אויב איהם זיינען געפעלען מיינע קויהלען. ענטפערט ער, אז די קויהלען זיינען איהם געפעלען. ווערט מיר פרעהליכער אויפ'ן הארצען, און איך זאָג זיך מעשה סוחר: „הייסט עס, אז איהר נעהמט צו די הונדערט וואגאָנעם קויהלען". טוט מיין גביר א שמייכעל און זאָגט זיך גאַנץ קאַלטבלוטיג: „איך האָב שוין געקויפט פון דער זעלבער קאָמפּאניע מיט דריי רובעל בילינגער". — „הייסט עס, אז איך האָב פאר אייך אָפּגעזוכט וואו צו קויפען גוטע קויהלען", זאָג איך צו איהם אביסעל ברוגז'דיג; און ער מאכט זיך ניט הערענדיג און הייסט מיר געהן צום קאסיר און אָפּנעהמען דריי רובעל מיט פינף און צוואנציג קאָפּיקעס פאר די פינף וואגאָנעס קויהלען. זאָג איך צו איהם, אז מיר קומט דאָך א רובעל פון וואגאָן, ווי מען האָט גערעדט, ענטפערט ער, אז ער האָט אָפּגעצאָהלט 35 קאָפּיקעס פון וואגאָן פאר די נאכנאהמען. טענה איך, אז ער האָט דאָך געזעהן, אז מען האָט געשיקט מיט א נאכנאהמע, ענטפערט ער, אז איהם שיקט מען סחורה אָהן נאכנאהמען, און איך דארף ליידען די 35 קאָפּיקעס פון וואגאָן. ווי אָפּגעגאָסען מיט קאלטע וואסער האָב איך זיך דערפיהלט פון דעם שטיק יושר פון א אידישען גביר, וועלכען מען שאצט אין א מיליאָן מיט א פערטעל. קוק איך איהם אריין גלייך אין זיינע סוחר'ישע אויגעלעך, און זאָג צו איהם גאַנץ רוהיג און ערנסט: „ר' ד., הייסט עס, אז פון מיינע 5 רובעל פּרנסה נעהמט איהר אראָפּ 1.75ר. זאָל זיין אזוי, אָבער טוט מיר דערפאר א טובה און ערקלעהרט מיר די פּסיכאָלאָגיע דערפון, ווי אזוי מאכט איהר דאָס ביי זיך רעכט". ענטפערט ער אויך גאַנץ ערנסט: „פארשטעהט איהר מיך, ביי אייך איז דאָס נאָר 1.75ר. און ביי מיר דורכ'ן יאָהר ווערען פון אזעלכע קלייניגקייטען פון צעהן ביז פופצעהן טויזענד רובעל". איך האָב איהם אָפּגעדאנקט פאר זיין אונפארשעהמטער אָפּענהארציגער ערקלעהרונג, אָפּגענומען

מיין פּרנסה 3.25 ר., און ארום אין גאַס מיט א וועהטאַג אין הארצען. עס טוט מיר וועה מיין הארץ, וואָס מיינער א ברודער, א איד א גביר, זאָל זיין אזא בלוט-זויגער, און גרוים איז מיין וועהטאַג, וואָס איך וועל דארפען צו מיינע קויהלען צולעגען די געלד וואָס איך האָב גענומען ביי אַן אָרימען אידעאַליסט. און איך דערמאָן זיך ווי דער קריסט, ביי וועלכען איך האָב די קויהלען געקויפט, האָט מיך פריינדליך געבעטען, אז איך זאָל איהם שרייבען. שרייב איך צו איהם, אז די קויהלען זיינען ניט פארקויפט. און ווארט מיט אונגעדולד צו זעהן, וואָס א גוי א סוחר קען טאָן אין אזא פאַל. אין א פּאָאָר טעג ארום ערהאַלט איך די 500 רובעל מיט א פיינעם בריעף, און נאָך אָפּגעצאָהלט א גוטע קאָמיסיאָן פאר די פינף וואגאָנעס קויהלען, וואָס איך האָב איהם פארקויפט. דאָס קען נאָר א גוי'אישער קאָפּ.

איך גיב אָפּ מאדלען די געלד און בלייב אָהן א שטאָך ארבייט.

105. פּאָלטאַווער אידעאַליסטישע אוטשילישטשע (סקול) (1893).

מיינע פּאָלטאַווער גוטע פריינד, די אידישע לעהרער, געהען שוין לאַנג ארום מיט א פּלאַן צו עפענען א גרויסע אוטשילישטשע. זיי בעטען מיך, אז איך זאָל אויך צושטעהן. מען וועט פאר־היטען מיין געזונד. איך וועל לערנען נאָר מיט צוויי קלאַסען תנ"ך און העברעאיש איינציגע שטונדען אין טאָג. מיר געפעלט דער פּלאַן. אזעלכע קרעפטען אַלע צוזאמען וועט מען דאָך טאַקע קענען אויפטאָן וואונדער.

אזוי ווי איך האָב דאָך יעצט ניט וואָס צו טאָן, בעט מען מיך, אז איך זאָל אויסארבייטען א פּראָגראַמע פאר זעקס יאָהר. ארבייט איך טאָג און נאַכט. אַלע קומען צוזאמען, מען דיס־קוטירט, מען מאַכט איבער, ביז ענדליך האָט מען אויסגעארבייט א פּראָגראַמע און אַלע זיינען שטארק אָפּטימיסטיש, ווי אמת'ע מלמדים. מיר מאַכען פארזאַמלונגען פאר עלטערען. איך רייד צו זיי. איך שרייב אריין אין „המליץ" א גרויסען ארטיקעל וועגען חנוך, ווי אזוי מען דארף יעצט ערציהען אונזערע קינדער. און מיר, זעקס אָרימע לעהרער, דינגען א גרויסע דירה. יעדערער

לעגט אריין זיינע לעצטע אָפגעשפּאָרטע עטליכע גראָשען, און מען עפענט אויף זומער אַ שעהנע אוטשילישטשע. קיין אָרימע אומזיסטע תלמידים פעהלען אונז ניט, יעדערער האָט זיך זיינע באקאנטע קבצנים. די גאנצע איינקינפטע אונזערע זיינען ניט גענוג אפילו אויף ברויט מיט וואסער. יעדערער מוז זוכען פריי־וואט אורָאקען. מען מוז ווייטער ארבייטען שווער.

אָפּהיטען דעם געזונד קען איך ניט, ווייל מיין געזינד איז נאָך אין פּערעשטשעפּינע, און דערצו נאָך האָב איך אימער שרעק־ליכע ערגערנעס. אין איין קלאַס האָבען די קינדער וועניג פרישע לופט, אין צווייטען קלאַס זיצען זיי צו הויך, דאָ זיינען די קינדער ניט גוט געגרופּירט, און דאָרט זיינען זיי ניט גענוג געהאָרכזאַם, און מען האַלט זיי צופיעל פארשפּאַרט, ניטאָ וואוהין ארויסצור־לאָזען. איך קען ניט צוזעהן דעם רחמנות פון די קינדער. און דאָס אַלעס ערגערט מיך, און מיט יעדען טאָג פיהל איך אַלץ וואָס מעהר אַ וועהטאָג אין הארצען. די כחות געהען מיר אויס; איך עס ניט, איך שלאָף ניט, געוואָרען אויסגעדארט און פאר־שווארצט. איך מוז שוין געהן צו אַ דאָקטאָר. ער הערט מיך גוט אויס, און זאָגט, אז איך מוז באַלד פאָהרען אהיים אין דאָרף. צוזעגען איך זיך מיט מיינע אָרימע אידעאַליסטען, לאָז זיי איבער אין נויט און דחקות און לויף רעטען מיין לעבען, אין וועלכען עס נויטיגען זיך פינף קליינע קינדערלעך.

אין דער היים באגעגענט מען מיך מיט אַ געוויין. מען מיינט, אַז איך האָב שוין די טשאחאָטקע (שווינדזוכט), מען האָט זיך אָבער גענומען געזונד מאַכען מיך. מען שטאָפּט ווי אַן אינדיק אויף פּסח. די פרוי פון איהר זייט, און די שוויגער פון איהר זייט. מעהר פון אַלץ איז געווען צו באוואונדערען ווי בן ציון וואָראָנעל האָט זיך איינגאַנצען אָפּגעגעבען מיט מיר. פון גאַנץ פריה ביז שפּעט אין אָווענד איז ער ניט אָפּגעטראָטען פון מיר. מיר מוזען עסען צוזאַמען, ביי מיר אָדער ביי איהם, ווייל ער האָט אָהן עין הרע אַן אַפּעטיט, אַז אַ טויטער, דאכט זיך, קען אָנפאַנגען צו עסען, זעהענדיג ווי ער עסט; און צו מאַכען אַפּעטיט שלעפּט ער מיך שפּאַצירען, באָדען זיך און שפּיעלען זיך

אויפ'ן פרייען לופט. אין צוויי מאָנאַטען צייט האָב איך געוואונען פופצעהן פונט וואָג און האָב זיך געפיהלט פאָלקאָם געזונד.

106. איך מוז ווייטער האַנדלען מיט ווייץ און א מיידעלשע הר מצוה (1893 יאָהר.)

איך האָב פיינט דעם תבואה האַנדעל, מיך שטיקט די מארק־אַטמאָספערע. עס ווילט זיך אָבער עסען, קיין אנדער וועג איז ניטאָ. מען מוז האַנדלען, אָבער אמווענינגסטען האַנדלען אליין, אָהן שותפים, זעלבסטשטענדיג פיהרען דעם געשעפט. פיעלייכט וועל איך קענען מעהר נאָכפאָלגען מיינע פרינציפען. איך נעהם ביי מאדלען טויזענד רובעל צו האַנדלען. גיב איהם דערפאר 20% פון געשעפט. אנדערס וויל איך ניט נעהמען זיין געלד. איך עפען א קאַמער (שפייכלער), מיין פרוי העלפט מיר. די גוים, וואָס ברענגען די תבואה, זאָג איך דעם לעצטען פרייז, איך וועג אָרענטליך, רעכען און צאָהל פינקטליך, און באקום אין גיכען דעם פולען צוטרויען פון פיעלע גוים. אמת, עס קאָסט מיך אביסעל טייערער, און איך מאַך וועניגער פון אנדערע, אָבער איך פארשפּאָר ארומלויפען און רייסען פון די הענד, און אזוי בין איך שוין האלב צופרידען מיט מיין האַנדעל. דאָס מיינט, מיט'ן קויפען איז א האַלבע צרה, איז אָבער פאראן א גרעסערע צרה, דאָס פארקויפען. ביי אזא אָרימען סוחר'ל, ווי איך בין, וויל מען קויפען ביליגער, און, ווען עס קומט צום דרעהען, איז דער אָרימאן דער כפרה־הענדעל. דרעהען, דרעהט מען מיט אלע־מען, אָבער דעם אָרימאַן דרעהט מען אָפּ דעם קאָפּ צוזאַמען מיט'ן האַלז און נאַקען. פון דיין פרנסה, וואָס דו רעכענסט פריהער אויס, בלייבט העלפט, און אמאָל גאָר ניט. היינטיגען יאָהר פארקויפט מען אמסיינסטען דעם רייכען מילנער מ. פון פאָל־טאַווע. ער גיט אפריהער געלד פיעל מען דאַרף, דערפאר אָבער רייסט ער ארויס דעם ביסען פון מויל. האָט איהר פארקויפט, און די פרייזען זיינען געפאלען, און איהר האָט שוין א געלעגענ־הייט צו פארדיענען עטוואָס מעהר, מעגט איהר זיכער זיין, אז דער גביר וועט שוין אָפּזוכען עפּעס א טענה פארוואָס צו רייסען.

איך קען דאָס ניט איבערטראָגען. נאָך ניט אזוי דער שאָדען פון די געלד טוט מיר וועה, ווי די אונגערעכטיגקייט.

איך האָב אימער געגלויבט, אז מיט אַ קריסט איז בעסער צו האנדלען. ערשטענס, איז ער ניט אזא בריה אויף דריידלעך ווי דער איד, און צווייטענס, פארגינט ער אייך מיט'ן גאנצען הארצען, ווען איהר פארדיענט ארום איהם, אויב נאָר אין אן ארענטליכען וועג. איך וויים, אז אין פּאָלטאַווע איז פאראן אַ קריסטין, אן אלמנה, וואָס האָט אויך אַ מיהל. זי איז ניט אזוי רייך ווי אונזער גביר, זי קען זיך ניט צוואווארפען מיט געלד אזוי ווי ער, אָבער אזוי ווי איך האָב געלד, און אויב מען וועט דארפען, וועט מאדעל באקומען, ווענדע איך זיך צו איהר און פארקויף איהר ווייץ. דאָס איז מיר אָנגעקומען אביסעל שווערליך, ווייל זי האָט געהאט ווייניג צוטרויען צו אַ אידישען סוחר. אָבער איינגיכען האָט זי אויסגעפונען, אז זי האָט צו טאָן מיט אַ מלמד, און איך האָב באקומען איהר פולען צוטרויען, און מיין אָרענטליכקייט און פינקטליכקייט איז ריכטיג אָפּגעשאַצט געוואָרען. ווען די פרייזען אויף ווייץ זיינען שטארק געפאלען, און איך האָב איהר צוגעשטעלט ווייץ אויף אַ פיעל העכערען פרייז, האָט זי אויסגעדריקט איהר ערנסטע צופריעדענהייט, וואָס איך פארדיען.

אזוי האָב איך זיך אָפּגעהאנדעלט דעם ווינטער און דעם פריהלינג. איך האָב גענוג צום לעבען, און קען האלטען אין שטוב אַ לעהרער פאר מיינע קינדער. מיין נחום און אלי' לערנען שוין. קיין רעכטער חדר איז ניטאָ. טוט מען זיך אָן אַ כח, און מען האלט אַ לעהרער, און דערצו גיב איך אליין אכטונג. מיט מיין טאָכטער מרים און מיין שווענערין ליזע, די בעסטע פון מיינע געוועזענע תלמידים, לערען איך אליין אמאָל אין אָווענד און יעדען שבת. איך לערען מיט זיי אידישע געשיכטע, עין יעקב און דעם תנ"ך געענדיגט און געמאכט אַ סיום אויפ'ן תנ"ך.

דעם סיום מאַך איך אין דער נאכט, ווען איך האָב יאָהרצייט נאָך מיין מאמען, און גראדע אין דער צייט ווערט מיין טאָכטער 13 יאָהר, גיבען מיר עס אַ נאָמען „אַ מיידעלשע בר מצוה". די נאָהענטסטע און בעסטע גוטע פריינד קומען. מיין טאָכטער מאכט דעם סיום און לעזט פאר אונז פאָר אין אַ שעהנעם העברעאיש אַן

ארטיקעל, וואָס זי אליין האָט אָנגעשריבען וועגען תנ״ך. זי ווערט אליין באגייסטערט און באגייסטערט אונז אלעמען. אין שטוב הערשט אַ הייליגע שטימונג, דער טאַטע מיט דער מאַמען, דער זיידע מיט דער באָבען וויינען פון פרייד, אַ נחת דערלעבט. אלס אנדענקען שענקען אלע אויפ׳ן פאַנד פון אונזערע פּיאָנירען, די ארבייטער אין ארץ ישראל, און דאן פאנגט זיך אָן די מאָהלצייט: אביסעל בראָנפען, בולבע אין פּעלצלעך, געהאקטער הערינג, זויערע אוגערקעס, קרויט און קאָוועגעס, און דערצו צוגעמישט אַ האר־ציגער „התקוה״, אַ לעבעדיגער „במקום שם ארזים״ און גלאט אזוי זיך אַ חסידישער נגון. און ווי גרויס איז די שמחה, ווי טיעף איז דער פארגניגען און ווי ערנסט איז די פריינדשאפט. וואו נעהמט מען דאָס היינט?

אין אלגעמיין האָב איך דעם ווינטער ניט געפיהלט קיין שטארקע אונצופריעדענהייט פון מיין ארט לעבען. איך לאָז זיך ניט, אַז דער מסחר זאָל פארשלינגען אין גאנצען מיין נשמה, איך זוך אָפּ צייט צו לערנען אליין, צו לערנען מיט די קינדער, און אין מיין הויז האָב איך יעדען שבת צו נאַכט פארזאמלונגען און פאַר־לעזונגען גאָר ווי אין יענע גוטע יאָהרען, ווען איך בין אַ לעהרער געווען. עס קומען אלטע און יונגע, מענער און פרויען, מען לעזט אידיש און רוסיש. אלע זיינען פאראינטערעסירט, מען דיסקו־טירט, מען פארברענגט, און אלע פיהלען זיך היימיש.

מיט דעם זומער אָבער קומט אַ גרויסע ענדערונג. תבואה ווערט ווייניגער. די קאָנקורענציע איז גרויס, מען כאפּט איינער ביים צווייטען פון די הענד, די בעסטע גוטע פריינד קענען זיך צוקריגען פאר אַ וואָגען ווייץ, יעדערער דארף דאָך מפרנס זיין אַ ווייב און קינדער. מעהר פון אלץ קרענקט מיך, וואָס די מעהרסטע פיהלען גאָר ניט די נידריגקייט דערפון. עס טרעפט זעהר אָפט, אַז אין מיטען מארק פארשפּאַר איך מיין שפּייכלער, אנטלויף אהיים און זעץ זיך לערנען אליין אָדער מיט מיינע קינדער.

107. איך פאָהר זוכען פרנסה און קום מיט גאָר ניט.

מיט יעדען טאָג ווערט מיר אלץ שווערער מיין מסחר לעבען. און מיין פרוי ציינט ארויס צו מיר איהר גרעסטען מיטגעפיהל:

זי פארשטעהט מיך זעהר גוט, אז איך קען זיך ניט צופּאסען צו דעם מאַרק־לעבען; און מיר פאנגען אָן צו מאכען נייע פּלענער. איך בין איבערצייגט, אז אין אייגענע געשעפטען קען איך ניט האָבען קיין ערפאָלג. דעם קליינעם האנדעל האס איך, און צו גרויסע געשעפטען קען איך ניט קומען, ווייל מיר פעהלט דער סוחר׳ישער גייסט צו ריזיקירען און עקספּלואטירען, מיר פעהלט דער באגריעף פון „דיינע מיינע״ און אַלע איבעריגע מעלות, וועלכע א רעכטער סוחר מוז באזיצען. פאר מיר וואָלט גוט זיין צו זיין ביי א צווייטען אין א גרויסען געשעפט. מיט מיין אָרענטליכקייט און פּינקטליכקייט, זייענדיג א גוטער בוכהאַלטער, קענענדיג באַגרייפען א געשעפט, און זייענדיג אימער וויליג צו לערנען גרינדליך די זאך וואָס איך טו, וואָלט איך קענען ארויפארבייטען זיך אויף דער פיינסטער שטעלע. און מיר באשליסען, אז איך זאָל פאָהרען קיין יעקאטערינאָסלאוו, ווייל זי איז א שטאָדט מיט גרויסע געשעפטען, און דאָרט האָב איך דאָך אזעלכע באקאנטע ווי דער אינזשינער אוסישקין און דער באוואוסטער כלל־טוער מיכל מיידאַנסקי און פיעלע אַנדערע.

יעצט, אין מיטען זומער, זיינען ביי אונז די געשעפטען זעהר שטיל, פאָהר איך אוועק קיין יעקאטערינאָסלאוו. וואוהין איך קום, בין איך א גוטער גאסט. יעדערער פארשפּרעכט צו זוכען פאר מיר. דערווייל רעדט מען געגוג וועגען חבת ציון, מען פיהרט מיך אין חדר מתוקן פארהערען די קינדער, און שטילערהייט רעדט מען וועגען די „בני משה״ און נאָך אזעלכע זאכען. אָבער צו קיין שטעלע קומט עס ניט.

אר מגעדרעהט זיך א פּאָאר וואָכען, פארלעבט די עטליכע רובעל, און דאָרט אין דער היים ווארט מען אויף מיין פּרנסה און מען שרייבט מיר, אז עס האָט זיך שוין אָנגעפאנגען דער נייער יאָהר פון תבואה געשעפט. פאָהר איך צוריק אהיים. די געשעפטען זיינען אָבער היינטיגען יאָהר פיעל ערגער איידער לעצטען יאָהר, תבואה איז ווייניג, די סוחרים האָבען זיך א וואָרף געטאָן אין מאַרק ווי די הונגעריגע וועלף, און איך פיהל זיך צווישען זיי ווי א לעמעלע. איך מאטער זיך אָפּ א מאָנאט צייט און באשלים פעסט איין מאָל פאר אַלע מאָל צו ווארפען דעם געשעפט און

פאַהרען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, וועלכע איז אַ שטאָדט פול מיט לעבען אין אַלע הינזיכטען, און מען קאָן דאָרט עפּעס אָפּזוכען.

108. איך ווער אַ שותּף אין אַ רודניק (מיינס) פון קויהלען (1894.)

ווען איך בין געקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָב איך מיר געדונגען אַ צימערעל ביי אַן אָרימען שניידער, און גענומען אַרומגעהן צווישען באַקאַנטע. זעהר אַ שווערע צייט האָב איך איבערגעלעבט ביז מען האָט צוגעזאָגט פאַר מיר אַ שטעלע. איינער בויט אַ מיהל, וועט עס פאַרטיג ווערען אין אַ פּאָאַר מאָנאַטען אַרום, וועט ער מיך נעהמען פאַר אַ בוכהאַלטער. דערווייל קומט מיר אַ בריעף פון מיין גוטען פריינד מאדעל, אַז זיינער אַ גוטער פריינד, איינער קאַמענקאָוויטש, האָט זיך ערשט באַזעצט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און אַזוי ווי ער האָט גרויסע געשעפטען, זאָל איך צו איהם אַריינגעהן. וועגען קאַמענקאָוויטש'ען האָב איך געהערט, אַז דאָס איז אַ מאַן מיט אַ גרויסער אונטערנעהמונגס־קראַפט. געקומען פון דער ליטא אַן אָרימער בחור, געוואָרען אַ מלמד אין אַ געגענד, וואָס איז רייך אין קויהלען און אין קאַלך־שטיינער, האָט ער קנעלענדיג אויסגעאַרבייט עפּעס אַ פּלאַן, אָפּגעזוכט אַ קריסט מיט געלד און גענומען פיהרען געשעפטען פון קאַלך און פון קאַלך־שטיינער, און דערצו האָט ער נאָך אַן אייגענע שאַכטע פון קויהלען. איך קום צו איהם אַריין, ערשט ער וויים מיך, געהערט פון מאַדלען. איך געפין, אַז דאָס איז אַ איד מיט אַ גוטען קאָפּ, אַ גאַנץ אינטעליגענטער סוחר, און זיין פרוי איז אַ הויכגעבילדעטע דאַמע. פאַרבּרענגען מיר גאַנץ פיין, און זיי בעטען מיך אַריינקומען, און אין אַ קורצער צייט זיינען מיר געוואָרען גוט באַפריינדעט. איינמאָל פרעגט מיך קאַמענקאָוויטש אויב איך וויים עפּעס וועגען קויהלען־שאַכטעס. דערצעהל איך איהם ווי מיט צוויי יאָהר צוריק האָב איך פאַרוואַלט האַנדלען מיט קויהלען, און זייענדיג אויף די שאַכטעס האָב איך זיך עטוואָס באַקאַנט. ער צופרעגט זיך אייניגע זאַכען, און זאָגט מיט אַ שמייכעל, אַז פון אַזוי פיעל פּראַקטיק איז גאַנץ גענוג מיין וויסען, און ער מאַכט

מיר אַ פאָרשלאָג, אַז איך זאָל זיך דורכפאָהרען אויף זיינע שאכטעם און זעהן וואָס דאָרט טוט זיך מיט זיין געשעפט. דער אויפזעהער דאָרט איז אַ שטעגער, דאָס הייסט אַ מאַן, וואָס האָט שטודירט ווי אַזוי צו ארבייטען אין שאַכטעם (מיינס), אָבער פון קיין רעכענונג ווייס מען ניט. און דערווייל איז פון דעם געשעפט קיין פרנסה ניטאָ, די קויהלען קאָסטען זיך אליין צו טייער.

ניט מיר קאמענקאוויטש געלד אויף דער הוצאה און אַ בריעף צום שטעגער, אַז ער זאָל מיר ווייזען אלעס וואָס איך וועל פאָדערען, און איך פאָהר אוועק. צוועלף טעג האָב איך דאָרט פארבראכט. געקראָכען אין די שאַכטעם טיעף אין דער ערד, יעדער זאך בעאָבאכטעט, באטראכט און אויסגערעכענט ווי אַזוי מען קען מאכען, אַז די קויהלען זאָלען קאָסטען ביליגער. איך קום צוריק און ווייז קאמענקאָוויטש'ען מיינע פלענער, געפעהלט איהם, און ער מאכט מיר אַ פאָרשלאָג, אַז איך זאָל זיין אויף די שאַכטעם און פיהרען דעם געשעפט, דערפאר גיט ער מיר אַ דריטעל פון דער פרנסה. דאָס איז געווען פאר מיר מעהר איידער איך האָב געקענט ערווארטען.

109. די מורא פאר פאָליציי.

נעקומען אויף די שאַכטעם און גענומען זיך צום געשעפט זעהר ענערגיש. איך גיב אַכטונג אויף אַלע איינצעלהייטען, זעה אַז אַלץ זאָל זיין עקאָנאָמיש און אין גוטער ארדענונג, ווייל דאָס געשעפט איז קליין, און מען מוז פארקלענערען די זייטיגע הוצאות. אַלץ איז אוועק ווי געהעריג. עס באווייזען זיך פארדיענסטען, פון וועלכע איך האָב אמאָל נאָר געקענט חלום'ן, און איך שיק אהיים גענוג געלד.

דאכט זיך, גאָר גוט. איז אָבער פאראַן אַ צרה, וואָס איך בין אַ איד, און אַ איד טאָר דאָך ניט באזעצען זיך אין אַ דאָרף. די פאָליציע קען באלד הייסען אָפּראַמען דעם אָרט. איך ווייס אפילו פון דעם קונץ, אַז מען קען אונטערקויפען, האָב איך דאָס אָבער פיינט, עפּעס אַ צו נידעריגע שטיקעל ארבייט.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבען בין איך אין אַזאַ פלאַץ, פון וואנען מען קען מיך ארויסטרייבען דערפאר וואָס איך בין אַ איד,

צום ערשטען מאָל פיהל איך דעם האַס און עקעל צו באַגעגענען זיך מיט א רוסישען בעאַמטען, וועלכער וויים און לאָזט אייך פיהלען, אז ער קען ארומווארפען זיך מיט אייך ווי מיט א שפּיעלצייג.

דער פּריסטאַוו וואוינט א צעהן וויאָרסט פון אונזער דאָרף. מען ערוואַרטעט איהם יעדען טאָג. דערהער איך, אז מען פאָהרט מיט א גלאָק, ווערט אין מיר פארקיהלט דאָס בלוט.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען לויפען צו א פּאָאר פערד מיט א גלאָק, און פון דעם ברייטען שליטען שפּרינגט ארוים דער פּריסטאַוו. אונזער שטעגער, אלס אַן אַלטער באַקאַנטער, באַגעגענט איהם און שטעלט מיך פאָר.

באַלד האָט מען געגרייט א טיש מיט גוטע שפּייזען מיט א סך קאָניאַק און וויין, און מען האָט גענומען זויפען און פרעסען. זיי ביידע קענען אויסטרינקען דעם ים, און איך שלעפּ זיך אויך נאָך, און בין שוין אַביסעל פארקלאַפּט גאָר ווי אַמאָליגע יאָהרען אום שמחת תורה.

פון דעם פּריסטאַוו'ס רייד זעה איך, אז ער איז ניט קיין אונוויסענדער, און ביי א גלעזעל משקה איז ער גאָר ניט קיין שלעכטער מענש. ער איז שוין באפריינדעט מיט מיר אויך, מען הויבט די גלעזלעך און מען ווינשט איינער דעם צווייטען דאָס בעסטע. הויב איך אויך אויף מיין גלעזעל, שטעל זיך אוועק צו דער תפלה, און גאַנץ ערנסט, מיט הארץ, און דאַכט זיך מיט א טרעהר אין די אויגען זאָג איך: „גאָספּאָדין פּריסטאַוו, איך ווינש דיר פון טיעפען הארצען, אז דו זאָלסט לאַנג לעבען און זיין גליקליך אין אַלע היגזיכטען, נאָר איין יאָהר פאַר דיין טויט זאָלסטו זיין א איד, קומען אין א דאָרף און ווארטען אויפ'ן פּריסטאַוו'ס קומען". ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי אַן אונטערגעשאָסענער, האָט מיך ארומגענומען און אויסגעשריען: „מאָלאָדיעץ, בודיעם דרוזיאַמי!", דאָס מיינט, דו ביזט א יונג א חוואַט, מיר וועלען זיין גוטע פריינד. צו מיין גרעסטער איבערראַשונג, איז ער אוועק־געפאָהרען און גאָר ניט דערמאָנט וועגען מיין פארברעכען וואָס איך זיץ אין דאָרף. און נאָך א גרעסערער נס האָט געטראָפען, אז ווען ער האָט געשיקט נאָך קויהלען האָט ער געשיקט געלד.

110. דער דאָרפישער איד.

אין דער דאָרף קאראקאווע, וואו איך געפין זיך יעצט, וואוינט נאָר איין איד. טאקע דאָ געבאָרען געוואָרען. אמאָל געווען גאנץ רייך, געהאלטען ערד אויף ארענדע, געהאט פאָדוואָלען און שענקען, נאָר יעצט איז ער פאראָרימט געוואָרען. די רעגירונג האָט דאָך פארבאָטען אידען צו דינגען ערד און צו האנדלען מיט בראנפען. ער וויל ניט אנטלויפען אין שטאָדט ווי די אנדערע אונגליקליכע ברידער זיינע האָבען געטאָן. אין שטאָדט, זאָגט ער, איז ער גאָר א פרעמדער. דאָ אָבער, טאקע גוים, אָבער פאָרט אייגענע מענשען; און די גוים האָבען איהם ליעב; גאנץ אָפט דערמאָנען זיי די פיעלע טובות, וואָס דער איד האָט מיט זיי געטאָן, ווען איהם איז בעסער געווען, און זיי זיינען שטארק ברוגז, וואָס די רעגירונג האָט איהם אלץ פארבאָטען.

איך מיט דעם שטעגער זיינען ביי דעם אידען קוואַטיר. זיין פרוי איז א גוטמוטיגע מאָלע־ראָסיער פרוי, און היט מיך אָפּ ווי א בן יחיד, און איך בין ביי זיי געוואָרען ווי אַן אייגענער.

זיי האָבען פיער טעכטער, וואוילע, שטילע קינדער, קאָנען גאנץ פיין רוסיש, נאָר אידיש ניט קיין וואָרט, ניט געווען וואו צו לערנען. פאנג איך אָן אין די אָווענדען צו לערנען מיט זיי, און איבער ווינטער האָב איך זיי אויסגעלערנט לעזען און שרייבען. ביי זיי איז דאָס געווען שטארק אָנגעלעגט, און איך בין שטארק צופריעדען, וואָס איך האָב געהאט כאָטש א שטיקעל קנעלונג.

111. די ארבייטער אויפ'ן רודניק.

קיין גרויסען ערפאָלג קאָן איך דאכט זיך ניט מאכען. איך האָב צופיעל מיטלייד מיט מיינע ארבייטער. עפּעס דערוועקען זיי אין מיין מלמד'עשער נשמה צופיעל רחמנות. דאָס זיינען עפּעס מענשען פארשטויסענע פון דער געזעלשאפט, אנטלאָפען פון דער ווייסער וועלט, און לעבעדיגערהייד באגראָבען זיך טיעף אין דער ערד, וואו זיי פארברענגען זייער לעבען.

איין מאָל נאָר האָב איך זיך אראָפּגעלאָזען צו זיי אין דער

ערד, וואו זיי ארבייטען, און די שרעקליכע בילד פארפאָלגט מיך אויף יעדען טריט. אין דרייען איינגעבויגען קריך איך אין דעם דורכגאַנג גאַנץ טיעף אונטער דער ערד, און פוןביידע זייטען דערזעה איך ביי דעם שיין פון דונקעלע לעמפּלעך האלב־נאַקעטע מענשען, שווארצע ווי שטיקער קויהל. זיי ליעגען, איינינע מיט׳ן פּנים ארויף און איינינע מיט׳ן פּנים אראָפּ, און האקען אויס די קויהלען פון צווישען די ערד און שטיינער. אַ פארשעהמטער באַנרים איך איינינע, און זיי ענטפערען נאָך פריינדליך. זיי דענקען אַ פּנים, אז אזוי דארף זיין, אז איך זאָל זיין פון אויבען, און זיי זאָלען ליגען טיעף אין דער ערד.

און ווי שרעקליך איז זייער לעבען, ווען זיי קריכען שוין ארויס פון דער ערד. זייערע וואוינונגען, די קאַזארמעס, זיינען שמוציגע, זייער עסען איז פון דאָס ערגסטע. יעדערער זעהט נאָר וואָס מעהר ארויסציהען אָט פון דיזע אונגליקליכע מענשען. איך דינג באַלד מענשען מען זאָל אויסרייניגען זייערע וואוינונגען, ווייסען די ווענד, מאכען נייע געלעגערען, גרעסערע פענסטער, בעסערע אויוועגס און מעהר ווענטילאַציאָן. איך קוק זיך צו וואָס פאר פליישׁ און ברויט מען שטעלט זיי צו. ערשט דאָס איז פון די ערגסטע, און פרייזען די העכסטע. איך גיב געלד דעם אידען, ביי וועלכען מיר געפינען זיך, און אונטער מיין אויפזיכט באַקט מען פאר זיי ברויט, און מען שטעלט זיי צו פליישׁ. זיי האָבען יעצט פון דאָס בעסטע, און עס קאָסט זיי פיעל ביליגער. ווען אַן ארבייטער ווערט קראנק, ברענג איך אַ דאָקטאָר, זיץ אליין אַ גאַנצען טאָג נעבען קראנקען און באַדיען איהם.

אינגיכען האָבען די ארבייטער מיך ליעב באַקומען, און האָבען דעם גרעסטען צוטרויען צו מיר. פון איינינע האָב איך שוין געהערט אָפענהערציגע ערצעהלונגען פון זייער פארגאַנגענהייט, וואָס עס האָט זיי געטריבען צו אַזאַ לעבען. איינינע אינגערע האָב איך ערמוטיגט אומצוקעהרען זיך אהיים, וואו זיי קענען לעבען אַ שעהנערען לעבען.

אָנשטאָט מיין נאָמען רופען זיי מיך מיט פארשיעדענע ליעב־ליבע נעמען. איינער אַן אַלטער, וועלכער רעדט ניט מיט קיינעם, וועלכער ווייס נאָר, אז ער דארף אָדער ארבייטען אָדער טרינקען

בראנפען, האָט מיר גאָר אַ נאָמען געגעבען „חריסטאָס”. אונגליק־ליכע מענשען, טראכט איך מיר, מיט אייער בלוט און שוויים ארבייט איהר פאַר מיר, און ווי ווענינ איך טו פאַר אייך, און דאָך ווי דאנקבאר איהר זייט.

112. אַ מלמד בלייבט אַ מלמד.

שוין זיבעצעהן יאָהר נאָך מיין חתונה, און צום ערשטען מאָל אליין ווייט פון דער היים. איין מאָל אין דריי אָדער פיער מאָ־נאטען פאָהר איך אהיים. דאָס בייגקען איז אונערטרעגליך. אין אבענד, ווען איך קום פון די שאַכטעס, פארשרייב אַלץ אין די ביכער, שרייב אָפּ די געשעפטס־בריעף, קנעל אָפּ מיט מיינע פיער מיידלעך, זעץ איך זיך שרייבען אהיים. די בילדער פון מיין פרוי און קינדער צושטעל איך ארום זיך. איך שרייב צו יעדערען באזונדער. איך שרייב און קוק אויף זיי. איך שטעל זיך פאָר, אז איך רייד צו זיי, און מיינע טרעהרען מישען זיך מיט׳ן טינט. איך קוש די בילדער, איך דריק זיי צו מיין הארצען, און פון מיין גאנצען „איך” בלייבט דאָ איבער נאָר אַ פארגליווערטער קערפּער, אָבער מיין נשמה איז דאָרט ערגעץ גאַנץ ווייט צונויפגעגאָסען מיט מיינע ליעבע און טייערע.

נעהמען אהער די ווייב און קינדער איז אונמעגליך. מיך אליין קען נאָך דער פריסטאַוו אויסבאהאַלטען פון די העכערע בעאַמטע, אָבער אַ גאנצע אידישע געזינד זאָל זיך באזעצען אין אַ דאָרף, קען דער פריסטאַוו אראָפּ פון זיין שטעלע. מען קען זיך ניט העלפען, מען מוז ביי זיך רעכט מאכען. וואו נעהמט מען אזא פרנסה? מען פארדיענט ביז 200 רובעל אַ מאָנאַט. מען מוז ליידען ביז מען וועט אָפּשפּאָרען אביסעל געלד, און דאן וועלען מיר זעהן וואָס מיר קענען טאָן, אום צו זיין אין איינעם; דערוויי־ל באשליסען מיר, אז מיין פרוי מיט די קינדער זאָלען ארויספאָהרען קיין פּאָלטאַווע, וואו מען זאָל קאָנען בעסער לערנען די קינדער. און איך מיט מיין ווייב שרייבען איינער דעם צווייטען בריוועלעך פול מיט טרויסט און זיסע האָפענונגען. אזוי האָב איך אפּגע־ארבייט צעהן מאָנאטען, אָפּגעשפּאָרט שעהנע עטליכע הונדערט

רובעל, און רעכען מיר וואָס פאר א קאפּיטאל איך וועל קענען אַנ־קלייבען אין א יאָהר, אין צוויי און פיעלייכט טאקע אַפּמאַטערען זיך דריי יאָהר, דערפאר אָבער שפּעטער וועט מען זיין פארזאָרגט.

אונערוואַרטעט זיינען מיינע האָפנונגען צושטערט געוואָרען. די פּרייזען אויף קויהלען האָבען גענומען פאלען מיט יעדען טאָג, קיין פארקויפטע האָבען מיר ניט, און עס לוינט זיך ניט צו אר־בייטען. מען שטעלט אָפּ אין גאנצען די ארבייט, און קאמענקאָ־וויטש, וועלכער האָט אַנדערע געשעפטען, וויל גאָר מעהר ניט אַנ־האַלטען דעם געשעפט און שלאָגט מיר פאָר, אז איך זאָל איבער־נעהמען דעם געשעפט. ווען די צייט וועט בעסער ווערען, וועל איך אָנפאנגען צו ארבייטען און וועל איהם אויסצאָהלען, און אויף דער ארבייט וועט ער מיר העלפען באקומען קרעדיט אין די בענק. האָב איך אָבער מורא צו ריזיקירען מיט פרעמדע געלד, דאנק איך איהם אָפּ פאר זיין גוט הארץ און ענטזאָג זיך דערפון. דעם געשעפט גיבען מיר איבער צו אונזער שטעגער פאר א פּאָאַר טויזענד רובעל. קאמענקאָוויטש צאָהלט מיר אוים מעהר איידער מיר קומט, און איך פאָהר אוועק אהיים מיט שעהנע עטליכע הונ־דערט רובעל צו זוכען נייע געשעפטען; און שטעלט אייך פאָר מיין פארדרוס, ווען איך האָב אין גיכען דערהערט, אז פּרייזען אויף קויהלען האָבען זיך שטארק געהויבען, און אונזער שטעגער האָט פארקויפט קויהלען אויף א גאנץ יאָהר, און ער וועט געוויס פאר־דיענען פופציג טויזענד רובעל. אָט אזא געלעגענהייט ארויסגע־לאָזט פון האנד; און איך האָב געמוזט צוגעבען, אז א מלמד בלייבט א מלמד.

113. איך האַנדעל מיט קלייען און זוך יושר ביי א סוחר.

איך בין געקומען אהיים און גענומען זוכען א באשעפטיגונג. די צייט לויפט, די הוצאה איז גרויס, און מיין קאפּיטאל ווערט אלץ קלענער. קומט א באקאנטער מעקלער און גיט מיר אן עצה, אז איך זאָל קויפען קלייען און שיקען קיין ליבאווע. ווייזט מיר די פּרייזען אין ליבאווע, און דערצעהלט ווי טייער מען קען דאָ קויפען. זעהט מען דייטליך, אז אין דעם געשעפט שטעהט גוטע

פּרנסה. געהען מיר גלייך צו אונזער רייכען מילנער מ., וועלכען איך האָב פאַרקויפט קויהלען מיט דריי יאָהר צוריק און איך רייד דוקא מיט'ן גביר אליין. איך קויף גרויסע קלייען, וועלכע קאָסטען מיט זעקס קאָפּיקעס אויפ'ן פּוד טייערער איידער די קליינע קלייען. איך גיב אַוועק מיינע עטליכע הונדערט רובעל, אויף די איבעריגע געלד נעהם איך ארוים סודע אין באַנק און צאָהל אָפּ אין גאַנצען. די קלייען געהט אַוועק קיין ליבאַווע צו אַ קאָמיסיאָנער, צו וועלכען איך שרייב, אַז איך האָב ארויסגעשיקט זעקס וואַגאָנעם גרויסע קלייען. ער שיקט מיר באַלד ארויס בולעטינען. די פּרייזען האַלטען גוט. עס שטעהט פיינע פּרנסה. זיץ איך און וואַרט אויף דער גוטער נאַכריכט. איינמאָל ביי דער נאַכט, איך הער מען קלאַפּט, אַ טעלעגראַמע געבראַכט. שפּרינג איך אַראָפּ מיט אַ קלאַפּענדען הארצען, די ווייב איז שוין אויך נעבען מיר, מיט אונגעדולד געעפענט די טעלעגראַמע זעהן גיכער די גוטע בשורה פיעל פּרנסה עס וועט בלייבען. ערשט אַ גרויסע קלאָג, קורץ און שאַרף, ער שרייבט: „די קלייען זיינען קליינע און ניט קיין גרויסע." דאָס מיינט צולעגען אין גאַנצען מיין אייגענס.

דערלעבט קוים אין דער פריה, לויף איך גלייך צום גביר, ווייז איהם די טעלעגראַמע, און זאָג גאַנץ איידעל, אַז מען האָט קענטיג אַ טעות געהאַט און געשיקט קליינע קלייען אָנשטאָט גרויסע. ענטפערט ער גאַנץ קאַלטבלוטיג, מיט אַ טייוועלשען שמייכעלע, אַז ביי איהם האָט מען קיין טעות ניט. הויב איך דאָך אָן צו טענה'ן, אַז איך האָב באַצאָהלט פאַר גרויסע, און ער האָט געשיקט קליינע, וויל ער גאָר ניט ריידען. הויב איך דאָך אָן צו שרייען, ווייזט ער מיר די טיר. ווער איך דאָך פלאַם פייער, וואָס הייסט עס? אַ איד אַ גביר זאָל אַזוי באַ'גזל'נען אַן אָרימאַן, און נאָך אויסלאַכען זיך? איך מוז איהם גוט אָנלערנען, באַשליס איך, און טעלעגראַפיר קיין ליבאַווע: „פאַרקויפט ניט, איך פאָהר". דאָס פאָהרען דאַרף קאָסטען פופציג רובעל, אָבער דער גביר וועט פאַר אַלץ אָפּצאָהלען. געקומען קיין ליבאַווע, געווענדעט זיך צו דער בירזשע, זיי האָבען אַראָפּגענומען אַ פּראָבע פון די קלייען און שריפטליך באַשטעטיגט, אַז די קלייען זיינען קליינע, און דער פּרייז איז מיט זיעבען קאָפּיקעס אויפ'ן פּוד ביליגער איידער גרויסע.

פאָהר איך אהיים גאַנץ זיכער, אַז ווען ער וועט דערזעהן אזא פאַפּיער, וועט ער זיך איבערצייגען, אַז מען האָט מיר טאַקע געגעבען קליינע אָנשטאָט גרויסע, און וועט געוויס אומקעהרען דעם אונ־טערשיעד אין דעם פּריוז, און טאַקע הוצאות אויך, ווייל דאָס איז דאָך אין גאַנצען זיין שולד.

איך קום צו מיין גביר, ווייז איהם דעם פּאַפּיער, טוט ער א שמייכעל און זאָגט, אַז ער גיט מיר פופציג רובעל. ווער איך דאָך שטאַרק ברוגז און זאָג, אַז מיר קאָסט 300 רובעל. זאָגט ער, אַז ער האָט מיר פאַרקויפט קליינע קלייען, און הייסט מיר געהן.

אויב אזוי, מוז איך איהם טאַקע גוט אָנלערנען, טראַכט איך מיר. דער מעקלער מיט'ן בוכהאַלטער זיינען דאָך גוטע עדות, אַז איך האָב געקויפט גרויסע קלייען, און די פּאַפּיער פון ליבאַווע ווייזט דאָך, אַז עס איז אָנגעקומען קליינע. וואָס דאַרף מען בע־סער? דערלאַנג איך אין געריכט. געקומען דער טאָג פון דעם משפּט, איך קום אין געריכט, איך זעה מיין גביר אליין איז אויך דאָ. מען רופט ארויס מיינע עדות, עס קלאַפּט זיי א צאָהן אָן א צאָהן, בלייך, דערשראָקען און צומישטע. דאָ זיצט דער גביר, אין דער היים א ווייב מיט קינדער, און געה זאָג דעם אמת. זאָגט מען מיט א האַלבען מויל, אַז מען האָט פאַרקויפט קליינע קלייען, און מיין ריכטער, אליין א פאַראַרימטער פּריץ, וואָס דאַרף אָנקומען צו אונזער גביר, וועלכער איז זעהר גוט צו גוים, ווערט גאָר דעם גביר'ס אַדוואָקאַט, און איך פאַרשפּיעל. ווער איך דאָך אָנגע־צונדען ווי א שוועבעלע, און זאָג, אַז אין געריכט איז אויך ניטאָ קיין גערעכטיגקייט. קלינגט דער ריכטער און זאָגט, אַז ער וועט מיך באשטראָפען. צוהיץ איך זיך נאָך מעהר און זאָג, אַז אונזער גביר האָט ערשט אויף פּסח געשענקט עטליכע הונדערט פונט פלייש פאַר אָרימע לייט. מיט איין האַנד האָט ער ביי מיינע קליינע קינדער אויסגעריסען דעם לעצטען ביסען ברויט פון מויל, און מיט דער צווייטער האַנד איז ער א פילאַנטראָפּ געוואָרען. דער ריכטער זאָגט, אַז ער באַשטראָפט מיך מיט דריי רובעל.

פאַרלאָז איך מיט כעס דעם געריכט און דערלאַנג אין א העכערען געריכט. שפּעטער אָבער האָב איך זיך באַטראַכט, אַז דאָס איז א שאַנדע פאַר אַלע אידען, אַז א איד א גביר זאָל זיין

אַזאַ שווינדלער, און איך שרייב אָן אַ בריעף צום גביר און גיס אויס מיין גאַנצע גאַל. איך באַדויער מיינע עדות, וועלכע זיינען נעבעך געצוואונגען געווען צו זאָגען פאַלשע עדות איבער דעם שטיקעל ברויט און אַז איך וועל מעהר אין געריכט ניט געהן, ווייל מיר איז ווערטה די עטליכע הונדערט רובעל אַבי איך זאָל ניט דאַרפען נאָך אַ מאָל ריידען שלעכטס אויף אַ אידען. צו מיין גרעסטען וואונדער האָט דער גביר געשיקט נאָך מיר, האָט מיך פריינדליך אויפגענומען, געגעבען 150 רובעל און האָט געזאָגט, אַז איך שרייב גוט אַ בריעף.

114. איך ווער אַ קאָמיסיאָנער פון מעהל און באַקאָן זיך מיט אונזערע גדולים אין ווארשא.

איך געה ווייטער ארום איבער פּאָלטאַווער גאַסען, און זוך וואָס צו טאָן. איינמאָל באַגעגענט מיך די קריסטין, וואָס האָט אַ מיהל, מיט וועלכער איך האָב געהאַנדעלט. זי דערוויסט זיך, אַז איך האָב ניט וואָס צו טאָן, שלאָגט זי מיר פאָר, אַז איך זאָל פאָהרען קיין ווארשא און קיין לאָדז צו פארקויפען איהר מעהל. מען שיקט באַלד ארויס עטליכע וואַגאָנעס מעהל, זי גיט מיר אויף דער הוצאה, און איך פאָהר קיין ווארשא פארקויפען מעהל.

דאַכט זיך וואָס? קומען, פארקויפען, אָפּנעהמען געלד, אראָפּ־רעכענען מיין קאָמיסיאָן, אָפּשיקען די געלד און הייסען ווייטער שיקען מעהל. אַזוי האָב איך זיך פאָרגעשטעלט. ווען איך בין אָבער געקומען קיין ווארשא, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז גאָר ניט אַזאַ גרינגע ארבייט פאר אַזאַ מלמד ווי איך צו טאָן געשעפט מיט די ווארשעווער חברה, וועלכע ריידען מיט האַלבע ווערטער, מעהר געזונגען איידער גערעדט, און וואָס גערעדט איז גלייך ווי ניט גערעדט, און זיינען גרויסע בריות אויף אויסצופרעגען און אויסצוטאַפּען, און אין מיר האָבען זיי נאָך דערקענט דעם מלמד, זיינען זיי גרייט אָפּצודרעהען מיר דעם קאָפּ. איך האָב זיך אָפּ־געפּלאָגט אַ פּאָר וואָכען, געהאַט גענוג צרות און האַרץ־וועהטאָג ביז איך בין פּטור געוואָרען פון מיין מעהל און געטעלעגראַפירט, אַז מעהר קיין מעהל זאָל מען מיר ניט שיקען.

פּטור געוואָרען פון די מעהל, בין איך אוועק באזוכען אונזערע גדולים. באקאנט זיך פּערזענליך מיט „אחד העם", וועלכער איז דאן געווען אין ווארשא. מיר האָבען גערעדט וועגען פארשיעדענע זאכען, און מיט קיין זאך האָט ער מיך ניט איבערראשט. איך זעה פון דעם ריידען דעם זעלבען גרויסען אחד העם, וועלכען איך קען פון זיין שרייבען. פארוואונדערט האָב איך זיך נאָר, ווען מיר האָבען אָנגעפאנגען ריידען אביסעל אינטימער, און ער האָט זיך גענומען באקלאָגען, ווי ער בענקט שרעקליך אהיים. אָט דער גרויסער קאָפּ קען אויך ניט באהערשען זיינע געפיהלען, און אָט דער קאלטער דענקער איז אויך זעהר סענטימענטאל צו זיין פרוי און קינדער. אויך האָב איך באזוכט דוד פרישמאַן. פון זיין שרייבען ווייס איך, אז ער איז אַ גערעכטענער, אָבער פון דעם געשפּרעך האָב איך דערזעהן פאר זיך אַן עלוי. איך באקאן זיך מיט אונזער ענערגישען אויפבויער פון דער העברעאישער ליטעראטור, מיט בן אביגדור'ן, און מיט זיין פרוי, וועלכע רעדט פון די העברעאישע שרייבער ווי אַ מבין. פון זיי געה איך צו דעם טאטען פון אונזער „הויז פריינד", צו מרדכי ספּעקטאָר. אַ גוטמוטיגער מענש, ווי מען רופט עם „אַ גוטער ברודער", קענטיג אַ גרויסער קבצן, ווי אַן אמת'ער אידישער שרייבער. מיט די וויזיטען האָט זיך פארענדיגט מיין קאָמיסיאָן געשעפט, און איך פאָהר צוריק אהיים.

115. קריוואי ראג מיט איהרע רודניקעס (מיינס), און איך ווער אופּראוולאיושטשי (פּארוואלטער), 1897.

וואָס טוט מען? מען זיצט אָהן פּרנסה. דערצו נאָך ווערען פיער קינדער קראנק אויף טיפוס. זעקס וואָכען זיץ איך מיט דער פרוי איבער די בעטלעך פון די קראנקע קינדער. דאָס לעצטע פארקרענקט. און מען ווייס ניט וואָס פאנגט מען אָן צו טאָן. סיידען ווייטער ווערען אַ לעהרער.

ערשט גאָר אונערוואַרטעט קומט אָן אַ טעלעגראמע פון קאמענקאָוויטש'ען: „קום, פארנעהם אַ שטעלע". איך קום קיין יעקאַטערינאָסלאוו, ערשט ער האָט מיט צוויי שותפים געקויפט אין

קריוואָי ראָג אַ רודניק (מיינס) פון אייזען, און זיי ווילען, אַז איך זאָל זיין אויפ׳ן רודניק. אויף דער ארבייט גיט אַכטונג אַ שטעגער, ווי די רעגירונג פאָדערט, און איך ווער בוכהאַלטער און קאַסיר. מען גיט מיר אַ שעהנע דירה מיט באהייצונג און באַלייכטונג, און 75 רובעל אַ חודש. איך ברענג באַלד מיין געזינד; און וואַרף זיך אריין מיט ליב און לעבען אין דעם רודניק. אַבוואָהל מיין אַמט פאָדערט פון מיר נאָר די ארבייט אין קאַנטאָר (אָפיס), אָבער ווי אַזוי איז מען דאָס אין אַ געשעפט, און מען זאָל ניט פארשטעהן פאָלקאָם דעם געשעפט? ביי דער נאַכט ארבייט איך אין קאַנטאָר, און אַ גאַנצען טאָג אונטער די ברענענדע שטראַהלען פון דער זון שטעה איך אויפ׳ן רודניק און לערען ווי אַזוי די רודא (ערץ) ליגט אין דער ערד, ווי אַזוי מען נעהמט עס ארויס, וועלכע איז בעסערע און וועלכע איז ערגערע. דערצו בין איך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דעם געשעפט.

עס איז אַ לעבעדיגע וועלט. די רודא אין קריוואָי ראָג האָט איינער ניט לאַנג ענטדעקט. אין רוסלאַנד ניט אָפּגעזוכט קיין אונטערנעהמער צו בעארבייטען, איז ער געפאָהרען קיין אויסלאַנד. פראַנצויזישע און בעלגישע קאָמפּאַניעס האָבען זיך געגרינדעט, און זיי האָבען פארכאַפּט די בעסטע און גרעסטע רודניקעס פאר די קלענסטע פרייזען. יעצט האָבען זיך שוין רוסישע קאַפּיטאַליסטען געכאַפּט צו קויפען. אַ פּאָאַר אידען האָבען אויך געקויפט, און וויבאַלד אַ פּאָאַר אידען האָבען געקויפט, האָבען זיך שוין אַ וואָרף געטאָן אידען פון אַלע ארומיגע שטעדט, און די קריוואָי ראָגער אידעלעך לויפען ארום ווי פאר׳סמ׳טע מייז. איין איד האָט פאר־דיענט פון מעקלעריי אַ פּאָאַר טויזענד רובעל, האָבען די שניידער פאַרוואָרפען די שער און אייזען, די לעהרער געלאָזט זייערע תלמידים און די קרעמער צולאָפען פון די קרעמלעך. יעדערער איז געוואָרען אַ מעקלער. ביי יעדען גוי זוכט מען רודא אויף זיין שטיקעל לאַנד, און ווען גאָט העלפט און מען געפינט שוין, קומט אַ צווייטער, גיט אַ גרעסערען פרייז און כאַפּט אויס, און אַזוי הויבען זיך די פרייזען פון טאָג צו טאָג. דערצו נאָך איז אייזען געווארען טייער, פאָדערונגען גרויסע, נייע אייזענבאַהנען בויען זיך. די זאַוואָדען (פאַבריקען) לויפען ארום קויפען רודניקעס אָדער רודא. ווערט

די היץ נאָך גרעסער. מיט אייגענעם געלד, מיט פרעמדען געלד, עטליכע שותפים צוזאַמען, אָבער אַ שטיקעל רודניק מוז מען קויפען. און מיר האַלטען אויך אין איין קויפען. דעם ערשטען רודניק פיעל פאַרגרעסערט, אַ צווייטען געקויפט, אין פאַרשיעדענע ערטער מאַכט מען ראַזוויעדקעס (מען זוכט אין דער ערד), און אַזוי בים־לעכווייז האָבען מיר פאַרנומען אַ באַדייטענדען פּלאַץ צווישען די אייגענטימער פון רודניקעס, און אין חובות זיינען מיר אַריינגע־קראָכען איבער׳ן קאָפּ; און וואָס גרעסער דאָס געשעפט ווערט, ווער איך אַלץ מעהר פאַראינטערעסירט; איך רוה ניט קיין מינוט, איך לויף פון איין רודניק אויפ׳ן צווייטען, איך גיב אויף יעדער זאַך אַכטונג, און יעדע זאַך טו איך מיט דער גרעסטער איבער־געבענהייט און פּינקטליכקייט.

מיינע בעלי בתים דריקען אויס זייער צופריעדענהייט מיט מיין אַרבייט, שיקען מיר אַ בוכהאַלטער און מאַכען מיך פאַר אַן אופראַווליאַיושטשע מיט אַ געהאַלט פון 125 רובעל אַ חודש, און מען קויפט אַ גוטע פּאָאַר פערד, מען דינגט אַ קוטשער, אַז איך זאָל קענען אַרומפאָהרען איבער אַלע געשעפטען. און אַזוי האָב איך דערלעבט אַלעס ווי געוואונשען זיך: אַ גרויס געשעפט, מאַטעריעל גוט פאַרזאָרגט און דערצו נאָך ניט האָבען קיינע בעלי בתים אימער אויפ׳ן קאָפּ. איך האָב ליעב צו אַרבייטען פאַר׳ן געשעפט, אָבער איך קען ניט איבערטראָגען די אַנוועזענהייט פון אַ בעל הבית. דאַכט זיך, וואָס פעהלט? ניין אָבער, מיר טאָר זיך ניט לעבען רוהיג; עס פאַנגען זיך אָן צרות גאָר אָהן אַ ברעג.

116. מען שיקט מיך צו אַ משוגענעם דירעקטאָר.

קויפענדיג דעם רודניק, האָבען מיר אויף זיך גענומען אָפּ־צוגעבען 2 מיליאָן פּוד רודאַ, וואָס האָט דער אייגענטימער פון רודניק האָט פאַרקויפט. יעצט האָבען זיך די אומשטענדען אין גאַנצען געביטען. די פּרייזען זיינען געוואָרען פיעל העכער, אַלעס קאָסט טייערער, דאַרף מען צולעגען געלד. מאַכט קאַמענקאָוויטש אַ פּאָרשלאַג, אַז איך זאָל פאָהרען אויפ׳ן זאַוואָד איבערדינגען זיך. זאָגט דער שותף, אַז דער דירעקטאָר איז אַ משוגענער, ער האָט

אמאָל אראָפּגעוואָרפען פון די טרעפּ דעם גביר ג., וועלכער האנ־דעלט מיט האָלץ. זאָג איך אין אַ גלייכוועדטעל, אז אַ סוחר אַ גביר קען כשר פארדיענען, אז מען זאָל איהם אראָפּשליידערען פון אלע טרעפּ, אָבער אַ מלמד, ווי איך, ווארפט מען ניט פון די טרעפּ.

איך קום אויפ'ן זאוואָד, שטעל זיך פאַר דעם דירעקטאָר, ער בעט זיצען, ער איז גאנץ העפליך, נאָר ער מאַכט אַן איינדרוק פון אַ שטרענגען מענשען. איך באשלים צו זיין קורץ ווי מעגליך, און זאָג איהם, אז די צוויי מיליאָן פּוד רודא, וואס זיי האָבען געקויפט ביי דעם פּויער, פון וועלכען מיר האָבען דעם רודניק געקויפט, זייי־נען מיר פארפליכטעט אָבצוגעבען, און מיר וועלען געבען, נאָר אזוי ווי די אומשטענדען האָבען זיך אין גאנצען געביטען, די רודא קאָסט אונז יעצט פיעל טייערער און די פּרייזען אויף רודא און אייזען האָבען געשטיגען, דארפען מיר צולעגען געלד, און איך זעה ניט דעם יושר, אז זייער רייכע קאָמפּאַניע זאָל פארדיענען מעהר איי־דער זיי האָבען גערעכענט, אין דער צייט, וואס מיר, ניט קיין רייי־כע לייט, דארפען צולעגען געלד, דעריבער פארלאנג איך, אז זיי זאָלען העכערען דעם פּרייז אַ קאָפּיקע אויפ'ן פּוד, וועלען מיר ניט צולעגען קיין געלד, און זיי וועט עס נאָך אלץ ביליגער קאָסטען איידער די יעצטיגע פּרייזען, און, אויב איך באקום ניט די קאָפּי־קע, וועל איך, אלס פּראַוואלטער פון געשעפט, מוזען זוכען אין קוואליטעט פון דער ווארע צו פארקלענערען אונזער שאָדען, און, אויב איך באקום די קאָפּיקע, וועל איך עס טיעף אנערקענען און שטעלען זיי צופריעדען מעהר איידער זיי ערוואַרטען.

די גאנצע צייט, וואס איך האָב גערעדט, האָט ער מיך אויס־געהערט מיט אויפמערקזאמקייט. פּלוצלום לעגט ער ארויף די האנד אויף מיין פּלייצע, און זאגט גאנץ ערנסט: „איך האָב ליעב דיין אָפענהארציגקייט און אויפריכטיגקייט.“ ער האָט מיך גע־בעטען טרינקען טעע, און האָט מיט מיר אַ לאנגע צייט פאר־בראַכט ווענען קריוואָי־ראָגער רודניקעס וועדליג מיט אַ פּראַוואל־טער פון אַ רודניק, און ער איז געוואָרען שטאַרק פארוואונדערט, ווען ער האָט דערהערט, אז גאָר ניט לאנג בין איך אַ מלמד געווען. די ענדע איז געווען, אז איך האָב באקומען די קאָפּיקע, דאָס הייסט אַ הוספה פון צוואנציג טויזענד רובעל.

117. מען שיקט מיך געבען כאַבאַר (בעשטעכונג).

מיינע בעלי בתים זיינען שטאַרק צופריעדען געבליבען מיט מיין פאָהרען, וואס האָט זיי אריינגעבראַכט צוואַנציג טויזענד רובעל, און דערפאַר האָבען זיי מיך מכבד געווען צו פאָהרען קיין אדעס נאָך איין ערלויבעניש צו ארבייטען. מען דאַרף דאָך ארבייטען מיט דינאַמיט, מוז מען האָבען אן ערלויבעניש פון דער רעגיערונג, און דער הויכער בעאַמטער פון דער רעגיערונג, וועלכער וואָהנט אין אדעס, געפינט אורזאַכען פאר וואס ניט צו געבען, און אלע ווייסען דעם סוד, אז ער האָט א יונגע פרוי, נעהמט זי געלד און פועל'ט ביי דעם אלטען מאן וואס מען דאַרף. גיט מען מיר צוויי טויזענד רובעל, און מען שיקט מיך קיין אדעס אָבטאָן אָט די שטיקעל שעהנע ארבייט. איך פארשטעה גאָר ניט ווי אזוי עפענט מען א מויל פארצושלאָגען יענעם כאַבאַר, און איבערהויפט ווי אזוי רעדט מען עס צו אַ דאַמע. עס העלפט אָבער ניט, איך מוז פאָהרען. דאָרט וועל איך זעהן וואס איך קען טאָן.

איך קום קיין אדעס, באשלים איך פריהער צו זעהן זיך מיט דעם פריץ אליין. פיללייכט וועל איך אזוי פועל זיין. קוים דערשלאָגען זיך צו איהם. ערשט דאָס איז אן אלטער משוגענער גענעראל, לאָזט ניט ריידען, שרייט, און לאָזט מיך גאָר אין מיטען, און אנטלויפט. ווער איך א גוטער ברודער מיט'ן סעקרעטער, און דערוויס זיך, אז דאָס יונגע ווייבעל איז געווען אַ לעהרערין אין א גימנאַזיע. זעה איך זיך מיט איהר. דערצעהל איהר, אז איך בין געווען א לעהרער, דאָס הייסט דאָך אַ קאלעגע, טראַכט איך מיר, און אין אַ קורצען געשפרעך שטעל איך פאָר, אז, אויב איהר מאן וועט אונז ניט געבען די ערלויבעניש צו ארבייטען, זיינען מיר אומגליקליך. זי האָט מיך גוט אויסגעהערט, און פארזיכערט, אז זי וועט טאָן אלעס וואס מעגליך, ניט אזוי צוליעב דעם געשעפט, ווי צוליעב מיר פערזענליך, און זי הייסט קומען מאָרגען פריה.

צו מיין גרעסטען וואונדער האָט מיך דער גענעראל אויפגענומען מיט אַ שמייכעל, און זאָגט: „מיין פרוי האָט מיר ערלויבט צו געבען דיר די ערלויבעניש, און גלייך באַקומסטו עס".

אין א פּאָר שטונדען ארום האָב איך שוין געהאט די פּאַפּיערען, און די 2,000 רובעל זיינען געבליבען.

דערוויילע, אז מען איז שוין אין אדעס, בין איך אריינגעקומען אין קאָמיטעט פון די חובבי ציון. אלס איינער פון זייערע בעס־טע באַפאָלמעכטיגטע האָב איך געהאט א לענגערען געשפּרעך מיט ז. עפּשטיין וועגען אונזער אַרבייט. נאָכהער באזוכט בן עמי און ש. דובנאָוו, וועלכער האָט ערשט ארויסגעגעבען זיין אידישע געשיכטע אין רוסיש, גענומען עטליכע עקזעמפּלאַרען געשיכטע פאר זיך און פאר גוטע פריינד, און אוועקגעפאָהרען אהיים.

קאמענקאוויטש האָט מיך ערוואַרטעט אין יעקאַטערינאסלאוו. זעהר צופרידען איז ער געווען, דערזעהענדיג, די שריפטליכע ער־לויבעניש, און ווען איך האָב איהם דערלאַנגט די 2,000 רובעל האָט ער פארוואונדערט געפרעגט: „ווי אזוי איז דאָס?" האָב איך אלעס דערצעהלט, און ער האָט מיך טיעף באַטראַכט מיט א מאָד־נעם שמייכעל. עס קען זיין, אז ער האָט געטראַכט: „אָט דאָס הייסט א מלמד, א שוטה, געקענט לאזען זיך די געלד, און קיינער וואָלט עס אייביג ניט וויסען."

118. איך פאָהר צום גובערנאַטאָר.

יעצט, ווען מיר האָבען שוין די ערלויבעניש, פאַנגען מיר אָן שטאַרק צו אַרבייטען, און די געשעפטען געהען גאַנץ גוט. ערשט אונערוואַרטעט קומט אָן א באפעהל פון גובערנאַטאָר, אז מען זאל באַלד אָבשטעלען די אַרבייט אויף אַלע רודניקעס, ווייל די פּויערים האָבען דאַכט זיך קיין רעכט געהאט צו פארדינגען די רודניקעס, און די פראגע מוז איבערגעגעבען ווערען אין סענאַט. מיר ווייי־סען גאַנץ גוט, אז מען קען וואַרטען יאָהרען לאַנג ביז אונזער סע־נאַט וועט עטוואס באַשליסען. שיקט מען צום גובערנאַטאָר א קאָמיטע פון דריי אייגענטימער פון רודניקעס, אַלע גבירים, גרויי־סע מאַכערס, און זיי קומען מיט גאָר ניט. מיין שטאָלצער קאָ־מענקאַוויטש לאָזט אראָב דעם קאָפּ. מען האָט פיעל חובות, אויב מען אַרבייט ניט, וועט ניט זיין מיט וואס צו צאָהלען, און דאָס קען פיהרען צו באַנקראָט. ער רעדט מיט מיר, און איך זעה טרעה־

רען אין זיינע אויגען. איך האָב רחמנות, אָבגעארבייט יאהרען, און קען געהן געבראכען. זאג איך, אז איך פאָהר צום גובערנאטאָר. קוקט ער מיך אָן פארצווייפעלט, ווי איינער זאגט: „גרעסערע מאַכערס געווען, און גאָר ניט געמאכט." דאָך שטימט ער איין, און איך פאָהר צום גובערנאטאָר.

גרינג איז מיר געווען צו זאגען, אבער ווי שווער איז דאָס מיר צו טאָן. איין קלייניגקייט, געה צו א גובערנאטאָר, און נאָך ווער? קניאז אבאליענסקי. איך שטרענג זיך אָבער אָן, נעהם זיך אָן מיט מוטה און געה. ווען ער האָט דערהערט, אז איך בין געקומען וועגען קריוואי ראגער רודניקעס, האָט ער א זאָג געטאָן מיט פארדרוס: „דו ווייסט געוויס, אז דאָ זיינען שוין געווען איניגע אייגענטימער פון רודניקעס, און איך האָב זיי געזאָגט, אז איך מוז דאָס איבערגעבען אין סענאט, און דער סענאט וועט באַשליסען, אויב די פויערים האָבען רעכט געהאט צו פארדינגען אדער פארקויפען די גוטס וואס געפינט זיך אין דער ערד, דערווייל מוז איך פארבאָטען צו ארבייטען." ענטפער איך איהם, אז איך בין געקומען בעטען ניט אזוי פאר די אייגענטימער, ווי פאר די טויזענדער מענשען, וואס ארבייטען פאר זיי. אויב מען שטעלט אָב די ארבייט, וועלען די אלע מענשען בלייבען אָהן ברויט, און צווישען די אייגענטימער זיינען אויך פאראַן אזעלכע, וועלכע וועלען מוזען באַנקראָטירען און פארלירען ניט נאָר זייער פארמעגען נאָר אויך זייער נאָמען, און אייגענטליך פארשטעה איך ניט פארוואס קומט עס אונז, יעדער זאך איז דאָך געטאָן געווארען געזעצליך מיט אדוואָקאטען און נאטארוסען, וועלכע ווייסען וואהרשיינליך דעם געזעץ, און יעצט געהט מען זוכען געזעצען, מיט וועלכע מען זאָל רואינירען טויזענדער מענשען. די רעגיערונג דאַרף גדענקען, אז די פויערים וועלען האָבען פיעל מעהר נוצען, ווען קליינע קאַפּיטאליסטען וועלען באארבייטען זייערע רודניקעס, איידער ווען זיי וועלען עס אָבגעבען צו די גרויסע אויסלענדישע קאָמפּאניעס, אזוי ווי ביז יעצט איז געווען.

איך האָב נאָך עפּעס גערעדט, און, ווי איך פארשטעה, האָב איך זיך קענטיג, ווי געוועהנליך, אביסעל צוהיצט און גערעדט מיט הארץ, ווייל דער גובערנאטאָר האָט א זאָג געטאָן גאַנץ פריינד־

ליד: „באַרוהיג זיך, איך גיב שוין אָן אָרדער, אַז די אַרבייט זאָל מען ניט אָבשטעלען, און איך פאַרזיכער דיך, אַז איך וועל איינגיכען אַליין זיין אין סענאַט, און וועל פאַרטיידיגען אייערע אינטערעסען אזוי גוט ווי די אינטערעסען פון די פויערים.”

איך טעלעגראַפיר אהיים וועגען מיין ערפאָלג, און פאָהר אַ צופריעדענער אהיים. איך בין איבערצייגט, אַז עפּעס האָב איך אין זיך, וואס דאָס איז געפעלען די גרויסע פּריצים. עס קען זיין ווייל איך רייד אָהן דער אידישער „מה יפית” שטימונג און אָהן דער סוחר'שער אונטערטעניגקייט. דערצו זאָג איך דעם גאַנצען אמת אָפענהאַרציג און אַפּעליר אימער צו יושר און גערעכטיגקייט, ווייל איך גלויב, אַז יושר געפינט זיך אין יעדען מענשען. מען דאַרף נאָר קענען מיט ריינע אבזיכטען צוטרעטען דערצו.

119. מיין פאַראַנטוואָרטליכע שווערע אַרבייט. — מיינע איינקינפטע און א מתנה פון 5000 רובעל.

אונזערע געשעפטען זיינען אוועק זעהר גוט; אויפ'ן צווייטען יאהר האָבען מיר פאַרקויפט אַ רודניק, און פאַרדיענט מעהר פון א פערטעל מיליאָן. קאַמענקאַוויטש צוטיילט זיך מיט די שותפים, און איך פאַרבלייב ביי איהם מיט אַ שריפטליכער באַפאָלמעכטיגונג צו פיהרען אלע זיינע געשעפטען, צו קויפען און פאַרקויפען, סיי פאַר געלד און סיי אויף קרעדיט, צו לייהען געלד, שרייבען פאַר איהם וועקסלען און טשעקען, און ד. ג., ווייל מיין בעל הבית וואָהנט ניט אין קריוואָי ראָג. פריהער האָט ער געוואָהנט אין לובען, און נאָכהער האָט ער זיך באַזעצט אין קיעוו, און זומער פאָהרט ער גאָר אוועק קיין אויסלאַנד מיט דער גאַנצער געזינד. דאַריבער האָט ער זיינע געשעפטען אין גאַנצען אויף מיר פאַרטרויט, אָדער בעסער געזאָגט, אויף מיר אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע שווערינקייט. און שווער איז דאָס געווען שרעקליך. ער מיט זיין אונטערנעהמונגס-גייסט, מיט זיין קענען ריזיקירען, דערצו נאָך מיט געלד און מיט אַ גוטען נאָמען, האָט אויפגעטאָן פיעלע נייע געשעפטען. מיר האָבען געשעפטען אין קריוואָי ראָג, און 25 וויאָרסט פון איין זייט קריוואָי ראָג, און 35 וויאָרסט פון

צווייטען זייט קריוואי ראג. אומעטום ארבייט מען, מען בויט היי־זער, מען שטעלט מאשינעס, מען מאכט צווייגען פון אייזענבאהן, און נאָכהער פאנגט זיך אָן די ארבייט אליין. יעדער געשעפט האָט זיך זיין קאנטאָר מיט מענשען, נאָר די הויפּט קאנטאָר איז ביי מיר אין קריוואי ראָג. איך האָב א בוכהאלטער, פון אַלע גע־שעפטען די בוכהאלטעריע געפינט זיך דאָ. אלעס מוז דורכגעהן דורך מיינע הענד, קיין זאך ווערט ערגעץ ניט געטאָן אָהן מיין וויסען. פאָהר איך ארום א גאנצען טאָג פון איין פּלאַץ אויף'ן צווייטען, און ווען איך קום אהיים מוז איך איבערלעזען די קארעס־פּאָנדענץ, זעהן אלע רעכענונגען, זאגען וואס צו ענטפערען און זעהען, אז די ביכער זאָלען זיין אין אָרדנונג. דערצו דארף איך אָפט פאָהרען אויף די זאוואָדען — פאבריקען —, מיט וועלכע מען איז פארבונדען אין געשעפט.

קיין יעקאטערינאסלאוו פאָהר איך כמעט יעדע וואך. דאָ איז מען פארבונדען מיט די בענק, מען דארף לייהען געלד, אב־זעצען וועקסלען און צאָהלען וועקסלען. דאָ איז די פארוואלטונג פון אייזענבאהן, וועלכע קויפט ביי אונז קאלך, און פון זיי דארף מען באקומען וואגאָנעס אויף די רודניקעס.

אין יעקאטערינאסלאוו אבער האָב איך כאָטש געהאט א גייס־טיגען פארגניגען. איך פלעג זיך ארייכנאפּען צו מ. אוסישקין, דעם פיהרער פון ציוניזם, אדער צום אַלטען מ. מיידאנסקי, וועל־כער איז געוועזן א למדן, א גרויסער משכיל, א וועלט חכם מיט א הייסער וואַרימער אידישער הארץ, דערצו נאָך א גביר מיט אן אָפענער האנד, און אן אמת'ער איבערגעגעבענער חובב ציון. איינ־מאָהל קום איך צו איהם אריין, גיט ער מיר א ברייטען „שלום עליכם", און זאָגט מיט זיין ליעבען שמייכעל: „איהר' האָט געוויס קיין צייט ניט, שטארק פארנומען מיט קאַמענקאָוויטש'עס גע־שעפטען, און איך וויל גאָר אוועקשיקען אייך איבער די הייזער." ער דערצעהלט מיר, אז דער גביר ש. איז אוועקגעפאהרען חתונה מאכען זיין זוהן, און ער, מיידאנסקע, האָט א ליסטע פון די אלע איינגעלאדענע, וועלכע וועלען היינט שיקען טעלעגראמען, מוז מען גלייך לויפען צו זיי, און אנשטאט די טעלעגראמען זאל מען די

געלד געבען פאר די אַרבייטער אין פּאַלעסטינע. איך בין גלייך אוועק מיט נאָך איינעם און געבראכט 56 רובעל.

פאר מיין שווערער און פאראנטוואָרטליכער ארבייט אין די פיעלע געשעפטען, נעהם איך אין גאנצען 150 רובעל א מאָנאַט מיט א דירה, הייצונג און ליכטונג. אלע וואונדערען זיך וואס איך נעהם אזוי ווענינ, און איך אַליין פארשטעה גאנץ גוט, אז איך בין פיעל מעהר ווערטה, נאָר איך שעהם זיך צו בעטען א הוספה, און איך ווייס גאנץ גוט, אז מיין בעל הבית האָט פיינט צו צאָהלען גרויסע געהאַלט. ער האָט בעסער ליעב צו שענקען א מאָל א מתנה. ווען מען האָט דעם ערשטען רודניק פאַרקויפט און פארדיענט א פערטעל מיליאָן, האָב איך באקומען א מתנה 5000 רובעל, און ווען איך מאך חתונה מיין טאָכטער, פרעגט ער פיעל נדן איך גיב, זאָג איך, אז איך גיב 1,500 רובעל, גיט ער די געלד. ווען איך האָב אוועקגעשיקט די קינדער לערנען, און ביי מיר איז אין איין יאהר אוועק מיט טויזענד רובעל מעהר איידער איך פארדיען, האָט ער צום סוף יאהר אָבגעגעבען די טויזענד רו־בעל.

ווען איך וואָלט ניט געווען וואס איך בין, וואָלט איך קענען האָבען גאנץ גרויסע אנדערע איינקינפטע. ביים קויפען און פאר־קויפען, אדער ביי אָבגעבען גרויסע ארבייט קען מען נעהמען, ווי מען רופט עס, קאָמיסיאָן, און פיעלע מאָהל האָט טאקע געטראָפען, ווען מען איז געקומען פארשלאָגען עפּעס א געשעפט, האָט מען א זאָג געטאָן, אז איך וועל האָבען קאָמיסיאָן געלד, האָב איך זיך גאָר געפיהלט באליידיגט, ווייל איך פיהל זיך ווי איך ארבייט פאר מיין אייגען געשעפט, און ניט ווי א פארמיטלער, און איך פארשטעה, אז די געלד, וואס איך וועל נעהמען קען עטוואס שאַ־דען צום געשעפט. דאָך האָט געטראָפען, אז איך האָב געהאַט זייטיגע איינקינפטע. ווען מעקלער האָבען ביי אונז פארדיענט צעהן טויזענד רובעל פון איין געשעפט, האָט מיין בעל הבית אָב־גערעדט מיט זיי, אז איך דאַרף באקומען דערפון טויזענד רובעל.

ביי איינעם, וואָס איך האָב געקויפט א מיליאָן פּוד רודא, האָט געכאַפּט אזוי פיעל יושר, אז צום פארענדיגען די רעכע־נונג האָט ער מיר געגעבען 500 רובעל, וועלכע ער וואָלט אָפּ־

צאָהלען א מעקלער. ביי איינעם האָב איך אין איין יאָהר אָנגע־נומען פאר פופצעהן טויזענד רובעל געהילץ, האָט ער אריינגע־שיקט „חנוכה געלד" 500 רובעל. און אזוי איז איינס מיט דאָס אנדערם געגוג געווען צו לעבען גאַנץ שעהן, און איבערהויפט צו לערנען קינדער, און דערצו נאָך אָפּשפּאָרען א רובעל, ווייל מען האָט געלעבט עקאָנאָמיש, מיט א רעכענונג.

גוטע פריינד האָבען מיך אפילו צוגערעדט, אז איך זאָל אָנ־פאַנגען צו טאָן אליין געשעפט. זיי זאָגען, אז מיט מיין פעהיג־קייט, מיט מיין באקאנטשאפט און מיט אזא גוטען נאָמען קען איך פיעל אויפטאָן. איך ווייס אָבער, אז פיעלע זאכען, וועלכע איך טו פאר א צווייטען, וועל איך געוויס ניט קענען טאָן פאר מיר אליין.

120. מיין פאָהרען קיין פעטערבורג.

קיין פעטערבורג איז מיר אויך אויסגעקומען צו פאָהרען איינינגע מאָל. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהאט א גאַנץ שווערע שטיקעל ארבייט. מיר האָבען געהאט צו צאָהלען א חוב פון הונ־דערט מיט צוואנציג טויזענד רובעל צו ניקאָפּאָל מאַריאופּאָלער קאָמפּאַניע, מיט וועלכער מיר האָבען פיעלע פארשיעדענע געשעפ־טען: זיי האָבען ביי אונז געקויפט רודא, מיר האָבען זיך גענומען אויסארבייטען זייערע צוויי רודניקעס, און נאכהער האָבען מיר ביי זיי געקויפט א רודניק. דער לעצטער געשעפט איז געווען א רעזולטאַט פון דער אידישער לאַגע אין רוסלאַנד. אידען האָבען געמעגט קויפען אָדער ארענדירען ערד נאָר אין א שטעדטעל, אָבער ניט אויסער'ן שטעדטעל. אונז האָט זיך אָבער געמאכט צו קויפען א רודניק אין א דאָרף, האָט מען עס געקויפט אויפ'ן נאָמען פון א קריסט, וועלכער איז געווען זעהר באפריינדעט מיט קאמענגאָוויטש'ען, און ער איז געווען א פאָרשטעהער פון דער ניקאָפּאָל מאַריאומפּאָלער קאָמפּאַניע. ווייסען מיר ניט אונטער וועלכע אומשטענדען האָט דער קריסט אונזער געשעפט איבער־געגעבען צו דער קאָמפּאַניע, און אונז האָט מען נאָר אומגעקעהרט די געלד וואָס מען האָט אריינגעלעגט. שרייען וואָלט נאָר ניט

העלפען, און קאַמענקאָוויטש'ען האָט זיך זעהר געוואָלט האָבען דעם רודניק, האָט ער ביי זיי אָפּגעקויפט דעם רודניק פאר א פערטעל מיליאָן, דאָס וואָס מיר האָבען געקויפט פאר פופציג טויזענד רובעל. ער האָט זיך יעצט שוין בעסער פארוואָרענט, און מיר האָבען גענומען ארבייטען, און אָט פאר דיעזען רודניק קומט עס נאָך 120 טויזענד רובעל, און די צייט איז זעהר א שלעכטע, קיין געלד איז ניטאָ, און מיין בעל הבית פאָהרט זיך אוועק קיין אויסלאנד. איך בין שטארק ברוגז, אָבער איך קען זיך ניט העלפען.

מיט צעהן טעג פריהער פאר'ן סראָק פון וועקסעל פאָהר איך קיין פעטערבורג. אליין דאָס פאָהרען איז מיר ניט צום הארצען. אָבוואָהל עס ווילט זיך זעהן אונזער הויפט־שטאָדט מיט אַלע איהרע אנטיקען, דאָך האָב איך זעהר פיינט די רוסישע שטעדט, וואוהין מען לאָזט ניט אריין קיין אידען. איך האָב אפילו דאָס רעכט איין מאָל אין יאָהר צו זיין דאָרט, ווייל מיין בעל־הבית צאָהלט פערווע גילדיע, איך האָב אָבער פיינט רעכטע, געקויפטע פאר געלד. ווען איך בין אראָפּ אויף פעטערבורגער וואָקזאַל, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז מען קוקט אויף מיר ווי אויף אַן איבעריגער זאַך, און וואו איך געה, דאכט זיך מיר, אז אָט שטעלט מען מיך אָפּ און מען פרעגט: „ווי קומסטו אהער?" א שרעק־ליכער, עקעלהאפטער געפיהל. און נאָך ערגער האָב איך זיך גע־פיהלט, ווען איך האָב דאָ באגעגענט אידען, וועלכע האָבען זיך אויסגעלאָכט פון מיינע געפיהלען.

מיט דער קאָמפּאַניע האָב איך געהאט זעהר א שווערע אר־בייט, ביז מען האָט מיר געגעבען א געלעגענהייט צו זעהן דעם הויפט־פיהרער פון דער קאָמפּאַניע, פאר וועלכען איך האָב דער־צעהלט דעם גאנצען אמת מיט מיינע טענות פון מאָראלען שטאנד־פונקט. און דאָס האָט געווירקט. מען האָט מיר געביטען וועקס־לען אויף ניין מאָנאַטען אָהן פּראָצענט. און איך האָב זיך נאָך א מאָל איבערצייגט, אז מיט דעם רוס איז גוט צו האנדלען, אויב איהר געהט מיט דעם ריינעם אמת.

אָפּגעפּארטיגט זיך מיט מיינע געשעפטען, האָב איך באטראכט די שעהנע שטאָדט מיט דער שעהנער טייך נעווא, אָנגעקוקט דעם צארסקען פּאלאַץ, באזוכט די גרויסע ביבליאָטעקע, נאכהער צוגע־

גאַנגען צו דעם פּלאַץ, וואו לעבעדיגע מענשען זיינען באַגראָבען. דאָס איז פּעטראָפּאַוולאָווסקע קרעפּאָסט, אָט די שרעקליכע פעס־טונג, וואו די גרויסע קעמפּפער פאר פרייהייט שמאכטען זייער גאַנצען לעבען. נאכהער האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט צו באַזוכען דעם גרויסען אידישען אַדוואָקאַט גרוזענבערג, און בין געווען איינגעלאַדען צו דעם רוסישען אַדוואָקאַט מיראַנאָוו, וועל־כער האָט פאַרטיידיגט דעם אידען פון ווילנער עלילת־דם.

121. שלום עליכם פאַרקויפט קויהלען און קאַלך. — שלום עליכם׳ם לאַטקעס און וואַרשאַווסקי׳ם ליעדער.

שלום עליכם איז שוין גוט באַוואוסט. מען לייענט זיינע ווערק. אידען לעקען די פינגער פון זיין שרייבען, און ער מעג זיכער זיין, אַז מיר אידען פאַרשטעהען ווי אַזוי צו אָפּשאַצען זיין אַרבייט, און מיר וועלען געוויס וויסען ווי אַזוי צו מאַכען די שעהנסטע הספדים נאָך זיין טויט, און דערווייל, פאַר׳ן לעבען, זאָל ער מוחל זיין און זוכען זיך פּרנסה גלייך מיט אַלע אידען. ווען איך בין געווען אויף די קויהלען־שאַכטעס, ערהאַלט איך פון שלום עליכם׳ן פאָלגענדען בריעף:

„ליעבער הערר קאַצאָוויטש!

ערשטענס דאַרף איך אייך אָפּגעבען אַ גרוס פון אונזער יעקב רעוויזין. ער איז יעצט אין קיעוו, געוועהנליך ביי מיר. ער האָט מיר איבערגעגעבען, אַז איהר זיינט מיט דעם ה׳ קאָמענקאָוויטש ביי קויהל געשעפט. האָב איך צו אייך אַ שטיקעל בקשה (אַ שטיקעל גליק וואָס נאָר אַ שטיקעל!). איך האָב היינט ערשט געשריבען אַ בריעף צום ה׳ קאָמענקאָוויטש וועגען קויהלען. אַזוי ווי ער איז אַ מענש מיט אַ סך געשעפטען, קאָן ער חלילה פאַר־געסען באַלד ענטפערען, לכן זאָלט איהר איהם דערמאָנען, און אויב דאָס קויהל געשעפט קעהר זיך אָן מיט אייך, זאָלט איהר זיין אַזוי גוט און אויספּילען אַלץ וואָס מען באַדאַרף. איך וואַרט אויף אייער תשובה גיך און באַלד.

שלום עליכם."

מיט וועהטאָג און שאַנדע איז מיין האַרץ אָנגעפילט געוואָרען,

אַז אונזער גרויסער שריפטשטעלער דאָרף שווארצען זיין פּנים מיט אונזערע קויהלען, ארומגעהענדיג זוכען קונים. עס פארשטעהט זיך, אַז איך האָב „אויסגעפילט אַלץ וואָס מע באדאַרף", ווי ער בעט, און דאָך האָט ער גאָר ניט אויפגעטאָן. אין קיעוו זיינען פאַראַן גרעסערע בריות פון איהם צו פארקויפען קויהלען.

שפּעטער, ווען איך בין שוין אין קריוואָי ראָג געווען, האָב איך געדארפט פאָהרען קיין קיעוו אויף „קאָנטראַקטען", אָדער ווי אַנדערע רופען עס „אויף טאָרגעס". דאָס קומט פאָר יעדען ווינטער, ווען אידען פאָהרען זיך צונויף קיין קיעוו און שליסען דאָרט די גרעסטע געשעפטען. קיעוו איז דאָך אָבער אַ היילינגע רוסישע שטאָדט, וואו אידען טאָרען ניט וואוינען. די פּריווילעגיע צו זיין אין קיעוו האָבען נאָר אידען סוחרים פון דער ערשטער גילדיע, אָדער בעלי מלאָכה (רעמעסלעניקעס), אָדער געענדיגטע אוניווערסיטעט, און אויף קאָנטראַקטען קומען דאָך מעקלער, קאָמיסיאָנערען און אַנדערע אידען, וועלכע לעבען פון ווינט און רויך.

פאנגט זיך דאן אָן פאר קיעווער פּאָליציע אַ שווערע ארבייט: ארומלויפען איבער'ן שטאָדט און זוכען טרפה סחורה. זיי שלאָפען ניט קיין נעכט, מע מאכט אָביסקען (זוכעניש). מען שלעפּט ארויס אידען פון אונטער די בעטען, פון קליידער־שראנקען, פון קאַסטענס און פון פעסלעך, און מען טרייבט זיי אין מיטען נאכט אין פּאָליציע. ווער עס האָט און קאָן, קויפט זיך אויס, און אנדערע געהען אַוועק צוריק אהיים מיט'ן עטאַפּ, גלייך מיט אַלע ארעסטאַנטען. איך מיט מיינע פּאַפּירען פון אַן ערשטען גילדיע סוחר האָב אפילו די זכיה צו טרעטען אויף קיעווער הייליגער ערד, דאָך וואָלט איך מוחל זיין מיין יחוס, און וואָלט ניט וועלען פאָהרען קיין קיעוו, און ניט אָנקוקען איהר פּאָליציי־בעאַמטע, נאָר איין זאַך האָט מיך געצווינגען קיין קיעוו, וואָס איך וועל האָבען אַ געלעגענהייט צו באקאָנען זיך פערזענליך מיט שלום עליכם'ן.

ווען איך בין אריינגעקומען צו שלום עליכם'ן, האָט ער מיך באַגעגענט ווי אַן אַלטען באקאַנטען. ער זאָגט, אַז ער קאָן מיך זעהר גוט פון וואָס ער האָט געהערט. מיר האָבען אַ לאַנגע צייט פארבראַכט וועגען דער אידישער ליטעראַטור און אידישע שרייבער, און ווען מיר האָבען גערעדט וועגען דעם ציוניסטישען וואָכענ־

בלאַט „דער איד", האָט ער באַדויערט, וואָס ביי איהם פעהלען די ערשטע אַכט נומערען „איד", און איך האָב איהם צוגעזאָגט צו שיקען זיי. אין מיטען געשפּרעך טוט ער מיר אַ זאָג: „איהר זייט דאָך געקומען אויף קאָנטראַקטען, טאָ נאָמיר טאָן געשעפט. שיקט מיר אייער קאַלך אויף קאָמיסיע. פּילייכט וועל איך צו אייער קאַלך האָבען מעהר גליק איידער צו אייערע קויהלען." קומענדיג אהיים, האָב איך באַלד ארויסגעשיקט קאַלך, און ניט פארגעסען צו שיקען די אַכט נומערען „איד". אין גיכען ערהאַלט איך פון איהם פאָלגענדען בריעף:

„געעהרטער הערר קאַצאָוויטש!

וואָס איז דאָס? איך האָב זיך גאָר ניט גערעכנט אויף אייך אזעלכעס. איך האָב אייך גערעכענט פאַר אַ אידען גלייך מיט אַלע אידען, צום סוף לאָזט זיך אויס, ווער וואָס, איהר זיינט גאָר קיין איד ניט. ס'איז דאָך אַ קל וחומר: מה דאָך אַ איד אַז ער נעהמט ביי יענעם אַ בוך און זאָגט איהם צו און שווערט אַז מע מעג גלויבען אַ משומד, אַז ער וועט אָפּגעבען, איז דאָס פאַר־פאַלען לעולם ועד, הייגט לא כל שכן אַ איד אַז ער זאָגט צו לייהען אַ בוך, איז ער דאָך אודאי ניט מחויב מקיים זיין און עס מעג זיין אַ ליגען! פע, איהר זיינט דאָך עפּעס גאָר אַ מאָדנער איד! איך האָב ערהאַלטען, ווי איהר האָט מיר צוגעזאָגט, אַלע אַכט נומערען פון פאַראיאָהריגען „יוד", און איך ווייס ניט מיט וואָס איך זאָל אייך אָפּדאַנקען עפּעס אַזוי אַז איהר זאָלט מיך האָבען צו גע־דענקען, ווי אַ איד קאָן... מסתמא וועלען מיר זיך אַמאָל באַגעגענען ערגעץ אויף „טאַרגעס" אָדער אין „פּאָליציע", וועל איך אייך אָפּדאַנקען, וואָס אַרט אייך!...

דאָס געשעפט מיט'ן קאַלך קלעפּט זיך ניט; ניט קיין גוטער קאַלך אפנים... גריסט אייער איידעם, כאָטש איך קען איהם ניט, און ער וועט שוין אַליין איבערגעבען אַ גרוס אייער טאָכטער אויך, און לאָמיר זיין געזונד!

מיין ווייב און קינדער שיקען אייך אַ גאַנץ פיינעם גרים.

שלום עליכם."

יא, טראַכט איך מיר, שווער איז פאַר אַזאַ מענשען, אַז ביי

איהם זאָל זיך „קלעפּען״ אין דער סוחר׳ישער וועלט. ניט לאַנג האָט ער געהאַנדעלט מיט די קאַלך. צופיעל שוועריגקייטען מיט׳ן פּאַרקויפען, און נאָך מעהר מיט׳ן איינמאָהנען די געלד. האָט ער זיך ענטזאָגט פון זיין קאָמיסיע, און האָט אונז איבערגעלאָזט זיינע קיעווער סוחרים, פון וועלכע איך האָב גענוג צרות געהאַט. און מיר איז אויסגעקומען אָפט צו זיין אין קיעוו.

איינמאָל דערהער איך, אַז איינער פון אונזערע קונים, אַ איד אַ גביר, האָט באַנקראָטירט. און אונז קומט ביינאַהע דריי טויזענד רובעל פאַר קאַלך. לויף איך קיין קיעוו. איך קום אַריין צו מיין גביר, גיט ער מיר אָפּ אַ ברייטען „שלום עליכם״ און זאָגט: „זעהר רעכט וואָס איהר זייט אַריינגעקומען״. ער נעהמט מיך פאַר אַ האַנד און פיהרט מיך דורך זיינע פּאַרפּוצטע צימערען, און איך טראַכט מיר, אַז מיין פאָהרען וועט קענטיג זיין ניט אומזיסט.

ער פיהרט מיך אַריין אין אַ צימער, וואו עס זיצען אַלטע אָרימע אידען, און ער זאָגט צו מיר: „ניט פאַר אייך געדאַכט, איך זיץ שבעה, און עס פעהלט אַקוראַט איינער צו אַ מנין״.

האָבען מיר זיך אָפּגעדאַווענט מנחה און מעריב מיט אַ מנין, נאָכהער האָט ער מיך איינגעלאַדען צו זיך אין זיין שעהנעם קאַ־בינעט; אַ קלוגע געטאָן, געהייסען ברענגען צוויי גלאָז טעע און גענומען רעדען וועגען נעכטיגען טאָג און פאַר־אַ־יאָהריגען שנעע. מיין נערוולד האָט אָבער שוין געפּלאַצט, און איך פאַנג אָן צו רעדען וועגען געלד. זאָגט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיג, אַז ער וועט יעצט קיינעם ניט צאָהלען קיין איין גראָשען. אַלע מיינע טענות האָבען געהאָלפען ווי אַ טויטען באַנקעס, און איך בין אוועקגעגאַנגען שטאַרק אויפגערעגט.

קומענדיג אין האָטעל, דערזעה איך שלום עליכם׳ן. ער האָט שוין געוואוסט, אַז איך בין געקומען. דערצעהל איך איהם ווי איך האָב געכאַפּט אַ מציאה, אַ קדושה און אַ ברכו פאַר דריי טויזענד רובעל, און קען שוין פאָהרען אַהיים. זאָגט ער: „היינט פאָהרט איהר ניט אַהיים; מאָרגען אָוועגד זייט איהר מיין גאַסט, ערשטענס, איז דאָך איצטער חנוכה, דאַרף מען עסען לאַטקעס,

און צוויטענס, וועט זיין אַ באַנקעט ביי מיר אין הויז לכבוד וואַרשאַווסקי׳ן. זיינע ליעדער האָבען זיך ערשט אָפּגעדרוקט.״

איך בין פאַרבליבען און בין זעהר דאַנקבאַר געווען פאַר דער איינלאַדונג. זעלטען קען מען האָבען אַזא גייסטיגען פאַרגניגען. אויף יעדען קעהר האָט זיך געפיהלט די האַרציגע, ניט־געקינצעלטע גאַסטפריינדליכקייט פון שלום עליכם׳ן און זיין ליעבער פרוי; אַרומגערינגעלט ביסטו מיט די שעהנע בלומען פון אונזער בליהענ־דער יוגענד, סטודענטען און סטודענטקעס, וועלכע זיינען מיט׳ן גאַנצען פייער פון זייערע יונגע הערצער צוגעבונדען צום אידישען פאָלק.

און אָט קומט אריין דער גרויער אַדוואָקאַט מ. וואַרשאַווסקי, דער פאַרפאַסער פון „אויפ׳ן פריפּיטשיק״ און אַנדערע פאָלקס־ליעדער, וועלכע אידען האָבען אויפגעכאַפּט און זינגען מיט פאַר־גניגען. נאָך אַ וואַרימער אויפנאַהמע, בעט מען דעם אַלטען, אַז ער זאָל עפּעס זינגען. זעצט ער זיך צו דער פּיאַנאָ און פאַנגט אָן צו זינגען און שפּיעלען. איהר דערהערט דעם טיעפען אייביגען קרעכץ פון דעם אייביג־ליידענדען געדריקטען אידישען פאָלק, און אָט דערהערט איהר און דערפיהלט דעם אידען׳ס גלויבען און האָפען. אין יעדען פערז, אין יעדען טאָן זעהט איהר, אַז אָט דער אַלטער אַריסטאָקראַט־אַדוואָקאַט באַזיצט אַ ברייטע וואַרימע אידישע נשמה, וועלכע פיהלט און פאַרשטעהט דעם גאַנצען אידישען לעבען, און אַז זיין נשמה איז מיט ליעבע און אַכטונג צוגעבונדען צו זיין אָרים פאָלק.

ווען מיר האָבען זיך גייסטיג אָנגעזעטיגט, האָט מען אונז איינגעלאַדען צו שעהן־געדעקטע טישען. מען האָט געגעסען אמת־אידישע לאַטקעס מיט אַביסעלע וויין און קאָניאַק, וואָס קומט פון ארץ ישראל, מיט אַ פולע וואַרימע, האַרציגע, ערנסטע ווער־טער, וואָס קומען פון מענשען, וועלכע לעבען און שטרעבען פאַר דער צוקונפט פון אידישען פאָלק.

נאָכ׳ן עסען האָבען די יונגע חברה דעם אַלטען אוועקגעזעצט צו דער פּיאַנע, און ער האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ באַגייסטערונג פון אַ יונגען מאַן צו זינגען און שפּיעלען. די פּיאַנע, דאַכט זיך, זיפצט און קרעכצט אונטער זיינע פינגער. די איינפאַכע האַרצ־

רייסענדע ווערטער מיט די טרויעריג־זיסע מעלאָדיען דרינגען אריין טיעף אין אונזערע הערצער, און עס באווייזען זיך טרערען אין פיעלע אויגען. דער אַלטער באמערקט עס, און פאנגט אָן צו שפּיעלען און זינגען זיינס א פרעהליכס — אן אמת־אידישע אומעטיגע פרעהליכס. חברה כאַפּט אונטער דעם נגון. אַלע זינ־גען, און מען געהט אוועק א רקוד׳ל; מען זינגט און מען טאַנצט מיט התלהבות ווי אמת׳ע חסידים.

122. מיין ביבליאָטעק.

גאַנץ אָפט איז דער געשעפט אן אמת׳ער גיהנום פאר מיר. און איך פארשטעה גאָר ניט ווי אזוי מען קען לעבען און צופריעדען זיין, ווען מען איז אימער פארטאָן אין געשעפט. איך האָב אָבער צו מיין גיהנום אויך א גן עדן. דאָס איז מיין צימער מיט די צוויי גרויסע שראַנקען מיט ספרים און ביכער, וועלכע איך האָב געקויפט מיט אן אָפענער האַנד.

מען פליהט ארום א גאַנצען טאָג פון איין געשעפט צום צווייטען, מען קומט אהיים אויסגעמאַטערט קערפּערליך און גייס־טיג, זעצט מען זיך צום שרייב־טיש, און א סוחר׳ס שרייב־טיש קען אָפט פארשאַפען געגוג הארץ־וועהטאָג. ווער איך פארטיג מיט׳ן שרייב־טיש, לאָז איך ארוים פון זינען די געשעפטען, און געה מיר אריין אין גרויסען צימער. פון איין זייט א גרויסער שראַנק מיט שעהן־געבונדענע ש״ס און אלפס, פוסקים, משניות, מדרשים און עין יעקב. דאָס זיינע מיינע אַלטע גוטע פריינד, וועלכע זיינען אימער מיט מיר אין ליידען און אין פריידען. פון דעם צווייטען זייט שטעהט א שראַנק מיט דעם רמב״ם, רבי יהודה הלוי, אבן עזרא, און אַלע נייע בעסטע העברעאישע שריפטשטעלער, ווי אויך די רוסישע און פון אַנדערע נאַציאָנען די בעסטע ליטע־ראַטור.

אמאָל לעז איך עפּעס פאר מיין פרוי גאָר ווי אמאָל אין די יונגע יאָהרען, און אמאָל לערען איך אָדער לעז מיט א קינד. און א מאָל קומט א גוטער פריינד, און מען לערענט אָדער מען לעזט עפּעס צוזאַמען. אזא אָוועגד דערקוויקט מיך; איך ווער

גאָר ניי געבאָרען; און גאָר די אמת'ע גייסטיגע רוהע געפין איך, ווען ווינטער א פּאָאָר שטונדען פאַרטאָג זיץ איך מיר אליין פאַר־טיעפט איבער א ספר.

123. שבת און יום טוב אין געשעפט.

ווי זיס איז דער שבת נאָך א וואָך שווערע קאָפּ־דרעהעניש.
ווי אנגענעהם איז דער יום־טוב נאָך דעם וואָכעדיגען טומעל.

אונזער קאָנטאָר איז די איינציגע, וועלכע איז געשלאָסען שבת און יום־טוב. אנדערש וואָלט איך די שטעלע ניט אָנגענומען. רוהען אַן אנדער טאָג אין וואָך איז פאַר מיר ווענינ. איך בּיינק נאָך דער אידישער נשמה יתרה, און זונטאג קומט זי ניט. גאָר פרייטאג פאַרנאַכט קען איך פון זיך אראָפּוואַרפען דעם גאַנצען לאַסט פון דעם אַלטעגליכען לעבען און אריינבּרענגען אין שטוב די הייליגע אידישע שטימונג, וועלכע קוועלט ארויס פון דער טיעפעניש פון מיין נשמה און פליסט אריין אין די יונגע הערצער פון מיינע קינדער.

אין שוהל געהן האָב איך ניט ליעב. דאָרט פעהלט ערנסט־קייט און הייליגקייט. דאָס איז ניט די אַמאָליגע אידישע שוהל. האָב איך א מנין ביי זיך אין שטוב, און שפּעטער האָבען מיר אונזער מנין אין אונזער תלמוד תורה.

שבת בייטאָג ווערט מיין הויז פול מיט מענשען. דער שניי־דער און שוסטער זיצען דאָ צוזאמען מיט אונזערע אריסטאָקראַט־קעס, א בעל הבית מיט זיינע ארבייטער, אונזערע לעהרער און אונזער בעסטע יוגענד זיינען אַלע דאָ. איך האָב זיי אַלעמען צוגעצויגען און צוזאמענגעבונדען. די אָרימע האָבען פון אָנפאַנג מורא געהאַט צו געהן, זיי וועלען דאָך אָנטראָגען בּלאָטע אין שטוב, אָבער די פריינדליכע אויפנאַהמע פון מיין פרוי און מיינע קינדער האָט זיי ערמוטיגט, און זיי פיהלען זיך היימיש. יעדען שבת זאָג איך פאַר זיי תנ"ך, און נאכהער לערענט מען אידישע געשיכטע אָדער מען לעזט עפּעס א גוטע זאַך, נאכהער דיסקוטירט מען, און מען פאַרברענגט אזוי ביז פאַרנאַכט. גאָר די נאָהענטע פריינד פאַרבלייבען אויף א מילכיגען שלוש סעודות, און מילכיגס

איז אייגענע און זעהר געראָטענע. און, ווען עס קומט אַ שמחת־תורה, אָדער אַ פּורים, קומען זיך אַלע צוזאַמען, מען פאַרברענגט אמת שעהן אידישלעך, מען פאַרטרייבט אַביסעל דעם גלות־אומעט מיט אַ אידיש־האַרציגען נגון.

124. אונזער תלמוד תורה אין קריוואָי ראָג.

אונזער שטעדטעל וואַקסט. די רודניקעס ציהען צו ניט נאָר קאַפּיטאַליסטען, נאָר עס קומען אויך אָן פיעלע קבצנים, וואָס ווילען זיך רייבען ארום אַ פעטען טאָפּ. אַ קבצן בלייבט אָבער אומעטום אַ קבצן, און קריוואָי ראָג האָט אַלע צדקה־אנשטאַלטען, אפילו אַ תלמוד תורה אויך, און טאקע גאָר אַן אמת'ע אידישע תלמוד תורה.

איינגיכען נאָך מיין אָנקומען באַזוך איך די תלמוד תורה. איך קום אריין אין אַ נידעריגער, שמוציגער הייזקע, וואָס האַלט שוין ביים איינפאַלען. עטליכע און צוואַנציג אָפּגעריסענע, פאַרחושכ'טע, פאַרשמוצטע אינגעלעך שרייען אין איין קול, און אין מיטען שטעהט אַ איד מיט ניט קיין צוקאַמטע באָרד און פאות, מיט אַ פאַרשמאָלצענער יאַרמולקע אויף אַ קאָפּ, וואָס איז באַדעקט מיט מעהר פעדערען איידער האָר, אין אַ לאַנגען וואַלענעם צוריסענעם דורכגעווייקטען מיט שוויס טלית קטן, וועלכער הענגט איבער אַן אָפענער ברוסט, וואָס איז פאַרוואַקסען מיט לאַנגע האָר. דערזעהענדיג מיך, בלייבט ער שטעהן מיט די רימענע לאַקשען אין די הענד אַ דערשראָקענער ווי אַ האָז.

מיט ווייכע פריינדליכע רייד ערמוטיג איך אַביסעל אָט די אונגליקליכע באַשעפעניש, וואָס טויג ניט אויף דער ווייסער וועלט אויסער צו זיין אַ מלמד פאַר אָרימע אידישע קינדער. איך פרעג איהם וואָס מען לערענט, ענטפערט ער ווי געוועהנליך: „עברי, חומש און מעביר זיין די סדרה". מיט זיין ערלויבניש, פאַרהער איך די קינדער. דעם חומש פאַרטייטשט מען איינציגע ווערטער־ווייז, קיינער ווייס ניט דעם אינהאַלט. קיין איינער ווייס ניט די באַדייטונג פון אַ יום טוב, קיינער קען ניט קיין וואָרט העב־

רעאיש, פון שרייבען ווייס מען גאָר ניט, רוסיש און רעכענען ווערט אפילו ניט דערמאָנט.

איך געה אוועק מיט א וועהטאָג אין הארצען, און פאַנג אָן צו זוכען מיטארבייטער. איך געה אין שוהל ריידען וועגען אויס־בעסערען די תלמוד תורה. ווי געוועהנליך, געפינען זיך געגנער. דאָך קלייבט מען אויס א קאָמיטע מיט׳ן רב און מיט׳ן ראבינער. מיר שרייבען אוים א גוטען מלמד פאַר אידיש, מען נעהמט א לעהרער פאַר רוסיש, מען דינגט א שעהנע דירה, מען ארבייט אויס א פראָגראמע און מען פאַנגט אָן צו לערנען.

צו אַלע מיינע ארבייט איז צוגעקומען נאָך אַן ארבייט. די תלמוד תורה ווערט א טייל פון מיינע אַלטעגליכע ארבייט. פאָהר־רענדיג פון איין געשעפט צום צווייטען, כאַפּ איך זיך אריין אין תלמוד תורה זעהן וואָס מען לערענט און ווי מען לערענט, און א מאָל טאקע ווייז איך אליין ווי מען לערענט. הייגט דארף מען דאָך יעצט האָבען היבשע געלד. שפּאַנט מען די קאָנטאָרסקע פערד, און איך נעהם דעם רב, און מען פאָהרט ארוים מאכען געלד. און געלד איז ניט שווער צו מאכען. פיעלע גיבען טאקע מיט׳ן גוטען ווילען, און פיעלע גיבען, ווייל מען קען ניט אָפּזאָגען. סוף הזמן מאכט מען עקזאמענעס. איך לאַד איין אַלעמען. די קינדער האָבען געמאכט אַן ערפאָלג. אַלע זיינען צופריעדען, אויסער א פּאָר, וועלכע געפינען זיך ביי אידען אומעטום צו זוכען חטאים און אָנמאכען קריגע. די שטאָדט האָט אָבער דעם פולען צוטרויען צו מיר, און אונזער תלמוד תורה וואקסט. ווען איך האָב פאַר־לאָזען קריוואָי ראָג, האָבען מיר געהאט מעהר פון הונדערט קינדער מיט דריי גוטע לעהרער פאַר אידישע למודים און איין לעהרער פאַר רוסיש. אויך האָבען מיר געהאט א פאָנד פון פינף טויזענד רובעל צו בויען א תלמוד תורה. די ערשטע טויזענד רובעל האָב איך געגעבען, ווען מיין בעל הבית׳ פאָטער איז געשטאָרבען, און מען האָט געבעטען קבורה־געלד, האָב איך געזאָגט, אז איך גיב 1000 רובעל, אָבער נאָר אויף א תלמוד תורה. מיין בעל הבית איז שטאַרק צופריעדען געווען דערמיט.

125. מיינע גוטע פריינד אין די גוטע אומשטענדען.

ווי אזוי קען א מענש לעבען אהן נאהענטע אינטימע גוטע פריינד? און פארוואס זאל טאקע יעדער מענש ניט האבען קיין אמת'ע גוטע פריינד? איך מוז זאגען, אז אין דיעזער הינזיכט בין איך געווען א גליקליכער. אומעטום האב איך אימער געהאט איבערגעגעבענע, הארציגע גוטע פריינד. אט דא אין קריוואי ראג אויף מיין נייער שטעלע האב איך אויך גיך באקומען גוטע פריינד מיט א שטארקען גייסטיגען צוזאמענבונד. און ווי פארשיעדענ־ארטיג זיי זיינען, מיינע גוטע פריינד. צווישען זיי האב איך אונזער שטילען, טאלעראנטען חסידישען רב ר' איסר, וועלכער קומט צו מיר מיט אייניגע עלטערע מענשען יעדען מוצאי שמחת תורה אויף הבדלה, און מיט זיין שעהנער שטימע זינגט ער הארציגע חסידישע נגונים. ער זאגט, אז ביי מיר אין שטוב האט ער ליעב צו זעגענען זיך מיט די ימים טובים.

צווישען מיינע נאהענטע גוטע פריינד האב איך אויך דעם גאנץ פריי־געזאנענעם מ. הערשאוויג, וועלכער האט ליעב צו זיין אמאל ביי מיר צום סדר. הארצליך באפריינדעט בין איך מיט דעם אלטען גוטען מ. דאלזשאנסקי, דער גביר פון שטעדטעל, וועלכער גיט אפ זיין צייט, מיה און געלד פאר אלע אידישע אינטערעסען; און גאר נאהענט זיינען צו מיר די יונגינקע נ. גאלדין און מ. בראסלאווסקי, וועלכע זיינען שפעטער געווען געטרייע ציוניסטען. שטארק באפריינדעט בין איך מיט די אידעאליסטישע לעהרער ווי קארלין און באהאסלאווסקי, און מיט אזא סוחר ווי ש. בראסלאווסקי, וועלכער איז אין מארק דער סימוואל פון געשעפט, און אין אונזער געזעלשאפט, וואו מען רעדט וועגען העכערע פראגען און פראבלעמען, אדער ווען מען לעזט עפעס א גוטע זאך, ווערט ער אזוי באגייסטערט און איבערגעגעבען גלייך ווי גאר אן אנדער מענש, און איך בין זיכער, אז דאס איז ערנסט. אין דיעזען מאמענט איז דאס גאר אן אנדער מענש מיט אן אנדער נשמה. אזעלכע צווייענדיגע נשמות האב איך געזעהן צווישען אונזערע פרומע אידען און צווישען אונזערע משכילים.

דעם גרעסטען פלאץ פון מיינע גוטע פריינד האט פארנומען

חיים טשעמערינסקי, וועלכער איז שפּעטער באוואוסט געוואָרען אלס ר׳ מרדכי׳לע, דער אידישער לאַפאָנטען אָדער קרילאָוו, דער בעסטער אידישער משלים־שרייבער. אין קריוואָי ראָג האָב איך איהם געטראָפען אין זיין גרויסען אייזען־געשעפט. אזוי ווי אונזערע געשעפטען האָבען געפאָדערט פיעל אייזען און שטאָל, פלעג איך אָן צו קויפען ביי איהם. איך קום אָפט אריין, און געפין איהם זיצענדיג איבער א בוך פון כימיע, אָדער פיזיק, אָדער העכערע מאַטעמאַטיק, אָדער ער שרייבט גאָר א לאַנגען העברעאישען שיר „שוק בשמים״ — א יריד אויפ׳ן הימעל — דער שיר איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרען, ער געפינט זיך נאָך ביי מיר. טשעמערינסקי פאַנגט אָן אָפט אריינצוקומען צו מיר, און מיר ווערען שטאַרק באפריינדעט, און איך באמערק זיין געניאַלען קאָפּ, זיין שטאַרקע תפיסה מיט׳ן וואונדערבאַרען זכרון, מיט זיין פיעלזייטיגע און פארשיעדענאַרטיגע קענטעניס סיי אויף אַלגעמיינע וועלטליכע און סיי אויף אידישע געביטען. דער סוף איז געווען, אז ער האָט גע׳פּטר׳ט די געלד, געוואָרען אוים סוחר, און אין איין יאָהר געענדיגט אכט קלאַסען גימנאַזיע, געוואָלט ווערען ראַבינער, נאָר דאָס איז איהם ניט געפעלען געווען, און ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען, און איינגיכען פאַרנומען זיין ריכטיגען פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור.

נאָך אַן אינטערעסאַנטער טיפּ צווישען מיינע גוטע פריינד איז געווען אַן עלטערער מענש ש. גלאַזמאַן. אָנגעקומען צו אונז אויף א שטעלע אויף איינעם פון אונזערע רודניקעס. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אז ער איז א איד, וואָס קען לערנען, דערצו נאָך א חסיד און איז גאַנץ פאַנאַטיש. ער געפעלט מיר אָבער אלס א קלוגער, אָרענטליכער און אָפענהאַרציגער מענש. איך ווער מיט איהם נעהנטער. שבת קומט ער צו מיין מנין דאַווענען, און שבת בייטאָג קומט ער פארברענגען. מיר ריידען ביידע פריי וועגען אַלעס. איך פארשטעה איהם, און ער פאַנגט אויך אָן מיך צו פארשטעהן. ער נעהמט ביי מיר ביכער צום לעזען, און איינגיכען איז פון דעם חסיד געוואָרען א פיינער משכיל און הייסער ציוניסט. ער האָט געוואָרפען זיין שטעלע און פארנומען א שטעלע פון א לעהרער אין אונזער תלמוד תורה. אונזער פריינדשאַפט

איז געווען זעהר שטארק און אין זיינע בריעף צו מיר קיין אמעריקא רופט ער מיך „מיין רבי".

שפּעטער איז מיין אוצר פון גוטע פריינד רייכער געוואָרען מיט נאָך אַ ליעבען פריינד. דאָס איז יוסף בראהינסקי (אין אמעריקא הייסט ער בראגין). ווען ער איז געקומען קיין קריוואָי ראָג, האָט ער זיך געווענדעט צו מיר אלס צום פּאָרזיצענדען פון דער תלמוד תורה ווענען אַ שטעלע אלס לעהרער. דער יונגערמאַן האָט גלייך געמאַכט אויף מיר זעהר אַ גוטען איינדרוק. דאָס איז גראָדע געווען שבת צו נאַכט פאַר די ערשטע סליחות, כאַפּען מיר אַ שמועס אַ שטונדען זעקס ביז מען געהט צו סליחות. איך זעה, אַז דאָס איז אַ יונגערמאַן מיט אַ שכל הישר, מיט אַ גלייכען קאָפּ, מיט גאַנץ גוטע פעהיגקייטען, האָט געלערענט און איז ווילינ צו לערנען, ער קען שעהן ריידען און קען גוט הערען וואָס אַ צווייטער רעדט. איך באַמערק, אַז זיין באשיידענהייט איז אָהן קנעכט־שאַפט, און זיין זעלבסטווירדע איז אָהן פּוסטע גדלות; און איך בין איבערצייגט, אַז פון דעם יונגען מאַן וועט אמאָל זיין אַ טיכ־טיגער ארבייטער אין דער אידישער געזעלשאַפט, און איך באַשליס צו טאָן אַלץ ווי פאַר אַן אייגען קינד. ער ווערט לעהרער אין תלמוד תורה און פאַרנעהמט דעם ערשטען פּלאַץ, ער לערענט מיט מיינע קינדער און ווערט ביי מיר אין הויז ווי אַן אייגענער. מיר לעזען צוזאַמען, מיר ריידען פיעל, און צווישען אונז האָט זיך ענטוויקעלט אַן ערנסטע איבערגעבענהייט און אַ טיעפע פריינד־שאַפט.

126. ווי אזוי אַ רוסישער איד האָט געלערענט זיינע קינדער.

איך האָב זעקס קינדער, זאָלען געזונד זיין. דריי זיהן און דריי טעכטער. מרים, די עלטערע טאָכטער, מיט וועלכער איך האָב אליין געלערענט, קען גוט העברעאיש און איז צוגעגרייט צום עקזאַמען פאַר אַ לעהרערין. פּאָהרט זי קיין מעליטאָפּאָל און האלט אויס עקזאַמען. זאָל זי האָבען אַ פּראָפעסיאָן, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך אין לעבען. פאַר די אַנדערע קינדער ברענג איך אַראָפּ צו זיך אין הויז אַבְרָהָם סֹוּם, וועלכער קען גוט העבּרעאיש און

רוסיש און איז אַ גוטער לעהרער. די קינדער מאַכען ערפאָלג און איך בין שטארק צופריעדען. דארף מען אָבער אַ לעהרער אין ארץ ישראל אין דער קאָלאָניע גדרה, רייד איך איהם אליין צו, אז ער זאָל פאָהרען. ארץ ישראל איז בילכער פון מיר; דאָרט האָט ער אַ ברייטערען פעלד פאר זיין ארבייט.

די קינדער לערנען העברעאיש ביי אַנדערע לעהרער ביז בראגין קומט, און נאָכהער איז ער זייער לעהרער ביז מען פאָהרט קיין אמעריקא. אויף רוסיש האָב איך אימער איינעם פון די בעסטע לעהרער. מיין עלטערער זוהן נחום׳קע איז שוין דרייצעהן יאָהר. געמאכט אַ שעהנע בר מצוה. ער האלט אַ שעהנע הארציגע דרשה אין העברעאיש. ער קען גאנץ פיין העברעאיש, ווייס גוט תנ״ך און לערענט גמרא, און איז אין אלגעמיין אַ קינד מיט אַ ווארימער אידישער הארץ. זאָגט ער אַ קאפּיטעל תנ״ך, קען ער אליין אָנפאנגען צו וויינען און מאַכען די צוהערער זאָלען וויינען. וואָס וועט אָבער זיין דער תכלית? איך מוז דאָך איהם געבען בילדונג און ברענגען צו אַ צוועק, אז ער זאָל ניט דארפען ווי זיין טאַטע הענגען אימער אין דער לופטען. אזוי ווי ער איז פעהיג אין מאטעמאטיק און ער צייכענט זעהר שעהן, באשליס איך אָפּצוגעבען איהם אין רעאל שולע, און נאָכהער זאָל ער שטודירען אויף אינזשינער. פריהר איך איהם אוועק לערנען קיין מעליטאָפּאָל, ווייל דאָרט איז פאראן אַ רעאל-שולע און דאָרט וואוינט מיין שוואָגער אָרלאָוו. איך באשטעל פאר איהם אַ לעהרער, וועלכער זאָל איהם צוגרייטען אין רעאל-שולע, און ווייס גאנץ גוט, אז פאר מיין קינד פאנגען זיך אָן צרות, און מיין הארץ טוט מיר וועה. ערשטענס, שרעקט מיך דער געדאנק, פיעלייכט רייס איך אליין מיט מיינע אייגענע הענד אָפּ מיין קינד פון אַלעס וואָס טייער און הייליג איז פאר מיר, און צווייטענס, בלוטיגט מיין הארץ וויסענדיג, אז אָט די יונגע ווארימע אידישע הארץ וועט באלד דערפיהלען די פרעמדע קאלטע אַטמאָספערע, און די עדעלע נשמה׳לע, פול מיט ליעבע און צערטליכקייט, וועט זיך באלד אָנשטויסען אויף האַס און פארפאָלגונגען נאָר דערפאר וואָס ער איז אַ איד, און ווי ענטוישט וועט **ער** ווערען, ווען אָנשטאָט דער לעהרע פון אונזער תּוֹרה, וואָס **איך האָב** אין איהם געפלאנצט וועגען ליעבע,

גלייכהייט און ברידערשאפט צווישען אלע מענשען, וועט ער דער־זעהן די גרעסטע אונגערעכטיגקייט, אז מען לאזט איהם ניט אריינ־טרעטען אין שולע נאר דערפאר וואס ער איז א איד.

און עס פאנגען זיך טאקע אן צרות. אידען נעהמט מען צו נאר דריי פראצענט, און אין די דריי פראצענט כאפען זיך אריין נאר גבירישע קינדער. גרייט זיך מיין זוהן א גאנץ יאהר. צו־געגרייט מעהר איידער עס פאדערט זיך, און ווען עס קומט צו די עקזאמענעס, פארדרעהט מען איהם דעם קאפ און ער פאלט דורך. אויסגעוויינט זיך, און ווייטער גענומען זיך צום לערנען.

איך פיהר איהם אוועק קיין יעקאטערינאסלאוו, און דינג פאר איהם די בעסטע לעהרער. ער האלט שוין אוים יעדען יאהר, אבער אריינקומען קען ער ניט. א איד קען נאר זיין אן עקסטערען, מאטערען זיך ביז מען באקומט דעם דיפלאם, און נאכהער אין פאליטעכניקום איז דאך ווייטער פראצענטען. הונדערטער אידישע יונגע לייט בלייבען אויסען. פיעלע קענען שוין מעהר ניט איבער־טראגען די ליידען, און באשליסען זיך אויף דעם שרעקליכען שריט צו באגעהן דעם גייסטיגען זעלבסטמארד, און שמד'ן זיך.

מיין לעבען ווערט מיר פארביטערט, ווען א פינסטערער גע־דאנק פליהט דורך, פיעלייכט האב איך אליין ארויפגעפיהרט מיין קינד אויף א דינעם אייז, און אט ברעכט זיך דער אייז, און איך פארליר מיין קינד.

די אנדערע קינדער וויל איך ניט געבען שטודירען. זאלען זיי זיין געבילדעטע מענשען אהן דיפלאמען. דער צווייטער זוהן אלי' איז א שטילער אינגעל, האט ווענעג חשק צום לערנען, וויל ער ווערען אן אינטעליגענטנער בעל מלאכה, ער וויל קיין אדעס אין „טרוד”. דאס איז א אידישע שולע, וואו מען לערענט פאר־שיעדענע ארבייט און מען גיט א גאנץ פיינע בילדונג. פיהר איך איהם קיין אדעס, דינג פאר איהם קעסט אין א פיינער אידישער הויז, פארזארג איהם מיט אלעם, נאר ער וויל ניט לערנען און קומט צוריק אהיים. דער דריטער זוהן עמנואל איז א אינגעל א ברען, מיט גאנץ גוטע פעהיגקייטען, מיט א שטארקען ווילען און מיט פיעל ענערגיע. איך גלויב, אז ער וועט זיין א גוטער סוחר. דערווייל זאל ער לערנען. די מיטעלע טאכטער שרה'לע, א שטילע

ווי א טויב, לערענט העברעאיש און רוסיש און איז א זעלטענע ווירטין. מעהר פארלאנג איך ניט פון איהר. די קליינינקע רחל'ע מיט איהר געשליפענעם צינגעלע לערענט אויך העברעאיש און רוסיש, און וואס שפעטער וועט זיין וועט מען זעהן.

דערוויילע קאסט מיך די בילדונג פון די קינדער האלב פון מיינע פארדינסטען. דער רוסישער איד איז געוואוינט דערצו.

127. ציוניזם און מינסקער צוזאמענפאָהר.

אין קריוואי ראָג האָב איך אויסגענוצט יעדער געלעגענהייט צו קלייבען געלד פאר די פועלים אָדער פאר'ן בית־הספר אין ארץ ישראל. איך בין געווען דער באפאָלמעכטיגטער פון אָדעסער קאָמיטעט פון די חובבי ציון, און אין זייער יעהרליכען רעפּאָרט רעכענען זיי מיך פאר איינעם פון די בעסטע ארבייטער.

די באוואוסטזיניגע חובבי ציון האָבען גוט פארשטאנען, אז אונזער ארבייט איז ניט נאָר צו העלפען איינינע אידען, אז זיי זאָלען ווערען קאָלאָניסטען אין ארץ ישראל, נאָר אונזער שטרעבונג איז צו לעגען א פונדאמענט פאר אונזער צוקונפט, אז מיר זאָלען האָבען אונזער איינען היים אין ארץ ישראל. מיר האָבען געהאָפט, אז דער היסטאָרישער מאָמענט וועט קומען, ווען מען וועט אונז אָפּגעבען ארץ ישראל; קיינער אָבער האָט ניט געהאט דעם מוט ארויסצוזאָגען אונזערע האָפנונגען אָפען פאר דער וועלט ביז דאָקטאָר הערצעל איז געקומען.

דר. הערצעל, דער אדוואָקאט, איז געווען איינער פון די בעסטע שרייבער פון דער גרויסער דייטשער צייטונג „נייע פרייע פרעסע". ער איז גאנץ ווייט געווען פון אידען און אידישקייט, נאָר דער אנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט זיך שטארק פארשפרייט אין די לעצטע יאָהרען, האָט דעם גרויסען ריעז אויפגעוועקט פון דעם לעטארגישען אסימילאטאָרשען שלאָף, און מיט זיין גרויסען קאָפּ און טיעפע בעאָבאכטונגען האָט ער גענומען אריינדרינגען אין דער „אידען־פראגע", און ער האָט זיך איבערצייגט, אז דער איד וועט קיינמאָל ניט ווערען קיין פראנצויז און קיין דייטש, נאָר ער וועט אימער בלייבען א איד און ניט מעהר, און אונטער אלע אומשטענ־

דען וועט ער אומעטום פארדעכענט זיין ווי א פרעמדער, דעריבער קען די אידען־פראגע געלעזט ווערען נאר דאן, ווען דער איד וועט האבען זיין אייגען היים און וועט לעבען זיין אייגענארטיגען לעבען.

זיין מיינונג האט דר. הערצל אויסגעדריקט פאר דער גאנצער וועלט אין זיין בוך „דער יודענשטאאט”, וועלכעס האט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט. און ער איז ניט יוצא געווען מיט שרייבען אליין, נאר ער האט טאקע אנגעפאנגען צו ארבייטען. ער פאהרט ארום איבער אייראפא צו פאראייניגען די קרעפטען, וועלכע זאלען קענען פארווירקליכען זיין פלאן. אין דער קריסט־ליכער וועלט געפינט ער פיעלע וואס סימפאטיזירען מיט זיין פלאן, און צווישען אידען האט ער וואונדער באוויזען. זיין אידעאל האט טיעף אריינגעדרונגען אין דער נשמה פון די בעסטע קינדער פון אונזער פאלק. ער קעהרט אונז אום ניט נאר א גרויסען טייל פון אונזער בעסטער יוגענד, וועלכע איז פארפרעמדט געווארען פון אונז, נאר ער ציהט אויך צו פיעלע עלטערע גרויסע מענשען. דער אלוועלטליך־באוואוסטער שריפטשטעלער מאקס נארדאו, פון וועלכען פיעלע האבען גאר ניט געוואוסט אז ער איז א איד, און דער באוואוסטער אנארכיסט בערנארד לאזאר ווערען הייסע אנ־הענגער פון דר. הערצל.

דר. הערצל רופט צונויף אין באזעל דעם ערשטען אידישען קאנגרעס, וועלכער טראגט אריין ליכט און האפנונג אין אונזער פינסטערען גלות־לעבען. מיר גלויבען, אז מיר וועלען האבען אן אייגענע היים, אז אונזער טויזענד־יעהריגע האפנונג וועט פאר־ווירקליכט ווערען.

עס עפענט זיך יעצט א ברייטעס פעלד פאר טעטיגקייט. עס גרינדעט זיך דער אידישער קאלאניאל־באנק, מוז מען די שערס פארקויפען, און איך בין גאנץ ערפאלגרייך אין מיין ארבייט. אפילו מיין בעל הבית, ניט קיין ציוניסט, קויפט 100 שערס, און מיר גרינדען א פאראיין פון ציוניסטען. מען מאכט פארזאמ־לונגען, פארלעזונגען, דיסקוסיאנען, און עס ארבייט זיך מיט גרויס ענטוזיאזם.

אין 1902 יאהר ערלויבט אונז די רעגירונג צו האבען א ציוניסטישען צוזאמענפאהר אין מינסק. דאס איז געווען אן

אמת׳ער קאָנגרעס. עס זיינען געקומען מעהר פון 700 דעלעגאטען און געסט פון אלע ווינקעלאך פון רוסלאנד און פון פאלעסטינא. איך בין אויך געווען א דעלעגאט. די באגייסטערונג איז געווען זעהר גרויס. פון דער ערעפענונג, ווען דער אלטער ליליענבלום האָט וויינענדיג פון פרייד „שהחינו" געמאכט, ביז דער שליסונג, ווען הונדערטער קולות האָבען געזונגען די התקוה", האָבען זיך אלע געפיהלט אין א הויכער, אויסערגעוועהנליכער שטימונג. איבערהויפט האָט מען געמוזט באוואונדערען די אחדות. די אידעע האָט אלעמען פאראייניגט. די רבנים מיט דער פראקציע פון די ראדיקאלע ציוניסטען האָבען זיך ברידערליך באגעגענט. זיעבען טעג פון אין דער פריה ביז האלבע נאכט זיינען אלע געזעסען און אויסגעהערט די רעפּאָרטען און די נייע פלענער, וועלכע זיינען געדיסקוטירט געוואָרען היים אָבער זעהר ערנסט, מיט פולען טאָלעראנץ. אוסישקין איז דאָ ארויסגעקומען מיט זיין פלאן צו אָרגאניזירען אן ארמעע פון ציוניסטען, וועלכע זאָלען זיך פארפליכטען צו דיענען ווי סאָלדאטען. אחד העם האָט געהאלטען זיין וואונדערבארען פאָרטראג וועגען נאציאָנאליזירען די יוגענד, וועלכע זאָל באוואוסטזיניג דיענען דעם אידעאל דורך ליעבע און ניט דורך דיסציפלין. דאָ האָט מען באשלאָסען צו גרינדען וואָס מעהר שקל־קלובם צו פארקויפען מעהר שערם פון אונזער באנק, און צו קלייבען וואָס מעהר געלד פאר׳ן נאציאָנאל-פאָנד, און פאר די געלד באלד אָנפאנגען קויפען ערד אין פאלעסטינא, און די ערד זאָל זיין דאָס אייגענטום פון דעם אידישען פאָלק. נאָך פיעלע וויכטיגע זאכען האָט מען דאָ באשפּראָכען און באשלאָסען דורכצופיהרען, און מיר האָבען זיך איבערצייגט, אז מיר, רוסישע אידען, זיינען פעהיג אָנצופיהרען א גרויסע אָרגאניזאציאָן, אז מיר קענען אָפּהאלטען פארלאמענטאריש א קאָנגרעס. אלעס איז געווען אין אָרדנונג מיט א גוטער דיסציפלין, אָבער אָהן דעם ביוראָקראטישען גייסט. קיינעמס פרייהייט איז ניט באגרענעצט געוואָרען. אמת דעמאָקראטיש. די גלייכהייט און ברידערשאפט האָט זיך געפיהלט אין דער אטמאָספערע. די גאנצע פארזאמלונג האָט אויסגעזעהן ווי איין מענש מיט איין גרויסער נשמה, וועלכע האָט איין שטרעבונג, איין אידעאל — ציון.

פול מיט מוט און האָפנונגען האָבען מיר זיך אומגעקעהרט אהיים, גרייט צו ארבייטען מיט לייב און זעעל פאר אונזער נאָהענטער צוקונפט. קומענדיג אהיים האָב איך אין שוהל אָפּגעגעבען דעם רעפּאָרט. דריי שטונדען גערעדט, אַלע איינצעלהייטען איבערגעגעבען. פיעלע חברים צוגעקומען, און מיר נעהמען זיך פאַרטזעצען אונזער הייליגע, טייערע ארבייט.

און ווי שרעקליך איז געווען אונזער וועהטאָג, ווען אין א פּאָאַר וואָכען ארום האָט אונזער רעגירונג ארויסגעגעבען א שטרענגען באפעהל צו פארפאָלגען אַלע ציוניסטען, און פאר פארקויפען שערים, שקלים און דאָס גלייכען, זאָל מען שטאַרק באשטראפען. יעצט זעהען מיר דייטליך, אז מען האָט אונז ערלויבט מאַכען די פארזאמלונג אום אויסצוגעפינען וואָס מיר טוען און צו וואָס מיר שטרעבען אום מען זאָל דאָס אין גאנצען פארניכטען. און עס פאנגט זיך פאר אונז אָן א שווערע ריזיקאַלישע ארבייט. מען מוז זיך באהאַלטען, מען ציטערט, אָבער דאָס האלט ניט אָפּ, מיר ארבייטען באהאַלטענערהייט.

128. פון חתן תורה צום גובערנאַטאָר.

עס איז שמחת תורה. מען האלט ביי חתן תורה. אונטער דער חופה שטעהט דער קרעמער ס., וועלכער האָט צוויי גרויסע קראָמען. צום רב געהען צו צוויי יונגע לייט און בעטען איהם, אז ער זאָל בעטען זייער בעל הבית, אָט דעם וואָס איז ערשט חתן תורה, אז ער זאָל ערלויבען פארמאַכען די געשעפטען, אום די „מענשען” זאָלען קענען געהן אין שוהל. דער רב בעט מיך, אז איך זאָל מיט איהם צוגעהן.

אונזער חתן איז ארוים פון אונטער דער חופּה. געהען מיר צו, און דער רב בעט איהם גאנץ העפליך, אז ער זאָל הייסען פארמאַכען די קראָמען. ענטפערט אונזער גביר מיט א ברייטקייט: „און מיינע חובות וועט איהר צאָהלען?”.

ווי א פונק פייער אין א בארג פּולווער זיינען די ווערטער געווען אין מיין הארצען. איין מאָמענט, און איך שטעה שוין נעבען דער ספר תורה. איך האלט זי מיטביידע הענד און שריי

אוים: „אָוועק מיט אייערע אונריינע הענד פון אונזער תורה, וועלכע לערענט אונז, אז אין דעם טאָג פון אונזער רוהע זאָלען רוהען ניט נאָר די קנעכט און דיענסטען פון אנדערע נאציאָנען, נאָר אפילו אונזער אָקס און עזעל מוזען רוהען, און איהר פאר־שקלאַפט אייערע אייגענע ברידער, אז אפילו אין אונזער הייליגע רוהע־טעג מוזען זיי ארבייטען פאר אייך, ווען זייער הארץ בלוטיגט, וואָס זיי זיינען געצוואונגען צו פארקויפען זייער געוויסען און זייער גלויבען פאר א שטיקעל ברויט, און איהר אלע אונפארשעהמט גיט אָפּ פאר געלד צו אזא מענשען חתן תורה".

אין שוהל איז א טויטע שטילקייט, און איך גיס אויף זיי מיין גאַנצע גאַל, איך באקלאָג מיינע אונגליקליכע ברידער, וועלכע דער גלות האָט פארוואַנדעלט אין שאכער־מאַכערס, אז אפילו אין שוהל מאַכען זיי געשעפטען. פיעלע מענשען וויינען שוין, און איך רייד ביז מען פיהרט מיך ארוים א גע'חלש'טען.

שפּעטער דערהער איך, אז די צוויי יונגע לייט זיינען אוועק און אליין פארמאכט די קראָמען, און דער בעל הבית האָט גערופען פאָליציי און מען האָט זיי ארעסטירט אלס זאבאסטאָווטשטשיקעס (סטרייקערס), און קריוואָי ראָג איז אויף וואָיעננע פּאָלאָזשעניע (קריעגס־צושטאנד), ווייל די לעצטע צייט טרעפען ארבייטער־אונרוהען.

מען רופט מיך אויך אין פּאָליציע. די פּאָליציע האָט שוין א פארטיגען פּראָטאָקאָל, אז איך האָב געהאלטען א סאָציאַליס־טישע רעדע און ארויסגערופען די פריקאזטשיקעס אויף א זאבאס־טאָווקע (סטרייק). אלע מיינע טענות האָבען מיר ניט געהאָלפען, און איך וויים גאַנץ גוט, אז מיט געלד קען איך זיך אויסקויפען, נאָר איך וויל דאָס ניט טאָן, און די פּאָליציע שיקט אָפּ דעם פּראָ־טאָקאָל גלייך צום גובערנאַטאָר.

שפּעטער דערוויס איך זיך, אז עס קען טרעפען, דאָס מען זאָל קיינע אונטערזוכונגען ניט מאכען, און אונטער די אויגען קען מען מיך פאַראורטיילען צו צאָהלען 500 רובעל שטראָף, אָדער גאָר ארויסשיקען מיך פון דער גובערניע. איך זעה, אז דאָס איז א שפּיעל פאר'ן טייוועל, לויף איך צום גובערנאַטאָר. איך דער־צעהל איהם, אז די באשולדיגונג איז ניט ריכטיג, און אויף זיינע

פראגען האָב איך געמוזט דערציילען, וואָס איז שמחת תורה און וואָס איז חתן תורה, און ווי דער קרעמער האָט ניט געוואָלט לאָזען זיינע מענשען געהן אין שוהל, און וואָס איך האָב געזאָגט. דער גובערנאַטאָר האָט מיין שמחת תורה'דיגע דרשה אויסגעהערט מיט קאָפּ, און געהייסען באַלד אראָפּנעהמען פון מיר די באשולדיגונג, און מיינע ווערטער האָבען געהאָלפען, אז די יונגע לייט, וועלכע מען האָט באשולדיגט אין דער זאַבאַסטאָווקע, האָט מען אויך באַ־שטראָפט נאָר מיט אָפּזיצען אַ פּאָאָר טעג.

129. מיין זילבערנע חתונה.

וואָס פרעהט מען זיך מיט אַ חתונה? ווער ווייס, אויב דאָס פּאָארעל וועט גליקליך זיין? אויב יאָ פרעהען זיך, זאָל מען בעסער פרעהען זיך, ווען מען דערלעבט די זילבערנע חתונה, אויב מען לעבט אָפּ פינף און צוואַנציג יאָהר אין צופריעדענהייט און מען פיהלט זיך גליקליך.

גליקליכע און פאָלקאָם צופריעדענע פייערען מיר אונזער זיל־בערנע האָכצייט. מיט אַ ריינעם געוויסען און רוהיגען הארצען פיהרען מיר אונטער דעם סך הכל פון די 25 יאָהר פון אונזער צוזאמענלעבען.

אויסער שווער און שוויגער, ברידער און שוועסטער, בעטען מיר קיינעם ניט, ווייל, אויב בעטען, דאַרף מען דאָס גאַנצע שטעד־טעל בעטען. דאָך גרייט מען צו גענוג עסען און טרינקען, ווייל אייניגע גוטע פריינד ווייסען, און עס קען זיין, אז מען וועט קומען באַגריסען.

אין דעם טאָג פון דער חתונה קומט מען בעטען מיך קומען אין תלמוד תורה. געפין איך דאָרט אַלעמען אין אַ יום טוב'דיגער שטימונג. מען האלט הארציגע באַגריסונגען צוליעב מיין חתונה. איך ענטפער מיט טרעהרען אין די אויגען, און איך ריעד צו די קינדער, און אַלע קינדער האָבען באַקומען מתנות.

אין אבענד, די הויז איז באַלויכטען, די טישען געגרייט, און מיר זיצען מיט די פריינד, וואָס זיינען געקומען צו פאָהרען, און מיר פאַרברענגען זיך, ערשט עס פאַנגען אָן ארייננצוקומען גאָר

די נאָהענטע גוטע פריינד און איינציגע קאָמיטעס. מיר האָבען נאָהענט פון הונדערט געסט. מען צוזעצט זיך ארום די טישען. איך מיט מיין פרוי זיצען ווי אמת'ע חתן כלה. מירביידע זעהען נאָך אויס גאָר יונג. אונזערע קינדער צושטעלען זיך ארום אונז. מיין עלטערע טאָכטער מרים, אין נאָמען פון אַלע קינדער, לעזט פאָר א באגריסונג געשריבען אין א שעהנעם העברעאיש. מיין עלטערער זוהן נחום לעזט א שעהנע באגריסונג אין רוסיש. דער ראבינער לעזט פאָר די באגריסונג פון דער תלמוד תורה און האַלט א קורצע שעהנע רעדע. די ציוניסטען ברענגען א רעזאָלוציאָן, אז זיי האָבען געשיקט הונדערט רובעל צו פארשרייבען מיין נאָמען אין דעם גאָלדענעם בוך פון נאציאָנאַל-פאָנד. איך ענטפער אין א קורצער רעדע וועגען אידישען פאמיליען-לעבען, און מען פאר־ברענגט ביז פיער אזייגער נאָך האַלבע נאכט. מען עסט, מען טרינקט, מען זינגט, מען האַלט רעדעס, מען לייענט שירים לכבוד חתן כלה, און אַלע פיהלען זיך אמת נאָהענט און פריינדליך.

130. קעשענאָווער פאָגראָם (1903).

די רעוואָלוציאָנערע אגיטאציע פארשפרייט זיך איבער'ן לאנד. אידישע יונגע לייט נעהמען אנטייל. די אנטיסעמיטישע צייטונגען נוצען עס אויס און האַלטען אין איין רייצען און אויפרעגען דאָס רוסישע פאָלק געגען אונז. מיר ריכטען זיך אויף פאָגראָמען, אָבער אזעלכעס ווי עס איז געשעהן האָט מען ניט געקענט ער־ווארטען.

אין קעשענאָוו האָט מען געמאכט ניט א פאָגראָם, נאָר א שחיטה אויף אידען. קליינע קינדער האָט מען צושמעטערט די קעפּלעך אָן די שטיינער, אידישע טעכטער האָט מען געפייניגט, אויפגעשניטען בייכער און אָנגעפילט מיט פעדערען, איינציגע אברים האָט מען געשניטען פון לעבעדיגע מענשען, און דאָס אַלעס איז געטאָן געוואָרען אין מיטען טאָג אונגעשטערט פון דער רעגירונג.

אונזער וועהטאָג איז שרעקליך. אַלע זיינען נידערגעשלאָגען. מיר זעהען, אז מיר זיינען הפקר. עס ווילט זיך ראכע נעהמען פאר אונזער פארגאָסענע בלוט. מיר ווייסען, אז ניט די האַלב־

ווילדע מענשען, וועלכע האָבען געמאכט די שחיטה, זיינען די שולדיגע. די אמת־שולדיגע זיינען מעהר באוואוסטזיניגע, זיי קומט די שטראָף, אָבער מיר זיינען מאכטלאָז און הילפלאָז, מיר קענען זיך ניט העלפען, מיר קענען נאָר קלייבען נדבות אויף תכריכים פאר די טויטע און אויף א שטיקעל ברויט פאר די לעבעדיגע. מיר קענען נאָר מאכען הזכרות נשמות און ווערגען זיך מיט אונזערע טרעהרען. אויפהויבען די שטימע פון געוויין האָט מען אונז פארבאָטען. מיר מוזען זיך שטיקען מיט אונזערע זיפצען ביז אונזער הארץ ווערט צופּלאַצט.

ביי אונז אין קריוואָי ראָג קלייבט מען אויך צונויף אלע אידען אין שוהל. מען מאכט אל מלא רחמים. דער ראבינער פאנגט אָן צו ריידען און קען ניט, ער ווערט דערוואָרגען פון טרעהרען. אין שוהל איז א יאָמער, דאכט זיך די ווענט אפילו וויינען. דער ראבינער בעט מיך, איך זאָל ריידען און בעטען נדבות פאר די קרבנות. איך רייד, אָבער איך וויין ניט. איך זוך א טרייסט־וואָרט פאר מיינע אונגליקליכע ברידער און שוועס־טער, וועלכע בלייבען שוין אָהן קרעפטען ווייגענדיג אויפ׳ן ביטערען שיקזאַל פון די אומגעקומענע, און נאָך מעהר אויף די אונזיכער־הייט פון דעם אייגענעם לעבען. טויזענדער ארבייטער האָבען מיר דאָ. איין וואונק טאָן צו זיי, מאכען זיי באלד מיט אונז, וואָס מיט די קעשענאָווער אידען.

דעם נעקסטען טאָג האָבען מיר טאקע פארזוכט דעם טעם פון ערוואַרטען דעם שרעקליכען טויט. אין אבענד האָט זיך די נאכריכט פארשפּרייט, אז אין עק שטעדטעל האָט זיך אָנגעפאנגען א פּאָגראָם.

מיין גאָט, וועלכע געזיכטער איך האָב דערזעהן ארום זיך ביי מיר אין הויז. אייביג וועל איך ניט פארגעסען דעם בליק פון מיין מיזינקעלע, די ניין־יעהריגע רחל׳ע. וואו נעהמען זיך אזעלכע גרויסע, פארגלאָזערטע, שרעקליכע אויגען? זי טולעט זיך צו מיר, זי רעדט ניט, נאָר קוקט גלייך אין מיינע אויגען, און איך פיהל, אז אָט פּלאַצט מיין הארץ. די מוטער, א האלב־טויטע, ארום די עלטערע צוויי פארלאָרענע טעכטער שפּרייט אויס איהרע ציטערענדיגע הענד, ווי א טויב וואָס וויל באשיצען פון א רויב־

פויגעל איהרע טייבעלעך אין נעסט. „פיעלייכט באהאלטען זיך?"
פרעגט מיך מיין פרוי; און איך ווייס דאָך, אַז אין קעשענאָוו
האָבען זיי אומעטום אָפּגעזוכט, ווי די מייז אין די לעכער האָט
מען זיי צושטיקט. וואָס טוט מען? טו איך אַ טראַכט. פאַר־
טיידיגען זיך איז גלייך ווי אויפצוהאַלטען אַ וואולקאַן. בעטען
רחמנות? איז גלייך ווי ביים טייוועל. ניטאָ קיין עצה. נאָר
אַ נס האָט געטראָפען. מען זאָגט אָן, אַז דאָס האָבען נאָר עטליכע
שכור'ע אַרבייטער צוראַבירט אַ אידישע קרעמעל, און עס איז
שטיל געוואָרען.

אויף מאָרגען באַשליסט מען צו שיקען אַ קאָמיטע צום
גובערנאַטאָר, בעטען, אַז ער זאָל שיקען צו אונז קאַזאַקען צו פאַר־
היטען אונז. איינער פון דער קאָמיטע בין איך. שווער איז מיר
אַזאַ בעטען, ווי׳סענדיג אַז די רעגירונג אַליין מאַכט די פּאָגראָמען.
איך קען אָבער ניט ענטזאָגען זיך, און פאָהר. אַ גובערנאַטאָר
איז אַ נייער, ניט דער, וואָס איך קען איהם. צום ריידען שטעלט
מען מיך אַרויס, און ווי אויף להכעיס קען איך ניט מאַכען דעם
טאָן פון בעטען, און קען אויף זיך ניט אַרויפציהען אַ רחמנות־
פּנים. איך טו נאָר אַ זאָג, אַז דאָס איז אַ שאַנדע צו ברענגען
דערצו, אַז מען זאָל נאָר דאַרפען געהן בעטען אַזאַ באַשיצונג;
און דער גובערנאַטאָר ענטפערט גאַנץ קאַלטבלוטיג: „וואו עס
דאַרף זיין אַ פּאָגראָם, דאָרטען וועלען די קאַזאַקען אויך ניט
העלפען, און אויב איהר ווילט זיכער זיין, דאַרפט איהר פאָהרען
קיין אמעריקאַ אָדער קיין פּאַלעסטינע". דאָס הייסט, אונפאַר־
שעמט גאַנץ אָפען געזאָגט, טראַכט איך מיר. דאָך האָבען מיר
איינגעבעטען, אַז מען זאָל שיקען קאַזאַקען.

131. פּאַלעסטינע אָדער אַמעריקע.

איך קום אַהיים. קאַזאַקען זיינען שוין דאָ. מען היט אונז.
איך שעהם זיך אין גאַס אַרויסגעהן. עפּעס פיהלט מען זיך קליין
און דערשלאָגען. מיר דאַרפען האָבען היטער, און דער גובער־
נאַטאָר האָט דאָך געזאָגט, אַז וואו עס דאַרף זיין אַ פּאָגראָם, וועלען
די קאַזאַקען אויך ניט העלפען. דער גובערנאַטאָר איז גערעכט,

אז אויב א איד וויל זיכער זיין פון פּאָגראָמען, זאָל ער אוועק־פאָהרען קיין אמעריקא אָדער פּאַלעסטינא.

דער געדאנק לאָזט מיך שוין ניט אָפּ, און די בילדער פון קעשענאָוו זעה איך אימער פאר מיינע אויגען. שרעקליכע נעכט לעב איך איבער. ווי איך מאך צו די אויגען, זעה איך ווי עס וואַלגערען זיך אין גאס אידישע קינדערלעך מיט צושמעטערטע קעפּעלעך, און אָט לויפען האלב משוגע'נע טאטעס מיט אָפּגע־שניטענע אויערען צו באהאלטען זיך ערגיץ אין א לאָך, און אָט זעה איך דאָס שווידערליכסטע: איין חוליגאן שענדעט די טאָכ־טער, א צווייטער — די מוטער, איך הער זייערע פארצווייפעלטע יאָמער־געשרייען, און איך שריי אויך מיט א ווילדען געשריי. מען וועקט מיך, איך כאַפּ זיך אויף ווי א צומישטער; איך קען שוין מעהר ניט שלאָפען, איך לויף ארום איבער די צימערען פול מיט האס און מיט צאָרען צו דער גאנצער וועלט און צו זיך אליין.

מיט יעדען טאָג ווערט מיר דאָס לעבען אַלץ מעהר אונער־טרעגליך, און איך באשליס פעסט צו פארלאָזען רוסלאנד. די פראגע איז אָבער, וואוהין פאָהרט מען? מיין נשמה, מיין האַרץ ציהען צו פּאַלעסטינע, צו העלפען בויען אונזער היים, צו לעבען אין א ריינער אידישער אטמאָספערע און צו געניסען אין דער ווירקליכקייט עטוואָס פון מיינע זיסע טרוימען, אָבער מיין קאַל־טער פארשטאנד ווייזט מיר, אז פּאַלעסטינע פאָדערט פּיאָנירען, ניט נאָר מענשען מיט א שטארקען ווילען, נאָר דערצו נאָך יונגע, געזונטע, פיזיש־פעהיגע מענשען צו ארבייטען און צו קעמפּפען, און איך מיט מיין שוואכען געזונט, מיט מיינע יונגע קינדער קענען דאָרט נאָר פאלען אַלס קרבנות אָהן נוצען, און פיעלייכט נאָך פאלען די אנדערע צו לאַסט.

איך פאָהר קיין יעקאטערינאָסלאַוו צו באראטען זיך. דר. שמריהו לעווין, וועלכער האָט אליין זיין גאנצען לעבען אָפּגעגעבען פאר פּאַלעסטינא, שרייט, אז איך מוז פאָהרען קיין פּאַלעסטינע. אוסישקין אָבער זאָגט, אז איך האָב ניט גענוג געלד צו ווערען א קאָלאָניסט אין פּאַלעסטינע.

הייסט עס, אז איך מוז פאָהרען קיין אמעריקע, פון וואנען איך בין אנטלאָפען מיט צוויי און צוואנציג יאָהר צוריק. איך

טרייסט זיך אָבער, אַז אמעריקע איז יעצט ניט ווי אמאָל. היינט זיינען דאָרט פיעלע אידען פאראן, און איך האָב דאָרט ברידער, שוועסטער, פריינד און גוטע פריינד, און קומען וועל איך מיט א ביסעל געלד. שרייב איך קיין אמעריקא צו מיינע ברידער און צו דר. פרייס. ענטפערען זיי, אַז איך זאָל קומען.

מיין בעל הבית דערהערט וועגען מיין באשלוס, רעדט ער מיך שטארק אָפּ דערפון, לעגט מיר פאַר נייע באדינגונגען מיט גאנצע גליקען. איך וויל מעהר אָבער ניט וויסען פון רוסלאנד מיט אַלע איהרע גליקען.

132. אידישע רעוואָלוציאָנערען און מיין טאָכטער'ס ארעסט.

מיט פיער יאָהר צוריק האָבען מיר א נחת דערלעבט. אונזער ערשטע קינד, אונזער געליעבטע טאָכטער מרים האָט חתונה געהאט. א שעהנעם שדוך געטאָן. דער חתן איז יעקב נאָוואקאָווסקי, א יונגערמאן א קענער אין אידיש און אין רוסיש, א געזונטער, א שעהנער, און האָט א טאטען א קלוגען וועלטליכען רב. מיט איין וואָרט, אַלעס ווי געוואונשען. נאָך דער חתונה געמאכט א געשעפט פאר איהם. 1500 רובעל נדן געגעבען, דערצו נאָך געהייסען געבען ווארע, און דער יונגערמאן איז א סוחר געוואָרען.

אין א צייט ארום האָב איך גענומען באמערקען, אַז ער פארנאכלעסיגט דעם געשעפט, און גאנץ אָפט ווערט ער גאָר פארשוואונדען אויף איינינע טעג. ער שלעפּט פון מיר געלד צוליעב דעם געשעפט, און וויל מיר ניט ווייזען קיין רעכענונג. איך האָב אָנגעפאנגען צו פארדעכטיגען, אַז ער האָט זיך פאראינטערעסירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, ווייל איך וויים, אַז זיינע שוועסטער, דעם רב'ס טעכטער, זיינען שוין איינינע מאָל ארעסטירט געוועזען.

איך וויים גאנץ גוט, אַז אונזערע יונגע לייט, מיט דעם אידישען הייסען טעמפעראמענט, זיינען די איבערגעגעבענסטע טרעגער פון דער אידעע. ווען זיי טרעטען אריין אין די רייהען פון די קעמפפער, בלייבען זיי געטריי מיט זייער גאנצען לייב און לעבען. פול מיט מוט, אָהן שרעק, גרייט אויף אַלעס, געהען זיי אויפ'ן

בלוטיגען וועג, וואו טויזענדער קרבנות זיינען שוין געפאַלען. זייערע הערצער ווערען ווי פון שטיין, זייערע נערווען ווי פון שטאָל געגאָסען, קיין מיטלייד, קיין רחמנות, ניט אויף יענעם און ניט אויף זיך; זיי געהען ווי העלדען־מאַרטירער, אָפּפערענדיג זיך אליין און אַלעס וואָס זיי איז טייער און ליעב געוועזן; מען ווארפט אוועק עלטערען, שוואכע, קראנקע, מען פארלאָזט געליעבטע פרויען עלענד און צובראָכען. קיין זאַך האלט ניט אָפּ.

און עס שרעקט מיך דער געדאנק, אז אונזער טאָכטער וועט בלייבען א יונגע עגונה, און פיעלייכט וועט זי געהן מיט איהם. פיעלע יונגע פרויען זיינען אוועק ארבייטען צוזאמען מיט זייערע מענער, און ווערען יעצט פארפוילט אין די אסטראָגען, אָדער זיי שמאכטען ערגעץ אין די ווילדערנעס פון דעם קאַלטען סיביר.

אינגיכען האָב איך זיך איבערצייגט, אז אונזער שרעק איז ניט אומזיסט. איך האָב אויסגעפונען, אז ער פארשפרייט ניט־לעגאַלע ליטעראטור צווישען די ארבייטער. און מיין טאָכטער ווייס דערפון. איך האָב באשלאָסען צו ריידען מיט איהם, און ער האָט אָפען געזאָגט, אז ער ארבייט, און יעצט מוז ער אין גאנצען אָפּגעבען זיך דערמיט, און אינגיכען וועט ער אוועקפאָהרען.

— און דו קענסט איבערלאָזען מרים'ן? — פרעג איך איהם.

— מרים איז אַלעס פאר מיר אין מיין פערזענליכען לעבען, — ענטפערט ער מיר, — אָבער מיין גאנצער „איך" באלאנגט יעצט צו דער באוועגונג, און פאר מיינע פערזענליכקייטען איז מעהר ניטאָ קיין פלאַץ.

— זי דארף דאָך אָבער אינגיכען א מוטער ווערען, — זאָג איך צו איהם.

— קיין סענטימענטאַליטעט עקזיסטירט ניט פאר אונז, — ענטפערט ער עטוואָס אויפגערעגט, און טרעהרען באווייזען זיך אין זיינע ברענענדיגע אויגען.

זעהענדיג זיין פעסטע באשלאָסענהייט, האָבען זיך אין מיר ערוועקט פארשיעדענע געפיהלען: א שרעקליכער וועהטאָג, עטוואָס צאָרן, פיעל מיטלייד און א שטארקער רעספעקט. „אָט דאָס הייסט אויפאָפּפערען זיך פאר אַן אידעע", טראַכט איך. לאַנג זיינען

מיר נאָך געזעסען אין צווייען, פיעל האָב איך גערעדט, און האָב געזעהן, אז מיינע רייד זיינען אומזיסט.

אינגיכען האָט ער אין גאַנצען פאַרלאָזען דעם געשעפט און גענומען ארומפאַהרען. איך האָב גענומען ליקווידירען דעם געשעפט, ערשט עם פעהלט פיעל געלד. ער האָט פאַר דער באַוועגונג גענעבען ניט נאָר זיין ארבייט, נאָר אויך מיין געלד, און געגעבען מיט'ן פולען האנד. איך האָב נאָך געדאַרפט צאָהלען גרויסע חובות פאַר איהם.

מיין טאָכטער האָט שוין א מיידעלע געהאַט. דער זיידע מיט דער באָבען שפּיעלען זיך מיט'ן אייניקעל און באַגיסען זיך מיט בלוטיגע טרעהרען, קוקענדיג אויף איהר יונגער צובראָכענער מוטער, וועלכע שווייגט שטיל, ווייל זי וויל ניט שטאַרקער מאַכען אונזער וועהטאָג. זי וויינט ניט, אָבער טיעף אין הארצען איז א שרעקליכער וואולקאַן, און ווען זי דריקט איהר עופ'לע צו איהר ברוסט, וויים זי גאָר ניט, אז זי פאַרגיפטעט איהר קינד מיט איהר מילך. דאָס קינד ווערט קראַנק, באַקומט קאָנוואולסיע, די דאָקטוירים קענען ניט העלפען, און דער קליינער מלאך'ל הויכט אוים זיין נשמה'לע אויף אונזערע הענד. א נחת דערלעבט, אַן ערשטע טאָכטער חתונה געמאַכט; און ווער וויים פיעל נאָך אַזעלכע חתונות וועלען זיך דאָ ביי אונז אָפּשפּיעלען? און איך באַשליס וואָס גיכער צו פאַרלאָזען רוסלאַנד.

וואָס וועט אָבער זיין מיט דער טאָכטער? ער קומט שוין ניט מעהר. ער טאָר זיך ניט באַווייזען. די פּאָלציי זוכט איהם שוין. ער שרייבט נאָר אמאָל א בריעף פול מיט ליעבע און צערטליכקייט. ער וואָלט וועלען, אז זי זאָל געהן מיט איהם, און זי האָט א שרעקליכען קאַמפף מיט איהרע געפיהלען: פון איין זייט די ליעבע צום מאַן, און פון דער צווייטער זייט די ליעבע און צוגעבונדענהייט צו די עלטערען; און איבערהויפּט דער רחמנות צו טאַטע און מאַמע האַלטען זי אָפּ, און זי באַשליסט צו פאָהרען מיט אונז קיין אמעריקא.

מיר קלייבען זיך שוין אין וועג. יעדען אָווענד קומען גוטע פריינד. מען וויל זיך אָנריידען. איין אָווענד זיינען מיר געזעסען ביז האַלבע נאַכט. די געסט זיינען זיך צוגאַנגען, מען האָט שוין

אויסגעלאָשען דעם פייער, ערשט מען קלאַפּט אין טיר. איך עפען און עס פליהט אריין אַן אָפיצער מיט זשאַנדאַרען מיט פּאָליציי־בעאַמטע. זיי צושפּרייטען זיך איבער אַלע צימערען, און דער אָפיצער נעהמט מיך אין אַ באַזונדער צימער, און זאָגט, אַז ער איז אַן אדיוטאַנט פון קיעווער אָכראַנע, און ער פאַנגט אָן צו שטעלען מיר פראַגען וועגען מיין אייִדעם און מיין טאָכטער. איך דער־צעהל פון מיין אייִדעמ'ס געשעפט, וואָס ער האָט געהאַט, אָבער וואו ער איז יעצט און וואָס ער טוט ווייסען מיר ניט. נאָך מיר האָט ער גענומען די טאָכטער אויף אַ פאַרהער, און נאַכהער האָט ער ערשט געהייסען מאַכען אַן אָביסק. מען האָט איבערגעקעהרט דאָס גאַנצע הויז. אַלעס צוואַרפּען, אומעטום געקראָכען, און מיר אַלע שטעהען. מען טאָר זיך ניט אַ ריהר טאָן און קיין וואָרט ניט אויסריידען. עס איז שוין דריי אַזייגער נאָך האַלבע נאַכט. מען האָט גאָר ניט געפונען. דער אַדיוטאַנט זעצט זיך שרייבען. מיט פאַרשטיקטע אָטעמס וואַרטען מיר. ער לייענט שוין דעם פּראָטאָקאָל, אַז מיר ווייסען ניט וואו נאָוואַקאָווסקי איז, און אַז מען האָט ביי אונז ניט געפונען קיינע פאַרבאָטענע זאַכען.

מיר נעהמען אָפּכאַפּען דעם אָטעם, מיר נעהמען עטוואָס קומען צו זיך, ערשט ווי אַ דונער האָט אונז אַלעמען געטראָפען. ער לעזט ווייטער, אַז איינשטימיג מיט דעם באַפעהל פון דער רעגירונג מוז מרים נאָוואַקאָווסקי ארעסטירט ווערען און געהאַלטען ווערען אין טיורמע (פּריזאָן).

דעם ערשטען מאָמענט זיינען מיר געבליבען שטעהן ווי שטיי־נערנע סטאַטוען, קוקען זיך איבער און גלויבען ניט אונזערע אויערען. דער אַדיוטאַנט הייסט אונזער קינד אָנטאָן זיך און זעגענען זיך. אַ שרעקליכער יאָמער מיט אַ געשריי ברעכט אויס. מיין פרוי פאַלט און חלש'ט, דער מיטעלער זוהן אלי' שלאָגט זיך פּשוט מיט'ן קאָפּ אָן וואַנד, די אַנדערע קינדער שרייען און הענגען זיך אויף זייער אונגליקליכער שוועסטער, וועלכע זעהט אויס ווי אַ געשטאָר־בענע. אַ זשאַנדאַר שטופּט אָפּ די קינדער און נעהמט זי פיהרען. די מוטער, אַ האַלב־טויטע, פאַלט אויף איהר האַלז, און איינער פון דער פּאָליציי זאָגט זיך מיט אַ טייוועלשען שמייכעלע: „זעגענט זיך גוט, ניט גיך וועט איהר זי זעהן". די זשאַנדאַרען כאַפּען

זי ארויס פון דער מוטער'ס אָרעמס און פיהרען זי ווי א טייבעלע מיט אונטערגעבראָכענע פליגעלעך. א מורא'דיגער יאָמער פון מיין פרוי און קינדער רייסט זיך דורך אין דער שטילקייט פון דער נאכט און פארהילכט די גאנצע געגענד. מיר זעהען ווי אונזער קינד ווערט פארשוואונדען אין דער פינסטערניש אין די הענד פון אינקוויזיטאָרען; מיר ווייסען די אינקוויזיציע פון אונזערע טיורמעס פאר פאָליטישע פארברעכער; און א געדאנק פליהט דורך: „גאָט ווייס, אויב מיר וועלען נאָך א מאָל זעהן אונזער ליעבע טאָכטער".

איך שטארק זיך אָבער און בארוהיג מיין פרוי. איך פאר־זיכער, אז איך וועל אָנווענדען אַלע מיינע קרעפטען צו באפרייען אונזער קינד וואָס שנעלער.

איבערגעלעבט די עטליכע שרעקליכע שטונדען פון פארצווייפ־לונג ביז עס איז טאָג געוואָרען, און איך האָב גענומען ארומלויפען זוכען מיין קינד, ווייל איך ווייס, אז קיין צוג איז נאָך ניט אָפּגע־גאנגען. איך האָב זיי אָפּגעזוכט אין אונזער פאָליציי, נאָר ריידען האָט מען אונז ניט ערלויבט.

איידער דער צוג געהט אָפּ האָב איך אָפּגעוואַרט אויפ'ן וואַק־זאַל. מיין טאָכטער האָט מען געבראכט מיט א קאָנאָוואָי פון זשאַנדאַרען און פאָליציי־בעאמטע, און מען האָט זי פארשפארט אין א באזונדער צימערעל מיט זשאנדארען ארום טיר. איך בין צוגעגאנגען צום אַדיוטאַנט און גענומען בעטען איהם, אז ער זאָל מיר זאָגען וואוהין מען פיהרט אוועק מיין קינד, און ער זאָל מיר ערלויבען זעגענען זיך מיט איהר. ענטפערט ער מיר גאנץ שטרענג, אז ער קען מיר ניט זאָגען וואוהין מען פיהרט זי, און עס איז פאר־באָטען צו זעהן זיך מיט באשולדיגטע איידער מען מאכט די אויס־פאָרשונג. איך נעהם זיך אָן מיט מוט און זאָג איהם: „אויף איין מאָמענט פארגעס, אז דו ביזט א בעאמטער, שטעל זיך נאָר פאָר, אז דו ביזט דער פאָטער פון אַן אומגליקליכער טאָכטער, וועלכע איז שווער באשטראָפט פון שיקזאַל, און דערצו נאָך אַב־סאָלוט אומשולדיג ארעסטירט". די עטליכע ווערטער וואָס איך האָב געזאָגט און ווי אזוי איך האָב זיי געזאָגט האָבען געווירקט און ערוועקט אין איהם א מענשליכען געפיהל. ער זאָגט מיר, אז

מען פיהרט זי קיין חארקאָוו, און ערלויבט מיר צו זעגענען זיך מיט איהר. אין דעם קליין צימערעל מיט צוויי זשאַנדאַרען האָב איך מיין קינד געפונען קוים וואָס זי לעבט, און דאָ האָבען מיר זיך געזעגענט. אָ, גאָט! וואו נעהמען זיך די קרעפטען ביי אַ מענשען איבערצולעבען אזעלכע מאָמענטען?

אין אייניגע טעג ארום קום איך קיין חארקאָוו, און לויף גלייך אין זשאַנדארמסקע פּראוולעניע. אַ שווידער האָט מיך אָנגעכאַפּט, ווען איך האָב נאָר די טיר געעפענט. די פיער ווענד האָבען אויף מיר אַ ציטער אָנגעוואָרפען, און יעדער בליק פון די זשאַנדאַרען האָט מיך ווי מיט שפּיזען דורכגעשטאָכען. וואָס שפּיעלט דאָ פאר אַ ראָליע דער שיקזאל און דער גאַנצער לעבען פון אַ מענשען, וועלכער פאלט אריין אין זייערע הענד? אָט די אַלע טרייע באַשיצער פון אונזער שעהנער רעגירונג קענען דאָך טאָן מיט אַ מענשען וואָס זיי ווילען, און וואָס מעהר אומגעלומפּערטע פארברעכענס זיי טוען אָפּ, אַלץ העכער ווערען זיי געשאַצט. איך האָב זיך דערפיהלט ווי אַ פליעג אין אַ שפּינוועב.

אָפּגעריסען מיך פון מיינע שווערע געדאנקען האָט אַ זשאַנדאַר, וועלכער האָט צו מיין גרעסטען וואונדער גאַנץ העפליך געפרעגט, וואָס איך פארלאַנג. זאָג איך, אַז איך וויל זעהן דעם פּאָלקאָווניק. זאָגט ער, אַז דער פּאָלקאָווניק איז קראַנק, און זיין פּלאַץ פארנעהמט אַן אדיוטאַנט. זאָג איך, אַז מיר איז אַלץ איינס. געהט ער אוועק, קומט צוריק, און פיהרט מיך אריין צום אדיוטאַנט, און בלייבט אליין שטעהן נעבען טיר.

איך האָב דערזעהן פאר זיך אַ יונגען אָפיצער מיט אַן אינטעליגענטען אויסזעהן. מיט אַ גאַנץ מילדען ווייכען אויסדרוק אויף זיין עדעלען געזיכט האָט ער מיך געפרעגט וואָס איך פארלאַנג. ווי ער האָט אָבער נאָר דערהערט, אַז איך בין געקומען וועגען אַ פּאָליטישער ארעסטירטער, האָט זיך איבערגעביטען זיין פּנים און זיין טאָן, און ער האָט קורץ און שטרענג געענטפערט, אַז זעהן מיין טאָכטער קען איך ניט, ווייל עס איז נאָך ניט געווען דער פארהער, און ער האָט זיך גלייך אָפּגעקעהרט פון מיר. דער זשאַנדאר טוט מיר אַ וואונק, אַז איך זאָל פארלאָזען דעם צימער.

איך קום אין האָטעל און פאַנג אָן צו טראַכטען, וואָס זאָל

איך טאָן; און מיין גלויבען אין מענשען האָט מיר היינטיגען מאָל אויך געהאָלפען. איך האָב אָנגעשריבען צום אדיוטאַנט אַ קורצען בריוועלע, בעטענדיג, אַז ער זאָל מיר געבען עטליכע מינוט און אויסהערען מיך. אויף מאָרגען פריה קום איך אין פּראָוולעניע, גיב איבער דעם בריוועלע דורך מיין זשאַנדאַר, און באַלד טאַקע לאָזט מען מיך אריין צום אדיוטאַנט. ער בעט דעם זשאַנדאַר ארויסגעהן, און מיך בעט ער זעצען זיך און זאָגען וואָס איך וויל. גאַנץ לאַנג האָט ער מיך געלאָזטריידען און אויסגעהערט מיט אויפמערקזאמקייט. אויף מיין פראגע ווי לאַנג קען דאָס מיין טאָכטער זיצען, ענטפערט ער, אַז זי איז פאַרמישט אין אַ פאַרפלאָנטערטען פּראָצעס, און די אויספאָרשונג קען געדויערען גאַנץ לאַנג, און ביז דאַן וועט זי מוזען זיצען. פאַנג איך אָן צו בעטען איהם מיט טרעהרען אין די אויגען, אַז מען זאָל אונטערזוכען אַלע מיינע באַווייזע, וועט מען באַלד אויסגעפינען, אַז מיין טאָכטער קען ניט זיין פאַרמישט אין דעם פּראָצעס. הייסט ער מיר אָנשרייבען אַלעס וואָס איך האָב איהם דערצעהלט און ברענגען צו איהם מאָרגען. איך האָב אָנגעשריבען און געבראַכט צו איהם. ער האָט עס איבערגעלעזען און פאַרזיכערט מיך, אַז ער וועט העלפען מאַכען די אונטערזוכונג וואָס שנעלער. דערווייל ערלויבט ער מיר צו זעהן מיין טאָכטער, אָבוואָהל דער פאַרהער איז נאָך ניט געוועזען. געזעהן האָב איך מיין קינד אין טיורמע. צוויי סאָלדאַטען האָבען צו מיר אריינגעפיהרט מיין קינד צובראָכען קערפּערליך, אָבער נאָך גאַנץ שטאַרק גייסטיג. איך האָב זי פאַרזיכערט, אַז מען וועט גיך אויסגעפינען איהר אומשולד און מען וועט זי באַפרייען. מיר האָבען זיך ביידע גוט אויסגעוויינט. זי האָט מען צוריק פאַרשפּאַרט אין איהר געפענגניס, און איך בין אוועקגעפאָהרען אַהיים מיט אַ שטראַהל פון האָפנונג.

אין אַ פּאָאָר וואָכען ארום אין אַ פריה־מאָרגען קומען פּאָליציי־בעאַמטע און פאַרנעהמען מיך מיט מיין פרוי מיט אַלע קינדער, און מען פאַרשפּאַרט אונז אין אַ צימער מיט אַ זשאַנדאַר נעבען טיר. איך דערוויס זיך, אַז אַ זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק מיט אַ פּראָקוראָר זיינען עקסטרא געקומען מאַכען די אויספאָרשונג וועגען מיין טאָכטער. אַ גאַנצען טאָג האָט מען אונז געהאַלטען,

איינציִגוויז האָט מען אונז גענומען אויפ'ן פארהער. מיט פאר־שיעדענע דריידלעך געפּרואווט פארדרעהען אונז אין די אנטוואָר־טען. נאכהער האָט מען גערופען עדות, איבערהויפּט קריסטען, אויף וועלכע איך האָב אָנגעוויזען אין מיין פּאַפּיער, וואָס איך האָב אין חארקאָוו געשריבען.

נאָך דיעזען פארהער איז ווייטער שטיל געוואָרען. שרייב איך קיין חאַרקאָוו ביטעם. דערווייל איז שוין זיעבען וואָכען אַז זי איַז ארעסטירט, נאָר איין בריעף געהאט פון איהר מיט עטליכע וואָכען צוריק.

איינמאָל לאָזט די פּאָליציי מיר וויסען, אַז מען פּאָדערט מיך קיין חאַרקאָוו. שרעקליכע געדאנקען קומען מיר ארויף. איך האָב דאָך געלאָזען זי זעהר שוואך. איך זאָג ניט אוים דער פּרוי וואוהין איך פאָהר און לויף קיין חאַרקאָוו. די 24 שטונדען פון מיין רייזע האָבען זיך מיר אויסגעוויזען פאַר אַן אייביגקייט. גע־קומען קיין חאַרקאָוו לויף איך גלייך פון וואקזאל צום אַדיוטאַנט. דערצעהלט ער מיר, אַז מיין טאָכטער איז קראנק געוואָרען, זי איז געוועזן דריי וואָכען אין טיורעמנעם האָספּיטאל, נאָר יעצט פיהלט זי זיך בעסער. איך האָב ניט געקענט געוועלטיגען מעהר איבער זיך און האָב זיך זעהר צואויינט. ער האָט מיך בארוהיגט און זאָגט מיר, אַז מאָרגען פריה זאָל איך קומען אויף אַ פארהער.

אַ ווינטער־נאכט בין איך ארומגעלאָפען איבער מיין צימער אין האָטעל און געטראכט אַלץ וואָס צו ריידען און ווי אזוי צו ריידען. קוים דערלעבט דעם פריהמאָרגען, קום איך אין פּראווו־לעניע, אַ זשאַנדאַר פיהרט מיך אריין אין אַ באזונדער צימער; באַלד קומען אריין צוויי ציווילנע און איין מיליטערישער בעאַמטע. מען בעט מיך זיצען, און מען פאַנגט אָן צו ציהען פון מיר מיינע אָדערען מיט זייערע פראגען. זיי אַלע שטעכען מיך דורך מיט זייערע אויגען, ווי זיי וואָלטען וועלען אריינקריכען אין מיין נשמה, נאָר איך פארליר זיך ניט און ענטפער אויף אַלעם רוהיג. נאַכהער הייסט מען מיר, אָט דאָ גלייך זיצענדיג, אָנשרייבען אלעם וואָס איך האָב געשריבען אין מיין ערשטען פּאַפּיער צום אדיוטאַנט. זיי זיצען זיך און רויכערען פּאַפּיראָסען, און איך שרייב. פארטיג געוואָרען מיט מיין מגילה, הייסט מען מיר לייענען, און איינער

קוקט אין מיין ערשטען פּאַפּיער. ווען איך האָב געענדיגט, זאָגט ער: „פּונקט דאָסזעלבע ווי אין ערשטען פּאַפּיער". און איינער פון די ציווילע בעאַמטע, — דאָס דאַרף זיין דער פּראָקוראָר, — טוט מיך אַ פרעג: „ביזטו טאַקע זיכער, אַז דיין טאָכטער איז ניט פאַרמישט? אַלע אידישע קינדער זיינען דאָך רעוואָלוציאָנערען".

מיין אָנגעוועהטאָגטע האַרץ האָט שוין מעהר ניט אויסגעהאַלטען. איך האָב אַלעס פאַרגעסען, און מיט מיין גאַנצער גאַל האָב איך אַרויסגערעדט: „דאָס איז ניט ריכטיג. מיט פיעלע אומשולדיגע, ווי מיין טאָכטער, זיינען די טיורמעס אָנגעפילט. ווען מען כאַפּט אַ אידישען אינגעל מיט פּראָקלאַמאַציעס, שרייבט מען, אַז אַלע אידען זיינען רעוואָלוציאָנערען, און מיר אידען באַצאָהלען דערפאַר מיט אַ קעשענאָווער פּאָגראָם". איך באַמערק, אַז ביי אַלעמען האָבען זיך די געזיכטער געענדערט. איך וויים ניט, אויב דאָס דריקט אויס בייזקייט אָדער ערנסטקייט. איך כאַפּ זיך, אַז איך בין צו ווייט פאַרקראָכען, בייט איך איבער דעם טאָן און אַפּעליר צו זייערע מענשליכע געפיהלען, אַז זיי זאָלען מיר אָפּגעבען מיין אומשולדיגע שוואַכע קראַנקע קינד.

לאַנג האָבען זיי מיך נאָך געמאַטערט, ביז צום ענדע האָט מען גלייך געשיקט מיט מיר אַ זשאַנדאַר מיט אַ צושריפט, אַז מען זאָל מיין טאָכטער אַרויסלאָזען פון טיורמע.

ווען מען האָט מיר איבערגעגעבען מיין אויסגעקריינקטע, שוואַכע טאָכטער, און זי איז אַריינגעפאַלען אין מיינע אָרעמס, האָב איך דערפיהלט וואָס אַ פאָטער קען פיהלען, ווען ער רעטעט זיין קינד, וועלכע טרינקט זיך אין אַ טיעפען ברויזענדען וואסערשטראָם.

133. מיר פאַרלאָזען רוסלאַנד.

געקומען מיט דער טאָכטער אַהיים, און גענומען גרייטען זיך אין וועג. מיין בעל הבית אבער קומט ניט איבערנעהמען די געשעפטען, ער וויל מיך ניט אָבלאָזען, ער שרייבט מיר, אַז איך זאָל בייטען מיין באַשלום. שרייב איך איהם, אַז ער מוז קומען.

קומט ער, פּרובט מיך איבעררײדען, נאָר עס העלפט ניט. איך גיב איהם איבער אַלע געשעפטען און די ביכער אין דער בעסטער אָרדנונג. ער גיט מיר טויזענד רובעל אַ מתנה, ער זעגענט זיך און װײנט װי אַ קינד, ער זאָגט, אַז ער פאַרלירט זײן אײנציגען גוטען פרײנד, אויף װעלכען ער האָט געקאָנט פאַרטרויען ניט נאָר זײן פאַרמעגען נאָר אויך זײן גאַנצען װעזען.

דאָס שײדען זיך מיט איהם איז געװען דער אָנפאַנג פון דעם שטאַרקען װעהטאָג, װעלכען איך האָב ערשט דערפּיהלט, װען עס האָט שוין געהאַלטען בײ פאַרלאָזען רוסלאַנד. מיט צװײ און צװאַנציג יאָהר צוריק, װען איך האָב פאַרלאָזען רוסלאַנד, בין איך נאָך יונג געװען, פול מיט האָפנונג, און שעהנע פאַנטאַסטישע ביל־דער פאַרגעשטעלט זיך אין אונזער קאָלאָניע פון דער „חברה עם עולם״; הײנט אָבער, צו דער עלטער, זעה איך די װירקליכקײט, איך זעה אין גאַנצען די שװעריגקײטען אָנצופאַנגען אַ נײעם לעבען אין אַ נײעם לאַנד. דאַן, װען איך האָב פאַרלאָזען רוסלאַנד, האָב איך װעניג װאָס איבערגעלאָזען, אָבער הײנט לאָז איך איבער אַזאַ שטעלע, צו װעלכער איך האָב לאַנג געשטרעבט און שװער גע־אַרבײט ביז איך האָב דאָס דערגרײכט; איך לאָז איבער געשעפ־טען, אין װעלכע איך האָב אַרײנגעלעגט פיעל קרעפטען און ענער־גיע, און זײ זײנען מיר טײער געװען אַלס די שאַפונג פון מײן מיט־אַרבײט; איך לאָז איבער מײן שעהנע לאַגע, מײן באַשטימטע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, און איבערהויפּט לאָז איך איבער דאָס טײערסטע פאַר מיר, מײנע גוטע פרײנד, װעלכע איך האָב אומעדום. דאָס אַלעס אבער קאָן מיך ניט אָבהאַלטען, װײל מײן פאָהרען איז איבערהויפּט צוליעב דער צוקונפט פון מײנע קינדער. זאָלען זײ געניסען פון אַ פרײען לעבען.

אונזער אָבפאָהרען פון קריװאױ ראָג מוז זײן שטיל, װײל די פּאָליציי קאָן פאַרהאַלטען מײן טאָכטער, װעלכע איז אונטער זײער אויפזיכט. שיקען מיר אװעק די טאָכטער צום זײדען, און מיר אַלײן פאָהרען אַרױס בײ דער נאַכט. מיט אַלעמען אָבגעזעגענט זיך פריהער; נאָר, װען מיר זעצען זיך אין דער פינסטער פאָהרען שוין צום װאָקזאַל, דערזעה איך אין דרויסען מײן בעסטען פרײנד גלאַזמאַן מיט עטליכע קינדער, תלמידים פון אונזער תלמוד תורה.

זיי ווילען זעגענען זיך מיט מיר. איינציגווייז פאַלען זיי מיר אויפ'ן האַלז, קושען און וויינען, און פון די טיעפענים פון זייערע קינדערשע הערצעלעך ווינשען זיי אונז א גליקליכע רייזע. אָרימע, טייערע קינדערלעך, אייערע קינדערשע הערצעלעך פיהלען ווי ליעב איך האָב אייך געהאַט. גאָט ווייס, אויב איך וועל נאָך האָבען א מעגליכקייט אין מיין לעבען צו טאָן עפּעס פאר אזעלכע ווי איהר?

מיט א פארקלעמטען הארצען פארלאָז איך אין דער פינסטער קריוואי ראָג, וואו איך האָב געהאַט אזוי פיעל ליכטיגע, גייסטרייכע מאָמענטען. עטליכע סטאַנציעס פון קריוואי ראָג, וואו מיר האָבען געדארפט בייטען דעם צוג, האָבען מיר געטראָפען א קאָמפּאַניע פון מיינע בעסטע גוטע פריינד. זיי זיינען ארויסגעפאהרען נאָך אמאָהל זעגענען זיך, און דאָס איז געווען שוין איין מאָהל א זעגענען זיך. ווען מען איז ארויפגעפאַלען איינער דעם צווייטען אויפ'ן האַלז, האָט מען זיך ניט געקאָנט צושיידען, און די טרעהרען פון ביידענס אויגען האָבען זיך צוזאמען געמישט און געבריהט דאָס הארץ און די נשמה; און, ווען דער צוג האָט זיך גערוהרט פון אָרט, האָבען זיך איינינע ווי משוגעים געלאָזט לויפען נאָכ'ן צוג און שרייען: „וואס פארלאָזטו אונז? !"

לאנג האָבען מיר געקלונגען אין די אויערען די ווערטער „וואס פארלאָזטו אונז?", און איך פיהל, אז ניט אין גאַנצען פארלאָז איך זיי, א שטיק פון מיין הארץ און פון מיין נשמה פארבלייבט פארבונדען מיט זיי.

אויף די ערשטע טעג פּסח פאָהרען מיר קיין פּערעשטשעפּינע זעגענען זיך מיט מיין שוועהר און שוויגער און מיט אַלע אַלטע גוטע פריינד. די פּאַלטאַוּוער גוטע פריינד זיינען אויך געקומען, און ר' מרדכי'לע איז געקומען פון אדעס, ערשטענס, ווייל ער זיך זעגענען, און צווייטענס, האָט ער געזעהן מיין איידעם און גע־פּועל'ט, אז ער זאָל מיין טאָכטער שיקען א גט. זאָל זי זיין פריי, ווייל פון א פּאָליטישען פארברעכער אין רוסלאַנד קאָן מען אמאָהל ניט וויסען וואו זיינע געביין זאלען אהינקומען, און זי קאָן בלייבען אן עגונה. יאָ, דאָס איז נויטיג געווען צו טאָן, אבער דער וועהטאָג איז פאר מיר געווען אונערטרעגליך, צוויי יונגע מענשען,

וועלכע וואָלטען אונטער אנדערע אומשטענדען געקאָנט גליקליך לע־בען, מוזען זיך שיידען.

דאָס שרעקליכסטע איז געווען מיין אָבפאָהרען פון פערעשטשע־פינע. מיין שווער מיט דער שוויגער, מענשען עלטערע, האָבען פאר די עטליכע טעג גענוג געקלאָגט, און אין לעצטען מאָמענט, ווען מיר זיינען שוין אויף די פוהרען געזעסען, אלע שטעהען ארום און קלאָגען ווי צו א לויה, דערזעה איך ווי מיין שווער און שווי־גער זיינען געבליבען שטעהן אָנגעשפארט איינער אָן צווייטען, וויים ווי קאלך, באוועגלאָז ווי א שטיינערנער מאָנומענט פון צוויי פיגורען צוזאמענגעגאָסען; קיין וואָרט, קיין טרעהר, נאָר פיער אויגען ברייט צועפענט און דערשראָקענע ווי פארגלעזערטע קוקען אויף די פוהרען, וועלכע פיהרען אוועק אלעס וואָס ליעב און טייער איז זיי. א לעצטען מאָהל אין לעבען קוקט מען אזוי אויף קינדער. און דיעזער קוק האָט מיך א לאנגע צייט פארפאָלגט.

זעקסטע אבטיילונג.

דאס לעבען אין אמעריקא (1904-1919).

134. אין אמעריקא דעם צווייטען מאהל (1904 יאהר).

וועגען אונזער רייזע קאן איך נאר זאגען, אז מיר האבען ניט געהאט קיינע שוועריגקייטען. מיר האבען געהאט די גאסט־פריינדליכקייט און בעקוועמליכקייט, וועלכע מען קאן קויפען פאר געלד. איינגעשטאנען אין שעהנע האטעלען, געפאהרען אויפ'ן שיף אין צווייטען קלאס, וועניג געליטען פון ים־קראנקהייט, ניט לאנג געווען אין וועג, און אין א שעהנעם פריה־מארגען אנגעקומען קיין ניו יארק.

פון שיף זיינען מיר אראב אהן שוועריגקייטען. געוויזען אן אנצייגונג אויף 3,000 דאלאר אין א ניו יארקער באנק, און דערצו נאך זיינען אלע געזונט, הייסט מען אונז געהן.

עס באגעגענט אונז מיין קלענערער ברודער זרח, וועלכער הייסט דא סעם רובין, און אונזער בראגין, וועלכער איז מיט א פאר מאנאטען פריהער אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא. מיין ברודער האט פיעלע יאהרען ניט געשריבען. נאר די לעצטע צייט האט ער געשריבען, אז ער מאכט א פיינעם לעבען, און האט שוין געקויפט א הויז. ער בעט אונז, אז מיר זאלען אראפפאהרען גלייך צו איהם. זאג איך, אז מיר וועלען בעסער אראבפאהרען אין א האטעל, שפארט ער זיך איין, אז נאר צו איהם. טראכט איך מיר, אין אן אייגען הויז האט ער געווים גענוג פלאץ פאר אלעמען. שטים איך איין און מיר פאהרען מיט איהם. פיהרט ער אונז

אריין אין אָרטשארד סטריט. אַן ענגשאפט און אַן עפּוש דער־שטיקט צו ווערען, קינדער אויסגעשמירטע אין בלאָטע וואַלגערען זיך אין גאַס, און אידען פאַרשוויצטע שטופּען וועגעלעך און שרייען מיט ווילדע קולות. גאָר ניט קיין אַנגענעהמע ערשטע באַגעגענעס. איך וויל שוין גיכער דורכגעהן די שמוציגע גאַס, און דערקלייבען זיך צום ברודער'ס וואָהנונג; און ווי צוטומעלט בין איך גע־ווארען, ווען דער ברודער איז געבליבען שטעהן טאַקע אין אָר־טשארד סטריט, פיהרט אונז אריין אין אַ שוך סטארקע, און ווייזט אונז אויף זיין רעזידענציע אין די צוויי פינסטערע רומקעס הינ־טערען סטארקע. זעהר פריינדליך האָט ער און זיין פרוי אויפ־גענומען אונז. אין דער פינסטערער קיכעלע האָבען מיר אונזער ערשטען מאָהלצייט געהאט אין אמעריקא, און דער ברודער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט טאַקע אַן אייגענע הויז, נאָר אין הויז וואָהנען טענענטס.

דעם זעלבען טאָג האָב איך באזוכט מיינע שוועסטער און מיינע קאָזינס, און אומעטום געפונען ענגשאַפט און שווער פאַר־האָרעוועטע מענשען. נחת האָב איך געהאט פון דאָקטאָר פּריים און מאָסליאַנסקי'ן, וועלכע איך האָב געפונען אין אַ שעהנערען צושטאַנד, און וועלכע האָבען מיך זעהר פריינדליך אויפגענומען.

איך דינג אַ דירה פון פיער רומקעס, קויף איין וואָס נויטיג, און מען פאַנגט אָן צו זוכען. די ערשטע זאַך האָט מען גענומען פאַרזאָרגען מיינע קינדער. דעם עלטערען זוהן האָט מען מכבד געוועזען פאַר פיער דאָלאַר אַ וואָך פאַנאַנדערצוטראָגען קינדערשע הייזקעס פון פעקטאָרי אין די סטאָרס. דער צווייטער זוהן אַר־בייט עפּעס ביי אייזען און באַקומט דריי דאָלאַר אַ וואָך. די מי־טעלע טאָכטער ברייגנט די ערשטע וואָך 1.80. די קינדער קומען פון דער ארבייט אויסגעמאַטערט, פאַר'חושך'ט, ווערט מיר מיין בלוט אין די אָדערען פאַרקיהלט. די פרוי באַגיסט זיך מיט טרעה־רען, און באַהאַלט זיך.

מיר אַליין ראַטען מיינע פריינד, אַז איך זאָל אָבקויפען ביי זייערע אַ באַקאַנטען אַ ראוט פון סאָדאַ וואַסער מיט ביער. איך דאַרף אָבצאָהלען צוועלף הונדערט דאָלאַר פאַר אַ פערדעל מיט אַ וואָגען, און דערפאַר וואָס מען וועט מיר אָנווייזען הייזער וואוהין

איך קען שלעפען די קעסטלעך מיט וואסער און ביער. אזוי ווי איך בין קיינמאָהל ניט געפאָהרען אָהן א קוטשער (דרייווער), שטעל איך זיך פאָר, אז איך וועל אימיצען איבערפאָהרען, אדער מען וועט מיך איבערפאָהרען מיט׳ן וואגען צוזאמען. היינט וואו נעהמט מען גאָר כוחות צו שלעפען אזעלכע קעסטלעך?

אייניגע זאגען גאר, אז איך זאָל געהן אין ריעל עסטייט, דאָס מיינט קויפען און פארקויפען הייזער, מענשען מאכען יעצט דערפון שטיקער געלד. פיהרט מיך אן איידזשענט אָנקוקען א הויז. דאָס הויז האָט א קעהלער, און אין דעם קעהלער זיצט א געלער, דארער, פאַרפינסטערטער איד צווישען א בארג צוריסענע שיך, און לאַטעט זיי. פון א זייטיגער טירעל באווייזט זיך א אי־דענע מיט א פנים געל ווי וואקס, מיט א קינד נעבען ברוסט, און עטליכע גרעסערע קינדער דרעהען זיך ארום איהר. „מען פאר־קויפט שוין ווייטער דאָס הויז?" פרעגט די פרוי ווי פארצווייפעלט. פרעג איך זי וואס שרעקט זי. פאנגט זי אָן מיט א געוויין: „מיר האָבען געצאָהלט ניין דאָלאר א מאָנאַט, ווען א צווייטער האָט אָבגעקויפט האָט ער געררייזט אויף 12 דאָלאר, און יעצט האָט אָב־געקויפט עפעס אן אָלרייטניצע, און הייסט זיך צאָהלען 14 דאָלאר, 14 מכות זאָלען זיך איהר זעצען, דעם לעצטען ביסען ביי די קינ־דער פון מויל ארויסגעריסען, אונז קבצנים העכערט מען דעם רענט, פארקויפט מען מיט גוטע פרנסה, און אזוי מאַכען זיי דאָס געלד." איך געה אוועק מיט זעהר א שווערען געפיהל, און וויל ניט וויסען פון אזעלכע פארדינסטען.

לעגט מען מיר פאָר א פּייפּער ראוט, גראָסערים און סטיי־שיאָנערים. איך באקאן זיך נעהנטער מיט די אלע געשעפטען, ווערט מיר זעהר ביטער אויף׳ן הארצען. א גראָסערי אין א אי־דישער געגענד הייסט עס באגראָבען זיך לעבעדיגערהייד, און ווי קום איך צו האנדלען מיט ווייבער? זיי וועלען מיר מיינע ביי־נער צוטראָגען; און אין די אַנדערע געשעפטען דארף מען שטעהן שבת און יום טוב, און מיינע פרינציפּען פארקויפען פאר ברויט וויל איך ניט.

קומט מיין ברודער פון באָסטאָן און לעגט מיר פאָר, אז איך זאָל ווערען מיט איהם שותפות אין זיין דרייגודס געשעפט, ווי

מען רופט עס ביי אונז א שניט־קראָם. פאָהרען מיר קיין באָסטאָן, און איך פאַנג אָן צו לערנען זיך ווי אזוי צו האַנדלען מיט די איטאַליענער און פּוילישע פרויען, וועלכע זיינען די הויפּט קונים אין געשעפט, און איך צייג זיך איבער נאָך איין מאָהל, אז איך טויג ניט פאר קיין קרעמער, און איך בין זיכער, אז איך וועל מיין ברודער ניט ברענגען די נוצען, וועלכע ער ערוואַרטעט פון מיר, דעריבער האָב איך געפונען פאר נויטיג צו ענטזאגען זיך פון געשעפט. דער ברודער האָט גאָר ניט געהאַט געגען מיין פארשלאַג, און איך בין געוואָרען אויס קרעמער, און עס פאַנגט זיך ווייטער אָן די פראַגע: „וואָס טוט מען?"

נאָך פיעל טראַכטען און זוכען קומט מיר א געדאַנק, אז איך זאָל גאָר קויפען א פאַרם. געלד האָב איך, די גאַנצע געזינד וועלען זיין גוטע אַרבייטער, וועט מען זיך לעבען א שטילען פיינעם לעבען. דער ברודער מיט אַלע באַקאַנטע רעדען מיך שטאַרק אָפּ דערפון. זיי זאָגען, אז די אידישע פאַרמער זיינען גרויסע קבצנים, זיי קענען ניט מאַכען קיין לעבען פון פאַרמעריי, און אום צו איבערצייגען מיר, פאָהרט דער ברודער מיט מיר אין איינינגע געגענדען אַרום באָסטאָן, וואו עס געפינען זיך אידישע פאַרמער, און איך געפין אויס, אז זומער האַלטען זיי זומער־געסט, ווי זיי רופען דאָס „באָרדערס", און ווינטער געהען זיי אַרבייטען אין שטאָדט, אָבער פון די פאַרמס אַליין קענען זיי ניט לעבען.

ווייס איך ווייטער ניט וואָס צו טאָן. און די קינדער געפינען זיך אויך ניט קיין באַשעפטיגונגען. מיין עלטערען זוהן האָט מען אַן עצה געגעבען, אז ער זאָל געהן פּעדלען מיט עפּעס שטיקלעך סחורה. שלעפּט ער זיך אַרום א גאַנצען טאָג און קען גאָר ניט פאַרקויפען. ער זאָגט, אז ער טויג ניט צו די ביזנעס. דער מיטעלער זוהן געהט פּעדלען מיט פּענס (פּאַכערס). אַרעסטירט מען איהם, ווייל ער האָט ניט קיין לייסענס (א פּאַטענט), און מען פאַרשפּאַרט איהם אין א קעהלער מיט אַלע שכורים און פאַרברעכער, וואו ער זיצט אָב זעקס שטונדען, ביז מען נעהמט איהם אַרויס א פאַרוויינטען מיט געשוואָלענע אויגען, און איך צאָהל אָב 5 דאָלאַר שטראָף. גוטע געשעפטען מאַכט נאָר דער קליינער עמנואל. ער פאַרקויפט פּאַפּיער צו פאַרניכטען פליעגען.

אין שטוב איז חושך, און אלע רייסען זיך צוריק קיין ניו יארק. פאָהרט מען צוריק קיין ניו יארק. די קינדער האָבען באלד געפונען ארבייט, און פאר מיר האָבען זיך ווייטער אָנגעפאנגען די עצות פון גוטע פריינד, אז איך זאָל קויפען א גראסערי, סטיישיאָנערי, און דאָס גלייכען, און איך בין איינגעשפארט און וויל ניט וויסען פון אָט די אלע שעהנע געשעפטען.

דאָס ארומגעהן לעדיג ווירקט אויף מיר שלעכט. איך ווער שרעקליך נידערגעשלאָגען. איך קען ניט זעהן ווי מיינע קינדער זיינען פארשקלאפט, ארבייטען שווער און ביטער און באקומען ניט באצאָהלט, און מיין געלד ווערט מיט יעדען טאָג אלץ ווייניגער. איך ווער אונרוהיג און אויפגערעגט, און די ענטוישונג וואקסט, און נאָך מעהר וואקסט די ביינקעניס, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט אין דער קראַנקהייט וואס מען רופט „האָם סיקנעס", וועלכע פיהרט אראב מענשען פון זינען, און אָפטמאָהל פיהרט עס צו זעלבסטמאָרד. איך ביינק נאָך אַלעס און נאָך אַלעמען. איך ביינק נאָך מיין מאַטעריעלען צושטאַנד, וועלכען איך האָב אזוי שווער און אָרענטליך ערוואָרבען. ערשט געפיהרט אזעלכע גרויסע געשעפטען, גערעדט מיט גובערנאַטאָרען, מיט די גרעסטע דירעקטאָרען, און מיט אמאָהל געווארען א שטומער, א „גרינער", וואס טויג ניט אויף דער ווייסער וועלט, סיידען נאָר צייטונגען ארומטראגען, אדער קענדי צו קינדער פארקויפען. אָט ערשט האָב איך אויפגעהאלטען א געזינד, פארזארגט קינדער מיט בילדונג, און יעצט זאָל איך ארויסקוקען אויף זייערע שווערע פארהאָרעוועטע סענטען. איך ביינק שטערבליך נאָך מיינע גוטע פריינד, און נאָך מיין געזעלשאפטליכער טעטיגקייט. ניטאָ יענע היימישע, אינטימע גוטע פריינדשאפט און איבערגעגעבענהייט. ניטאָ דאָ יענע היימישע ערנסטקייט אין געזעלשאפטליכען לעבען. קיין איין ליכטיגער שטראַל שיינט ניט אריין אין מיין נשמה. געה איך אויף א ציורניסטישער פארזאמלונג, האָבען זיי ביי מיר א פנים פון פורים שפיעלער. געה איך אין א תלמוד תורה, זעה איך ווי אונוויסענדע מענשען פארדארבען די קינדערשע ערציהונג, קום איך אין שול, זעה איך נאָר „ביזנעס", נעהם איך א אידישע צייטונג, זעה איך ווי פאַלש דאָס איז. און איך ביינק ניט נאָר נאָך מיין אידישער

וועלט וואס איך האָב פארלארען, נאָר איך בײנק נאָך רוסלאַנד. איך בין צונויפגעוואקסען מיט איהר ליטעראַרטור, מיט איהר קונסט, מיט איהר גאנצער אינטעלעקטועלער וועלט, און דאָ איז מיר אלעס פרעמד, און ־דאכט זיך אז עוויג וועט עס בלייבען פרעמד. דערצו נאָך קומען אָן בריעף, וועלכע גיסען אויל אויפ'ן פייער. דער ראבינער שרייבט, אז איך פעהל זיי אין תלמוד תורה, דער גבאי שרייבט, אז אומעטום פיהלט ער מיין אבוועזענהייט, די יונגע לייט שרייבען, אז איך פעהל זיי אויף יעדען טראַט און מיין בעל הבית שרייבט מיר, אז אויב איך האָב ניט קיין באשאעפ־טיגונג, ווי עס פאסט פאר מיר, זאָל איך קומען און פארנעהמען מיין שטעלע.

איך פאַנג אָן צו ריידען וועגען צוריק. מיין פרוי איז שטאַרק געגען דעם. זי האָט די גרעסטע מיטלייד מיט מיר, דאָך פיהרען צוריק די קינדער וויל זי ניט. מישען זיך אריין גוטע פריינד און גיבען אן עצה, אז איך זאָל אליין פאָהרען, און די געזינד וועט שפּעטער קומען, ווען איך וועל זיך שוין דאָרט איינאָרדנען. די עצה איז געווען זעהר א קלוגע, און איך בין נאָר מיט מיין על־טערער טאָכטער אוועקגעפאָהרען צוריק קיין רוסלאַנד.

135. צוריק קיין רוסלאַנד (1905).

געפאָהרען מיט'ן שיף צווייטען קלאַס. די רייזע איז געווען גאַנץ גוט, נאָר אויפ'ן הארצען איז עפּעס זעהר שווער. און קו־מענדיג צום רוסישען גרענעץ האָב איך דערפיהלט נאָך שווערער. עפּעס א שטיקענדע אַטמאָספערע. מען רעדט וועגען די דורכ־פאַלען אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן, אלע זיינען אונצופריעדען, נאָר מען האָט מורא צו ריידען. דעם ערשטען באזוך האָב איך געמאַכט אין פּאלטאווע. געזעהן זיך מיט די אלטע גוטע פריינד, וועלכע האָבען קיינמאָהל ניט געסימפּאטיזירט מיט אמעריקא, און האָ־בען זיך יעצט נאָך מעהר איבערצייגט, אז אמעריקא איז ניט פאר אזעלכע אידען ווי איך. פון דאָרט בין איך פארפאָהרען קיין פּע־רעשטשעפּינע. די שמחה פון שווער און שוויגער איז געווען זעהר גרויס, וואס זיי וועלען האָבען זייערע קינדער צוריק אין רוסלאַנד.

פון דאַנען בין איך געפאָהרען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, ווייל נאָך מיין אוועקפאָהרען האָט קאַמענקאַוויטש ניט געהאַט וועמען אָנ־צוטרויען די געשעפטען, און האָט געמוזט ארויספאָהרען קיין יע־קאַטערינאָסלאַוו, וואוהין ער האָט איבערגעפיהרט די הויפּט קאָנ־טאָר פון קריוואָי ראָג. קאַמענקאַוויטש האָט אָפען־הארציג אויס־געדריקט זיין העכסטע צופריעדענהייט פון מיין קומען.

איך האָב פארנומען מיין שטעלע. די ערשטע זאַך האָב איך געדאַרפט מאַכען שלום צווישען קאַמענקאַוויטשען מיט דעם באַראָן ה., דער אופּראַווליאַיושטשע פון גאָסודערסטווענעם באַנק, וואו קאַמענקאַוויטש איז געווען שטאַרק פארבונדען מיט זיינע פי־נאַנצען. דער סכסוך צווישען זיי איז געווען א גאַנץ ערנסטער. די באַמיהונגען פון די דירעקטאָרען פון באַנק אויסצוגלייכען זיי איז געווען אומזיסט. קאַמענקאַוויטש מיט זיין שטאָלץ און ברייט־קייט, און דערצו נאָך פיהלענדיג זיך גערעכט, האָט זיך ניט געלאָ־זען בויגען, און דעם באַראָן איז דאָך געווים ניט אָנגעשטאַנען, אז דער איד זאָל אויספיהרען. אזוי ווי דער באַראָן האָט פון אי־מער געהאַט צו מיר צוטרויען, האָט זיך מיר ניט שווער געגעבען אויסצוגלייכען זיי. באַלד האָב איך זיך גענומען צו די ביכער, ווייל קאַמענקאַוויטש זאָגט, אז זייט איך בין אוועקגעפאָהרען ווייס ער ניט פון קיין ריכטיגער רעכענונג, און דער בוכהאַלטער באַ־קלאָגט זיך, אז קאַמענקאַוויטש פלעגט פארגעסען אָנצואווייזען די אָפּעראַציאָנען, וואס ער האָט געמאַכט מיט געלד. איך האָב געהאַט א גאַנץ שווערע אויפגאַבע אויסצוגעפינען אלעס און ברייננגען אין אָרדנונג. אין א קורצער צייט איז אלעס אוועק ווי געהעריג.

דאַכט זיך אויסגעפיהרט אלעס וואס איך האָב געוואָלט, און דאָך איז דאָס אלעס מיר ניט ליעב. ווייטער די פריהערדיגע צרות. איינמאָהל האָבען זיך צוטראָגען קלאַנגען, אז מאָרגען וועט זיין א פּאָגראָם. א גאַנצען טאָג זיינען מיר געזעסען פארשפּאַרט אין די הייזער. קיין פּאָגראָם איז ניט געווען, נאָר וואס איך האָב איבערגעלעבט דעם טאָג איז אונבאַשרייבליך. פון איין זייט אַמעריקא מיט איהרע געשעפטען פאר מיר, פאר א „גרינעם“, און פון דער צווייטער זייט רוסלאַנד, מיט איהרע פּאָגראָמען. דאָך האָב איך געפאָלגט די פריינד און גוטע פריינד, וועלכע האָבען צו־

גערעדט, אז איך זאָל שוין שיקען נאָך מיין געזינד, און האָב אָנ־געשריבען דער פרוי, אז באלד נאָך פסח זאָלען זיי ארויספאָהרען, און איך זוך שוין א דירה.

מיט אמאָהל דערהערען מיר, אז אין מעליטאפעל, וואו מיין איינציגער שוואָגער וואָהנט, איז א פּאָגראָם. איך טעלעגראפיר צום שוואָגער, און באקום אן ענטפער אין 18 שטונדען ארום, אז מען איז א דאנק גאָט געבליבען לעבען. איך שרייב באלד דער פרוי, אז זיי זאָלען דערווייל אָבלעגען דעם פאָהרען. איך געה אום אָהן א קאָפּ. איך קען ניט באשליסען צו נעהמען זיי צוריק. און דערווייל ווערט דאָס גאנצע לאַנד ווי אויף א ווולקאַן. אין פיעלע שטעדט זיינען אונרוהען פון ארבייטער, און מען שיסט זיי מאסענווייז. די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג ווערט אלץ שטאַר־קער, נאָר מען דערשטיקט זי מיט די שוידערליכסטע מיטלען. איבערהויפּט ליידען די אידישע יונגע מענשען. אין יעקאטערי־נאסלאוו האָט מען געכאפּט א פארזאמלונג פון אידישע יונגע לייט און מיידלעך, האָט מען זיי אלעמען אין מיטען נאכט געבראכט אין הויף פון דער פּאָליציי. דער גובערנאטאָר מיט די הויכע בע־אמטע זיינען געקומען, און סאָלדאטען האָבען מיט ריטער געשמי־סען אויפ׳ן הוילען לייב מענער און פרויען. די שרעקליכע גע־שרייען פון די אומגליקליכע געפייניגטע האָבען אין די ארומיגע גאסען אלעמען אויפגעוועקט פון שלאָף. אין א פּאָר וואָכען ארום איז געווען דער שרעקליכער פּאָגראָם אין זשיטאָמער, וואו דרייצעהן אידען זיינען געטויטעט געווארען פון די הוליגאַנעס.

עס קומט פּאָר אין מיר א שרעקליכער קאמפּף. איך עס ניט, איך שלאָף ניט, איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. דערווייל קומט אָן א בריעף פון דער פרוי, אז די קינדער זיינען גאָר ניט גערען צו פאָהרען קיין רוסלאַנד, נאָר צוליעב מיר וועלען זיי דאָס טאָן. און איך דערפיהל, אז איך וועל טאָן דעם גרעסטען פארברעכען, ווען איך זאָל צוליעב מיין בעקוועמליכקייט שטעלען מיינע קינדער אין געפאהר. אזעלכע געדאנקען האָבען מיך געמאטערט ביז איך בין קראַנק געווארען צום בעט, און די דאָקטוירים זאָגען, אז מיין קראנקהייט איז גאנץ ערנסט. א גאנצען מאָנאט האָט מען מיך געהיילט מיט עלעקטריע און גידראפּאטיע ביז איך בין עטוואס גע־

קומען צו זיך, און דאן האב איך פעסט באשלאסען צו פאהרען צוריק קיין אמעריקע. קאמענקאוויטשען איז מיין פלאן גאר ניט געפעלען, און ער לעגט מיר פאר א חלק אין געשעפט אבי איך זאל נאר בלייבען, איך וויל אבער ניט הערען פון די אלע גליקען, און איך מיט מיין טאכטער פאהרען צוריק קיין אמעריקע.

136. צוריק קיין אמעריקא, — איך בין שוין צופריעדען, — מיינע אמעריקאנער גוטע פריינד.

אין אויגוסט 1905 יאהר בין איך געקומען צוריק קיין אמעריקע. מיין לעצטער מאל זיין אין רוסלאנד האט מיך אויסגעהיילט פון מיין בענקעניש. דערצו נאך האבען פיעל געהאלפען די פאגראמען, פון די היסטארישע אקטאבער טעג, ווען ניקאלאי האט מיט טייכען אידישע בלוט געפייערט זיין נײ־געבארענע קאנסטיטוציע.

די אידען אין אמעריקע מאכען פראטעסט־מיטינגען און דעמאנסטראציעס. הונדערטער טויזענדער אידען נעהמען אנטייל אין דעם טרויער־מארש. מיט שווארצע פלאגען געהט מען איבער די גאסען און טייכען טרערען ווערען פארגאסען. איך ווײן אויך אויף דעם אונגליק פון מיין פאלק, מיין הארץ ווערט צופלאצט פון וועהטאג. דאכט זיך איך בין אין גאנצען צונויפגעגאסען מיט מיין פאלק, און דאך ערגעץ אין א ווינקעלע טיעף אין' הארצען שטופט זיך ארויס מיין אייגענער „איך", און עס פאר'גנב'עט זיך א צופריעדענהייט, וואס איך מיט מיינע קינדער זיינען ניט דארט. יא, איך בין מודה, אז דער גרויסער אידישער אומגליק האט געהאלפען, אז איך זאל צופריעדען זיין מיט אמעריקע.

נאך רוסלאנד בענק איך שוין ניט. געבענקט וואלט איך פיילייכט נאך מיין געזעלשאפט פון גוטע פריינד, ווייל אהן נאהנטע אמת'ע גוטע פריינד וואלט מיר פעהלען א שטיק לעבען. האב איך אבער דערפיהלט, אז איך האב זיי דא אויך. איך האב פיעלע גוטע פריינד צווישען די גרינע ערשט אנגעקומענע, ווי בראגין, באראכאוו און הערשאוויג, און די אמעריקאנער גוטע פריינד, ווי דאק־

טאר פריים און מאסליאנסקי זיינען אויך אינטים פריינדליך מיט מיר, און דורך די אלע פריינד באקום איך נייע פריינד.

צווישען די נייע גוטע פריינד האט א וויכטיגען פלאץ פארנו־מען יעקב סאבעל. ווען איך בין נאך אין רוסלאנד געווען האט ער וועגען מיר געהערט פון מיין בעסטען פריינד בראגין, און דעם ערשטען מאל, ווען מיר האבען זיך בעגעגענט איז ער צופריעדען געווען גלייך ווי ער וואלט באגעגענען אן אלטען גוטען פריינד; און איך האב אין איהם געפונען א הייסען ציוניסט, וועלכער האפט נאך צו זיין אין ארץ ישראל. ער איז איינער פון יענע אידען, וואס אין גאנצען זייער לעבען אין אמעריקא פיהלען זיי א טיעפע בענ־קענעש נאך דעם אמת'ן אידישען גייסטיגען לעבען, און אונטער די בעסטע מאטעריעלע אומשטענדען פעהלט זיי די אמת'ע צופריע־דענהייט. דערצו איז ער נאך א שטילער מענש, וועלכער האט פיינט צו שטופען זיך, און פאר אזא מענשען אין אזא טומעלדיגער שטאדט ווי ניו יארק איז שווער אבצוזוכען נאהענטע גוטע פריינד און א ריכטיגע געזעלשאפט. אזעלכע מענשען פארבלייבען עלענד און איינזאם צווישען די מיליאנען מענשען; דעריבער קאן מען פארשטעהן ווי צופריעדען ער איז געווען, ווען ער האט דערפיהלט, אז אין מיר קאן ער געפינען א פריינד, וועלכער זאל איהם גוט פארשטעהן און מיטפיהלען. און איך פון מיין זייט בין דאך גע־ווים צופריעדען צו האבען אזא אידען אלס א גוטען פריינד, און צו האבען אזא הויז, וואו מען זאל זיך פיהלען פאלקאם היימיש און אידישלעך. איינגיכען האבען מיר געהאט אונזער קליינע אינ־טימע געזעלשאפט. איך, בראגין, יצחק גארדאן, ח. דניאלסאן און נאך עטליכע „גרינע" קומען צו סאבלען. מען לעזט און מען רעדט, מען באדויערט די אידישע צרות אין רוסלאנד און מען האפט אויף אונזער צוקונפט אין ארץ ישראל. און ווען עס קומט א יום טוב מאכען מיר עס טאקע יום טוב'דיג, און ווען סאבעל'ס זוהן ישעיה ווערט בר מצוה מאכט מען דאס אמת אידישלעך, ערנסט און הארציג. דאס איז ניט געווען א פוסטע צערעמאניע ווי א געוועהנליכע אמעריקאנער בר מצוה, דאס איז געווען א פייע־רונג מיט נשמה. דער טאטע האט אנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטען איינצופלאנצען אין זיין קינד ליעבע צום אידישען פאלק,

צו אונזער שפּראך און צו ציון; און דער לעהרער פון דעם קינד איז בראגין, וועלכער קאן אריינדרינגען אין דער קינדערשער נשמה׳לע און אָנצינדען דאָרט די ליכט, דעם נר תמיד פון דעם עוויגען אידישען גייסט; און דאָס קינד אליין איז א שעהן אינגעלע מיט דעם גאנצען אידישען חן, מיט שווארצע אויגעלעך פּאָעטיש פאר־חלום׳ט. פיעל הארץ און באגייסטערונג איז געווען אין זיין העב־רעאישער דרשה, וועלכע ער האָט באוואוסטזיניג געזאָגט, און ווי הייליג איז געווען דער מאָמענט אין מיטען דער שמחה, ווען דער פאָטער האָט צו איהם עטליכע ווערטער גערעדט, און אָט דער קליין אידעלע האָט זיך אויפגעשטעלט נעבען זיין גליקליכען פאָ־טער, זיין רעכטע הענטעלע אויפגעהויבען אין דער הויך, זיינע שווארצע אויגעלעך האָבען אזוי ווי געבליצט, און פון זיין קינ־דערשער הערצעלע האָבען זיך ווי א דונער ארויסגעריסען די ווער־טער: „איך שווער! איך שווער! אז איך וועל לערנען אונזער תורה און אונזער שפּראך, און איך וועל זיין א גוטער איבערגעגע־בענער איד און ציוניסט.״

אזעלכע מאָמענטען פון גייסטיגען פערגניגען זיינען פאר מיר גרינערהייט זעהר פיעל ווערט געווען.

137. איך ווער אַ מאַנופעקטשורער. — נאָכהער אַ לעהרער. — און וויל ווערען א מגיד.

באלד ווי איך בין געקומען האָבען אלע גוטע פריינד אָנגע־פאנגען צו זוכען פאר מיר א באשעפטיגונג, און וואס איינער זאָגט גוט, זאָגט דער צווייטער, אז דאָס טויג ניט פאר מיר, און איך אליין בין נאָך אלץ אן איבערקלייבער. קיין גראסערי און קיין ראוט פון צייטונגען וויל איך נאָך אלץ ניט. לויף איך ארום א גאנצען טאָג, הער זיך אָן מיט פארשיעדענע עצות, און קום אהיים און זעץ זיך גאר לערנען ענגליש. די ערשטע זאך מוז מען אביסעל קאָנען די שפּראך.

דערווייל האָט מען אָבגעזוכט א מאן, וועלכער האָט א שטיקעל פאבריק, ווי זיי רופען דאָס דאָ א פעקטאָרי, פון פּאַקעט־בוקס און בעלטס, דאָס הייסט, ער מאכט בייטעלעך און גארטעלעך, און

ער דארף א שותף מיט אביסעל געלד. רעדט מען מיך צו, און איך געה אריין אין געשעפט, אבער מיט די געלד רוק איך זיך נאך ניט. איך וויל פריהער באקאנען זיך מיט'ן געשעפט; און האב איינגיבען אויסגעפונען, אז מיין שותף האט מיר געזאגט ליגען וועגען די פארדיענסטען פון געשעפט. דערצו נאך, ווען איך קום אריין אין מיין שאפ און טו א קוק אויף מיינע פארפינסטערטע ארבייטער, שעם איך זיך צו קוקען זיי אין די אויגען און איך טראכט, ווי אזוי קען אזא ארעמאן ווי איך מאכען אן ערפאלג? סיידען ער דארף זיין א גרויסער כוואט צו קענען דרעהען און שווינדלען, און איבערהויפט זיין א גרויסער בריה אויסצוזויגען די לעצטע קאפ בלוט פון זיינע ארבייטער. איך בין זיכער, אז איך וועל פארלירען מיין געלד, און זעה בעסער וואס גיכער צו ווערען אוים מאנופעקטשורער.

רעדט מען מיך צו, איך זאל דערוויל גאר ווערען א לעהרער ביז איך וועל זיך אויסגרינען. מאסליאנסקי געהט מיט מיר אין א תלמוד תורה. זאגט, אז ער קען מיך פאר א גוטען לעהרער, דאך פארלאזט מען זיך ניט אויף איהם, און מען הייסט מיר קור־מען עקזאמינירען זיך. מען בעט מיך לערנען א קאפיטעל תהלים, און איך פארשטעה, אז מיינע פארהערער פארשטעהען גאנץ וועניג, נאר א דאנק גאט געפעלען, און מען גיט מיר 7 דאלאר א וואך. פרעג איך זיי וואס מען לערענט, זאגען זיי מיר, אז דער־הויפט איז עברי, מעביר זיין די סדרה און קענען אלע ברכות. איך פרוב זיי דערוויזען, אז פון אזא לערנען קענען ניט ארויס־קומען באוואוסטזיניגע אידען, קוקען זיי מיך אן ווי א משוגענעם. דאנק איך זיי אב פאר זייער שטעלע און געה אוועק. זוכט מען מיר אב פריוואט לעסאנס. און עס פאנגט זיך אן אן ארבייט מיט צוגרייטען צו בר מצוה. אויסלערנען א הפטרה, אין דער צייט ווען יענער קען ניט די עברי, דערצו נאך א דרשה, א „ספיטש", ווי זיי רופען דאס. איך גיב זיך זעהר אב איינצופלאנ־צען כאטש עפעס אין די קינדערשע הערצעלעך, איך שפאר ניט קיין צייט; און צום באוואונדערען זיינען די קינדער וויליג צו זיצען גאנצע שטונדען מיט מיר, און האבען ליעב צו הערען, ווען מען ערקלעהרט זיי וועגען אונזער תורה, וועגען די נביאים, און

דאס גלייכען. די עלטערען זיינען אויך צופריעדען, נאָר צאָהלען ווי געהעריג דאָס ווילען זיי ניט. מוז מען גנב'נען די צייט, מען מוז דאָ אויך אביסעל אונטערשווינדלען, ארבייטען אין דער פריה און שפּעט ביי דער נאכט, ווען די קינדער זיינען שוין האלב־שלאָפעדיגע, און דערצו נאָך ניט האָבען גענוג פּרנסה. ענטזאג איך זיך צו פעדלען מיט מיין תורה, און זוך עטוואס אנדערש.

פאר'גנב'עט זיך ביי מיר א מאָדנער געדאנק. פארוואס זאל איך ניט ווערען קיין מגיד? אמעריקא איז דאָך א לאַנד פון רייד־דען. און מיט וואס בין איך ערגער פון די מעהרסטע רעדנער? אמת'ע טאלאנטען זיינען דאָך נאָר געצעהלטע, דער גרעסטער טייל אָבער זיינען דאָך געמאכטע. מיין תורה, דענק איך, וועט זיין גענוג, און א צונג האָב איך אויך ניט קיין שלעכטען. וואס נאָך דארף מען דערצו? און איך דערמאָהן זיך, אז מענדעלע מוכר ספרים זאָגט: „הדרשנות נותנת לבעליה עזות, טפּשות וצביעות", דאָס מיינט, אז די מגידות ענטוויקעלט אין דעם רעדנער פרעכהייט, דומהייט און היפּאָקריטיע, און איך דענק, אז דאָס אלעס מוז מען נאָר פון אָנפאנג באזיצען, אז ניט קען מען זיך ניט נעהמען צו דער ארבייט. און די פראגע איז, וואו נעהמט מען עס? מילא א היפּאָקריט ווערען איז ניט קיין גרויסער קונץ. מען דארף נאָר פארשטעהן וואו, וואָס און ווי אזוי צו ריידען. לויבען און הויבען צום הימעל, ווען עס ווילט זיך זידלען און שילטען, מען דארף וויי־נען אָהן טרערען, ווען עס ווילט זיך לאכען מיט גאל, און נאָך אזעל־כע אקטיארישע גענג. מיין געוויסען נאָר מאטערט מיך: „ווי אזוי ווערט מען א צבוע'יאק, א היפּאָקריט צו די עלטערע יאָה־רען?", נאָר איך בארוהיג זיך, אז מיר זיינען דאָך אלע איינגם הי־פּאָקריטען. ווען מיר זאלען ניט זיין קיין היפּאָקריטען, ווען מיר זאלען ריידען און טאָן ווי מיר פיהלען און פארשטעהען, וואלטען מיר דאָך געזעסען אין פּריזאן אדער אין משוגעים הויז, און, אויב יא שוין זיין א היפּאָקריט, וויל איך כאָטש האָבען דערפון א שטי־קעל ברויט. וועגען נארישקייט, וואס די ארבייט פאדערט, דענק איך, וועט קיין אָבהאלט ניט זיין. עס קען זיין, אז איך בין גאר גענוג נאָר צו זיין א מגיד, און טאָמער פעהלט אביסעל, מאכט מען זיך. ווער פון אונז מאכט זיך דאָס ניט נאריש אויף יעדען טריט?

איין זאַך שרעקט מיך נאָר, די פרעכהייט. עזות, דאָס איז א מתנה פון גאָט, מיט וועלכער אייניגע מענשען זיינען געבענשט, און מיך האָט גאָט אין דער הינזיכט געשטראָפט. מיר פעהלט עס אין גאַנצען. און איך בין זיכער, אז אַלע מיינע אַנשטריינגונ־גען וועלען מיר ניט העלפען. איך בין צופיעל שעמעוודיג, און איך האָב צופיעל רעספּעקט פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון מענשען. אַלץ וועל איך פילייכט ווערען, אבער אַן עזות פּנים קיינמאָהל ניט. און אַלזאָ מוז איך אויפגעבען דעם גלענצענדען געדאַנק צו ווערען אַ רעדנער.

138. איך ווער אַ פאַרמער (1907).

דער אידעאַל וועגען פאַרמעריי איז אין מיר נאָך ניט אָבגע־שטאַרבען, און יעצט האָט ער אין גאַנצען ערוואַכט, ווען איך האָב דערהערט, אַז ארום עלינגטאָן, קאָנעקטיקוט, האָבען זיך באַזעצט נייע אידישע פאַרמער, וועלכע זיינען ערשט געקומען פון זיך רוס־לאַנד, און זיי זיינען גאַנץ ערפאָלגרייך. איך פאָהר אַהין און גע־פין פיינע אינטעליגענטע געזינדען. מענשען, וועלכע האָבען גרוי־סע געשעפטען געפיהרט, געבילדעטע פרויען, און קינדער, וועלכע האָבען געשטודירט, ארבייטען אַלע אויף די פאַרמס און זיינען העכסט צופריעדען; און ווי אַזוי קען מען זיין ניט צופריעדען? די לאַנדשאַפטען נעהמען אָב אַן אויג, הייזער זעהר שעהנע, שטאַ־לען מיט פערד און קיה, הויפען מיט עופות, קעהלערס מיט גאַר־טענוואַרג און פרוכטען. מיט איין וואָרט פון אַלעם גוטען, און עס לעבט זיך אַזוי רוהיג און שטיל. פאַר מיר איז דאָס אַן אמת'ער גן עדן. איך רוף ארויס פון ניו יאָרק מיין פרוי. איהר געפעלט אויך דער שעהנער פאַרם־לעבען, און מיר באַשליסען צו ווערען פאַרמער. איך באַזוך מר. מ. בעקער, דעם יונגען אידעאַליסט, וועל־כער איז אַלס אינגעל געקומען מיט זיינע עלטערען פון רוסלאַנד, און איז אַליין אַ פאַרמער, און וואָלט וועלען זעהן אַלע אידען אַלס ערפאָלגרייכע פאַרמער. ער זאָגט מיר צו אָבצוזוכען אַ פאַרם. דערווייל פאָהר איך אהיים און פאַנג אָן צו לערנען אַגריקולטור. איך באַקום די נויטיגע ליטעראַטור, קויף אַ גרויסען ווערטערבוך

און זיץ טאָג און נאַכט און לערען. פאָהר אָפט צו די עלינגטאָנער פארמער, און לערען פון זיי וואָס איך קען נאָר.

אין פריהלינג 1907 ווער איך מיט מזל א פארמער. איך ווער א גאנצער פריץ. איך האָב 96 אקער לאנד, מיט א גוטען וואלד מיט א שעהנער טייכעלע, א הויז אָן אמת'ער פאַלאַץ, און דערביי א פרוכט־גארטען, דערצו נאָך צוויי פערד, דריי קיה, קעלבער, היהנער און אלערליי מאשינערי, און דאָס קאָסט אין גאנצען 2,200 דאלאר, ווייל דער פארקויפער, דער פארמער, דער קריסט, האָט זעהר פארלאָזען די פארם. איך צאָהל איין 600 דאָלאר, און ביי מיר בלייבט איבער אין באנק 700 דאָלאר. די איבעריגע געלד האָב איך שוין פארלעבט אין ניו יארק. אלע זיינען געקומען אויפ'ן פארם, נאָר דער עלטערער זוהן איז געבליבען אין ניו יארק. מיר אלע זיינען זעהר צופריעדען מיט דעם נייען היים. עס איז פריהלינג, אלעס איז אזוי שעהן און צוציהענד, בפרט נאָך קומענדיג פון ניו יארקער ענגשאַפט און טומעל.

אונזער רוהיגקייט איז אבער באלד אין אייניגע טעג ארום געשטערט געווארען. א קוה איז קראנק געווארען. עסט ניט, ליגט און קרעכצעט גאָר ווי א מענש להבדיל. עס קומען די קריסטליכע שכנים, טוען מיטלען, נאָר עס העלפט ניט. איך קען ניט אָפטרעטען פון איהר. דער צער בעלי חיים איז גרויס. זי גלאָצט אויס איהרע גרויסע אויגען, און קוקט אויף מיר גלייך ווי זי בעט זיך „העלף מיר". איך בעט איהר אונטער פרישע גרינע גראָז, איך גיס איהר אין מויל ווארימע וואסער מיט קלייען, און זי טוט א ציה איהר לאנגען האלז, לאָזט ארויס א מורא'דיגען קרעכץ, און פאנגט אָן צו ציטערען ווי אין קדחת. איך דעק זי איין מיט א ווארימען בלענקעט. זי אטעמט שווער, זי טוט א הויב דעם קאָפּ און לאָזט איהם אראב, נאָך א פּאָר מאָהל א קרעכץ, און הויכט אויס איהר לעצטען אָטעם.

א שווערען איינדרוק האָט אויף מיר געמאכט דער טויט פון דער קוה. איך פיהל, אז אין איהר טויט איז שולדיג איהר פריהערדיגער בעל הבית, ווייל דער שטאָל איז נידעריג, פינסטער און שמוציג; און דערפאר טאקע הוסטען די אנדערע קיה און קעלבער. איך פאר־קויף די קראנקע פיה, מאך טיעפער דעם שטאָל, מאך פאר זיי דעם

ריכטיגען פלאַץ צום אַברוהען, ווייס אויס די ווענד, און שטעל אריין פענסטער; און דאָס טו איך אַלץ אַליין, ווייל די קינדער אַרביי־טען שוין אין פעלד. אמת, איך האָב אַ היבשע ביסעל מאָהל צו־קלאַפּט זיך די פינגער, אָנגעמאַכט זיך גוטע מאַזאָלעס אויף די הענד, אַבער אַלעס געמאַכט צאַצקעדיג, אפילו ארום דעם שטאַל ארומגע־ראַמט די בערגלעך מיסט און שמוץ, און דאַן ערשט געקויפט צוויי קיה ביי צוויי אַמעריקאַנער פאַרמער. די יענקים האָבען מיך אפילו אביסעל אָבגענאַרט, דאָך זיינען זיי געווען גאַנץ פיינע קיה, און איך היט זיי אָב, איך קעם זיי, פאַרהיט זיי פון פליגען, דאָס עסען און טרינקען איז ריין, און זיי האָבען גענוג פרישע לופט. די פרוי גיט זיך אָב מיט די מילכיגס, און האָט אויסגעצייכענטע קעז און פּוטער. מיט מיינע היהנער בין איך אויך ניט צופריעדען. זיי זיינען פון פאַרשיעדענע סאָרטען, און טויגען אַלע אויף כפרות. האָבען אַ שמוציגע הייזקע, ווילען זיי אין איהר ניט זיצען, און שלעפּען זיך ארום איבער'ן פאַרם, און אייער פון זיי האָבען מיר ווייניג. פאַרקויף איך די היהנער, בוי אויס אַ הייזקע און קויף אַ פּאָר צעהנדליג היהנער. מיין פרוי גיט זיך מיט זיי אָב, און דער־לעבט אין גיכען אַ נייען דור פון זיי.

צו די פעלד־ארבייט האָב איך געדונגען אַן אַמעריקאַנער פאַרמער, וועלכער זאָל לערנען מיינע זיהן ווי צו ארבייטען. עס איז אָבער ניטאָ מיט וואָס צו ארבייטען. די הארנעס (זברויע) איז צוריסען, דער פלוג איז צובראָכען, די קאַלטיווייטאָרס טויגען ניט. מען מוז אַלץ קויפען, און אַ שעד צוליעב דעם טאַבאַק מוז מען בויען. קיין געלד איז שוין ניטאָ אין באַנק. מילא, פער־טילייזער און זריעה אויף 400 דאָלאַר האָט מען געגעבען אָהן געלד, אָבער געלד מוז מען דאָך האָבען. מיין גוטער פריינד מאַדעל פון פּאָלטאַווע האָט אַ ברודער אין באָסטאָן, סעמיועל מאַדעל, דערהערט ער, אַז איך נויטיג זיך אין געלד און ברענגט מיר 300 דאָלאַר, וועלכע ער האָט שווער פאַרהאָרעוועט.

אזוי בין איך געוואָרען אַ גאַנץ היבשער בעל־חוב, נאָר מען האָפט דאָך, אַז די פאַרם וועט אַלץ אָפּצאָהלען, און דערווייל אַרבייט מען מיט חשק. די זיהן אַקערען שוין גוט און טוען אַלע פעלד־ארבייט. איך אַרבייט אויך, נאָר ניט קיין פעלד־

ארבייט מיט די פערד. די קינדער לאָזען מיך ניט, און באמת האָב איך גאָר אביסעל מורא פאר א פערד, און די פערד פאר מיר האָבען גאָר קיין מורא ניט. אָבער איך האָב גענוג אַנדערע ארבייט. קיין מאַשינעס צוליעב אלץ איז ניטאָ, מוז מען דעם פערטיליייזער שפּרייטען מיט די הענד, פּאָטייטאָס זעען מיט די הענד, היינט דארף מען די פלאַנצען פון דער טאַבאַק באגיסען און יעטען, א גאָרטען פארזעען און קולטיווירען מיט די הענד, אויף די פרוכט-בוימער ארומשניידען די צוברָאכענע צווייגען, און אויסשניידען די צווייגען וואו עס איז צו געדיכט, און די נעסטען פון די קאטערפּילערס דארף מען פארניכטען, די פּאָטייטאָס זיינען פארשאָטען מיט באַגס, קיין מאַשין צו שפּריצען איז ניטאָ, שפּריץ איך מיט די הענד. א שווערע שטיקעל ארבייט פאר מיר. איך מוז אָבער רעטען 5 אַקער פּאָטייטאָס, וועלכע קאָסטען מיך שוין מעהר פון 200 דאָלאר, און ווען איך האָב מיין טאַבאַק פארפלאַנצט, איז ביי מיר געוואָרען א ריכטיגע עקספּערימענט-סטיישאָן.

אין אַלגעמיין ארבייט איך ניט קיין שווערע ארבייט, אָבער איך ארבייט לאַנגע שטונדען. אין שטאָדט וואָלט איך געוויס ניט געקענט ארבייטען אזוי פיעל, אָבער דאָ אויפ׳ן פרייען פעלד מיט די פרישע לופט ארבייט זיך; נאָר די שעהנע נאַטור רייסט מיך א מאָל אָפּ פון דער ארבייט. עס טרעפט, אז איך בלייב שטעהן מיט דער האָו אין האנד פאר׳שכור׳ט פון דעם געזאַנג פון די פויגעלעך.

מיין פרוי מיט מיינע טעכטער ארבייטען אויך גאַנץ שווער. קיינער שפּאָרט ניט קיין מיהע און אַלע שוועריגקייטען טראָגט מען איבער מיט צופריעדענהייט. דערפאר האָט מען דאָך א שעהנע היים, און מיר האָבען ווירקליך געמאכט, אז אונזער פאַרם זעהט אויס פּראַכטפאָל. דאָס הויז, ארום הויז, דער שטאָל און דער גאַנצער הויף זיינען אימער שעהן און ריין, און די פעלדער גוט און ריין בעאַרבייט, יעדער זאַך אָפּגעטאָן אין דער צייט, אפילו ארום וועג פארניכטעט די ווילדע גראָזען. אַלטע אמעריקאַנער פארמער לויבען אונז און באוואונדערען, אז א גריִנער איד זאָל קענען אזוי מאכען פון א פארלאָזענער פאַרם.

און ווי פארנומען איך בין ניט געווען מיט ארבייט, דאך האב איך אימער אפגעזוכט צייט צו לעזען די אגריקולטור־צייטונגען, און שרייבען בריעף צו די עקספערימענט־סטיישאנס מיט פארשיעדענע פראגען, אויף וועלכע זיי ענטפערען שנעל און פינקטליך. אויף איין פראגע אין איין אגריקולטשורעל צייטונג האט מען צו דעם ענטפער צוגעשריבען, אז ווען עס זאלען קומען מעהר פארמער ווי איך, וואלט די געגענד אויפלעבען.

139. שבת און יום טוב אויפ'ן פארם.

ווי זיס און אנגענעהם איז דער שבת נאך א וואך אזעלכע שווערע ארבייט. ווי שעהן איז אונזער פארמערשער מנין; ווי ליעב איז צווישען די בליהענדע בוימער צו זיצען שבת בייטאג מיט דער געזינד און פארלעזען עפעס פאר זיי, און ווי פאטעטיש ערהאבען זיינען אונזערע ימים טובים אויפ'ן פארם.

דער ערשטער יום טוב איז געווען שבועות. אלעס ארום איז גרין און עס בליהט. איך דערצעהל פאר מיינע קינדער פון קבלת התורה, אז דער יום טוב איז אן אנדענקען, ווען מען האט אונז געגעבען די תורה, וועלכע לערענט אונז צו לעבען מיט מענשען ערענטליך און ברידערליך, און ווער קען דאס אזוי אויספיהרען ווי דער פארמער אין זיין ארט לעבען? און איך דערמאן ווי אונזערע עלטערען, די פארמער אין ארץ ישראל, זיינען אויף שבועות קיין ירושלים געגאנגען, זייערע שעהנסטע פרוכטען צום בית המקדש געפיהרט; ווי צווישען די בערג פון יהודה האבען זיך צוגאסען די זיסע העברעאישע מעלאדיען פון די מוטיגע, שטאלצע אידישע פארמער, און ווי די כהנים מיט די גרעסטע מענשען פון ירושלים געהען ארוים באגעגענען זייערע ברידער, וועלכע שפייזען דאס גאנצע לאנד, און ווי מיט גרוים פאראד פיהרט מען זיי צום בית המקדש. און איך דערמאן זיך, ווען איך בין א קליין אינגעל געווען, און בין ערב שבועות געלאפען אין פרעמדע פעלדער און וועלדער צו כאפען ערגעץ א גרעזעלע און א צווייגעלע צו באשעהנען מיט גרינס אונזערע שבועות, און שקצים האבען מיך פארווארפען מיט שטיינער און אנגערייצט אויף מיר זייערע הינד. און יעצט זיצען

מיר אין אַ פרייען לאַנד צווישען אייגענע פעלדער און וועלדער פול מיט גרינסען באדעקט, און איך פיהל זיך שטאָלץ, האָבענדיג אונזער תורה אין איין האַנד און דעם אַקער־אייזען אין דער צווייטער האַנד.

אייביג וועל איך ניט פארגעסען דאָס הערליכע בילד פון יום־כפור אויפ'ן פארם. אַ הויז צווישען בוימער. אַלע פענסטער אָפען. די זיסע ערפרישענדע לופט שטראָמט פון אַלע זייטען. אין איין צימער שטעהען מונטערע געזונטע מענער איינגעוויקעלט אין די טליתים, אין צווייטען צימער שטעהען פון זון אָפּגעברענטע פרויען אין ווייסע קליידער. די שעהנע טרויעריגע מעלאָדיען פון כל נדרי פאַנגען זיך אָן צו גיסען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, די גאַנצע נאַטור הערט זיך צו צו דעם ליעד פון דעם אייביגען וואַנדערער, וואָס האָט געפונען וואו אָנצושפּארען זיין קאָפּ; און איך דערמאָן זיך אויף אַ כל נדרי אין די פינסטערע היילען אין שפּאַניען, וואו אונזערע אומגליקליכע ברידער האָבען זיך באהאַלטען אום אויסצוגיסען דאָס הארץ פאר גאָט, און זייערע זיפצען און קרעכצען זיינען פארשטיקט געבליבען אין דער נאַסער קאַלטער ערד ביז די אינקוויזיטאָרען האָבען זיי דאָ געכאַפּט, און אויף דער ליכטיגער וועלט ארויסגעפיהרט, אין פייער אריינגעוואָרפען, און דאַן האָט ערשט דער איד געקענט פון צווישען די פלאַמען פייער פריי אויס־שרייען „שמע ישראל!”.

דער חזן פאַנגט אָן מיט אַ העכערער שטימע דעם דריטען מאָל כל נדרי, און איך כאַפּ זיך אויף ווי פון אַ שוידערליכען חלום, און דערזעה פאר זיך אַ פּראַכטפאָלע וועלט. די פויגעלעך אונטער'ן פענסטער אַקאָמפּאַנירען דעם חזן, און הימעל און ערד, די אייביגע עדות פון אידישע פריידען און ליידען, זינגען שירה: „גאָט, דו ביזט אייביג, און דיין פאָלק ישראל איז אייביג”.

און אָט קומט סוכות. אַ עראינערונג ווי אידען זיינען אין דער מדבר געגאַנגען, און ווי זיי האָבען שפּעטער איינגעזאַמעלט די פּרוכטען פון זייער לאַנד. איך מאַך מיר אַ סוכה פון ווייסע לייוועָנד, דעק צו מיט די שעהנסטע געוועקסע פון מיין פארם, און זיץ מיר אין סוכה, און דערצעהל מיינע קינדער, אַז ווען גאָט'ס

געבענשטע לאַנד האָט מיט מילך און האָניג געפליסט, און גאָט'ס אויסערוועהלט פאָלק האָט דאָרט גליקליך געלעבט, האָט מען פון די צווייגען פון אָליוו און מירטען־בוימער סכות געבויט און מיט די שעהנסטע געוועקסע פון לאַנד גאָט'ס דיענסט באשעהנט; און שפּעטער האָט די בלוטדאָרשטיגע רוים דעם אידען פון זיין היים פאַרטריבען, פאַרשפּאַרט אין גהעטאָס. ווייט פון וועלדער און פעל־דער, האָט דער איד אַ סוכה געבויט, ווי אונזער פּאָעט פרוג זאָגט:

אַ טיר, אַ לאָדען — אַלץ געשלעפּט,
צום בנין אַלץ גענומען,
די מולטער מיט דער לאָקשענברעט
איז אויך צונויץ געקומען.

און קלייבענדיג ברעקלעך פון אונטער פרעמדע טישען פייערט דער איד דעם חג האסיף. ער נעהמט אַן אתרוג פון גערטנער, וועלכע זיינען פרוכטבאַר געוואָרען פון אידישע פאַרגאָסענע בלוט, און אָט דעם אתרוג דריקט ער צו זיין שוואַכער ברוסט און באַנעצט מיט ברענענדע טרעהרען, דערמאָנענדיג זיין ליעבע היים, וואו אתרוגים וואַקסען.

און איך דערמאָן זיך, אז יעצט, דאָרטען ווייט אין אונזער אַלטער היים, האָט דער איד זיין סוכה פון דאָס ניי אויפגעשטעלט צווישען אייגענע וויינגערטנער און אַן אתרוג פון זיין אייגען גאָרטען גענומען. אָנגעפילט די שייערען מיט תבואה און די קעלערען מיט וויין, פייערט ער דעם חג האסיף. און דאָ אין אמעריקא קענען מיר, אידישע פאַרמער, אויך מיט אַ פרעהליכען הארצען פייערן דעם יום טוב. מיר נעהמען אריין די פרוכט פון אונזער מיה, און אונזער סוכה שטעהט יעצט אויף אַ פעסטערען באָדען, אין אַ ריינע־רער, פרייערער אַטמאָספערע.

140. מיין דורכפאַל אין פאַרמעריי. — וואָס פאָדערט זיך פאַר פאַרמעריי.

גאַנץ שעהן איז די פּאָעטישע זייט פון פאַרמעריי. דער שטילער, אָרענטליכער לעבען איז גאַנץ איינשטימיג מיט מיין כאַ־

ראקטער, אָבער וואָס הערט זיך עפּעס וועגען עסען? דער יאָהר איז געווען א שלעכטער, קיין רעגען איז ניט געווען אין צייט, שוין יאָהרען לאַנג אזוי פיעל ווערים ניט געווען אויף די פּאַטייטאָס און אויף דעם טאַבאַק. דערצו נאָך געפאָלגט אַלטע פּארמער און גע־זעעט צופיעל, און אייניגע זאכען געזעעט וואָס באַצאָהלען גאָר ניט. איך פיהר א פּינקטליכע רעכענונג פון יעדער זאך, וויפיעל עס קאָסט זיך אליין, אריינרעכענענדיג די ארבייט. די גאַנצע האָפענונג איז אויף דעם טאַבאַק. העלפט גאָט, און די פּרייזען זיינען האַלב פון לעצטען יאָהר. פארקויפט וואָס מען דאַרף פארקויפען, אונטערגע־פיהרט א רעכענונג, ערשט איך האָב דערלעגט מעהר פון 300 דאָלאַר צו דאָס וואָס איך האָב געזעעט דעם יאָהר, אויסער וואָס איך האָב פארלעבט אין שטוב און אריינגעלעגט אין געביידען און דאָס גלייכען. איך צאָהל אָפּ די מעהר נויטיגע חובות, בלייב א גרויסער בעל־חוב, און ווינטער איז ניטאָ פון וואָס צו לעבען, אפילו אויף א פּאָאַר שיך פאר א קינד איז ניטאָ. דער קלענערער זוהן עמנואל פּאָהרט קיין ניו יאָרק. ער וויל מעהר ניט זיין קיין פּארמער. אין גיכען פּאָהרט די עלטערע טאָכטער אויך אוועק קיין ניו יאָרק. דער זוהן, וואָס איז געבליבען מיט מיר, און די מיטעלע טאָכטער געהען אר־בייטען אין א טאַבאַק־ווערהויז צו פארדיענען כאָטש אויף ברויט.

איך אליין ארבייט אויפ'ן פּארם. די פּערד און קיה גיב איך עסען און טרינקען, איך בארשט זיי און קעם זיי, און פיהר ארויס די מיסט יעדען טאָג, און ווען עס איז גליטשיג, האָב איך מורא צו טרייבען די קיה צום וואסער, ווייל עס איז א שטארקער בארג־אראָפּ, ברענג איך זיי וואסער, און ווען דאָס וואסער איז קאַלט, וואַרים איך עס אָן אביסעל. אמת, זיי באַצאָהלען מיר ניט פאר דעם עסען און פאר מיין ארבייט, אָבער עס איז דאָך א צער בעלי חיים. דערצו נאָך בין איך געוואָרען א האָלץ־העקער. איך זעג, איך האק און שפּאַלט האָלץ, ארבייט א האַלבען טאָג, און די ווייב פארברענט עס אין איין שטונדע, און אין שטוב איז קאַלט. נאָר איין אויוועען אין קיך. נאָך אַן אויוועען קויפען איז דאָך ניטאָ פאר וואָס און נעהמען אָהן געלד האָב איך פיינט. קומט אין אָוועגד, זיץ איך מיר אין וואָליקעס, גאַנץ וואַרים אַנגעטאָן. אַלע שלאָפען, און איך זיץ ביז האַלבע נאַכט און לערען וועגען אגריקולטור.

איך שרייב אוים ליטעראַטור פון אַלע אַגריקולטשורעל קאַ־לעדזשעס און עקספּערימענט סטיישאַנס און לערען אַלע פאַרשיע־דענע אָפּטיילונגען אין פאַרמעריי. איך וויל אויסגעפינען פון וואָס און ווי אַזוי קאָן איך מאַכען אַ לעבען פון מיין פאַרם, און איך שטודיר אין אַלגעמיין די פראַגע פון פאַרמעריי אין אַמעריקע, און קום צו דער איבערצייגונג, אַז כדי צו ווערען אַ פאַרמער אין אַמע־ריקע מוז מען געדענקען פאָלגענדע זאַכען:

1. אַז עלטערער מענש, נעהנטער צו די פופציגער יאָהרען, וועלכער איז ניט געוואוינט צו שווערע, פיזישע אַרבייט, זאָל זיך ניט איינריידען, אַז ער וועט פעהיג זיין צו אַרבייטען אויף אַ פאַרם. די אַרבייט וועט איהם נאָר נאָך מעהר צוברעכען פיזיש.

2. מען מוז האָבען שעהנע עטליכע טויזענד דאָלאַר צו ווערען אַ דורכשניטליכער פאַרמער, אַז מען זאָל קענען מאַכען אַ לעבען.

3. אפילו אַ יונגער מאַן דאַרף זיין גוט פיזיש ענטוויקעלט, אַז ער זאָל פעהיג זיין צו אַרבייטען אַליין, און ער זאָל ניט דאַרפען זיין אין גאַנצען אָפּהענגיג פון פרעמדע הענד.

4. קויפען אַ פאַרם זאָל מען נאָר מיט אַ מענשען, וועלכער פאַרשטעהט גוט אַמעריקאַנער פאַרמעריי, און אַ מענש, אויף וועל־כען מען קען זיך מיט זיכערהייט פאַרלאָזען.

5. מען מוז זיך גוט באַקענען מיט די נייע מעטאָדען פון אַמעריקאַנער פאַרמעריי. מען מוז לעזען און אויסנוצען וואָס די רעגירונג און ערפאַהרענע פאַרמער געפינען אוים.

6. מען מוז פון יעדער זאַך פיהרען אַ ריכטיגע רעכענונג ווי זיין יעדען געשעפט, אום מען זאָל ריכטיג וויסען וויפיעל יעדער זאַך קאָסט זיך אַליין, אריינרעכענענדיג די אַרבייט, און וויפיעל עס בלייבט פּרנסה פון יעדער זאַך און וואָס עס באַצאָהלט זיך בעסער.

וואָס אַנבאַלאַנגט מיין פאַרם, זעה איך, אַז פון איהר קען מען מאַכען אַ לעבען נאָר דאַן, ווען מען זאָל אריינלעגען אַ באַדייטענדע סומע געלד און מאַכען אַ גרעסערע פּלאַנטאַציע פון טאַבאַק און דערצו האַלטען גוטע קיה, און פאַר די קיה מאַכען אַ סיילאָ און זעען פעסטשור. איך בין זיכער, אַז ווען איך האָב גענוג געלד, וואָלט איך זיין אַן ערפאָלגרייכער פאַרמער. איך זעה דאָך, אַז איך

האָב געהאט מיט 250 פונט מעהר טאַבאַק פון אַקער איידער מיין שכן, דער קריסט, דער אַלטער פאַרמער, און איך האָב מיט 3 סענט אויפ'ן פונט גענומען מעהר איידער ער, ווייל איך האָב פארשטענדליכער בעאַרבייט און געקיורט (געטריקענט) דעם טאַבאַק. פּאָטייטאָס האָט ער גאָר ניט געהאט, און איך האָב ארויסגענומען די 200 דאָלאַר, וואָס מיך האָט געקאָסט, מיט 60 דאָלאַר פּרנסה און גענוג פּאָטייטאָס צום עסען און גוטע זריעה פאר'ן נעקסטען יאָהר. פון די פרוכט-בוימער האָט דער פריהערדיגער פארמער גאָר ניט געהאט, און איך האָב פון 12 עפּעל-בוימער געהאט 36 דאָלאַר און גענוג גוטע עפּעל אויף אַ גאַנץ ווינטער. די פראַגע איז נאָר, וואו נעהמט מען געלד? קריכען אין גרויסע חובות האָב איך פיינט. דאָס הייסט ביי מיר שווינדלען און דרעהען, און ניט קיין רוהיגער פארמער-לעבען.

דערווייל איז שוין די מיטעלע טאָכטער אויך אוועק קיין ניו יאָרק. די מאַמע וויינט, פיער קינדער אין שטאָדט אָהן אַ היים. דער זוהן, וואָס איז געבליבען מיט מיר, איז אויך אַן איינגעבעטענער. איך זעה, אַז די גלייכסטע זאַך פאר מיר איז צו פארקויפען די פארם איידער איך וועל זיך פארדרעהען מיט מעהר חובות. איך זוך שוין אַ קונה, נאָר עס מאַכט זיך ניט.

דערווייל איז שוין פריהלינג, און קיין סענט געלד איז ניטאָ מיט וואָס אָנצופאַנגען צו אַרבייטען, דערצו נאָך מוז איך אָפּצאָהלען מאַדלען דעם חוב פון 300 דאָלאַר, ווענד איך זיך צו דער דזשואיש אַגריקולטשורעל ענד אינדאָסטריעל אייד סאָסייעטי (די אידישע געזעלשאַפט צו העלפען אין אַגריקולטור און אינדוסטריע), און זיי האָבען זעהר פריינדליך געליהען מיר 500 דאָלאַר אויף גרינגע באַדינגונגען.

איך האָב אָפּגעצאָהלט דעם חוב, געבליבען מיט אַ פּאָאָר הונדערט דאָלאַר, און מיר פאַנגען אָן צו אַרבייטען. אָבער עס פעהלען דאָך דער קלענערער זוהן און צוויי טעכטער, אַלע גוטע אַרבייטער, וועלכע זיינען יעצט אין שטאָדט. דינג איך אַן אַרבייטער, און מיין מיטעלער זוהן אַרבייט אַריבער אַלע זיינע קרעפטען. ער אַקערט, און מיינע אַלטע שוואַכע פערד בלייבען יעדער מינוט שטעהן אין מיטען אַקערן פארשוויצטע, פארסאָפּעטע און קוקען זיך ארום אויף

מיר מיט אזא בליק ווי איינער זאָגט: „מיר האָבען זיך שוין אויס־געארבייט אין אונזער לעבען, האָב רחמנות אויף אונזערע עלטערע יאָהרען און לאָז אונז צורוה". און איך פיהל, אז די בלוט ווערט מיר פארקיהלט אין מיינע אָדערען. דערצו נאָך ארבייט איך אליין שווער און ביטער. פאל איך אריין פארנאכט אין שטוב א צו־בראָכענער, א קראַנקער, קיין כח ניטאָ אפילו צו עסען, און פון דעם „מתוקה שנת העובד", דאָס מיינט, אז דעם ארבייטער'ס שלאָף איז זיס, ווייס איך אויך ניט. א גאנצע נאכט ברעכט און שטעכט אין גאנצען קערפּער, מען קען קיין גליעד ניט אויסגלייכען און קיין אויג ניט צומאכען.

זעהר שווער איז אונז דער פריהלינג געווען, דאָך האָט מען אלץ פארזעעט און פארפּלאנצט אין צייט אויפ'ן בעסטען אופן, און עס האָט אָנגעפאנגען צו וואקסען זעהר שעהן. דאָך האָב איך ניט געביטען מיין מיינונג, אז איך דארף מיין פארם פארקויפען.

אין יענער צייט איז געקומען צו מיר מיין פריינד יעקב סאָבעל מיט זיין פרוי און ריידען מיך צו, אז איך זאָל די פארם פארקויפען און פארנעהמען בעסער א שטעלע אין זייער געשעפט. און דאָ האָט זיך טאקע געמאכט א קונה, האָב איך פארקויפט מיין פארם פאר 3,300 דאָלאר, דאָס הייסט מיט עלף הונדערט דאָלאר מעהר איידער איך האָב באצאָהלט, און דאָך האָב איך נאָך צוגעלעגט אביסעל געלד, ווייל עטליכע הונדערט דאָלאר האָב איך אריינגעלעגט אין דער פארם, 300 דאָלאר צוגעלעגט צום קראָפּ, און מען האָט דאָך געלעבט פופצעהן מאָנאטען.

הייסט עס אויס פארמער, באגראָבען נאָך איינעם פון מיינע שעהנע אידעאלען, און פאָהר צוריק אין שטאָדט.

141. צוריק אין שטאָדט. — איך האָב א שטעלע און פארלאָז זי און זעץ זיך לערנען.

פון דעם שטילען לעבען אויפ'ן פארם אריינגעפאלען צוריק אין ניו יאָרקער טומעל. אָפּגעזוכט א דירה, וואו עס איז פאראן כאָטש מעהר לופט, דארף מען אָבער קריכען אויפ'ן פערטען פלאָר. איך האָב גלייך פארנומען די שטעלע ביי די ברידער סאָבעל אין

זייער האַלסייד דרעסגודס געשעפט (גראָסהאנדעל פון מאנופאקטור). מע גיט מיר דערווייל 15 דאָלאר א וואָך, און פיעלע גרינע, גאנצע מאכערס פון דער היים, זיינען מיר שטארק מקנא. אין וואָס אייגענטליך באשטעהט מיין שטעלע ווייס איך ניט. ווי איך פאַר־שטעה איז די זאך דערפון אזוי: זיי ווייסען דאָך, אז אין רוסלאנד האָב איך געפיהרט פרעמדע געשעפטען, וועל איך דאָ צולערנען זיך זייער געשעפט און וועל העלפען פיהרען דעם געשעפט. דערווייל איז מען מיך מכבד צו ברענגען אין אָרדנונג די געשעפטס־ביכער פון אָנפאנג יאָהר אָן. איך בין אפילו געוואוינט צו אזא ארבייט, אָבער דאָ איז מיר זעהר שווער. די נעמען פון די וואארע זיינען מיר פרעמד, געשריבען איז אַלץ אין ענגליש, איך דארף זיך גאָר אָפט מאטערען איבערצולעזען, און ערגער פון אַלץ איז דער טומעל. איך האָב קיינמאָל ניט געקענט איבערטראָגען א טומעל, ובפרט נאָך יעצט, נאָך פופצעהן מאָנאטען פארם־לעבען ארייגעפאלען אין אזא גיהנם. אין גאס איז א געפילדער פון די גרויסע וועגען מיט די עקספרעסען, וועלכע פארהילכען דעם קאָפּ א גאנצען טאָג, און פונקט איבער אונזער געשעפט איז עפּעס א פעקטאָרי, וואו עס ארבייטען פיעלע מאשינעס מיט אזא קלאפעריי און גערודער אזש די גאנצע געביידע טרייסעלט זיך, און יעדער קלאַפּ פאלט ווי א שווערער שטיין אויף מיין קאָפּ. דערצו נאָך איז די לופט דער־שטיקט צו ווערען; די איינציגע פענסטער אין אונזער אָפיס געהט ארויס אין א פינסטערען, שמוציגען, ענגען פלאַץ, פון וואנען עס שפּארט אָן עפּוש, וועלכען מען קען טרעפען נאָר אין די גרויסע שטעדט. איך שטרענג זיך אָן און ארבייט ביז מיין מח פאנגט אָן צו ברענען ווי אין דעם שטארקסטען פיבער; איך פיהל, אז מיינע נערוועז ווערען צוריסען און מיין הארץ ארבייט עפּעס ניט נאָרמאַל. קום איך אהיים, ווארף זיך אריין אין בעט ניט גענעסען, מע לעגט מיר אייז צום קאָפּ, מאטער איך זיך אַפּ א נאכט און געה ווייטער פייניגען זיך א טאָג, ביז עס איז דערגאנגען, אז מען האָט מיך געמוזט אָפּפיהרען אהיים, און דעם דר. פּריים איז מיין פולס שטארק ניט געפעלען.

דערזעהענדיג, אז איך וועל דאָ פארלירען מיינע לעצטע ביסעל קרעפטען, און זייענדיג איבערצייגט, אז איך וועל קיין ערפאָלג ניט

האָבען, ווייל דאָס געשעפט איז מיר גאָר ניט צום הארצען, באשלים איך פעסט צו פארלאָזען מיין שטעלע. עס פארשטעהט זיך, אז אלע זיינען געגען מיין באשלוס. איך אָבער הער קיינעם ניט און פארלאָז די שטעלע. אָפּגערוהט זיך, פארבעסערט אביסעל מיין געזונד, און זעץ זיך לערנען אגריקולטור. מיר ווילט זיך פארפאָל־קאָמען מיינע צוויי יאָהר לערנען און פראַקטיצירען אין פארמעריי. איך גלויב, אז דאָס וועט ניט נאָר מיר פערזענליך נוצען ברענגען, נאָר אז איך וועל קענען דערמיט ניצליך זיין מיינע ברידער, וועלכע ווילען ווערען פארמער, אָדער די וואָס זיינען שוין פארמער; און איך פאנג אָן צו לערנען מיט דעם גרעסטען פלייס גאָר ווי אמאָל אין די יונגע יאָהרען.

142. דער סך הכל פון מיין שרייבען, און ווי אזוי איך ווער מיט־רעדאקטאָר פון „אידישען פארמער“.

פון פיעלע געוועהנליכע זאכען אויף דער וועלט האָב איך גאָר ניט גענאָסען, אמאָל ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אמאָל ווייל איך האָב ניט געקענט, און פיעלע מאָל ווייל איך האָב זיך געשעמט; און פון די זאכען, וואָס איך האָב יא גענאָסען, האָב איך אָלעם געברויכט מיט אַ מאָס; נאָר איין זאך האָב איך צופיעל פארברויכט אין מיין לעבען. די איין זאך איז פאַפּיער. איך האָב צופיעל פאַפּיער פארניכטעט. אַ שוואכקייט געהאַט צום שרייבען.

צו אכט יאָהר האָב איך אָנגעפאנגען צו שרייבען אויפ׳ן זאמד. דאָס שרייבען אויפ׳ן זאמד האָט מיך אָבער ניט צופריעדען גע־שטעלט; עס האָט זיך געוואָלט שרייבען אויף פאַפּיער, און פאַפּיער איז ניט געווען פאר וואָס צו קויפען, האָב איך אויסגעריסען די ווייסע, ניט־געדרוקטע בלעטער פון מיין פעטער׳ס ספרים, און גלייך געכאַפּט דערפאר פייערדיגע שמיץ. טייער האָב איך באצאָהלט פאר מיינע ערשטע פאַפּיער, און עס קען זיין, אז נאָך טייערער האָב איך באצאָהלט פאר דאָס, וואָס איך האָב געשריבען אויפ׳ן פאַפּיער, ווייל אויף די גע׳גנב׳עטע פאַפּיער האָב איך איבערגעשריבען פסוקים פון משלי און שטיקלעך פון פּרק, פון וועלכע מיין טאַטע האָט מיר

נעגעבען צו ערקלעהרען דעם מאָראל, און וועלכע זיינען אין מיין קינדישען, נאַאיווען מוח׳ל איינגעקריצט געוואָרען אויף אייביג, און האָבען פיעלע מאָל געשטערט מיר אין דעם אַלטעגליכען פּראקטישען לעבען.

צו דרייצעהן יאָהר האָב איך גאָר אָנגעפאנגען צו שרייבען ליעדער און זינגען מיינע ליעדער אויף שמחות. א וואונדער וואָס איך בין ניט געוואָרען קיין ברחן. דאָס איז דאָך אויך געווען א פּרנסה ביי אידען.

נאָך מיין חתונה, ווען איך האָב זיך געכאפּט, אז א איד מוז קענען דקדוק, האָב איך איינגעשלונגען א בארג מיט ספרי דקדוק; און, אויב היינע׳ן, ווי ער אליין שרייבט, האָט זיך פון דעם לערנען דקדוק אויסגעוויזען, אז זיין זייגער קלאַפּט „קטלתי, קטלת, קטלת, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז די גאַנצע וועלט האַלט זיך אויף א דגש חזק און דער גאַנצער לעבען איז א תנועה קלה, און אלס זעהר א וויכטיגע זאַך אין לעבען האָב איך אליין אָנגעשריבען א דקדוק קורץ און דייטליך.

שפּעטער, ווען איך האָב זיך שטארק גענומען צו השכלה, האָב איך אָנגעשריבען א גאנצען ביכעל, וואו איך האָב דערוויזען, אז קיין שדים זיינען גאָר ניטאָ, און אז מלאָכים זיינען ניט ווי מענשען, און אז א פרוי מעג אין שטוב ארומגעהן מיט די אייגענע האָר, אָפּגעדעקט דעם קאָפּ, או נאָך אזעלכע וויכטיגע פראגען. דערצו נאָך האָב איך געשריבען שירים אין העברעאיש וועגען פאנאטיזם און השכלה. אויף דיעזען פּעקעל שריפטען האָבען זיך געפונען בעלנים. די מייז האָבען זיך אריינגעכאַפּט און איינגעשלונגען די ערשטע פרוכט פון מיין השכלה-פעדער. עס קען זיין, אז אייניגע האָבען זיך פאר׳סמ׳ט מיט מיין השכלה און געבליבען ליגען אין זייערע נאָרעס, און אייניגע, קען זיין, האָבען געגרינדעט א געזעלשאפט צו פארשפּרייטען השכלה, אזוי ווי זיי פארשפּרייטען אויף דער וועלט אַלע קראנקהייטען.

שפּעטער, ווען איך האָב זיך אָנגעלייענט מיט ראָמאנען, האָט זיך מיר פארוואָלט אָנשרייבען א ראָמאן. האָב איך אָנגעשריבען און געלאָזט ליגען. אין א פּאָאָר יאָהר ארום האָב איך איבערגעלייענט מיין ראָמאן, און האָב איהם אריינגעוואָרפען אין אויווען.

גאַנץ גוט האָט געזאָגט דער רוימישער פּאָעט האָראַציוס, אַז יעדער שרייבער זאָל האַלטען זיינע שריפטען ניין יאָהר און נאָכהער דרוקען.

נאָך דעם ראָמאַן האָט מיין מוזע איינגעשלאָפען ביז גאָט האָט געהאָלפען, אַז אידעלעך האָבען שמחת תורה געכאַפּט אביסעל איבע־ריגע בראַנפען, און זיי האָבען מיר גוט אָנגעבראָכען די ביינער פאַר מיינע אפיקורסות, האָט דאַן מיין מוזע ערוואַכט, און איך האָב אָנגעשריבען „פאַר'ן אמת שלאָגט מען".

שפּעטער, ווען איך האָב פאַרקלעהרט שטודירען, האָב איך פון אַלע רוסישע גראַמאַטיקעס (גרעמערס) געמאַכט איין גראַמאַ־טיקע, און פון אַלע לעהר־ביכער פון אריפמעטיק אָנגעשריבען אַן אייגענעם לעהר־בוך פון אריפמעטיק. דיעזע ביכלעך זיינען מיר צוניץ געקומען ווען איך בין אַ לעהרער געוועזן. פון זיי האָב איך מיט מיינע תלמידים געלערענט.

שפּעטער, ווען מיר האָט זיך פאַרוואָלט אַ בוכהאַלטער ווערען, האָב איך גענומען לערנען בוכהאַלטעריע פון פאַרשיעדענע ביכער, און יעדערער פון זיי הייסט פיהרען אַלע ביכער פון פאַרשיעדענע אויסגעטראַכטע געשעפטען, האָב איך ווייטער אַ וועלט מיט פּאַפּיער פאַרשריבען.

וועגען שרייבען עפּעס און שיקען דרוקען איז מיר אין קאָפּ ניט געקראָכען. איך האָב אימער געטראַכט, אַז שרייבען זאָלען גרעסערע קענער פון מיר, און איך וועל בעסער זיין אַ גוטער לעזער איידער אַ שלעכטער שרייבער. איינמאָל אָבער האָב איך אָנגע־שריבען אַ פאַנטאַזיע „ישראליק ביים בית דין של מעלה". געפעלט עס מיינע גוטע פריינד, און זיי זאָגען, אַז איך זאָל דאָס שיקען אין דער רעדאַקציע פון „אידישען פאָלקס־בלאַט". פאָלג איך זיי און שיק. און ווי גרויס איז געווען מיין איבערראַשונג, ווען איך האָב דערזעהן אין „המליץ" אַ פעליעטאָן מיט דעם גאַנצען אינהאַלט פון מיין אַרטיקעל, נאָר איבערגעזעצט אין העברעאיש, אביסעל גע־ענדערט, און געגעבען אַן אַנדער נאָמען אי דעם פעליעטאָן אי דעם שרייבער. ווער איך דאָך שטאַרק ברוגז און פרעג אָן די רעדאַקציע, — וועלכע גיט ארויס ביידע צייטונגען, אי דעם „המליץ" אי דעם „אידישען פאָלקס־בלאַט", — אַז זיי זאָלען מיר ערקלעהרען וואָס פאַר אַ נס האָט דאָרט געטראָפען מיט מיין אַרטיקעל. האָבען זיי

מיר גאָר ניט געענטפערט אויף מיין בריעף, און איך בין געבליבען ביי מיין ברוגז ביז שפעטער מיט איינינע יאָהר, ווען איך האָב געפונען פאר נויטיג אָנצושרייבען אַ העברעאישען ארטיקעל וועגען קינדער־ערציהונג און געשיקט אין „המליץ". היינטיגען מאָל איז מיין ארטיקעל געווען געדרוקט אין „המליץ" אין דער אָפּטיילונג פון עזרת סופרים. געוויס האָט דאָס אַ קיצעל געטאָן מיין נשמה, און דער יצר־הרע האָט גענומען צוריידען, אַז איך זאָל שרייבען. איך האָב אָבער געהאט אַ נויטיגערע ארבייט, איך האָב געדארפט זוכען אַ שטיקעל ברויט פאר מיינע קליינע קינדער.

שפעטער מיט איינינע יאָהר, ווען איך בין אריין אין די פרעמדע גרויסע געשעפטען, האָב איך טאקע ווייטער פיעל כּאפּיער פאר־שריבען, אָבער דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אנדער שרייבעכץ. איך בין געוואָרען אַ פּראקטישער מענש. איך שרייב קאָנטראקטען, געשעפטס־בריעף, וועקסלען, טשעקס, באלאנסען א. ד. גל. אכט יאָהר האָט מיין פען געדיענט דעם גאָט מאמאָן. ווי אַ פּריסטער בין איך געשטאנען אויף מיין פּאָסטען, גאַנץ ערנסט האָב איך מיין ארבייט געטאָן, אָבער מיין שרייבען האָט מיר קיין גייסטיגע צו־פריעדענהייט ניט פארשאפט.

יעצט אָבער, ווען איך האָב גענומען לערנען אגריקולטור, און שרייב ווייטער זעהר פיעל, פיהל איך, אַז איך טו אַ פּראקטישע ארבייט און דערצו נאָך פארשאפט עס מיר אַ גרויסען גייסטיגען פארגניגען, ווייל איך שטעל זיך פאָר, אַז דאָס וועט זיין אַ ניצליכע ארבייט.

אַ גאנצען יאָהר האָב איך געלערענט און געשריבען ביז זעכ־צעהן שטונדען אין מעת לעת. געלערענט האָב איך אַלע אָפּטיילונגען אין פארמעריי, אפילו די כימיע פון אגריקולטור, און געשריבען האָב איך אין ענגליש. פארשטעהט איהר דאָך, ווי שווער דאָס איז געווען. נאָכ׳ן יאָהר האָב איך גענעבען טייפּרייטען מיינע שריפטען אין צוויי קאָפּיעס. איין קאָפּיע געשיקט קיין וואשינגטאָן צום דעפּארטמענט פון אגריקולטור און אַ צווייטע אין קאָרנעלער אגריקולטור־קאלעדזש, און געבעטען, אַז זיי זאָלען זאָגען זייער מיינונג. פוןביידע פּלעצער האָב איך ערהאלטען אַ גוטע מיינונג, און דער פּראָפּעסאָר פון קאלעדזש שרייבט, אַז ווען מען זאָל אביסעל

אויסבעסערען די שפּראַך, קען מען דאָס דרוקען. נאָר איך טראַכט מיר, אַז אין ענגליש זיינען פאראַן גענוג ביכער פון בעסערע שריי־בער; איך וואָלט בעסער וועלען אָנשרייבען דאָס זעלבע אין אידיש פאַר אידישע פארמער, וועלכע קענען ניט קיין ענגליש.

איך ווענדע זיך צו דער דזשואיש אגריקולטשורעל סאָסייעטי, אַז זיי זאָלען זיך נעהמען ארויסגעבען אזא בוך. די זעלבע סאָסייעטי גיט ארוים דעם „אידישען פארמער". דאָס איז זעהר אַ נויטיגע צייטונג, נאָר דער פעהלער איז, וואָס דער רעדאַקטאָר, וועלכער איז אַן אגריקולטוריסט, קען ניט שרייבען קיין אידיש, און דער איבערזעצער, אַ גוטער אידישער שריפטשטעלער, האָט ניט געלע־רענט קיין אגריקולטור. אויף מיין אָנפראַגע וועגען דרוקען מיין בוך, האָט מען מיר גאָר פאָרגעשלאָגען, אַז איך זאָל ווערען דער איבערזעצער פון דעם „אידישען פארמער". פארנעהם איך די שטע־לע, און גיב זיך אָפּ מיט ליב און זעעלע צו דער ארבייט. ניט נאָר איך איבערזעץ, נאָר אָפט שרייב איך ארטיקלען. איך ארבייט שווער אויף יעדען ארטיקעל, אַז דאָס זאָל ארויסקומען פארשטענדליך, דייטליך, קורץ און שארף. מיין ארבייט ווערט אנערקענט, און איך ווער מיט־רעדאַקטאָר.

יעצט נאָר, צו דער עלטער, האָט מיין שרייבען באקומען אַ פּראַקטישען ווערט אי פאר זיך אי פאר אַנדערע, וועלכע פארשטעהען ווי וויכטיג עס איז אויסצונוצען אַלעס וואָס מען שרייבט. דערצו נאָך פארשאפט עס מיר דעם גרעסטען פארגניגען. ווען איך זיץ מיר נעבען מיין שרייב־טיש, שטעלען זיך מיר פאָר די רעזולטאַטען פון מיין שרייבען. שרייב איך וועגען בעארבייטען די פעלדער, זעה איך פאר זיך די שעהנע ברייטע פעלדער, פארוואקסען מיט ווייץ און קאָרן; און ווען איך שרייב ווי אזוי אָפּצוהיטען די קיה און עופות, שטעלען מיר זיך פאָר די פולע עמער מיט מילך און די גרויסע בעסקעטס מיט אייער; און מיין הארץ פרעהט זיך, וואָס מיין ברודער, דער פאַרמער, קען זיך לעבען אַ שעהנעם, שטילען לעבען אַזוי ווי זיין הארץ האָט געגלוסט.

143. געזעלשאַפטליכע ארבייט אין אמעריקא און אונזער תלמוד תורה.

איך האָב זעהר געבענקט נאָך געזעלשאפטליכע ארבייט. ווען איך בין געוואָרען א מעמבער פון א לאָדזש, האָב איך באזוכט אַלע מיטינגען, וואו איך בין דערשטיקט געוואָרען פון געדיכטען רויך און פון נארישע דעבאַטען, איך בין געווען אין פיעלע קאָמיטעס, וואו מען רויכערט, מען טרינקט ביער און מען פיהרט קליינע ביליגע פּאָליטיק. אינגיכען האָב איך אויפגעגעבען מיין לאָדזשען־ארבייט און טרעט בעסער אריין אין א נייער אָרגאַניזאַציאָן מיט א שעהנעם נאציאָנאַלען נאָמען. איך גלויב, אז דאָ וועט זיין עטוואָס מעהר גייסטיגער לעבען, אויסער די ביזנעס פאַרהאַנדלונגען. צום באַדויערען אָבער, האָב איך דאָ אויך געפונען די זעלבע פּאָליטיקס. די גאנצע ארבייט האָט ווייניג וואָס צו טאָן מיט דעם שעהנעם אידישען נאָמען. איך פארלאָז זיי אויך אינגיכען.

איך וואָלט וועלען עפּעס טאָן פאר דער ערציהונג פון אידישע קינדער. איך האָב דאָך מיינע גאנצע יאָהרען אָפּגעגעבען זיך דער־מיט, און דאָ האָב איך זיך אויך באקאנט מיט דער פראגע, און איך זעה, אז די אמעריקאנער קינדער דארפען האָבען אַן אנדער ערציהונג. זיי געפינען זיך אימער אין א פרעמדער ניט קיין אידישער אטמאָ־ספערע, זיי האָבען ווייניג צייט צו לערנען אידיש; די ביסעל עברי מיט די עטליכע פסוקים חומש, וואָס זיי לערנען אין די חדרים און תלמוד תורות, גיבען זיי א קליינעם באגריף פון אידישקייט; דאָ מוז מען אויסנוצען די ביסעל צייט, וויסען וואָס צו לערנען, און לערנען סיסטעמאַטיש.

מיין גוטער פריינד יעקב סאָבעל בעט מיך צו ווערען א מיט־גליעד פון זייער תלמוד תורה. מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט נעהם איך עס אָן. אינגיכען ערוועהלען זיי מיך אין באָארד אָוו עדיוקיישאָן. מיט מיין גאנצער נשמה ווער איך איבערגעגעבען דער תלמוד תורה. מיר נעהמען פאר א פּרינסיפּאַל מר. בראגין, וועל־כען איך קען פון רוסלאנד אלס א גוטען פּעדאגאָג און וועלכער האָט זיך שוין אין אמעריקא אויך אויסגעצייכענט אלס פּעהיגער לעהרער. מיר ארבייטען אויס א פּראָגראַם. אויף וויפּיעל נאָר מעגליך זאָל

מען לערנען עברית בעברית. מיר נעהמען גוטע באוואוסטע לעה־רער, און מיר האָבען געטרייע איבערגעבענע ארבייטער. אברהם פּריים מיט זיין געזונטען פּראקטישען פארשטאנד און מיט זיין אָרענטליכען שטארקען כאראקטער איז אַן אויסגעצייכענטער פּרע־זידענט; יוסף פּרענסקי מיט זיין גוט הארץ, מיט זיין אָפענער האנד און אונערמיעדליכער ארבייט פאר דער תלמוד תורה, איז אַ מזל־ברכה פאר אזא אנשטאלט. אין באָארד אָוו עדיוקיישאָן האָבען מיר אזעלכע ווי יעקב סאָבעל און קרושער, וועלכע זיינען איבער־געגעבען מיט לייב און זעעלע, און ביי מיר אליין פארנעהמט די תלמוד תורה אַ גרויסען פּלאץ אין מיין לעבען. איך רייס זיך אָפּ פון מיין ארבייט און לויף אין תלמוד תורה. מען באזוכט די קלאסען, איך האָב באראטונגען מיט׳ן פּרינסיפּעל און מיט די לעהרער, מען זוכט אלץ וואו און מיט וואָס קען מען אויסבעסערען.

פאר אונזער שווערער ארבייט האָבען מיר אָבער פארגניגען. מעהר פון 700 קינדער לערנען און מאכען אַן ערפאָלג, און אלעס פיהרט זיך שעהן, אנשטענדיג, אין בעסטער אָרדנונג. העלפט גאָט, אז מען האָט אָנגעריהרט דעם כבוד פון די אלטע פיהרער און עס האָט זיך אָנגעפאנגען אַ שרעקליכע מלחמה; עס האָבען זיך אויפ־געהויבען אָט יענע בייזע גייסטער אונטער דער געוועהנליכער מאסקע פון גאָטס־פאָרכטיגקייט; מיט דער יעזואיטישער טעאָריע, אז דער צוועק בארעכטיגט אלע מיטלען, און עס פאנגט זיך אָן די טייוועלשע ארבייט פון זוכען חטאים מיט די נידריגסטע פאלשע באשולדיגונגען. מיך פּערזענליך האָט די מלחמה צובראָכען קערפּערליך און גייסטיג.

פיער מיט אַ האלבען יאָהר שווער געארבייט ביז מיר האָבען שוין מעהר ניט געקענט איבערטראָגען, און מיר האָבען אלע צוזאמען אָפּגעזאָגט זיך פון אונזערע עמטער. מיט אַ וועהטאָג אין הארצען און מיט טרעהרען אין די אויגען האָבען מיר פארלאָזען אונזער אידעאלען, הייליגען פּלאץ.

144. מיין פרוי׳ס טויט.

געקומען די בעסטע צייט אין לעבען; די קינדער זיינען שוין דערוואקסענע; אלע וואוילע פיינע קינדער; יעדערער האָט אַ

באשעפטיגונג; דריי קינדער חתונה געמאכט, די מיזינקעלע איז שוין אויך אַ כלה. האָבען טאַטע און מאַמע נחת פון קינדער, און אליין מאכט מען אויך אַ לעבען, און מען פיהלט זיך נאָך ניט אלט, לעבט מען זיך רוהיג אין צופריעדענהייט און מען האָפט אויף אַ רוהיגער עלטער.

פּלוצלונג אָבער זיינען אונזערע האָפנונגען צושטערט געוואָרען. מיין ליעבע פרוי איז קראנק געוואָרען, און זעהר קראנק. מיר גיבען איהר די בעסטע מעדיצינישע הילפע; די דאָקטוירים גיבען האָפנונג, נאָר איך זעה, אַז פון טאָג צו טאָג ווערט זי שוואכער און שרעקליך נידערגעשלאָגען, רעדט ניט מיט קיינעם, און אָפט ליגט זי ווי באוואוסטלאָז.

דריי וואָכען האָב איך געלעבט צווישען האָפנונג און פאר־צוויפלונג, נאָר מיט אלע מיינע קרעפטען האָב איך געטריבען פון זיך די שרעקליכע געדאנקען, און דער נאָבעלער דאָקטאָר זאסניץ האָט פארצווייפעלט געראנגעלט זיך מיט דעם מלאך המות, און האָט מיך אַלץ געטרייסט און האָפנונג געגעבען ביז דעם לעצטען מאָ־מענט; און דער שרעקליכער לעצטער מאָמענט איז געקומען. מיט אַ ציטערדיגער שטימע, מיט טרעהרען אין די אויגען האָט דער דאָקטאָר געזאָגט: „די מעדיצין קען שוין מעהר גאָר ניט טאָן, גאָט זאָל רחמנות האָבען."

ווי אַ גרויסער פעלזען־באַרג האָט זיך אויף מיר ארויפגערוקט; צוטומעלט, אָהן באשטימטע געפיהלען, בין איך געבליבען ווי פאר־שטיינערט, אָבער איך בין באַלד צו זיך געקומען. אָהן שרעק בין איך צוגעגאנגען צום בעט צו בעאָבאכטען די שרעקליכסטע טראַ־געדיע אין דעם מענשען'ס לעבען, צו זעהן דעם טויט פון דעם מענשען, מיט וועלכען דו ביזט צונויפגעוואקסען מיט לייב און זעעלע.

איך שטעה נעבען מיין ליעבער, טייערער פרוי, איך האלט איהר האנד, איך זעה ווי עס ווערט אויסגעלאָשען דאָס לעבען, וועלכעס האָט אזוי געלויכטען און צערטליך געווארימט די נשמות פון אַלע ארומיגע. איך קוק גלייך אין איהרע אויגען, איך רעד צו איהר, איך וויל כאָטש נאָך איין וואָרט הערען. זי עפענט די אויגען און קוקט אויף מיר אזוי זיס און מילד, ווי זי וואָלט ריידען מיט די אויגען. איהר בליק דרינגט טיעף אריין אין מיין צובראָ־

כענעם הארצען, און מיר שטעלט זיך פאר, אז זי איז נאך באוואוסט־זיניג, און עס איז מעגליך, אז זי פיהלט און פארשטעהט, אז זי שטארבט.

דערווייל איז אריינגעלאפען אונזער בעסטער פריינד, דאקטאר פריים. ער נעהמט די קראנקע פאר'ן פולס. איך שטעה נעבען איהם. אלע קינדער, צושראקענע, פארוויינטע, שטעהען פון וויטען. אין הויז איז א טויטע שטילקייט. מיר הערען ווי די קראנקע אטעמט שווער; דאס אטעמען ווערט שטיל; א שטארקער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען, און עס איז שטיל געווארען. דער דאקטאר לאזט אפ איהר האנד און מיט א פארשטיקטער שטימע פון טרעהרען האט ער קוים ארויסגערעדט צו מיר דעם איינציגעןווארט „שוין".

איך האב זיך ניט פארלארען. מיין קאפ האט באהערשט מיינע געפיהלען, און איך האב באוואוסטזיניג געמאכט די ברכה „ברוך דיין אמת!" און גלייך געווענדעט זיך צו די קינדער, בעטענדיג און באפעהלענדיג, אז זיי זאלען דעם גרויסען אומגליק איבערטראגען אהן געשריי. מיינע ווערטער האבען א ווירקונג געהאט, און מיר האבען אלע שטיל באקלאגט אונזער גרויסען פארלוסט.

אהן מורא בין איך געזעסען א גאנצע נאכט נעבען דעם טויטען קערפער, און פארגעסען האב איך דעם טויט, פאר מיינע אויגען האט זיך פארגעשטעלט מיין שעהנע, שטארקע יונגע כלה, ערשט געקומען מיט מיר פון דער חופה, און מיר פיהלעןביידע ווי עס פאנגט זיך אן אונזער גליקליכער לעבען. איך זעה מיר אזוי איבער־געטראגען אין אן אנדער וועלט, און אין די אויגען טוען זיך מיר א ווארף דער שווארצער געוואנט מיט די ברענענדע ליכט, און איך דערזעה, אז פון דער גאנצער שעהנהייט איז געבליבען א הויפען הויט אוןביינער, וועלכע מיר אליין וועלען אין דער ערד אריינ־לעגען, אז די ווערים זאלען דאס עסען. איך געפין זיך אבער באלד א טרייסט, אז נאר די ערדישע איז געשטארבען, אבער דער גייסט איז אונשטערבליך, איהר גייסט בלייבט. אין יעדען פון אונזערע קינדער זעה איך א טייל פון איהר נאבעלער נשמה, און דאס וועט בלייבען א טרייסט אין מיין לעבען.

אויף מארגען, ווען מיין ליעבע פרוי האט אויף אייביג געדארפט איהר היים פארלאזען, האב איך זיך געשטארקט און איינינגע ווער־

טער גערעדט צו איהר, און געבעטען האָב איך מיינע ליעבע קינדער, אז מיט זייער אויפפיהרונג זאָלען זיי פאראייביגען זייער מוטער'ס לעבען.

שטיל האָבען מיר דאָס הויז פארלאָזען, און שטיל האָבען מיר טייכען טרעהרען פארגאָסען, זעהענדיג ווי די קאַלטע ערד שלינגט איין דאָס ליעבסטע און טייערסטע אין אונזער לעבען.

זיעבען טעג האָבען מיר אַלע ענטזאגט זיך פון דער גאנצער וועלט. איך מיט מיינע לי‚בע קינדער זיינען צוזאַמען שבעה געזעסען, און אין טיעפען טרויער האָבען אונזערע נשמות צונויפגעגאָסען זיך מיט דעם פארבליבענעם צווישען אונז לעבעדיגען גייסט פון אונזער פארשטאָרבענער ליעבער פרוי און מוטער. זיעבען טעג האָב איך געלעבט אין א הייליגער אטמאָספערע מיט אן אויסערגעוועהנליכער, העכערער שטימונג.

די זיעבען טעג זיינען אָבער אוועק, און עס איז געקומען דער אַלטעגליכער לעבען, מיט דער גאנצערווירקליכקייט ווי אזוי זי איז; און איך האָב זיך דערפיהלט ווי א גערעטעטער פון א געזונקענער שיף, פארוואָרפען אויף א וויסטען אינזעל. וויסט און פוסט איז די גאנצע וועלט געוואָרען פאר מיר. פאר'יתומ'ט, עלענד בין איך געבליבען.

פאר מיר איז דאָס געשטאָרבען ניט נאָר א ליעבע געטרייע פרוי, ניט נאָר דער בעסטער יוגענד־פריינד, ניט נאָר די מוטער פון א בן יחיד, נאָר דאָס איז אָפּגעשטאָרבען דער גרעסטער טייל פון מיין אייגענעם וועזען; און מיט יעדען טאָג ווערט מיין וועהטאָג אַלץ שארפער און שניידענדער, און מיינע נערווען ווערען פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואכער. וואו איך שטעה און געה זעה איך נאָר מיין ליעבער פרוי'ס געשטאַלט נעבען מיר. לעג איך זיך שלאָפען און פאנג נאָר אָן צו דרעמלען, דערזעה איך ווי מיין פרוי קומט אריין; און איך זעה ניט די פארענדערטע, פארצעהרטע פרוי, וואָס איז געלעגען אין בעט פאר'ן טויט, נאָר אימער זעה איך ווי די יונגע, שעהנע, געזונטע פייגע רבקה קומט אריין מונטער, פרעהליך, מיט איהר זיסען שמייכעל, און אין אַלע ווינקעלעך צושפרייט זיך ליכטיגקייט און פרייד.

איך כאַפּ זיך אויף מיט א קלאפּענדען הארצען, מיט א פאר־

שטיקטעו אָטעם און צועפּען שטאַרק די אויגען. איך קוק אין די פינסטערנים פון מיין צימער און איך זעה מיין פייגע רבקה׳ן ווי מיט צוואַנציג יאָהר צוריק; און דאַן עפענט זיך ביי מיר אַ קוואַל פון טרערען. זיץ איך שטונדען לאַנג און וויין, און דאָס זיינען ניט אָט יענע טרעהרען, וועלכע פארגרינגערען אַ וועהטאָג, וועלכע שווענקען אַראָפּ די שווערע שטיינער פון הארצען, נאָר דאָס זיינען טרעהרען, וועלכע פאלען ווי פּעך און שוועבעל אויף אַ פלאם פייער, און דו פיהלסט, אַז דיין הארץ ווערט פארברענט, און פון דיין גאַנ־צען „איך" בלייבט אַ בארג אַש.

יעצט פארשטעה איך ווי אזוי אין אזעלכע פעלע באַגעהען מענשען זעלבסטמאָרד. איך פאַנג אָבער אָן צו קאָנטראָלירען און באהערשען מיינע געפיהלען. איך זוך אָפּצושוואכען מיין וועהטאָג מיט ארבייט, מיט לערנען, מיט שרייבען, און איבערהויפּט איז מיר גרינגער געוואָרען, ווען איך האָב גענומען שרייבען מיין ביאָגראפיע. איך האָב ליעב צו בלייבען אין איינזאַמקייט און איבערטראָגען זיך אינגאַנצען אין דער פארגאנגענהייט און מיט בלוט און טרעהרען צייכענען די איינפאכע, ניט־קינסטלערישע בילדער פון אַן אַלטעג־ליכען לעבען, און זאָל דאָס דיענען אלס אנדענקען פון מיר און פון מיין ליעבער פרוי.

אויסער דיעזען אנדענקען האָב איך נאָך אויף מיין פרוי׳ס קבר אַ מצבה געשטעלט און אויף דער מצבה די פאָלגענדע אמת פאר־דיענטע אָנשריפט געמאכט:

פּ"נ

בת נאמנה לעמה, אשה ואם עדינה,
עטרת בעלה ובניה, נפש ישרה ונדיבה,
לב טוב ומטיב לכל, פה דובר אמת ודורש שלום.
פייגה רבקה אשת ישראל איסר קאַצאָוויץ.
מתה י"ב שבט שנת תרע"ד, בשנת נ"ב לימי חייה.

אין אידיש מיינט עס: דאָ איז באַגראָבען אַ געטרייע טאָכטער צו איהר פאָלק, אַ צערטליכע פרוי און מוטער, דער שטאָלץ פון איהר מאַן און קינדער, אַן אויפריכטיגע בערייטוויליגע זעלע, אַ

גוטעס האַרץ, גוט צו יעדען, אַ מויל וואָס רעדט נאָר די וואַרהייט און זוכט נאָר פריעדען.

ווער עס האָט מיין פרוי געקענט, ווייס, אַז איך האָב ניט איבערטריבען. זעלטען געפינט מען אַזאַ פערזענליכקייט. דאָס איז געוועזן די אמת'ע אידישע „אשת חיל", אַ לויטער־ריינע נשמה, פרינציפּיעל אָרענטליך, אימער גוטמוטיג, פריינדליך און ליעבליך צו יעדען, ברייטהאַרציג און אונערמידליך טעטיג. דאָס איז געוועזן איינע פון יענע זעלטענע פרויען, וועלכע קענען פאַרוואַנדלען זייער הויז אין אַ גן עדן.

145. מיינע קינדער און מיין צווייטע פרוי.

פאַרלאַנגט איהר כבוד, מוזט איהר אָפּהיטען דעם צווייטען'ס כבוד; און איך גלויב, אַז מענשען דאַרפען דאָס געדענקען אויך אין די באַציהונגען צו זייערע קינדער. דעם רעזולטאַט פון אַזעלכע באַציהונגען זעה איך. איך האָב מיינע קינדער קיינמאָל ניט באַ־ליידיגט מיט קיין וואָרט; איך האָב אריינגעדרונגען אין זייער נשמה; געלעבט אין זייער וועלט, גערעדט צו זיי פאָרזיכטיג, ניט אָנצוריהרען זייערע יונגע געפיהלען, געלעבט מיט זיי און מיטגע־פיהלט אין אַלעס. און זייערע באַציהונגען צו מיר זיינען געוואָרען פריינדליכע, אָפּגעהערציגע, פול מיט ליעבע און אַכטונג. איבער־הויפּט האָב איך דאָס דערפיהלט יעצט אין מיין גרויסען אומגליק.

זעלטען וואו קינדער זאָלען זיין צו אַ פאָטער אַזוי צערטליך, זאָלען אויסדריקען אַזוי פיעל מיטלייד און מיטגעפיהל. געוויס איז גרויס זייער וועהטאָג וואָס זיי האָבען פאַרלאָרען אַזאַ טייערע מוטער, דאָך פיהלען זיי און לעבען איבער אין גאַנצען מיין וועהטאָג און פאַרשטעהען, אַז מיין פאַרלוסט איז גרעסער פון זייערען. זיי ווייסען, אַז מיינע גוטע פריינד פלעגען מיך רופען „מפונק" אָדער „בן יחיד", און זיי ווייסען, אַז זייער מאַמע האָט דאָס מיך געמאַכט פאַר אַ בן יחיד און פאַר אַ מפונק, אַז זי האָט מיך אָפּגעהיט ווי איהר אויג אין קאָפּ, אַז קיין זאַך איז פאַר איהר ניט שווער געווען פאַר מיר, און דאָס אַלעס איז געטאָן געוואָרען מיט פאַרגעניגען און צופריעדענהייט. און מיינע קינדער זאָרגען יעצט פאַר מיין צו־

קונפט, ווי עלטערען זארגען פאר זייער קינד. זיי ווייסען, אז אביסעל איבער מיין שוואכקייט אין געזונט, אביסעל איבער מיינע געוואוינהייטען, און זעהר פיעל איבער מיין כאראקטער, וואס איך האב אימער מורא, אז איך זאל קיינעם ניט ענג מאכען, ועט מיר זיין שווער צו לעבען אהן אן אייגענער היים, אהן א מענשען, וועלכער זאל קענען און וועלען אפגעבען זיך אין גאנצען מיט מיר.

מיינע עלטערע קינדער צוזאמען מיט מיינע גוטע פריינד זאגען מיר, אז איך דארף הייראטען; און איך אליין פארשטעה, אז איך דארף הייראטען. איך בין נאר אלט 54 יאהר. אלע מיינע קינדער וועלען באלד זיין פארהייראט. וואוינען מיט איינעם פון זיי, וועל איך געוויס אפט זיין א שטערונג אין דער פרייהייט פון זייער יוגענד, און מיט מיין אומעט און טרויער וועל איך פארוואלקענען דעם פריהלינג פון זייער לעבען. וואס דען, איך זאל וואוינען מיט פרעמדע? וויים איך, אז אין א פרעמדער הויז וועל איך מורא האבען א טראט צו טאן, אז איך זאל יעמאנדען ניט זיין אין וועג, און איך וועל זיך שעהמען צו פאדערען וואס מיר קומט; און אזוי וועל איך דארפען אפפלאגען זיך די עלטערע יאהרען, ווען מען דארף מעהר קאמפארט איידער אין די יונגע יאהרען. אט אזוי דיקטירט מיר מיין פארשטאנד, אבער מיינע געפהילען פראטעסטירען. ווי אזוי פאנגט מען אן א נייעם לעבען ביי די עלטערע יאהרען? וואו געפינט מען די פאסענדע פרוי? און מעהר פון אלץ שרעקט מיך דער געדאנק: פיללייכט וועט מיין הייראטען פאראורזאכען, אז מיינע קינדער זאלען זיך דערווייטערען פון מיר, און אזא גרויסען קרבן וועל איך ניט ברענגען צוליעב מיין בעקוועמליכקייט. אבער מיינע עלטערע קינדער און גוטע פריינד רעדען מיך צו, און פיעלע פון מיינע גוטע פריינד ווערען טאקע אליין די שדכנים; און עס פאנגט זיך פאר מיר אן א נייע טראגעדיע, איך דארף כלות אנקוקען.

קום איך צו דער ערשטער פרוי, וואס מען רעדט מיר. איך זיץ מיר אין א שעהנעם, האלב־דונקעלען צימער אין א ווייכען שטול; געגען מיר זיצט א גאנץ שעהנע פרוי, פיעל איגגער פון מיר. פאנגען מיר אן צו ריידען, און ביי מיר איז דער צונג ווי צוגעפרארען. שטארק איך זיך צו שפיעלען די ראליע פון א חתן. רעדט מען, און עס קומט דער געפיהל פון וועלען געפעלען ווערען; נאך אביסעל,

און עס פאַנגט שוין אָן צו פֿאַר'גנב'נען זיך אַ לײדענשאַפטליכער אינסטינקט. פלוצלונג פאַלט מיין בליק אויפ'ן גרויסען שפּיגעל פון דער זייט. איך דערזעה מיין קאָפּ מיט די זילבער־ווייסע האָר, און מיר שטעלט זיך פאָר ווי מיט אַכט און דרייסיג יאָהר צוריק בין איך געזעסען מיט מיין פרוי אלס כלה און גערעדט וועגען אונזער צוקונפט. אין קאָפּ ווערט ביי מיר ווי אַ שטורם, פאַר־שיעדענע עראינערונגען פליהען דורך, און אָט דערזעה איך מיין פרוי. אָט שטעהט פייגה רבקה ווי אַ לעבעדיגע, קוקט גלייך אויף מיר מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל אויף איהרע ליפּען, גלייך ווי זי זאָגט: „נו, דו האָסט שוין אַ כלה? מזל טוב דיר!" ווען די ערד זאָל זיך עפענען, וואָלט איך לעבעדיגערהייט אריין. מיין גאַנצער קער־פער האָט אַ שוידער געטאָן און אַ שטראָם טרעהרען האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון מיינע אויגען. איך דערזעה, אַז די פרוי געגען מיר איז בלאַס געוואָרען און איהרע אויגען זיינען מיט טרעהרען אָנגעפילט. מיר האָבען געפּרואווט אָנפאַנגען ווייטער צו ריידען, אָבער דער געשפּרעך האָט זיך ניט געקלעפּט. קומענדיג אהיים, האָב איך די גאַנצע נאַכט היסטעריש געוויינט, און אַ שטאַרקער קאַמפּף איז אין מיר פאָרגעקומען: הייראַטען, אָדער ניט הייראַטען?

אין אַ צייט ארום האָב איך די פרוי נאָך איינינע מאָל געזעהן, און איין מאָל בין איך מיט איהר אוועק שפּאַצירען. דאָס איז געוועזן אין אַ שעהנעם זומערדיגען אָוונד. ארום אונז איז אַ פּראַכטפולע לאַנדשאַפט, און פון אויבען אַ בלויער הימעל מיט אַ שיינענדער לבנה, מיט איין וואָרט — אַן אַטמאָספערע, וואָס מאַכט אינגער, אַ נאַכט טאַקע נאָר צו ערקלעהרען זיך אין ליעבע. האָבען מיר אזוי לאַנג גערעדט ביז מיר האָבען מיט מזל אָפּגערעדט, אַז דער שדוך איז געשלאָסען. מיט אַ מאָל טוט זי אַ זאָג: „יעצט מוזען מיר ביידע אין גאַנצען פארגעסען אונזער פארגאַנגענהייט". ווי מיט אַ קאַלטער שפּריץ־באָד אָפּגעגאָסען האָב איך זיך דערפיהלט. איין קלייניגקייט פארלאַנגט זי, אַז איך זאָל פארגעסען מיין ליעבע פרוי. ניט איך קען, און ניט איך וויל פארגעסען; און ווארום זאָל מען פארגעסען? מיר דאַרפען נאָר זיין פאָרזיכטיג מיט אונזערע עראינערונגען, אַז דאָס זאָל ניט וועה טאָן דעם לעבעדיגען; מיר מוזען אין אונזער הארצען אָפּגעבען גענוג פּלאַץ פאר דעם מענשען,

מיט וועלכען מיר דארפען לעבען, אָבער קיינער טאָר ניט פאָדערען, אז מיר זאָלען פארלעשען די אייביגע יאָהר־צייט ליכט, וועלכע ברענט אין אונזער הארצען נאָך אונזערע ליעבע פארשטאָרבענע.

ווי עס ווייזט אויס, זיינען פרויען אין דיעזער הינזיכט אנדערש פון מענער. די פרוי וויל זיין געליעבט, און ווען זי געפינט עס, קען זי פיליייכט פארגעסען די פארגאנגענהייט; און עס קען זיין, אז א פרוי איז אייפערזיכטיג אויף איהר מאַן צו זיין פארשטאָר־בענער פרוי, און זי וויל, אז די פארשטאָרבענע זאָל אינגאַנצען אָפּגעמעקט ווערען פון דעם מאַן'ס הארצען. ווי דאָס זאָל ניט זיין, איך ווייס נאָר, אז אויף מיר האָט איהר פאָדערונג געמאכט א שרעקליכען איינדרוק, און איך האָב זיך ענטזאגט פון דעם שדוך.

האָט מען גענומען ריידען אנדערע שדוכים. וויל איך שוין מעהר ניט געהן אָנקוקען מיינע כלות, געהען מיינע גוטע פריינד אָנקוקען פאר מיר, און אפילו מיין טאָכטער מרים איז געגאנגען אָנקוקען א פרוי און האָט מיט איהר גערעדט. די ענדע איז געוועזן, אז איך האָב זיך באקאנט מיט א פרוי, וועלכע האָט אויף מיר און אויף מיין טאָכטער א גוטען איינדרוק געמאכט, און אין צוויי יאָהר מיט פיער חדשים נאָך מיין פרוי'ס טויט האָב איך געהייראַט. צוריק זיך א היים געמאכט, וואו איך זאָל קענען דורכלעבען מיינע יאָהרען זעלבסטשטענדיג, נאָך מיינע קערפּער־ליכע און גייסטיגע פאָדערונגען נאָך.

איך האָב אָבער זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט וואָס פאר א שווערע אויפגאבע איך האָב אויף זיך גענומען. איך האָב ניט געוואוסט, אז איך קען זעהר ווענינ די פרויען אלס פרויען. א פרוי אלס מענש און פרוי האָב איך נאָר מיין אייגענע פרוי גע־קענט, און פארגעסען האָב איך, אז מיין פרוי מיט איהר כאראקטער איז א זעלטענהייט געוועזן, און דערקענט האָב איך זי אלס קינד און א שטארקען איינפלוס געהאט, אז מיין וואָרט און מיין ווילען איז פאר איהר א הייליגקייט געוואָרען. אָבער יעצט, צו די על־טערע יאָהרען, איינלעבען זיך מיט א פרוי אלס מיט א מענשען און אלס מיט א פרוי, איז זעהר א שווערע אויפגאבע. אויב מען וויל לעבען אין פריעדען, מוז מען געהן אויף קאָמפּראָמיסען, פארבויגען דעם אייגענעם ווילען און נאָכגעבען דעם צווייטען; און אויף קאָמ־

פראָמיסען בין איך גאָר אַ קליינער בעלן, איבערהויפּט אויב זיי זיינען געגען מיינע פּרינציפּען, אויב זיי זיינען ניט איינשטימיג מיט מיין וועלט־אַנשויאונג.

מיין פרוי איז אַ פיינעם טאַטען'ס אַ קינד. יעקב קראָל איז געווען אַ פיינער ליטווישער בעל הבית, וועלכער האָט זיינע קינדער אַ שעהנע ערציהונג געגעבען, און אויף מיין פרוי קען מען דאָס זעהן. דערצו איז זי אַ גאַנץ קלוגע, זעהר אַ גוטהאַרציגע, אידיש־נאַציאָנאַל געזאָנען. דאַכט זיך, אַלעס ווי געוואונשען. איז דער חסרון אָבער, וואָס איהר מאַן האָט זי געמאַכט פאַר אַ „בת יחידה", אַזוי ווי מיין ווייב האָט מיך געמאַכט פאַר אַ „בן יחיד". און אַ בן יחיד מיט אַ בת יחידה איז שווער אויסצוקומען. ביידע זיינען אַביסעל קאַפּריזנע, ביידע מיוחסים, ביידע צו שטאַרק פיה־לענדע; און ביי אַ פרוי ווייזט זיך דאָס אָפט אַרויס אין קליינינ־קייטען, אין פאָדערונגען, וועלכע דאַרפען, נאָך מיין מיינונג נאָך, ניט פאַרנעהמען קיין פּלאַץ אין אונזער לעבען. איך פאַרשטעה זי: זי איז מיט צעהן יאָהר אינגער פון מיר, זי האָט מעהר פון מיר גענאָסען פון לעבען, זי האָט איהרע געוואוינהייטען אין די באַציהונגען פון איהר פאַרשטאָרבענעם מאַן צו איהר. ווענדע איך אָן אַלע מיינע קרעפטען טיילוויז נאָכצוגעבען, אָבער אַם מיינסטען קען איך דאָס ניט טאָן. צו דער עלטער קען מען ניט צופיעל בויגען זיך, צוברעכען זיך נאָר קען מען; און איך פיהל, אַז איך וועט צובראָכען קערפּערליך און גייסטיג. טו איך פיעלע זאַכען ווי איך פאַרשטעה. דערזעה איך, אַז מיין פרוי איז אונצופרעידען, און גאַנץ אָפט דריקט זי דאָס אויס מיט אַ פּאָרוואורף, און פאָר־ווירפע האָב איך זעהר פיינד, איבערהויפּט אויב זיי זיינען ניט באַרעכטיגטע.

איך האָב געפּרואווט אַרגומענטירען, געהיט זיך, אַז איך זאָל חלילה ניט באַליידיגען זי מיט אַ וואָרט, נאָר זי פאַרשטעהט מיך ניט ריכטיג. דאָס איז אַ פרעמדע וועלט פאַר איהר. פאַנג איך אָן צו הערען און שווייגען. און איך קען בלייבען שווייגען אויף עטליכע טעג נאָכאַנאַנד. מיין שווייגען אָבער קאָסט אונז ביידען צופיעל געזונט.

אָפט דערוועקט זיך איז מיר אַ שטאַרקער רחמנות צו מיין

פרוי. זי האָט דאָך געקענט הייראַטען אַ רייכערען מאַן, אַ מענשען, וועלכער פאַרשטעהט דאָס לעבען אַזוי ווי זי, און זי וואָלט געקענט געניסען פון לעבען אַזוי ווי זי וויל; און איך האָב גאָר ניט געדאַרפט הייראַטען. אָפּלעבענדיג זיעבען און דרייסיג יאָהר אַזאַ פאַמיליען־לעבען, טאָר מען ניט ריזיקירען און הייראַטען אַ צווייטען מאָל.

אונטער אַזעלכע שווערע געדאַנקען, ניט ריידענדיג קיין וואָרט, געהט מען אַרום אַ פּאָאָר טעג ביז מען בעט זיך איבער. עס טרעפט אָבער דאָסזעלבע אַ צווייטען און אַ דריטען מאָל, און עס ווערט נמאס אַזאַ טראַגי־קאָמעדיע, אַזאַ קינדער־שפּיעל צו די עלטערע יאָהרען צו ווערען ברוגז און איבערבעטען זיך. אונערטרעגליך ווערט פאַר מיר אַזאַ לעבען, ביז איינמאָל האָב איך באַשלאָסען איהר אַ פאָרשלאַג צו מאַכען, אַז מיר זאָלען זיך צוגעהן, און איך זאָל איהר צום לעבען געבען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט, און אַלס אַ קלוגע פרוי האָט זי פאַרשטאַנען ווי און וואָס צו ריידען אין אַזאַ פאַל, און איהרע רייד האָבען געווירקט אויף מיר. מיר זיינען געבליבען צוזאַמען, און וואָס לענגער מיר זיינען צוזאַמען אַלץ בעסער פאַרשטעהט זי מיך, און יעצט לעבען מיר גאַנץ צופריעדענע, אַ שטילען, רוהיגען לעבען; און גליקליך בין איך, וואָס מיינע קינדער פיהלען זיך היימיש אין מיין הויז. זעלטען שעהנע פריינדליכע באַציהונגען איז צווישען זיי און מיין פרוי. פרעמדע מענשען מיינען, אַז דאָס איז אַ מוטער מיט איהרע אייגענע קינדער; און די זעלבע נאָהענטע פריינדליכע באַציהונגען זיינען צווישען מיר און איהרע קינדער. איך פיהל צו זיי אַן איבערגעבענהייט ווי צו מיינע אייגענע קינדער.

146. די לעצטע וועלט־געשעהענישען (1914—1918).

ווי אַ פלאַם פייער פון אַ שטורם געשטויסען, האָט זיך די וועלט־מלחמה מיט שנעלקייט פאַרשפּרייט; ווי מחנות טייוואָלים פון אשמדאי געטריבען, האָבען די פעלקער איינער אויפ׳ן צווייטען זיך געוואָרפען; און דער מענש האָט זיין חכמה און קענטניסע געוויזען: ווי אַ פיש אויף דעם אָפּגרונד פון ים גענומען שווימען,

און ווי א הייפיש, ווי א שארק, אלעם גענומען פארשלינגען; צו די הימלען ווי אן אָדלער געלאָזט זיך שוועבען, און פון די וואָלקענס מיט פייער גענומען האָגלען.

דעם ערד־קוגעל האָט דער מענש פאר א מזבח געמאכט, זיינע געזאַלבטע הערשער האָבען זיך די כהונה גענומען, און אונזער בליהענדע יוגענד זיינען די קרבנות געוואָרען.

אלע מלאכי חבלה האָט דער מענש פארשקלאָפט, זיי זאָלען איהם העלפען אלעם פארדארבען און פארניכטען; און ערפאָלג־רייך איז ער געווען אין זיין אונטערנעהמונג: מיט מענשליכע טויטע קערפער זיינען פעלדער און וועלדער באדעקט, און פון שטעדט און דערפער זיינען נאָר רואינען געבליבען.

אן אונבאשרייבליכע קאטאסטראָפע לעבט די מענשהייט איבער. און אזוי ווי אין יעדער צרה, אזוי איז יעצט אויך, ליידעט דער איד מעהר פון אלעמען, די קוילען טרעפען איהם פון אלע זייטען, זיין יוגענד פאלט אויף די שלאכטפעלדער, די עלטערע ווערען אין דער היים געשאָסען און געהאנגען, זייערע היימען זיינען צושטערט און פארוויסט. פארהונגערט, פארפייניגט וואנדערט דער איד ארום אין טיפען טרויער נאָך זיינע טויטע, בעט־לענדיג א שטיקעל ברויט די נשמה צו דערהאלטען.

די טעגליכע שרעקליכע באריכטען זיץ איך און לייען. פון יעדען וואָרט ווערט מיין הארץ ווי מיט שפיזען געשטאָכען, און דאָך ווילט זיך מיר אלע איינצעלהייטען לייענען. יעדער באריכט ווערט טיעף אין מיין מוח איינגעקריצט, און מיט וועהטאָג און שאנדע ווערט מיין נשמה אָנגעפילט פון די פרוכטען, וואָס אונזער ציוויליזאציאָן האָט אונז געבראכט; און איך לעז ווי די מערדער האָבען נאָך די חוצפה גאָט צו בעטען, אז אין זייער טייוועלשער אונטערנעהמונג זאָל ער זיי העלפען, און אָט די אלע היפאָקריטען קענען נאָך אין זייערע פארבלוטיגטע הענד אונזער ביבעל האלטען. די ביבעל, וואו עס איז געשריבען, אז מענשען וועלען זייערע שווערדען אויף גראָבאייזענס צוברעכען, און מענשען וועלען מעהר ניט לערנען מלחמה צו האלטען.

דער קוואל פון מיינע טרעהרען האָט זיך שוין אויסגעשעפט, און אין מיין הארצען האָט זיך צופלאקערט א פייער פון צאָרן

און האָס צו די מערדער פאַר זייער גרויזאַמקייט און צו די געמאָרדעטע פאַר זייער שוואַכקייט; און עס ווילט זיך פון מענשען אַנטלויפען, בעסער אין מדבר מיט חיות צו לעבען.

אָבער וואָס לענגער די מלחמה האָט זיך פאַרצויגען, אַלץ מעהר האָפנונג האָט עס געבראַכט, אַז פון דעם גרויסען קלאָפּ וועלען די שוואַכע ערוואַכען, און אין די ימים בלוט וועלען זיי די שטאַרקע דערטרינקען. און די האָפנונג האָט גענומען פאַרווירק־ליכט ווערען. די פרעהליכע נאַכריכט איז פון רוסלאַנד געקומען. רוסלאַנד האָט איהרע אייזערנע קייטען צוריסען און פון טיראַ־נישען צאַריזם זיך באַפרייט. מיט פרייד האָט זיך דעם מענשען'ס האַרץ אָנגעפילט, און אַזוי ווי אין אונזערע ליידען, איז אונזער פרייד אויך אַ דאָפּעלטע געווען; מיר פרעהען זיך, וואָס דאָס רוסישע פאָלק איז באַפרייט געוואָרען, און מיר פרעהען זיך, וואָס אונזערע ברידער וועלען דאָרט מענשליכע רעכטע באַקומען. צו גיך אָבער איז אונזער ענטוישונג געקומען. בלוטיגע פּאָגראָמען אויף אידען האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין דער פרייער רוסלאַנד. אין דעם רעוואָלוציאָנערען כאַאָס איז דער איד דער כפרה־הענדעל געוואָרען; צו וועלכער פאַרטיי ער זאָל ניט געהערען, ווערט אומעטום זיין בלוט פאַרגאָסען.

דערווייל איז אַמעריקאַ אויך אין דער מלחמה אריין, און אריין מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון מלחמה: שלעסער אויף די מיילער אָנגעטאָן, דער „איך" אַלס אינדיווידיואום איז אין גאַנצען פאַרשוואונדען, ווי אַ קליין שרייפעל אין אַ גרויסער מאַשין מוזטו זיך נאָכדרעהען. מיט אַ שווערער שטיקענדער לופט ווערט די וועלט אָנגעפילט און אַ געדיכטע פינסטערנים האָט זיך אומעטום פאַרשפּרייט. ניטאָ אויף דער ערד קיין פּלאַץ, וואו מען זאָל קענען פריי אָפּאָטעמען; ניטאָ קיין שטראַהל ליכטיגקייט, וואו די נשמה צו דערקוויקען.

ערשט פּלוצלונג, צווישען די געדיכטע וואָלקענס און דעם מבול פון בלוט, האָט זיך פאַר אונז אידען אַן אויפגעהענדע זון באַוויזען. אַ זון פון אַ ליכטיגער אידישער צוקונפט האָט זיך אויף די בערג פון יהודה באַוויזען. דאָס איז געווען די ענגלישע דעק־לאַראַציע, אַז ארץ ישראל וועט ווערען אונזער היים, דאָס גאַנצע

לאַנד וועט איינגענומען ווערען און איבערגעגעבען ווערען צום אידישען פאָלק.

די זיסע בשורה האָט מיט מוט און האָפנונג אָנגעפילט אונזערע הערצער. דער אויפלעבונגס־גייסט האָט באריהרט יעדער אידישע הארץ. די עצמות היבשות, די טרוקענע ביינער, האָבען זיך גענומען פארקערפּערען, און אַ לעבעדיגער גייסט האָט זיי גענומען באוועגען. און דאָרט אין ארץ ישראל זיצט שוין אַ קאָמיסיע פון דער ענגלישער רעגירונג מיט דר. חיים וויצמאַן אַן דער שפּיצע, און עס האָט זיך שוין אָנגעפאנגען דאָרט פּראקטישע און קולטורעלע ארבייט. אויפ׳ן בארג הזיתים האָט מען אַ פונדאמענט געלעגט פאר אַ אידישען אוניווערזיטעט.

זיץ איך מיר גאַנץ אָפּט און טראכט וועגען דעם אידישען פאָלק אין אַ אידישען לאַנד, אז ארץ ישראל וועט ווערען דער זאַמעל־פּונקט פון די אידישע גייסטיגע אוצרות, וואו דער איד וועט זיך באווייזען פאר דער וועלט מיט דער גאנצער טיעפקייט און גרויסקייט פון זיין נשמה, וועלכע וועט זיך אויסרייסען פון פרעמדע פארשטיקטע אַטמאָספערען; און איך דערמאָן אונזער ארבייט אלס חובבי ציון און אלס ציוניסטען; און מיין הארץ ווערט אָנגעפילט מיט פרייד וואָס איך האָב דערלעבט צו זעהן די פארווירקליכונג פון אונזערע הייליגע שטרעבונגען. דערוויל האָט מען וועגען פריעדען אויך גענומען ריידען, ווערט אויפ׳ן הארצען נאָך פרעהליכער.

נאָך פלוצלונג ווערט אונזער פרייד צושטערט. די גרויסע וועלט־טראַגעדיע, די מלחמה, האָט נאָך איהר עפּילאָג. די ענדע פון אלע מלחמות זיינען פארשיעדענע עפּידעמיעס, און היינטיגע גרויסע מלחמה האָט געבראכט די „אינפלוענציע״.

פון די שלאכטפעלדער איז דער מלאך המות געקומען. זיין חלף האָט ער דאָרט פארגיפטעט מיט צופוילטע שטיקלעך מארך, וועלכע זיינען ארויסגעפאַלען פון די צושמעטערטע קעפּ; מיט די בלוט פון הארצען, וואָס איז אויסגערונען פון צולעכערטע בריסט; מיט די גאַל פון אונזער יוגענד, וועלכע האָבען אויסגעהויכט זייער לעצטען אָטעם אין אַ שרעקליכען טויט־קאמפּף. מיט דיעזען פארגיפטעטען חלף איז דער מלאך המות געקומען, און האָט אונז

געוויזען זיין גאנצע מאכט און גרויזאמקייט. איבער'ן גאנצען לאנד האָט ער זיין נעץ פארשפרייט. מענשען האָבען גענומען צאַפּלען זיך ווי פליגען אין שפּינוועב; און ציעלען האָט ער גענומען נאָר אין יונגע און שטארקע. עס פאלען צעהנדליגע טויזענדער יונגע טאַטעס און יונגינקע מאַמעס; עס בלייבען פּיטשינקע עופ'לעך ווי די פויגעלעך פון צושטערטע נעסטען; עס פאַלען בחורים ווי אייכענבוימער פון אַן ערד־ציטערניש; עס פאַלען יונגע מיידלעך ווי בליהונגען פון אַ בוים אין אַ שטורם, און עס בלייבען טאַטעס און מאַמעס מיט צובראָכענע הערצער.

ווי דער שאָטען פון די טויטע שלעפען זיך ארום איבער די גאַסען מחנות אבלים צו די לויות און פון די לויות. ניטאָ גענוג הענד קברים צו גראָבען: די מענשען זיינען פארנומען קאנאָנען צו מאכען און איינע די אַנדערע צו פארניכטען, באגראָבט מען צעהן מענשען אין איין קבר.

עס דאכט זיך, אז דער גאנצער ערד־קוגעל ווערט איין גרויסער קבר. ביי יעדען איינעם איז דאָס האַרץ אָנגעפילט מיט אַ פינ־סטערען שרעק. מען לויפט ארום פארצווייפעלטע פון איינעם צום צווייטען צו העלפען וויינען און גאָט בעטען פאר די קראנקע, וועלכע צאפּלען זיך צווישען לעבען און טויט, און צו העלפען באגראָבען און באקלאָגען די טויטע.

מיר פערזענליך איז אויסגעקומען איבערצולעבען די שרעקען פון די קראנקהייטען פון מיינע קינדער און פריינד, און מיר איז אויסגעקומען צו פארגיסען טייכען טרעהרען אויף די פארלוסטען פון מיינע נאָהענטע פריינד. דעם ערשטען מאָל אין לעבען איז מיר אויסגעקומען צו זעהן ווי עלטערען פארלירען אַ דערוואקסענעם זוהן. ביי מיין פריינד יעקב סאָבעל ווערט קראנק זיין זוהן ישעיה. דאָס איז דער שעיה'לע, וועלכער האָט אמאָל פארשאפט מיר אזוי פיעל גייסטיגען פארגעניגען מיט זיין בר מצוה. ער דארף שוין באַלד ווערען אַ דאָקטאָר, און ער איז איינער פון די זעלטענע צווישען די אמעריקאנער אידישע סטודענטען. אָט ערשט היינ־טיגע ימים נוראים האָבען מיר געהאט אַ מנין ביי זיין פאָטער אין הויז, און ער, דער סטודענט, איז געוועזן אונזער בעל תוקע; און ווען ער האָט מן המצר געזאָגט, האָט זיין איידעלער אידישער

פנים אויסגעזעהן פון א יונגענמאַן, וואָס איז ערשט פון דער ישיבה געקומען מיט סמיכות אויף רבנות. טאַטע און מאַמע האָבען מיט גרויס נחת צוגעקוקט און גרויסע האָפנונגען וועגען איהם געהאַט; און יעצט ווי פארצווייפעלט זיי זיינען. די דאָקטוירים לאָזען זיי ניט צו צום קראַנקען; רעפּאָרטען ברענגען זיי נאָר, און פאַלשע האָפנונגען גיבען זיי; און טאַטע און מאַמע האָבען שוין אכט טעג ניט געגעסען און ניט געשלאָפען; פארקלאָגטע דרעהען זיי זיך ארום איבער די צימערען, נאָר ווי שאָטענס פון מענשען.

עס איז שוין שפּעט ביי דער נאַכט. איך זיץ מיט זיי. די אומגליקליכע מוטער שרייט אוים אלע ווייל׳ע: „אוי, גאָטעניו. וואָס שרעקסט עס מיך אזוי?!" און איך דערזעה אין איהרע אויגען דעם גאַנצען ים פון שרעק און פארצווייפלונג. איהר מוטער־הארץ פיהלט, אַז איהר קינד ראַנגעלט זיך שוין מיט׳ן טויט.

מיך האָט דער דאָקטאָר אריינגערופען זעהן ווען עס האָבען זיך אויף אייביג פארמאַכט די אויסגעלאָשענע ליכטיגע שיינענדיגע אויגען. אָפּגעווישט האָב איך מיינע טרעהרען און רוהיג דעם טויטען באַטראַכט; אָבער שטורמיש איז מיין הארץ געוואָרען, ווען איך בין צוריק צו די לעבעדיגע געקומען. ווי מיט שפּיזען האָט מיין הארץ געשטאָכען, ווען דער טאַטע מיט דעם איינגעבוי־גענעם גרויען קאָפּ איז איבער דעם פרישען קבר געשטאַנען, און פארגיסענדיג טייכען טרעהרען געזאָגט קדיש נאָך זיין קדיש. און אָט פאַלט די אומגליקליכע מאַמע אויף דעם פרישען בערגעל ערד און רעדט צו איהר קינד. איהר שטימע צושפּרייט זיך, און פון צווישען די פיעלע פרישע קברים קלינגט אָפּ דער ווידער־קול, און מיר שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס איז די שטימע פון די געפאַלענע קרבנות פאר פרעמדע זינד. מיין הארץ צוואָרעהטאָגט זיך שרעקליך פון צער און מיטלייד, און מיין גאַל, פיהל איך, ווערט באַלד צו־פלאַצט פון צאָרן צו דער פאַרדאָרבענער מענשהייט מיט איהר מיליטאַריזם, קאַפּיטאַליזם און די אלע פינסטערע פאַקטאָרען, וועל־כע ברענגען אַלע צרות אויף דער וועלט.

אָבער ניט אייביג האַלט אָן די פינסטערנים. די עפּידעמיע איז שוין שטיל געוואָרען; די פיער מיט א האַלבען יאָהר מלחמה איז געענדיגט; אויף די שלאַכטפעלדער איז וואַפענשטילשטאַנד;

אין די מעהרסטע לענדער קומען פאר גרויסע רעוואָלוציאָנען; די הערשער פון די פעלקער ווערען אראָפּגעוואָרפען פון זייערע טהראָנען; די גערדריקטע פאָדערען זייערע מענשליכע רעכטע; און אויב מען וועט זיי ניט געבען, וועלען זיי אליין נעהמען.

און איך זיץ מיר ווייטער מיט מיין אידישען אָפּטימיזם און שטעל זיך מיר פאָר א שעהנע וועלט מיט א שעהנער מענשהייט. צו טייער האָט אונז די מלחמה געקאָסט, אָבער זעהר ווערטפול וועט דאָס געווינען זיין, ווען די שוואכע וועלען ווערען די זיעגער. און דער גרעסטער זיעגער פון דער היינטיגער מלחמה וועט זיין דער איד. ערשטענס, וועט דער גייסט פון אונזערע נביאים און זייער לעהרע פון גערעכטיגקייט, גלייכהייט און אייביגער פריעדען באזיעגען דעם רוימישען גייסט פון קראפט און בלוט־פארגיסונג; און, צווייטענס, וואָס מיר וועלען האָבען צוריק אונזער אייגען לאנד, אז דאָס לאנד ארץ ישראל וועט געהערען צום פאָלק ישראל.

און מיין לעצטער וואונש איז יעצט זוכה צו זיין העלפען אויפבויען אונזער היים. מיט מיינע שוואכע קרעפטען כאָטש עפּעס טאָן פאר דער אויפלעבונג פון אונזער לאנד. און מיינע אויגען, וועלכע האָבען פון קינדוויין אָן פארגאָסען טרעהרען אויף דעם חורבן פון ציון, זאָלען זוכה זיין צו זעהן די טרייסט פון ציון, ווען עס וועלען מקוים ווערען די ווערטער פון אונזער נביא ישעיה: „טרייסטען וועט גאָט ציון. טרייסטען וועט ער אלע איהרע רואינען, מאכען וועט ער איהר וויסטע ווי א פּאראדיז, און איהר ווילדעניש ווי גאָט'ס גאָרטען".